STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00992

# POYLISHE YIDN

## Yehudah Leyb Wolman

•

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Edith & Charles Pascal*
*in memory of*
*Mindel, Chidakel & Shinas Families*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. וואַלמאַן

# פוילישע יידן

ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

140

רעדאַקטאָר:

**מאַרק טורקאָוו**

פֿאַרלאַגס-לייטער:

**אַבֿרהם מיטלבערג**

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

י. ל. וואָלמאַן

# פוילישע יידן

ראָמאַן פון יידישן לעבן אין אַמאָליקן פוילן

הקדמה: מרים שיר

אַרויסגעגעבן דורכן

צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס איירעס, 1959 — תשי״ט

# אינהאלט


מיין פאָטער יהודה לייב וואָלמאַן — פון מרים שיר — — — — — — 7

ערשטער טייל: דאָס פוילישע שטעטל

דער אַלטער דעמב — — — — — — — — — — — — — 21

דער מומע פייגעלעס שווער געמיט — — — — — — — — 23

די מומע פייגעלע ווערט דאָס משפחה־אייגנטום פון די נגידים 27

דער אשלאַכעגטשער גביר ר׳ בערישל מינץ און זיין ווייב גאָלדעלע — — — — — — — — — — — — — — 32

ר׳ בעריש מינצס הויזגעזינד — — — — — — — — — 37

פייגעלעס קינדער און זייער ווילטעטער איטשעלע סאָנ־דאָווניק — — — — — — — — — — — — — 40

עשיוס „תוספות" — — — — — — — — — — — — 46

הערשעלע ווערט אַ פּראַשעניע־שרייבער — — — — — — — 49

דער „וויסער פערציקער" — — — — — — — — — — — 55

הערשעלעס האַרץ ווערט נעבעך געפאַנגען אין אַ בייזער נעץ... — — — — — — — — — — — — — — 59

עטלס אַפּשניט ביי די נגידים — — — — — — — — — 64

פייגעלעס האַרץ צעגייט נעבעך פון עגמת־נפש — — — — 68

דעם רבינס פאַרבאָרגענע וועגן... — — — — — — — — 72

פאַר האַדלס פענצטער — — — — — — — — — — — 77

די מלחמה אויפן אשלאַכעגטשער מאַרק — — — — — — 82

עלקע די רופאטע — — — — — — — — — — — — 87

די שריפה — — — — — — — — — — — — — — 95

יאָסעלע — — — — — — — — — — — — — — 104

הערשעלע רייסט איין הימלען... — — — — — — — — 107

אשלאַכעגטש קאָכט ווי אַ קעסל — — — — — — — — 113

די נגידישע שטוב איז צערודערט — — — — — — — 121

לאַנג געוואַרט און זיך נישט געגאַרט — — — — — — — 125

הערשעלעס בייער וועג — — — — — — — — — — 131

נאָך זיבעצן יאָר — — — — — — — — — — — — 137

## צווייטער טייל: וואַרשע


עטלס נסיעה קיין וואַרשע — — — — — — — — — — — — — — 141
דער פּרימאָרגן אין דער גרויסער שטאָט — — — — — — — — 145
די וואַרשעווער נאַלעווקעס — — — — — — — — — — — — — 152
ישראל־נחום מאַלקין — — — — — — — — — — — — — — — — 157
הערש־יאַנקל עפּנט אויף דאָס האַרץ פאַר ראובנען — — — 166
וואָלאָדיאַ דער בונדיסט — — — — — — — — — — — — — — 172
וווּהין גייט זי שבת? — — — — — — — — — — — — — — — 177
הערש־יאַנקל מיט זיין פּלוניתטע — — — — — — — — — — 187
עטלעכע בריוו צווישן פייגעלען און עטלען — — — — — — 194
אַ גאַסט ביי די מאַלקינס — — — — — — — — — — — — — — 203
אהרעלע זייגערמאַכער און זיין טאָכטער צירעלע — — — — 212
„דער שוואַרצער מגיד" — — — — — — — — — — — — — — — 218
די ערב־רעוואָלוציע — — — — — — — — — — — — — — — — 224
ווען ס'הייבט אָן צו גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ — — — 232
אַ שלאָפלאָזע נאַכט — — — — — — — — — — — — — — — — 238
אינעם „בונד" איז מען אויפגערעגט — — — — — — — — — — 237
דער „ציוניסטישער קאָנצערט" — — — — — — — — — — — — 253
עטלס זון שיינט אויף — — — — — — — — — — — — — — — 260
ווי אַ וועלט דרייט זיך — — — — — — — — — — — — — — — 266
אוי חברים, ווי בין איך אייך מקנא! — — — — — — — — — — 271

# מיין פאָטער יהודה לייב וואָלמאַן

## (אַ בינטל זכרונות פון אַ טאָכטער)

מיין פאָטער יהודה לייב וואָלמאַן איז געווען אַ ייד אַ תלמיד-חכם, אַ זון פון דעם תלמיד-חכם ר׳ מענדל וואָלמאַן און דערצו אַ פשוטער פאָלקסמענטש אין טאָג-טעגלעכן לעבן.

כ׳פלעג אַרויסגיין אין וואַרשע אַלס קינד שפּאַצירן מיט מיין פאָטער, פלעגט די גאַנצע גאַס מענטשן שמייכלען אים אַנטקעגן. ער איז געווען געליבט און געשעצט דורך יעדן, ווער ס׳האָט אים געקאָנט. אַליין אַ באַשיידענער, האָט ער תמיד נוהג-כבוד געווען דעם צווייטן און געלאָזט גוט פילן דעם מענטש מיט וועלכן ער איז געקומען אין באַריר. ער פלעגט מיך כסדר לערנען: „שלינג אַראָפּ אַן עוולה, וואָס מען טוט דיר, מיין קינד. אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש און דער, וואָס טוט דיר היינט אַ רעה קאָן גאָר מאָרגן ווערן דיינס אַ גוטער פריינד".

מיין פאָטער פלעגט פאַרבייגיין מיט אַ שמייכל אַרום עפּעס אַן אומאַנגענעמלעכקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך באַגעגנט אין לעבן. איינער פון זיינע באַקאַנטע, למשל, האָט געבעטן פון אים אַ „טובה": ער וויל חתונה האָבן און די כלה וויל נאָר אַ דיכטער! בעט ער אַלזאָ דעם פאָטער, ער זאָל אים אָנשרייבן, אָדער איבערזעצן אַ ליד און אָפּדרוקן אין דער צייטונג אונטער זיין נאָמען, כדי ער זאָל נושא-חן זיין אין די אויגן פון דער כלה...

האָט אים דער פאָטער צוליב-געטאָן און איבערזעצט היינעס אַ ליד און אָפּגעדרוקט אין אַ יידישער צייטונג אין וואַרשע. דער יונ-גערמאַן איז געווען גליקלעך. אָבער דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן... און אַזוי ווי מיין פאָטער האָט זיין באַקאַנטע קאָמעדיע „דער שטרויענער אַלמן" אונטערגעשריבן מיטן פסעוודאָנים: ל. אלמוני,

האָט דער חבר באַשלאָסן, אַז עס איז כדאי פאַרצושטעלן זיך פאַר דער כלה אויך אַלס מחבר פון אַ קאָמעדיע.

פּאַרוואָס מיין פאָטער האָט אויסגעקליבן פאַר זיך אַ פּסעוודאָנים — איז אַ באַזונדער קאַפּיטל. ער האָט בכלל, צוליב באַשיידנקייט, זיך באַנוצט מיט אַ סך פּסעוודאָנימען: „יהלום", „סימעלעס", „עמנואל" אאַז"וו, איז איצט צוגעקומען נאָך אַ פּסעוודאָנים: ל. אלמוני. דערצו האָט דער זיידע מיינער ר' מענדל, דער געלערנטער געקרומט מיט דער נאָז, אַז אַזאַ באַקאַנטער, ערנסטער יידישער שרייבער, ווי מיין פאָטער, זאָל לאָזן שטעלן זיינם אַ „צו לייכטע" זאַך... דראַמעס, טראַגעדיעס — דאָס איז גאָר אַן אַנדער זאַך, האָט ער געזאָגט... הכלל, דער טאַטע האָט צוליב־גוטאַן דעם זיידן און נישט אונטערגעשריבן זיין אייגענעם נאָמען, נאָר דעם פּסעוודאָנים.

אַלע אַקטיאָרן זענען געוואָרן באַרימט ביי דער דאָזיקער מאָדערנער, אייראָפּעישער קאָמעדיע מיט געזאַנג, מוזיק און טענץ. דער עולם איז געווען באַגייסטערט פון לייכטן הומאָר, פון דער מייסטערהאַפטער בינדונג פון דער אַקציע, פון טעאַטראַלן צוגאַנג צו דער פּיעסע, אָבער בלויז אין די ליטעראַרישע און קינסטלערקרייזן אין וואַרשע האָט מען געוווסט, אַז ל. אלמוני איז י. ל. וואַלמאַן.

האָט זיך געמאַכט, אַז אין אַ פּראָווינץ־שטאָט האָט מען געשטעלט דעם „שטרויענעם אַלמן" און דער פאָטער, וועלכער האָט דאָרט גראָד געוויילט, איז צוגעקומען צו דער קאַסע פון טעאַטער און האָט געבעטן, מען זאָל אים, אַלס מחבר, אַריינלאָזן אויף דער פאָרשטעלונג. דער בילעטער האָט זיך צעבייזערט: „סטייטש? דער מחבר זיצט שוין פון לאַנג אין דער לאָדזשע!..." מיין פאָטער איז געווען נייגעריק צו זען, ווער עס האָט זיך אַריינגעגנבעט אַלס מחבר אויף זיין אָרט. ער האָט געקויפט אַ בילעט, אַריין אין טעאַטער. ער גייט צו צו דער לאָזשע און דערזעט זיין חבר, דעם „גליקלעכן חתן"... דאָס פּובליקום האָט געדונערט מיט אַפּלאָדיסמענטן נאָך דער פאָרשטעלונג און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז נישט דער פאַלשער, נאָר דער ריכטיקער מחבר, י. ל. וואַלמאַן, איז אויפגענומען



דער מחבר



י. ל. וואָלמאַן און שלום אַש

געוואָרן מיט ענטוזיאַזם צוליב זיין געלונגענער פּיעסע, וואָס האָט געשפּרודלט מיט הומאָר און לעבן...

און אינטערעסאַנט, אַז אַפילו דעם דאָזיקן קוריאָז האָט דער פאָטער מיינער דערציילט מיט אַ געלעכטער. ער האָט פאַרשטאַנען אַ מענטשלעכע שוואַכקייט און ער האָט מוחל געווען נאָך גרעסע־רע זינד מענטשן אין פאַרלויף פון זיין לעבן, רייך אין איבערלעבונ־גען פון פאַרשיידענעם מין.

מיין פאָטער איז געווען אַ וווּנדערבאַרער דערציילער. נאַטיר־לעך איז יעדע דערציילונג געווען אויסגעמישט מיט גלייכווערטע־לעך, מיט חכמה, מיט פּסוקים פון תורה, ש״ס און פּוסקים און ציי־טאַטן פון ליטעראַטור. ער האָט געברענט מיט טעמפּעראַמענט, און האָט געהאַט אַן אויג וואָס האָט אָבסערווירט, אַריינגעדרונגען טיף אין יעדן ענין און מיט אַ גלייכן שכל און אַן אָפענעם מוח האָט ער שנעל אויפגעפּאַסט און קלאָר אויפגענומען יעדע דערשיינונג. זיין זכרון איז געווען פענאָמענאַל. זיין פּעדער האָט זיך געגליטשט לייכט איבערן פּאַפּיר, זי איז געלאָפן צוזאַמען מיטן געדאַנק. און כאָטש פאַרהאָרעוועט שווער יעדן טאָג מיט אַ באַגרענעצטער פּרנסה, האָט ער געשריבן ביז שפּעט אין דער נאַכט זיינע דערציי־לונגען, ווי „די בריוו פון גענשאַ־גאַס״, פּיעסן ווי „די לעצטע חשמו־נאים״, „אליהו״, „דאָס ברענענדע הויז״, „בירעניקאַ״, „רות״, „לרגלי הגלבוע״, „דער שטורעם״ אאַז״וו.

אויך די טאָג־טעגלעכע אַרבעט האָט אים געגעבן אַ מעגלעכ־קייט זיך אויסצולעבן. סיי ביי זיין אַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין אַ גרויסער מאַנופאַקטור־פירמע, סיי אַלס פּראָקוריסט פון דער מאַ־ראַזאַן־פאַרטרעטונג אין וואַרשע, סיי שפּעטער אַלס סעקרעטאַר פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט, סיי אַלס מיטאַרבעטער פון וואַרשעווער „מאָמענט״ — האָט ער אַלעמאָל געפונען דעם ליכטיקן שטראַל אין־נעם גרויען טאָג־טעגלעכן לעבן.

מיין פאָטער האָט געלאַכט פון די שרייבער, וועלכע האָבן כסדר טענות צו דער וועלט. מיט זיינע צען פינגער האָט ער בי־טער אויסגעהאָרעוועט דעם ביסן פּרנסה פאַר זיין משפּחה. די מו־

טער האָט שוין געזאָרגט, אַז מען זאָל מאַכן פון „שניי גאַמעלקעס", מיר זאָלן אַלע זיין זאַט און נישט אַפּגעריסן.

דערביי איז דער גרעסטער שטאָלץ פון מיין פאָטער געווען מיין מוטער לאהלע, און דאָס, וואָס די קינדער זענען געראָטענע און לערנען פלייסיק אין דער שולע. ער האָט אונדז אַלעמען געגעבן הויכע בילדונג, פאַכבילדונג און אַלגעמיינעם וויסן און ווער עס האָט נאָר געוואָלט, האָט געלערנט מוזיק, מאָלעריי אד"גל.

אַ ספּעציעלן אַכט האָט ער געלייגט דערויף, אַז קינדער זאָלן קענען העברעיש. ווען כ'בין אַלט געוואָרן זעקס יאָר האָט ער מיר געקויפט אַ לער־בוך „שפה חיה" און געלערנט מיך לייענען, שרייבן און ריידן העברעיש. און איך דערמאָן זיך, אַז ווען כ'האָב שפּאַצירט מיט מיין פאָטער איבער די וואַרשעווער גאַסן, איז אונדזער אינטימע שפּראַך געווען „עברית". אַ ספּעציעלן קולט האָט ער גע־האָט פאַר שבת. פייערלעך איז אַריינגעקומען דער שבת אין אונ־דזער שטוב, ווייל אַלע קינדער, סיי די זין און סיי די טעכטער, האָבן מקבל שבת געווען מיט אַ „לכו נרננה" און מיט געזאַנג.

עס איז ביי אונדז אין וואַרשע, און שפּעטער אויך אין תל־אביב, געווען תמיד אַ האַרמאָנישע שטוב, אַ וואַרעמע נעסט. ווו נישט נאָר קינדער זענען געוואַקסן אין אַ מוסטערהאַפטער מאָראַ־לישער אַטמאָספער און אין אַ יידישן נאַציאָנאַלן גייסט, ווייל עס האָט געשטראַלט פון דער דאָזיקער שטוב אַ ליכטיקע וואַרעמקייט אויפן אַרום־און־אַרום, אויף די שכנים, אויף די געסט און אַפילו אויף דעם פּוילישן דינסטמיידל, וועלכע האָט מיטגעזונגען מיט אונדז די העברעישע לידער. שרייבער, מוזיקער, מאָלער, געזעל־שאַפטלעכע טוער האָבן געפילט די נשמה יתרה פון וואָלמאַנס הויז.

עס האָט געמאַכט אויף אַלעמען אַן איינדרוק דער שטראַלנדער בליק, מיט וועלכן ער האָט באַגעגנט אַ מענטש אין זיין הויז, די קולטור־אַטמאָספערע, די שענק מיט ביכער אַרום די ווענט. קיינער האָט נישט אויפגעפּאַסט אויפן באַשיידענעם ביסל מעבל אין דער דאָזיקער שטוב. יעדער האָט געפילט, אַז דער שניי־ווייסער טיש־טוך אויפן טיש איז ווי אימשטאַנד זיך אויסצוציען אָן אַ גרענעץ, כדי אויפצונעמען געסט אָן אַ צאָל...

דער אינטערעסאַנטער געשפּרעך ביים טיש, ווו דריי דורות שרייבער זענען געזעסן אין איין מיט, דער זיידע ר׳ מענדל וואָלמאַן מיטן שיינעם קלוגן קאָפּ, מיט דער זילבערנער באָרד, די פּאַטריאַרכאַלישע געשטאַלט, וואָס האָט באַשיינט יעדן געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענטרעף אין דאָזיקן הויז און דער עיקר דער בעל־אכסניה אַליין, מיין פֿאָטער מיט זיין „עספרי" און חריפות — דאָס האָט צוגעצויגן אין ווארשע שרייבער ווי יצחק קאַצענעלסאָן, בראָדערזאָן, ניימאַן פון „היינט", די משפחה פרילוצקי מיט צבי פרילוצקי, דעם רעדאַקטאָר פון „מאָמענט" בראש, קאַציזנע, ד"ר בן־צפור און אַנדערע. מיט יאָרן שפּעטער אין תל־אביב זענען געווען שטענדיקע איינגייער צו וואָלמאַנען זיינע האַרציקע פריינד חיים נחמן ביאַליק און זיין האַרציקע פרוי מאַניאַ, ראַווניצקי מיט זיין זון, שאול טשערניכאָווסקי, ש. בן־ציון, יעקב פיכמאַן, בורלא, שמעונוביץ, ד"ר צפרוני, ד"ר יהודה קויפמאַן, שמואל טשערנאָוויץ, ד"ר א. ד. פרידמאַן און אַנדערע.

ווי איך האָב שוין אָנגעמערקט איז מיין פֿאָטער געווען דער זון פונעם באַקאַנטן היסטאָריקער ר׳ מענדל וואָלמאַן, דער מחבר פון „מסתרי האגדה", „תקופת ישעיהו וחזיונותיו", „חקרי הארץ" און אַנדערע ווערק. פון זיין מוטערס צד שטאַמט מיין פֿאָטער פון גרויסע גאונים, ר׳ לייבעלע חריף, ר׳ משולם פרעסבורגער און אַנדערע גאונים רביים. צו זעכצן יאָר האָט ער באַקומען אַ היתר צו ווערן אַ רב. אָבער ער האָט געזען פֿאַר זיך גאָר אַן אַנדער וועג, וועלכער האָט אים געפירט צו אַ אינטערעסאַנטער ליטעראַרישער קאַריערע. צו זיבעצן יאָר האָט י. ל. וואָלמאַן געמאַכט זיין ערשטן ליטעראַרישן דעביוט אין דער וואַרשעווער צייטונג „הצופה", וואָס איז דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון אברהם לודוויפּאָל. שפּעטער איז ער אַ מיטאַרבעטער פון דער צייטונג „טעלעגראַף" אונטער דער רעדאַקציע פון נחמן סירקין און בעל־מחשבות.

אין דער זעלבער צייט פירט אויף דער באַקאַנטער רעזשיסאָר ל. ראַפּעל וואָלמאַנס היסטאָרישע דראַמע „די לעצטע חשמונאים". מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער פירט אויף אין וואַרשע און אין לאָדזש מ. ל. מייערסאָן, וואָלמאַנס צווייטע פּיעסע „דאָס ברענענדיקע הויז",

ווערק וואָס זענען שפּעטער אויפגעפירט געוואָרן אויף אַ סך איי־ראָפּעישע יידישע בינעס און אויך אין דעמאָלטיקן רוסלאַנד.

דעם גרעסטן טעאַטראַלן דערפאָלג האָט אָבער געהאַט זיין מוזיקאַלישע קאָמעדיע „דער שטרויענער אַלמן", מיט וועלכער אַק־טיאָרן האָבן אַרומגעוואַנדערט איבער דער גאָרער וועלט.

מיין פאָטער האָט אין דער זעלבער צייט פאַרעפנטלעכט אין דער יידישער און העברעישער פּרעסע אין ווארשע און אין ווילנע אַ גאַנצע ריי דערציילונגען, סקיצעס און טעאַטער־רעצענזיעס.

דער באַקאַנטער ווארשעווער פאַרלעגער גיטלין האָט אַרויס־געגעבן וואָלמאַנס ווערק, צווישן וועלכע עס דאָמינירט ספּעציעל זיין מיסטעריע „אליהו", געשריבן אין פרייען פערז. אַ סך האָבן שטאַרק געלויבט דאָס בוך, צווישן זיי חיים נחמן ביאַליק, וועלכער האָט געפונען פאַר נייטיק ספּעציעל צו שיקן אַ בריוו צו מיין פאָ־טער פון האַמבורג, דאַטירט דעם 14טן נאָוועמבער 1922 אין וועלכן ער שרייבט, אַז ער האָט געלייענט דאָס בוך און געהאַט אַ שטאַרקן גענוס.

אינטערעסאַנט איז, אַז דאָס בוך האָט געמאַכט אַ גרויסן איינ־דרוק אויפן באַרימטן פּוילישן שרייבער סטאַניסלאַוו פּשיבישעוו־סקי. דער דאָזיקער פּוילישער שרייבער האָט זיך אינטערעסירט מיטן פאָלקלאָר און מיסטיק פון פאַרשיידענע פעלקער. זיינס אַ יידי־שער פריינד, דער רב ש. בלום פון צאָפּאָט, האָט פאַר אים פריי אי־בערזעצט „אליהו" אויף פּויליש און אָנקומענדיק קיין ווארשע האָט ער באַשלאָסן זיך צו באַקענען מיט וואָלמאַנען. מאַרק טורקאָוו, דע־מאָלט מיטאַרבעטער פון „מאָמענט" איז געווען דער, וואָס האָט פאַרגעשטעלט מיין פאָטער פאַר פּשיבישעווסקין, וועלכער האָט אַריינגערופן זיין פרוי יאַדוויגאַ, זי זאָל צוזאַמען מיט אים אויס־דריקן איר ענטוזיאַזם פאַר דער מיסטעריע „אליהו", די יידישע פאָלקס־מיסטעריע פון י. ל. וואָלמאַן.

אַ באַזונדער קאַפּיטל, וואָס פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן, איז מיין פאָטערס ציוניסטישע טעטיקייט:

אין דער מלחמה־צייט איז דערשינען אין ניו־יאָרקער „אידי־שער קעמפפער" אַן אַרטיקל, אין וועלכן אברהם טייטעלבוים שיל־

דערט די ציוניסטישע טעטיקייט פון מיין פאָטער נאָך אין זיינע יונגע יאָרן. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל האָט טייטעלבוים אַריינגענומען אין זיין בוך דערינערונגען „וואַרשעווער הייף", אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום". טייטעלבוים שרייבט, אַז ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּועלי־ציון פּאַרטיי צוליבן באַוווסטזיין, אַז קעמפן פאַר דער אַלגעמיינער מענטשהייט קאָן מען נאָר דאַן, ווען מען קעמפט גלייכצייטיק אויך פאַרן גליק פאַר יידן אַלס גלייכ־באַרעכטיקט פאָלק, וואָס פאַרמאָגט אַן אייגן לאַנד, און אַז אַ גרויסן חלק אין אויסצייטיקן אין אים דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין האָט גע־האַט י. ל. וואָלמאַן.

„אין יענער צייט" — שרייבט טייטעלבוים — „האָט זיך אין דער יידישער געגנט אַרום גזשיבאָוו צעטראָגן דער שם פון אַ יונגן ציוניסטישן מטיף, וואָס פלעגט האַלטן זיינע דרשות ביים דאַוונען יעדן שבת צווישן שחרית און מוסף אין איינע פון די שטיבלעך אויף טוואַרדע גאַס. מען פלעגט דערציילן חידושים פון דעם אופן, ווי ער פלאַמט אויף די הערצער פון זיינע צוהערער מיט זיינע באַ־גייסטערנדיקע רייד, מיט וועלכע ער רופט יידן צו נאַציאָנאַלער אויפוואַכונג, צום נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזיין און צום קאַמף פאַר אַן אייגענער יידישער היים אין אַן אייגן יידיש לאַנד פון אונ־דזערע אָבות.

„מען פלעגט קומען פון אַלע גאַסן אַרום און באַלאַגערן דאָס שטיבל, ווו דער יונגער מטיף האָט געפּרעדיקט. מערסטנס זענען אַהינגעלאָפן יונגע חסידישע בחורים, וואָס פלעגן מיט סכנת־נפשות זיך אַרויסגנבענען פון זייערע אייגענע שטיבלעך, ווו זיי האָבן גע־דאַוונט מיט די טאַטעס. בשעת קריאת־התורה האָט מען זיך אַרי־בערגעכאַפּט כדי מיט קלאַפּעדיקע הערצער אויפצונעמען די פלאַ־מענדיקע רופן צו דעם אַלט־נייעם לאַנד, צו אַ פריי זעלבסטשטענ־דיק לעבן.

„טאַטעס פלעגן אַזעלכע בחורים דורס זיין, דערלאַנגען פעטש און מאַכן אַ פאַרשטערטן שבת. אָבער דאָס האָט קיינעם נישט אָפּ־געהאַלטן מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס צו קומען זיך אַריינשטופּן אין

דעם באַלאַגערטן שטיבל און זיך אַנזעטיקן מיט די באַגייסטערטע דרשות.

„איך בין אויך געווען איינער — שרייבט טייטעלבוים — פון די ענטוזיאַסטן, וואָס פלעגט אַ דורשטיקער קומען שבת נאָך שבת, כדי צו לאָזן זיך מיטרייסן מיט דעם יונגן מטיף. אין זיין שוואַרצער, פיין־געפּוצטער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, מיט דעם קליי־נעם קאַפּעלע אויפן קאָפּ האָט ער אויסגעזען, ווי אַ יונגער אוריאל אַקאָסטאַ, מיט דעם בלאַסלעכן פּנים, אַרומגענומען פון קוים אָנ־געשפּראָצטע, שוואַרצע בערדעלע און מיט די טיף־שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געגליט פון באַגייסטערונג, בשעת זיין אנגענעמע פרישע שטימע האָט געשילדערט די שיינקייטן פון אַ פריי ליכטיק לעבן אין דעם צוריק אויפגעבויטן יידישן לאַנד. מיט אַזוי פיל יאָרן שפּעטער האָב איך זיך מיט אָט דעם מטיף ציוני באַגעגנט אין תל־אביב. דאָס איז געווען דער באַקאַנטער ארץ־ישראלדיקער שריי־בער י. ל. וואָלמאַן.“

צו טייטעלבוימס ווערטער וויל איך נאָר צוגעבן, אַז מיין פאָטער האָט אָוועקגעגעבן טעג און נעכט פאַרן ציוניזם פרייוויליק און אָן שום באַלוינונג. ער האָט אויך נישט געזוכט צו מאַכן אַ קאַריערע אויפן חשבון פון ציוניזם. יצחק גרינבוים, א. האַרטגלאַס, העשל פאַרבשטיין, ד״ר טהאָן און אַנדערע האָבן אים געהאַלטן פאַר איי־נעם פון די בעסטע אָרגאַניזאַטאָרן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין פוילן. און אויך מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָט ער געאַר־בעט פאַרן ציוניסטישן געדאַנק אין אַמעריקע און חיים גרינבערג איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבן געהעריק אָפּגעשאַצט זיין אַרבעט.

דער עיקר איז אָבער, וואָס ער האָט נישט געהערט צו די, וועל־כע פּריידיקן אַז יענער זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל, נאָר ער אַליין האָט אין יאָר 1925 באַשלאָסן זיך צו באַזעצן מיט דער גאַנצער משפּחה אין תל־אביב. און דאָ הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין זיין לעבן.

ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט

פון וואַרשעווער „מאָמענט" און גלייכצייטיק אַרבעט ער מיט אין אַנדערע פינף צייטונגען, אין אַמעריקע, אַרגענטינע, קאַנאַדע, דרום־אַפריקע און ליטע.

יעדער רעפּאָרטאַזש זיינער איז אַ מייסטער־ווערק. איך געדענק זיין וווּנדערבאַרן רעפּאָרטאַזש „אויף אַ שלש־סעודות ביים מאזשיצער רבין", „ווען ס'וואָלט ווידער געווען אַ יידישער נציב" אאַז"וו. דאָס זענען געווען פּרעכטיקע בילדער פון לעבן אין ארץ־ישראל, דורכגעדרונגען מיט טיפער ליבע צום לאַנד און צום פאָלק, וועלכע האָבן געוועקט די יידישע מאַסן אין אַלע לענדער עולה צו זיין און פאַרגרעסערן די מחנה בויער־חלוצים אין אונדזער לאַנד.

דאָ שאַפט ער אין העברעיש זיין פּיעסע „לרגלי הגלבוע" און אָרגאַניזירט אַ טעאַטער־גרופּע „עלומים", וואָס זאָל שטעלן אָריגינעלע העברעישע פּיעסן אין ארץ־ישראל. דאָ זיצט ער אַלס שופט־שלום אין תל־אביב און העלפט איינפירן גערעכטיקייט און געזעץ. דאָ העלפט ער איינפונדעווען פּוילישע יידן אין לאַנד אַלס איינער פון די גרינדער פון די „התאחדות עולי פולין". ער ווערט אויסגעקליבן אין תל־אביבער שטאָט־ראַט (וואָס איז דעמאָלט געווען ווי אונדזער יידישער פּאַרלאַמענט אין ארץ־ישראל) און ער איז איינער פון די מיטגרינדער פון דער אגודת העתונאים אין תל־אביב.

ער איז אַ פריינד פון דער הסתדרות און פון אירע מנהיגים, אָבער ער זעט אויך אַנדערע שיכטן, וועלכע בויען דאָס לאַנד. אין זיינע קאָרעספּאָנדענצן, וואָס האָבן זיך קונה־שם געווען אונטערן נאָמען „וואָס איך הער און זע אין ארץ־ישראל", רופט ער עולה זיין נישט נאָר חלוצים, נאָר אויך דעם מיטלקלאַס דעם יידישן סוחר, דעם קליינהענדלער. פאַר יעדן ייד — שרייבט ער — איז דאָ אַ פּלאַץ אין ארץ־ישראל. ער וויל קיינעם נישט לאָזן אין גלות. ער פּאַרציכטעט נישט אויף קיין שום קלאַס. אין זיינע אויגן איז יעדער ייד אַן אוצר. דער טייערסטער קאַפּיטאַל איז ביי אים דער „מענטשן־קאַפּיטאַל" אין ארץ־ישראל.

***

אין יאָר 1939 פאָרט מיין פאָטער מיט מיין מוטער קיין אַמעריקע. ער פאָרט אַלס דעלעגאַט אויף אַ וועלט־קאָנגרעס פון פּוילי־

שע יידן, וואָס דער צוועק זיינער איז צו באַוועגן יידן אין אַמעריקע צו העלפן פּוילישע יידן עולה זיין קיין ארץ־ישראל. ער גרינדעט צוזאַמען מיט יעקב אַפּענשלאַק, רעדאַקטאָר פון „נאַש פּשעגלאָנד" אַ פּרעס־ביוראָ, ער איז טעטיק אין דער לאַנדסמאַנשאַפט פון פּויל־ישע יידן אין ניו־יאָרק, ער שליסט זיך אָן אין די רייען מיטאַרבע־טער פון דער „הסתדרות העברית" און פאָרט פון שטאָט צו שטאָט איבער אַמעריקע און קאַנאַדע, כדי צו אָרגאַניזירן און פאַרברייטערן די קרייזן ליבהאָבער פון דער העברעישער קולטור. ער אַר־בעט מיט אין „הדואר", אין „טאָג", „מאָרגן־זשורנאַל" און אין „פאָר־ווערטס" אונטערן אייגענעם נאָמען און פּסעוודאָנימען. ער שרייבט פאַר מאָרים שוואַרצס טעאַטער אַן ארץ־ישראלדיקע פּיעסע „דער שטורעם". מאָרים שוואַרץ פאַרשטייט נישט דעם מחבר און אָן זיין וויסן שטעלט ער אריין אַמעריקאַנער „פאַרבעסערונגען" אין דער פּיעסע. וואָלמאַן צערייסט דעם קאָנטראַקט, הגם די פּיעסע איז שוין אַנאָנסירט צום שטעלן אין דער גאַנצער פּרעסע און אין ראַדיאָ. ער וויל נישט בלויז האָבן דעם כבוד צו שטעלן אַ פּיעסע אין אַ יידיש־אַמעריקאַנער טעאַטער. ער וויל אָפּהיטן זיין כבוד אַלס העברעיש־יידישער שרייבער פון ארץ־ישראל. ער האַלט נישט פון אַ שותּפות פון ביליקע סענסאַציעס אויפן חשבון פון ערנסטער קונסט. שוואַרץ פרעגט דיין מיין מוטער: „אַזוי רייך זייט איר ביים אָנקומען קיין אַמעריקע, אַז איר וואַרפט זיך מיט מיינע דאָלאַרן?"...

דער אמת איז, אַז מיין פאָטער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע מיט פוסטע הענט און דווקא אין אַ מאָמענט, ווען עס איז אויסגע־בראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. ער האָט נישט געקאָנט, צוליב דער מלחמה, צוריקקומען באַלד קיין ארץ־ישראל און אין אַמערי־קע איז ער נאָך געווען אַ „גרינער". אָבער פאַרקויפן זיין ליטעראַ־רישן „איך" פאַר דאָלאַרן האָט ער נישט געוואָלט. ביי דער ערשטער געלעגנהייט, אין יאָר 1949, האָט ער פאַרלאָזט אַ גוט איינגעפונ־דעוועטן פּאָסטן, איינגעפּאַקט די זאַכן און צוריק געפאָרן מיט מיין מאַמען אַהיים קיין ארץ־ישראל.

אין תל־אביב האָט ער ווידער געאַרבעט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן אין דער „אגודת שוחרי האוניברסיטה העברית" לטובת

דעם העברעישן אוניווערסיטעט, דעם העברעישן סטודענט און העברעישער קולטור.

א סך סאַטיספאַקציע האָט געהאַט מיין פאָטער פון זיין שאַפונג און אַרבעט אין פוילן, אין אַמעריקע און ארץ-ישראל. ער האָט אָבער געהאַט אַ סך מכשולים אין זיין לעבן. פון מאַטעריעלע הפסדים האָט ער תמיד געלאַכט. ער האָט עס געקאָנט פאַרטראָגן מיט אַ לייכט געמיט. עס האָט אים אָבער שטאַרק וויי געטאָן, ווען מען האָט נישט צוליב פאַרשיידענע טעמים, געוווּנג אָפּגעשאַצט זיין טעטיקייט.

***

דעם ראָמאַן „פוילישע יידן" האָט מיין פאָטער אָנגעהויבן שרייבן אין אַמעריקע. אין דער מלחמה-צייט און שפּעטער זענען דערשינען אַ סך ביכער, וואָס האָבן באַשריבן, ווי אַזוי יידן זענען אומגעקומען אין די געטאָס און נאַצי-לאַגערן.

מיין פאָטער האָט געוואָלט, אַז דער נייער דור זאָל וויסן וועגן אַ יידיש לעבן, וואָס האָט געשפּרודלט אין פוילן. האָט ער טאַקע אָנגעהויבן וועבן אַ ראָמאַן און געוויזן, נישט ווי זיי זענען אומגעקומען, נאָר ווי זיי האָבן געלעבט.

דער העלד אין זיין ראָמאַן איז דאָס פּשוטע „עמך" אין פוילן, דער פאָלקס-מענטש. ער האָט געשטעלט אַ דענקמאָל אַ לעבן, וואָס געהערט שוין צו היסטאָריע, וואָס איז געוואָרן פאַרווישט און פאַרשניטן. ער האָט באַשריבן די קערנדיקע זאַמען פון נאַציאָנאַלן רעגעסאַנס, וועלכע האָבן געשלאָגן וואָרצלען אויף דער יידישער גאַס אין פוילן, און די צאַפּלדיקע שטרעבונג צו אַנטוויקלען דעם פאָלקס-כוח אויך אויף אייגענער ערד אין ארץ-ישראל.

וואָלמאַן ווייזט אונדז די פוילישע יידן אין קליינעם שטעטל און אין דער שטאָט וואַרשע, אַזוי ווי זיי זענען געגאַנגען מיט זייער טאָג-טעגלעכן טראָט. די טיפן האָט ער גענומען פון לעבן, זיי זענען נישט קיין אויסגעטראַכטע. ער האָט געוואָלט ווייזן, אַז אומזיסט איז געווען דער קאַמף צווישן יידן און יידן אויף דער יידישער גאַס,

אומזיסט זענען געווען די רייסעניש־בייסענישן פון קלייזלעך און פארטייען.

י. ל. וואַלמאַן האָט אַנגעטייטלט אין זיין ראָמאַן מיטן פינ־גער, אַז דער וועג פירט קיין ארץ־ישראל און אַז דאָס מוז זיין אַ וועג פון אחדות פון גאַנצן פאָלק.

**מרים שיר**

תל־אביב

ערשטער טייל

# דאָס פּוילישע שטעטל

ערשטער קאַפּיטל

# דער אַלטער דעמב

דער רוסישער לערער יחיאל ראַסקין — דער איינציקער ייד אין אשליאכטעגטש, וואָס האָט זיך אויפגעפירט אויסטערליש, אַ ייד וואָס אַפילו אין מיטן וואָך איז ביי אים געווען צוגעקעמט די האָר פון קאָפּ און באָרד, אַפילו דער דאָזיקער פאַרוואָרפענער ליטוואַק אינעם קליינעם פוילישן שטעטל, פלעגט אָנרופן דעם בוים, לויטן רוסישן נוסח „דער אַלטער דוב״, אָבער מאַלע וואָס אַ ליטוואַק זאָגט דאָרטן, ווען דאָס גאַנצע שטעטל ווייס, אַז מ׳עז גייט צום אַלטן דעמב. שבת נאָכן עסן גייען אַלע בלאַס־פּנימדיקע און שוואַרץ־אויגיקע רבקהלעך און שיינדעלעך צום אַלטן דעמב. אויפן וועג אַהין האָט מען זיך אַלע סודותדיקע זאַכן אויסדערציילט. און ווען מען איז געקומען צו עפּעס אַ לאַכנדיקס, האָט איינע דער צווייטער אַ קניפּ געטאָן אויפן דיקן פלייש פון דער האַנט, און מען האָט זיך אַזוי צעלאַכט, אַז ס׳האָט דעם גאַנצן שאָסיי פאַרקלונגען.

צום אַלטן דעמב פלעגן אויך אַמאָל קומען די בחורים פון שטעטל, און געקומען זענען די זיידענע בעל־הביתישע בחורימלעך מיט די געדריי־טע פּאותלעך, און פייערדיקע לומדישע אויגן. ווען פלעגן זיי זיך דער־לויבן אויף אַזאַ שטיקל „ביטול־תורה״? סיידן נאָר אינעם טאָג פון „ל״ג בעומר״. אין יענעם טאָג האָט מען פרי אָפּגעדאַווענט און אָפּגעגעסן, מען האָט מיטגענומען פּעקעלעך עסן — פּאַרפאַקט אין רויטע פאַטשיילעס, און מען האָט זיך געלאָזט בחבורותא איבערן ליפּאָווער שאָסיי, ביז צום אַלטן דעמב.

צוקומ׳ענדיק אויפן אָרט, האָט מען אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די דאַרע צייגענע כאַלאַטלעך, וואָס זענען אויס ווי אַ ווייכער בלעך, און מען האָט זיך אָוועקגעזעצט הינטערן שאָטן פונעם אַלטן דעמבס מעכטיקע צווייגן, מיט אַן „אָ! אַ—אַ—. ס׳איז אַ מחיה נפשות״.

דער אַלטער דעמב איז געווען אַזוי דיק, אַז קוים זעקס פּאָר הענט

האָבן אים געקאַנט אַרומנעמען, די הונטערשטע צווייגן זענען אויך געווען דיק און שווער. יעדער צווייג האָט אַליין פאַר זיך אויסגעזען ווי אַ גאַנ־צער בוים, און האָט געהאַלטן ביי זיך אויף קעסט אַ גאַנצע כאַליאַסטרע יינגערע צווייגן און צווייגעלעך. פיר דורות צווייגן האָבן זיך געהאַלטן אינעם בוים, און האָבן געצויגן זייער חיונה פון די מגושמדיקע גראָבע וואָרצלען, וואָס דער אַלטער האָט געהאַט פאַרוואָרפן דאָרטן אונטן, ווייט און ברייט אונטער דער ערד.

— — — — — — — — — — — — — — — —

יאָרן זענען אַוועק, און דער אַלטער בוים שטייט נאָך, און ציט זיין חיונה פאַר זיך און פאַר די צווייגן, ווי אויך פאַר זייערע קינדס קינדער. עס גייען פאַרביי ווינטערס מיט זומערס, טריבע האַרבסטן מיט שטיפע־רישע פרילינגס, לינדע רעגנס טוישן זיך מיט שנייען און ווינטן; פייגע־לעך מכל המינים פליען אַוועק אין מרחקים, קומען ווידער צוריק מיט אַ ברוך־הבאדיקער געשווישטשעריי, און פאַרלייגן זיך ווידער זייערע נעסטן. און פלוצים איז דער אַלטער דעמב עפעס נשתנה־צורה געוואָרן. די טונקל־גרויע קאָרע האָט עפּעס ווי פאַרלוירן איר זאַפטיקייט, און האָט כמעט אויסגעזען ווי אַ פאַרזשאַווערטער בלעך. גויים מבינים האָבן דערויף גע־שאָקלט מיט די ברייטע געמבעס, אַזוי ווי להבדיל חברה־קדישא־לייט ביים בעט פון אַ גוסס, און פאַוועל סאַרנעצקי, אַן אַלטער פויער מיט פלאַק־סענע האָר, האָט געזאָגט, אַז דער בוים איז אַ פאַרפאַלענער. וואָרום אי־נעווייניק געפינט זיך אַ גניאַזדע מיט ווערעם. זיי וועלן אויפפרעסן די אָדערן וואָס ציען די חיונה פאַרן בוים, און ס'וועט קומען דער סוף.

נאָכן שפרוך פונעם אַלטן פויער, האָט דער בוים איבערגעקרענקט נאָך עטלעכע ווינטערן. די קאָרע איז געוואָרן שטייפער און שטייפער, און האָט משונהדיק געגלאַנצט אונטערן רעגן און שניי. ביז אייננמאָל אין אַ רעגנדיקער האַרבסט־נאַכט, האָט דער רוח אָנגעטראָגן אַ רוגזהדיקן ווינט, און יענער האָט אַ סוף געמאַכט צום אַלטן דעמב. ער האָט אַן בושה אָנ־גענומען דעם אַלטן בוים ביים קאָפּ און געטרייסלט אַהין און אַהער, ביז דער בוים האָט זיך פאַרקייכט, און האָט זיך איבערגעבראָכן אויף אַן אומ־געלומפּערטן אופן. אַ צעשפּאָלטענער און הענגענדיקער איז דער שיינער

קאָפּ געבליבן ליגן אויסגעגנאָרעט אין בלאָטע, ווי אַ שיכורער גוי להבדיל, און פונעם בויך האָבן זיך ווערעם גאַנצע גניאַזדעס צוזאַמען מיט סאַדזעס זיך געגאָסן און געשיט אין דער הארבסט־בלאָטע אַריין.

די פויערים פונעם נאָענטן דאָרף זענען געקומען מיט אַריינגעשטעקטע העק צווישן ברייטע לעדערנע גאַרטלען און ברוינע סוקמאַנעס. אַ האַק אַהין און אַ האַק אַהער און דער בוים איז פאַרטיק. יונגע שקצים האָבן אָפּגעהאַקט די צווייגן און אויף מיסט־פורלעך זיי אַוועקגעפירט. צוויי גויים וואָס זענען געקומען אָנצופאָרן אַביסל שפּעטער, האָבן דעם פּיען פון דער ערד אויסגעגראָבן, און מיט אַ גלייכגילטיקייט פון קצבים־יונגען האָבן זיי איבערגעהאַקט די וואָרצלען וואָס האָבן אים צו דער ערד געשלעפּט. אויפן אָרט איז אַן אָפענער קבר געבליבן, ווו מ׳האָט שפּעטער אַנגעוואָרפן שטיינער מיט זאַמד.

און איינמאָל האָבן ראַסקין דער לערער מיטן אַלטן פּאַוועל סאַרנעצקי זיך געטראָפן ביים אָפענעם קבר פונעם דעמב. האָט עס ראַסקינען אַזוי פאַרקלעמט ביים האַרץ — נאָר צום וויינען. נאָר דער אַלטער סאַרנעצקי האָט אים געטרייסט: נישט זאָרגט זיך, פּאַניע ראַסקין, האָט פּאַוועל מיט דער ברייטער נישט ראַזירטער גאַמבע צוגעשאָקלט. נישט זאָרגט זיך, וואָרום דעם זאַמען פון דעם בוים האָט דערווינט נישט איינמאָל שוין אין „מרחקים״ אַוועקגעטראָגן, און ווער ווייסט ווו עס וואַקסן שוין דאָרט די יונגע שפּראָצלינגען פון דעם אַלטן דעמב.

אַ בוים איז ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש, האָט סאַרנעצקי געזאָגט. אָט קומט ער אום אויף איין אָרט. אָבער זיינע שפּראָצלינגען וואַקסן און מ׳ערן זיך ערגעצוו אַנדערש...

צווייטער קאַפּיטל

## דער מומע פייגעלעס שווער געמיט

אשליאכצענטש איז געווען אַ יידיש שטעטל, אַזוי ווי די טויזנטער אַנדערע יידישע שטעטלעך אין רוסיש־פוילן פון יענער צייט. אין די דאָזיקע שטעטלעך האָבן פאַרשטענדלעך אויך געווינט פּוילישע גויים, וועל־

כע האָבן געהאַט זייערס אַ קאַשטשיאַל מיט שווערע גלאָקן, אַ גלח, אַן אָרגאַניסט און אַן אַפּטייקער, אָבער אויסער די דאָזיקע עטלעכע לייט איז דאָס איבעריקע פון דער פּוילישער באַפעלקערונג באַשטאַנען פון גאַנץ פּראָסטע נפשות. דאָקעגן האָט פונעם יידישן בית־המדרש אַרויסגעקלונגען דורך די פענצטער אַ לעבעדיקער געקלאַנג פון אַ פופציק־זעכציק יונגע־לייטלעך און בחורים ביי די אָפענע גמרות. אויסער זיי זענען אין שטאָט געווען פיל בעל־הבתישע יידן, לומדים מיט שאַרפע קעפּ. און אַפילו דער עולם בעלי־מלאכות איז אויך געווען וויט־ווייט נישט אַזוי פּראָסט און גראָב ווי זייערע גוישע שכנים. אַ יידישער שוסטער אָדער סטאָליאַר, האָט תמיד געדענקט וועלכע „סדרה" עס גייט היינטיקע וואָך, און פיל פון זיי האָבן אויך פאַרשטאַנען דעם „פּירוש המילות" פון דאַווענען.

אשליאַכטנטש איז געווען אַן אָרעם שטעטעלע, ווו מען האָט געלעבט מיט גראָשנס און האַלבע גראָשנס, און דאָך האָט מען נאָך יעדן מאַלצייט געלויבט גאָט דעם שפּייזער. און ווער שמועסט, אַז עס איז געקומען דער הייליקער שבת מיט זיינע גוטע שבתדיקע מאכלים, האָט מען זיך געלאָזט גאָר־גאָר ווילגיין, און מען האָט אויסגעזונגען אַלע שבתדיקע זמירות פונעם סידורל אַרויס.

למען האמת מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז עס זענען אויך געווען אין שטעטל יידן פאַרמעגלעכע, וואָס האָבן געהאַט שיין פּרנסה פון זייערע קראָמען אויפן מאַרק, און באַרימט איבער גאַנץ פּוילן איז געווען דער אשליאַכטנטשער גביר, בעריש מינץ, וועמען מען האָט געשאַצט אין די הונדערטער טויזנטער רובל.

צום דאָזיקן הויז פון בעריש מינץ און זיין ווייב גאָלדעלע די נגידתטע, איז געקומען צופאָרן זייער קרובהטע פייגעלע. זי איז אַוועק פון איר מאַן, מיטן באַשלוס מער צו אים נישט צוריקצוקומען. זי — אַן איידעלע און אַ מיוחסת, האָט אַלס יונגע יתומה חתונה־געהאַט קיין זשאַכעניץ פאַרן דאָרטיקן רייכן מילנערס זון. אַ ייד אַן תורה און אַן חכמה, וואָס איז געווען אַ „פאַן־בראַט" מיט אַלע שיקסעס פון דאָרף.

במשך די איינאונצוואַנציק יאָר וואָס זי האָט אָפּגעפּינצטערט מיטן „מילנער־יונג" האָט זי שוין זעקס מאָל אַנטלאָפן פון אים, נאָר תמיד האָט

דער „רוגז" געדויערט נישט מער ווי אַ טאָג־צוויי. גאָלדעלע פלעגט איר מכבד זיין מיט אַלץ וואָס דער נגידישער קרעדענץ האָט געהאַט הינטער די שויבן־טירלעך, און דערביי נגידישלעך און אייגנגעהאַלטענערהייט גע־לאָזט פאַלן אַ צוויי־דריי זיפצן אויף איר משפחהס ביטערן גורל. אָבער פאַרענדיקט האָט זי תמיד מיט אַן עצה טובה, אַז „פון אַ מאַן אפילו פון דעם ערגסטן מוז מען אויך פאַרליב־נעמען". וואָרעם דערויף איז מען דאָך אַ יידיש קינד. „און איבעריקנס, אַז „דער וואָס איבער אונדז האָט אַזוי געהייסן — טאָ וואָס קאָן טאָן דער זינדיקער מענטש קעגן דעם?"...

אַזוי איז עס צוגעגאַנגען אַלע זעקס מאָל. פייגעלע האָט זיך ביי אַלע זעקס מאָל איבערגענומען פון גאָלדעלעס גאַטספאַרכטיקע רייד. און אייגנט־לעך האָט דאָך פייגעלע אַליין עס געוווּסט נאָך בעסער פון יענער. נאָר אַז די פרומע הכנעהדיקע רייד גייען אַרויס פונעם מויל פון דער נגידותטע, האָט עס גאָר אַן אַנדער טעם. נאָר דאָס מאָל איז פייגעלע אַנטלאָפן פון מאַן מיט אַ פעסטער דעה, מער צו אים נישט צוריקקומען. ווען גאָלדעלע די נגידותטע האָט דאָס מאָל דערזען ביי פייגעלען, אַז זי טראָגט אַ קיישל זאַכן אין האַנט — האָט זי שוין אַלץ פאַרשטאַנען, און דער גווידער האָט זיך ביי איר אַנגעצונדן רויט ווי צונטער. פייגעלע האָט גלייך געוואָלט אַרויסלויפן פון דער נגידישער קיך אַרויס. איז אָבער גאָלדעלע צוגעגאַנ־גען און האָט איר נישט געלאָזט. מיט אַ שמייכעלע האָט זי ביי פייגעלען אַרויסגענומען דאָס קוישעלע פון האַנט, און האָט איר אָוועקגעזעצט אויף אַ ווייסער קיך־שטול. די מומע פייגעלע האָט זיך צעכליפעט ווי אַ קליין קינד: „גילדענע און טייערע! איך קאָן נישט מער שטיין אין זיינע ד׳ אמות. אַ ייד אין די יאָרן, אַ טאַטע פון צוויי דערוואַקסענע קינדער, זאָל האָבן עסקים מיט אַ סטאַשקע די וועשין... ווען זי האָט נישט קיין מורא פאַרן חלק עולם־הבא, וואָלט זי זיך דאָס לעבן גענומען"...

גאָלדעלע, דערהערנדיק ווי מען דערמאָנט אין איר שטוב אַ מעשה־רע מיט אַ וועשין, האָט זי זיך אינסטינקטיוו איבערגעדרייט, און האָט גע־כאַפּט אַ צניעותדיקן בליק אַרום און אַרום, צי שטייט נישט ווער פון די קינדער, און הערט נישט חלילה די דאָזיקע זאַכן, וואָס „השם ישמרנו", טפו, טפו, טפו! גאָט ברוך הוא זאָל אָפּהיטן איר שטוב פון אַלדאָס

שלעכטס... און היות פייגעלע האָט זיך ביים וויינען ווידער געהאַט אויפ־געשטעלט אויף די פיס, האָט גאָלדענע די נגידותטע איר מיט גרויס באַ־רעמהאַרציקייט ווידער אונטערגערוקט די ווייסע קיך־שטול, און דערביי האָט זי געגומען מורמלען, אַז זי ווייסט, אַז עס שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים, אַז אַ „ווייכער ענטפער שטילט דעם גרימצאָרן", און אַז אַ יידישע טאָכטער דאַרף צו זען בעסער מיט גוטן אָפּצווענדן אַ מאַן פון שלעכטע וועגן...

פייגעלע האָט זיך ביי די ווערטער אַ ריס געטאָן פון דער שטול — נאָר צום אַנטלויפן, אַז גאָלדעלע איר אָבער פאַרלאָפּן דעם וועג, האָט איר אָנגענומען ביי דער האַנט, און האָט איר באַשווירן ביי איר אייגן געזונט, אַז זי לאָזט איר נישט אַרויס, ביז זי וועט נישט עפּעס טועם זיין. מילא, ביי אַזאַ האַרבער שבועה האָט די מומע פייגעלע געמוזט נאָכגעבן. זי האָט זיך געלאָזט אַריינפירן אין דער גרויסער „סאַליע" אַריין, און גאָלדעלע האָט איר אַנידערגעזעצט ביים טיש אויף אַ שווערער דעמבע־נער שטול מיט אַ געפלאָכטענעם אַנלען, און האָט איר דערלאַנגט אַ גאַנצן איבערבייס. פייגעלען איז דאָס עסן אַפּילו נישט געקראָכן אין האַלדז אַריין, אָבער אַז יענע האָט אַזוי געשווירן — האָט זי אָפּגעבראָכן אַ פּיצל פון דער צווייערנער בייגל מיט פּוטער, און האָט עס פאַרטרונקען מיט אַ שלוק פון דער שמעקנדיקער נגידישער קאַווע. דערנאָך איז זי מיט אַ פאַרלעגן שמייכעלע אויפגעשטאַנען, און זאָגנדיק „אַ גוטן טאָג", האָט זי גענומען דאָס קיישעלע מיט די זאַכן און איז אַרויס פון שטוב.

— אָבי דו שמייכלסט שוין, פייגעלע — האָט גאָלדעלע מיט אַ נגי־דיש־אַפּוטרופּסישן טאָן איר אַרויסבאַגלייט אויף די טרעפּ — פאָלג מיך און פאָר אַהיים צוריק צו דיין מאַן און צו דיינע קינדער.

פייגעלע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און די ליפּן האָט זי נאָך פעסטער פאַרשלאָסן. אַראָפּקומענדיק אויף דער גאַס, איז זי אַריין אינעם ערשטן געוועלבל, און האָט זיך איבערגעפרעגט, צי ווייסט מען נישט פון עפּעס „אַ שטיקל אַלקיער ביי יענעם?" די קרעמעריך, וואָס איז געזעסן איבער אַ פייער־טעפּל, אָנגעטאָן אין אַ דיקער וואַטאָווקע און גראָבע הענטשקעס מיט האַלבע פינגער, האָט געענטפערט בייז, אַז זי ווייסט

נישט, און מישט זיך נישט אין פרעמדע געשעפטן, נאָר גראָד איז דאָרטן
ביי דער קרעמערין געזעסן אויף אַ צוקער־קעסטל זעלדעלע די קצבטע, און
זי האָט שוין פייגעלען באַזאָרגט מיט אַן אַלקיער, וואָס „אַפילו דער קיי־
סער מעג דאָרט וווינען״...

דריטער קאַפּיטל

## די מומע פייגעלע ווערט „דאָס משפחה־אייגנטום״ פון די נגידים

ווען זעלדעלע די קצבטע האָט אויף די טרעפּלעך פון געוועלבל דער־
זען פייגעלען, מיט איר פאַרצוקטן פּנים און מיטן קיישעלע זאַכן אין
האַנט, האָט זי זיך צוגעכאַפּט צו איר ווי צו אַ „גוט־געבראַטנס״. מיט
צוויי פינגער האָט זי זיך אַ וויש געטאָן דאָס שפּיץ נעזל, און דאָס קעפּל
האָט זיך ביי איר אַזש צעוויגט פון גרויס נחת.

— ווער איז זעלדעלע די קצבטע?

זעלדעלע איז דאָס ווייב פון מאירל קצב. אַ נידעריק יידל מיט קורצע
דיקע פיס און מיט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, און דערפאַר איז זעלדעלע אַ
פּיפּיקע יידענע וואָס זעט אַלץ, ווייסט אַלץ און באַרעדט אַלעמען. דאָס איז
אַ יידענע וואָס האָט אויגן פון אַ שפּאַרבער, אַ נאָז פון אַ שמעק־הונט,
און אַ צינגל — שאַרפער פון אַ בריטווע. זי איז אויסגעקאָכט מיט אַלע־
מען, און ס׳איז נישטאָ איינער אין שטעטל וועמען זי זאָל נישט באַריידן,
און זאָל אים נישט מכבד זיין מיט אַ צונעמעניש. דער לערער ראַסקין
הייסט ביי איר „גאָספּאָדין טראַסקע״; דער בעקער ברוך מרדכי הייסט
ביי איר „אָרור המן״״. דעם פעלדשער איטשע רופא רופט זי „די געפרוי־
רענע קניעלעך״, ווייל ער איז דער איינציקער אין שטעטל, וואָס טראָגט
אַ קורצן מלבוש מיט לאַנגע הויזן, און דערפון איז ביי איר געדרונגען,
אַז ווינטער ווערן ביי אים די קניען געפרוירן...

זעלדעלע האָט ליב אויסצוקרימען נישט נאָר די נעמען פון מענטשן,
נאָר אויך סתם ווערטער. עס טרעפט אַמאָל אַז עמעץ שייגעצט איר אויס,

הלמאַי זי שטעקט אַריין די נאָז צו פרעמדע ענינים; נאָך אַזאַ „אַפשניט",
קומט זי צולויפן אַהיים אַ בייזע, און הייבט אויף די שטערצלעך פון די
טעפּלעך אויפן קוימען, מיט אַ געשריי:

— אסתר! די מילך איז נאָך אַלץ נישט געדראָלן?

די קליינע אסתרל, וואָס קען אויסווייניק דער מאַמעס „מענה־לשון",
ענטפערט איר, אַז די מילך וועט מן־הסתם באַלד זיך אויפקוועלן.

— און די קאַווע האָט אויך נאָך נישט אויפגעקאָכט?

— די קאַווע — זאָגט אסתרל — האָט שוין לאַנג אויפגעקאָכט, נאָר
זי האָט נאָרוואָס צוגעגאָסן אַ קווערטל וואַסער.

זעלדעלע ווייסט אויך פון אַלץ וואָס עס טוט זיך אין יעדן אייבעמס
שטוב. ווו מען לעבט ווי אַ פּאָר טייבעלעך, און ווו מען פּאַטשט זיך און
מען וואַרפט זיך מיט טעלערס. און טאָמער נעמט אַ יונג ווייבל בחדרי
חדרים דאָס ערשטע פּיצל ציטרין אין מויל אַריין, זאָגט שוין זעלדעלע אָן
צומאָרגנס דעם גאַנצן שטעטל די בשורה טובה, אַז דאָס ווייבל טראָגט
שוין מיט מזל...

די מומע פייגעלען האָט זעלדעלע די קצבטע נישט געקענט אַפילו,
נאָר זיצנדיק אויפן צוקער־קעסטל אין פרעמדן געוועלבל, האָט זי איר
באַמערקט אַרויסגיין פונעם הויז פון די „טריפהנע נגידים". (יעדער נגיד
איז ביי איר געווען טריפה ווי חזיר), האָט זי איר שוין נישט אַראָפּגעלאָזט
פון אויג און ווען יענע איז אַריינגעקומען אין געוועלבל פרעגן אויף אַן
אַלקיער, האָט זי שוין פאַרשטאַנען, אַז מן־הסתם איז דאָס אַ קרובהטע פון
די „טריפהנע נגידים". און אַז מן־הסתם „האָט מען דאָרט מיט איר זיך
נישט אַזוי וואַזשנע אַרומגעכאַפּט"...

— גילדענע און טייערע — האָט זעלדעלע געשנאַבלט צו איר דאָס
פיסקל, וואָס איז געווען ווי איינגעטונקט אין האָניק און לאַקריץ — איר
דאַרפט אַן אַלקיער? קומט זשע, זייט מוחל, אַריבער צום לאָמען וועל־
וועלע. ער האָט אַ ווילן טרוקענעם אַלקיער. און ליכטיק איז דאָרט, אַז
מען קאָן אַפילו פּערל אויפציען אויף אַ שנירל. קומט מיט מיר, זייט
מוחל, און איך וועל אייך צופירן ביז אַהין, מיר זעמער דאָך חלילה נישט
די „טריפהנע נגידים"...

נאָכן דאָזיקן שטאָך אויפן חשבון פון די נגידים, האָט זעלדעלע פאַרשטאַנען, אַז די פרעמדע יידענע וועט זיכער אויסגיסן פאַר איר דאָס גאַנצע ביטערע האַרץ. האָט זי זיך שוין גענומען שאַרפןביידע אויערן צו הערן די עוולה פון די טריפהנע נגידים צו זייער אָרעמער קרובהטע, נאָר פייגעלע האָט עס איר נישט צוליב געטאָן. זי איז נאָר אַביסל בלאָס געוואָרן. האָט זי געשטעלט אַ טריט פאָרויס און אַרויסגעמורמלט „אַ שיינעם דאַנק", און אַז יענע זאָל זיך נישט מטריח זיין, וואָרעם זי וועט שוין אַליין טרעפן צום לאָמען וועלוועלע. זעלדעלע איז געבליבן שטיין אויפן אָרט ווי אַן אָפּגעשמיסענע. זי האָט אַ דריי געטאָן מיטן קעפּל צו דער פרעמדער יידענע, וועלכע איז עפּעס אַ „מילסקע צויג". „כאָטש באַצאָל איר אַ קערבל פאַר יעדן וואָרט"...

פייגעלע האָט זיך שנעל אָפּגעטשעפּעט פון דער פרעמדער יידענע, און מיט שנעלע טריט איז זי געלאָפן צום זשריקער געסל. אַ מיידל מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר, העלע אַזוי ווי די קאָנאָפּיעס, האָט זיך געקויפט אַ מצווה, און האָט איר געהאָלפן צוטראָגן דאָס קיישל ביז צום לאָמען וועלוועלעס הייזל, וואָס איז געשטאַנען צווישן צוויי גרינע ווערבעס אויפן ברעג פונעם זשריקער טייכל.

ווען זי איז אַריינגעקומען צום לאָמען וועלוועלע, איז דאָס אַלטע לאָמע שניידערל געשטאַנען אינעם וואַטאָוון שפּענצער מיט אַ נאָדל אין איין האַנט, אַ פאָדעם אין דער צווייטער, און האָט בשום אופן נישט געקאָנט איינפעדעמען. אויף פייגעלעס „גוט־מאָרגן" — האָט ער זיך נישט אומגעקוקט און נישט אָפּגעענטפערט, נאָר אויסגעבורטשעט מיט אַן אַלטע קרעכצעלע: „אַ שטראָף דאָס איז, נישט צו קאָנען שוין איינפעדעמען קיין נאָדל". פייגעלע האָט אַ פרעג געטאָן, צי ס'איז דאָ אַן אַלקיער צו פאַרדינגען? און דער אַלטער האָט ווייטער געקוקט עקשנותדיק צו דער נאָדל, אויסברומענדיק אַז זי זאָל וואַרטן איין מינוט, ביז ער וועט איינפעדעמען.

די „מינוט" האָט אָבער זייער לאַנג זיך פאַרצויגן, מחמת דער וואָס דער פאָדעם האָט זיך מאָדנע איינגעשפּאַרט, און איז געקראָכן אין אַלע זייטן, נאָר דווקא נישט צום לעכל פון נאָדל. האָט פייגעלע זיך פלוצים

אַ שאַר געטאָן צום פענצטער, האָט שטיל אויסגעמורמלט: „זייט מוחל, גיט מיר די נאָדל", און אין איין רגע האָט זי איינגעפעדעמט.

— יאָ, וואָס דען? — האָט דער אַלטער אָפּגעקרעכצט — יונגע אויגן איז גאָר עפּעס אַנדערש. ער האָט פייגעלען גלייך אַריינגעפירט אינעם אַלקיער, האָט זיך אויסגעפרעגט ווער זי איז, און צי זי האָט דאָ נישט קיינעמען. אויף די אַלע שאלות האָט פייגעלע אָפּגעענטפערט מיט דריי רובל, וואָס זי האָט אַנידערגעלייגט, פאַר אַ האַלב יאָר פאָרויס...

דער לאָמער וועלוועלע האָט אַריינגערופן דאָס ווייב פון קיך. די יידענע איז געווען טויב ווי די וואַנט, נאָר האָט אַלץ פאַרשטאַנען לויט דער באַוועגונג פון די ליפּן. זי האָט גלייך ריין־געמאַכט דעם אַלקיער, און האָט אויך געהאָלפן פייגעלען איינקויפן אַ בעטל מיט אַ טישל און אַ שטול. דאָס איז געווען דאָס גאַנצע מעבל אין פייגעלעס אַלקיער. די טויבע יידענע האָט איר דערלויבט צוצושטעלן אַ טעפּל צו איר „פייער", און אָפּקאָכן זיך אַ וואַרעמס אָדער אַ וועטשערע.

אַכט טעג איז פייגעלע אַזוי אָפּגעזעסן אינעם אַלקיער, שטיל און פאַרהוילן פון אַלעמענס אויגן. נאָר אויף דער צווייטער וואָך, ווען גאָל־דעלעס דינסטמויד עלקע, איז אַריינגעקומען צו מאירל קצב אין יאַטקע אַריין נאָך פלייש, האָט זעלדעלע איר שפּעטער באַגלייט אַ שטיקל וועג און האָט איר געזאָגט, אַז איר בעל־הביתטע, גאָלדעלע די נגידותטע, מעג זיך שעמען אין איר וויטן האַלדז אַריין. וואָרעם ביים לאָמען וועלוועלע זיצט דער נגידותטער קרובהטע, עלנט ווי אַ שטיין. אַן איידל מענטש און אַ ווילקענעוודיקע. עלקע האָט מורא געהאַט דאָס צו דערציילן איר בעל־הביתטע, האָט זי עס בעסער דערציילט שפּרינצלען, גאָלדעלעס עלט־סטע טאָכטער, און יענע איז אַרויף צו דער מאַמען מיט אַ געוואַלד. גאָל־דעלע איז ווייכער געוואָרן. און שפּרינצל צוזאַמען מיט איר קליין מיי־דעלע, האָבן זיך געלאָזט צום זשריקער געסל. אַריינקומענדיק צו פייגעלען אין אַלקיער אַריין, האָט זי איר געטראָפן זיצן איבערן „מנורת המאור". פיי־געלע האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ „סקאַצל קומט" און האָט שפּרינצלען אונטערגערוקט איר שטול. שפּרינצל וויל נישט זיצן, און עס הייבט זיך אָן אַ ווייבערישע דינגעניש. ענדלעך האָט שפּרינצל צוזאַמען מיטן מיי־

דעלע זיך אָוועקגעזעצט אויפֿן עק בעט. נישקשה, דאָס בעטגעוואַנט מעג זיך אַביסל איינקנייטשן. זי וועט עס שוין שפּעטער גלייך מאַכן.

פייגעלע קאָן זיך נישט זאַט אָנקוקן אויף שפּרינצלס מיידעלע, וואָס האָט אַ ווייסע צערע ווי אַ שטיק האַרטע פּוטער, און טראָגט אַ קורץ גראָ־נאָט קליידעלע ביז צו די קניען.

— ווי הייסט דאָס מיידעלע?

— דאָס מיידעלע הייסט סאַלטשאַ, נאָך דער באָבען, שרה־עטל, עליה השלום.

— אַך! נאָך דער באָבע שרה־עטל? סטייטש, זי אַליין (פייגעלע) האָט אויך אַ מיידל שרה־עטל. נאָר יענער רופֿט מען נאָר בלויז איין נאָמען, עטל. זי איז אויך קיין עין הרע אַ וווּיל מיידל.

— ווו איז זי?

— אין דער היים איז זי, ביים פאָטער.

דאָס וואָרט פאָטער רעדט פייגעלע אויס מיט אַ משונהדיק קול, גלייך ווי אין האַלדז וואָלט זיך איר אַ שטיקל לייכעץ פאַרזעצט. שפּרינצל פאַר־רעדט איר, ווייל זי ווייסט פון פייגעלעס אומגליק. זי פאַררעדט איר מיט די רייד פון איר מוטער, גאָלדעלע, וואָס האָט איר ספּעציעל אָהער גע־שיקט, אַז נישט אַנדערש נאָר, אַז פייגעלע זאָל שוין צו איר אַרויפגיין. פייגעלע קווענקלט זיך אַביסל. זי וויל נישט עסן קיין לחם חסד. אָבער שפּרינצל באַליידיקט זיך:

— וואָס הייסט עס עפּעס „לחם חסד״?

ערשטנס איז זי דאָך אַ נאָענטע קרובהטע, והשנית איז זי דאָך עפּעס אַ ווילקענעוודיקע, וועט זי איר צוהעלפן ביים אויסלערנען איר סאַלטשען די „יידישע עברי״. הקיצור: פייגעלע, וואָס האָט גוט געוווּסט, אַז מער ווי נאָך איין רובל מיט צוואַנציק קאָפּיקעס פאַרמאָגט זי שוין נישט אין קעשענע, האָט ענדלעך מסכים געווען, אַרויפצוגיין צו דער רייכער משפּחה.

גאָלדעלע האָט זיך מיט איר שטאַרק דערפרייט. זי האָט איר אַפילו געוואָלט אָפּגעבן אַ קליין בוידעם־שטיבל אין איר הויז. נאָר פייגעלע האָט איר דערקלערט, אַז סיי ווי האָט זי שוין באַצאָלט דעם לאָמען וועלוועלע פאַרויס פאַר אַ האַלב יאָר דירה־געלט, דעריבער בלייבט זי שוין דאָרטן

ווינען, נאָר עסן וועט זי ביי גאָלדעלען. ובינו־לבינו רוקט זיך אויך אונ־טער גאָלדעלעס צווייטע טאָכטער, דבורהלע. אויך זי האָט אַ טעכטערל, נאָך דער באָבען שרהלע, (זי הייסט סטעפטשע). הקיצור: קיין „לחם חסד" וועט זי שוין נישט עסן. אַזוי אַרום איז די מומע פייגעלע פאַרבליבן אַלס דאָס „משפחה־אייגנטום" פון די נגידים.

פערטער קאַפּיטל

## דער אשליאַכענטשער גביר ר' בערישל מינץ און זיין ווייב גאָלדעלע

ר' בעריש מינץ איז נישט נאָר דער גרעסטער נגיד אין אשליאַכענטש, נאָר אַפילו אין גאַנץ פוילן האַלט מען אים פאַר אַ גביר, אַ מיליאָנער — מיליאָנטשיק. און נאָך מער האַלט מען פון אים, אַז ער איז געוואַלדיקער מוצלח. אַז דער דאָזיקער ייד רירט זיך צו מיט אַ האַנט צו בלאָטע — ווערט עס ביי אים גאָלד. ר' בעריש אַליין ווייסט ביי זיך, אַז נישט ער איז דער חכם. נאָר בלויז דעם אַלטן רבין זכרונו לברכה האָט ער עס צו פאַרדאַנקען. זעכצן יאָר איז ער קוים אַלט געווען, ווען זיין שטיף־פאָטער, ר' ליפּא שענקער, האָט אים צום ערשטן מאָל מיטגענומען צום רבין. זינט דעמאָלט איז ער געוואָרן אַ נייער מענטש. אַלטע חסידים דערציילן וועגן דעם, אַז ווען בערישל מיטן שטיף־פאָטער זענען נאָר געהאַט אַריבער די שוועל, האָט דער רבי אויפגעהויבן די שווערע ברעמען, האָט געקוקט אויף בערישלען עטלעכע מינוט פאַרטראַכטערהייט. און שפּעטער האָט ער פאַר די מקורבים געלאָזט פאַלן ווערטער, אַז אין יענער רגע האָט ער געזען ווי די „שערי־הצלחה" האָבן זיך געעפנט...

ווען ר' ליפּא שענקער, אַ ייד פון קרוב זיבעציק, האָט חתונה געהאַט מיט זיין צווייט ווייב, מיט בלומעלען, בערישל מ'ינצס מוטער, האָט ער אויך אַריינגענומען צו זיך בערישלען. בלומעלע איז דעמאָלט אַלט געווען עטלעכע פערציק יאָר, געווען נאָך אַ שיינער מענטש און דערצו האָט זי געשטאַמט פון אַ רבנישער משפחה (אגב: זי איז געווען די שוועסטער פון

פייגעלעס פּאַטער). בערישל, וואָס איז אַלט געווען דעמאָלט קוים צוועלף יאָר, איז געווען דאָס וואָס מען רופט אָן אַ שטיל יינגל. ער איז נישט געווען קיין גרויסער למדן, אָבער ער איז אויך נישט געווען קיין שטיפער. ער האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר אַן עלטערן. האָט געהערט וואָס מען זאָגט אים, און האָט דעם שטיף־פּאַטער אויפגעפּאַסט שבת נאָכן שלאָף מיט אַ קאַלטן טרונק־וואַסער פון ברונעם. ר׳ ליפּא האָט זייער פיל געהאַלטן פון דער מיוחסדיקער בלומעלע, און האָט אויף איר נאָמען אָפּגעשריבן „לאחר מאה שנה״ די שענק מיטן הויז, נאָר כדי די וועלט זאָל אים נישט האָבן אויפצוואַרפן, אַז צוליב אַ יידענע אַ יפת־תואר האָט ער פאַרגעסן אין זיין בן־יחיד שלמהלע, איז ער געגאַנגען און האָט פאַר שלמהלען פאַר־שריבן אויף דער היפּאָטעק זיבן הונדערט גילדן. פאַרוואָס גראָד זיבן הונ־דערט? ווייל דריי הונדערט גילדן האָט ער אים אָפּגעגעבן במזומן, מיט אַ יאָר צוריק, ווען יענער האָט חתונה געהאַט קיין ווילינייעץ, האָט ער גע־מאַכט אַ חשבון אַז צוזאַמען וועט עס שוין זיין טויזנט גילדן (רוסישע הונדערט מיט פופציק רובל). איבעריקנס איז דער דאָזיקער שלמהלע נישט געווען קיין גרויסער לייט, נישט קיין תורה און נישט קיין חכמה. ער איז געווען אַ „גאָרנישט״, און זיין ווייב — אויך אַ גאָרנישט, נישט מער וואָס דער שווער האָט גענומען זיינע דריי הונדערט גילדן צום האַנדל, און אַלע צוזאַמען האָבן זיי מער „געבידעוועט״ ווי געלעבט.

ווען ר׳ ליפּא איז געשטאָרבן, האָט בערישל שוין געהאַלטן אַ קנאַפּ יאָר נאָך דער חתונה, און היות גאָלדעלע האָט פונעם ערשטן טאָג אָן נאָך די שבע ברכות צוגעהאָלפן אין שענק, איז נאָך ר׳ ליפּעס טויט אַלץ ווי־דער געגאַנגען ווי פריער. נאָר איינמאָל איז גאָלדעלען איינגעפאַלן אַ גע־דאַנק וועגן שוואַרץ ביר. ביי איר אין שטעטל האָט זי עפּעס געהערט, אַז פון הייוון מיט האָפּן און שוואַרצער ציקאָריע, קאָן מען מאַכן אַ משקה וואָס זאָל שוימען און זאָל האָבן אַ טעם פון ביר. הקיצור, זי האָט אָפּ־געקאָכט אַ גרויסן סאַגאַן וואַסער, מיט הייוון, האָפּן און ציקאָריע, און האָט דערפון געמאַכט עטלעכע פלעשער שוואַרץ ביר, און די פויערים האָבן עס גערופן „פּאַרטער״. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי פון אַלע אַרומיקע דערפער האָבן די פויערים געפרעגט נאָר וועגן דעם „פּאַרטער״

פון דער „ליפּאָוואַ״ (די שענק איז נאָך אַלץ געגאַנגען אויף בלומעלע דער ליפּאַכעס נאָמען). ס׳איז געוואָרן אַזאַ געלויף נאָכן פּאַרטער, אַז די הענט האָבן ממש נישט געסטייעט אים צו מאָכן. די שוואַרצע משקה האָט געקאָסט אַ גאַרנישט מיט אַ נישט, און די פּויערים האָבן עס געזשליאָקעט אָן אַ שיעור. ביי אַלע שענקער איז געווען פּוסט, און ביי בלומעלען אין שענק האָט מען די פּויערים אַזש געמוזט אַרויסטרייבן מיט בעזעמס. אַז נישט זיצן זיי דיר ביזן טאָג אַריין, און נאָר גיב זיי נאָך פּאַרטער און נאָך פּאַרטער.

בערישל אַליין פּלעגט זיך נישט מישן צו די פּויערים. דערויף זענען געווען „מענטשן״, וואָס האָבן גענומען וועכנטלעכע שכירות. ער פּלעגט זיך זיצן אין אַ גרויסער סאַמעטענער יאַרמעלקע ביים טיש־קעסטל און צונעמען דאָס געלט. די פּויערים פּלעגן האָבן גרויס דרך־ארץ צום דאָזיקן בלאָנדן יונגנמאַן, מיט די בלויע אָדערלעך אויפן בלייכן פּנימל. ווען בערישל האָט דערשפּירט, אַז עס ליגן שוין ביי אים די ערשטע פּאָר טויזנט גילדן, האָט ער אָנגעהויבן צו באָרגן געלט אויף פּראָצענט. קיינעם האָט ער נישט באַריסן מיט צו־גרויסע צינזן. און פּאַרקערט, קיינער האָט אים קיין גראָשן נישט צוגענומען. הקיצור, די וועלט האָט תיכף דערזען, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ „בעל־מוצלח״. דער ערגסטער אָנזעצער איז אים נישט שולדיק געבליבן. עפּעס איז עס שוין אַזוי אויסגעקומען, אַז יענער איז געבליבן דערשטיקט גראָד דעמאָלט, ווען צו בערישל מינץ האָט ער שוין געהאַט אַלץ באַצאָלט. דער בערישל האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַלץ רייכער און רייכער, און יידן וואָס האָבן געברויכט אָפּצוקויפן ביי אַ פּריץ אַ גרויסן זאַשעק מיט ווייץ אָדער קאָרן, צו וועמען איז מען געגאַנגען נאָך געלט, אַז נישט צו בערישלען? אים האָט מען צוגענומען פּאָר אַ שותף צו דער קניה, און אין זיין מזל האָט מען פּאַרדינט און פּאַרדינט. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי דאָס גאַנצע שטעטל האָט אָנגעהויבן זיך רייבן אַרום דעם „בעל מוצלח״ און פּאַרוואָס בלויז דאָס שטעטל? אָט האָט דאָך אַפילו ר׳ שמעלקע רובינשטיין פון ליפּאָווע אויך געמוזט צוברעכן זיין בעל־גאווהשקייט, און האָט אים פּאָרגעלייגט אַ שותפות...

דער דאָזיקער ליפּאָווער גביר און שאָסיי־פּאַדריאַטשיק, ר׳ שמעלקע רובינשטיין, האָט די לעצטע יאָרן צוגעלייגט אַ פאַרמעגן מיט געלט צו די שאָסייען. האָט ער זיך איינמאָל געכאַפּט, אַז אפשר איז עס אַ מן־השמים־זאַך? אפשר הייסט מען אים פון הימל „אָפּגעבן די לייצעס צום נייעם מוצלח״? הקיצור: נישט לאַנג געקלערט, נעמט ער זיין שאָסיי־שרייבער, דעם אַלטן ר׳ „ישראל לוי״, און גייט אים שיקן צו פאַרבעטן בערישל מינץ צו זיך. נאָר ווען ר׳ ישראל לוי איז שוין געשטאַנען אָנגעטאָן די שווערע ברויגע באַנדע, מיטן דרייעקיקן קאַפּטור אויף דער פּלייצע, איז ר׳ שמעלקע זיך מיישב, אַז ער פאַרט בעסער אַליין אַהין „צו דעם מענטש וואָס דער אייבערשטער איז מצליח זיין וועג״. ער הייסט איינשפּאַנען די קאַטש מיט די פיר שפּאַקעס נאַשפּיך, און פאַרפאַרט אַליין צו בערישלען קיין אשליאַכענטש.

ווען ר׳ שמעלקע איז אַריינגעקומען אין דער פּאָדערשטער שטוב, האָט אים גאָלדעלע באַגעגנט מיט אַ ווייכן צניעותדיקן „סקאָצל קומט״, און האָט אים אונטערגערוקט אַ שטול. מיט דער האַנטפלאַך האָט זי אַראָפּגעשאַרט די קרישעלעך פונעם מילכיקן טישטוך, שרייענדיק און רופנדיק דעם מאַן נישט חלילה מיטן נאָמען, נאָר אויפן חסידישן שטייגער: „הער נאָר״. בערישל האָט אין דער צווייטער שטוב דערהערט דעם ווייבס „הער נאָר״, איז ער אַריינגעלאָפן, און דערזעענדיק ר׳ שמעלקען, איז ער געבליבן שטיין ווי צעמישט.

— אַזאַ זכיה, אַזאַ זכיה — האָט ער געמורמלט — נו, שלום עליכם ר׳ שמעלקע.

יענער האָט אָפּגעענטפערט מיט זיין טיפער ברוסטיקער שטימע „עליכם שלום״, און אָנבייגנדיק דעם קאָפּ, אַז די שפּיץ זילבערנע באָרד האָט זיך געבראָכן אויף דער לאַץ פון דער קאַפּאָטע, האָט ער צוגעמורמלט שטיל: „מילא, מאַארעשעם״ מצעדי גבר כוננו״. מן הסתם איז עס דאָך אַזוי מן השמים. בערישל האָט דעם גאַסט אַוועקגעזעצט ביים טיש, בינו לבינו האָט גאָלדעלע שוין באַוויזן אַראָפּצונעמען דאָס מילכיקע טישטוכל פון טיש, און אויפצושפּרייטן אַ גרוי טישטוך מיט פראַנדזן. באַלד האָט זי אויך אָריינגעבראַכט אַ געפּינגערטע קאַראַפינקע מיט אַקעוויט, און אַ

טעצעלע מיט מאָן־קיכעלעך. מען האָט געמאַכט אַ „לחיים״, און מען האָט אָפּגערעדט, אַז מען טרעט־צו בשותפות צום ווילינצער שאָסיי, סיידן אַז „ער זאָל לעבן״ וועט נישט מסכים זיין. דער רבי זאָל לעבן האָט אָבער יאָ מסכים געווען, און מען איז פונעם געשעפט טאַקע אַרויס מיט אַ שיינעם פאַרדינסט. שפּעטער האָבן שוין ביידע שותפים אָפּגעקויפט דעם סטריזשיוער וואַלד, און זענען דערביי נאָך מער „נתעשר״ געוואָרן, און היות אַז בינו לבינו האָט בערישל מינץ שוין געהאַט איבערגעגעבן זיין שטיף־ברודער שלמהלען די שענק, האָט ער שוין כסדר געהאַנדלט צוזאַ־מען מיט ר׳ שמעלקען, און אויך מיט אַנדערע וואַלד־סוחרים. און ביי אַלע מסחרים רירט ער זיך נישט קיין טריט אָן דער עצה פון רבין „זאָל גע־זונט זיין״. אויף אייניקע וואַלד־עסקים האָט דער רבי געגעבן אַ „קנייטש״, אַז די זאַך עפּעס געפעלט אים נישט. האָט בערישל זיך באַלד דערפון אָפּגעזאָגט, און יענע סוחרים וואָס האָבן עס יאָ געמאַכט, האָבן טאַקע צוגעלייגט דערצו דעם קאָפּ. אַזוי נאָך איז דער רבי „זאָל געזונט זיין״ געבליבן ביי בעריש מינץ דער איינציקער וועגווייזער אין זיינע מסחרים. ער האָט זיך אינגאַנצן אָנפאַרטרויט צו זיין השגחה און אפּוטרופּסות, און ברוך השם אַז ער האָט חלילה נישט געגרייזט. דאָס אַלץ רעדט מען וועגן אַלטן רבין „זכר צדיק לברכה״. און ווען „ער זכרונו לברכה״ איז נסתלק געוואָרן, האָט בערישל זיך ווידער איבערגעגעבן, צו דער השגחה פון זיין זון, דעם „יונגן רבין זאָל לעבן״.

מיטן אָפּגעבן די שענק צו שלמהלען, איז געווען אַזוי: „גוטע מענטשן״ פעלן דאָך קיינמאָל נישט ביי יידן, זענען זיי געגאַנגען און האָבן אונטער־געהעצט שלמהלען, און יענער האָט גערופן בערישן צו אַ דין־תורה, אַז ער וויל זיין אַ שותף צו דער שענק, וועלכע שטאַמט דאָך אייגנטלעך פון זיין פאָטער ר׳ ליפּא. דערהאַלטנדיק די „הזמנה לדין־תורה״, האָט בע־רישל געשיקט רופן שלמהלען, און האָט אים מודיע געווען אַז ער גיט אים שוין אַוועק די גאַנצע שענק. און אדרבה „ווער אַליין אויך אַ שטיקל מענטש״.

שלמהלע איז אַריין אין שענק, צוזאַמען מיט זיין שווער, און ביידע

האָבן זיי איר אַזוי געפירט, אַז במשך איין יאָר האָט מען זי געמוזט פאַר־מאַכן, און זיי זענען נאָך געבליבן בעלי־חובות...

עס פאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָס אָפּגעבן שלמהלען די שענק איז נישט געשען אָן דער הסכמה פונעם אַלטן רבין, זכר צדיק לברכה.

פינפטער קאַפּיטל

## ר׳ בעריש מינצס הויזגעזינד

אין יענער צייט, ווען די מומע, פייגעלע, האָט זיך באַזעצט אין לאָמען ווען וועלעס אַלקיער, איז בעריש מינץ שוין געווען אַ ייד פון אַ יאָר פופ־ציק. ער האָט שוין געהאַט אויסגעגעבן זיינע צוויי טעכטער, שפּרינצל און דבורהלע. אויסער זיי האָט ער נאָך געהאַט אַ בן־יחידל, יאָסעלע, אַ יינגל פון פערצן יאָר, און אַ מיידל, האָדל, וואָס איז געווען יינגער פון אים מיט קאַרגע אָנדערטהאַלבן יאָר.

שפּרינצל איז געווען אַ הויכע און אַ דיקע, אַזוי דיק, אַז גייענדיק האָט זי נישט אויפגעהערט צו פּרייכן ווי אַ געשטאָפּטע גאַנדז. זי איז אָבער געווען זייער אַ גוטע. ביי איר האָט זיך קיינמאָל נישט אָנגעצונדן די נגידישע „רוגזה״ אויף קיינעמען, און רחמנות האָט דאָס מענטש גע־האַט אויף אַן אָרעמאַן — אין לשער. וואָס דאַרפט איר מער, אַז אַפילו זעלדעלע די קצבטע, וואָס האָט באַרעדט די גאַנצע שטאָט, האָט פאַר שפּרינצלען געהאַט אַ גוט וואָרט. שפּרינצל — פלעגט זי זאָגן — האָט נישט אין זיך קיין איין טראָפּן פונעם טריפהנעם בלוט פון די אשליאכענ־טשער נגידים.

שפּרינצלס מאַן, נפתלי שטיינבערג, פלעגט פאַר זיינע שוועסטער זאָגן, אַז זיין שפּרינצל איז אַ כשרע בהמה. זיי פלעגן זיך אומקוקן מיט מורא, צי האָט נישט עמעץ געהערט די דאָזיקע ווערטער. וואָרעם שפּרינצל איז דאָך די טאָכטער פונעם „חסידישן קייסער״...

נפתלי שטיינבערג, האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן געבילדעטן. ער פלעגט אָפט פאַרבעטן צו זיך יחיאל ראַסקין דעם רוסיש לערער, און צום

טויזנטסטן מאָל אים זאָגן די טיפֿע חכמה, אַז אַ געבילדעטער מענטש דאַרף צו קענען אַלץ „מיטמאַכן"... והא־ראיה זעט מען דאָך, אַז ביי זיין בילדונג טראָגט ער אום שבת אַ שטריימל מיט אַ זיידענער יופּעצע און ברייטן גאַרטל. ווי ווייט ס'האָט דערגרייכט נפתלי שטיינבערגס בילדונג איז שווער צו זאָגן, מחמת צו ראַסקינען דעם רוסיש־לערער, האָט ער גע־רעדט אויף פּויליש, וואָס יענער האָט ווייניק פאַרשטאַנען, און סטאַשעקן, דעם פּאַליאַק, וואָס איז געווען דער סטאַנגרעד פון די פערד, האָט ער גערזידלט אויף רוסיש, און צו וואַסיליעוו דעם סטראַזשניק האָט ער גע־רעדט אויף פראַנצויזיש, וואָס נישט יענער און נישט ער אַליין האָבן עס פאַרשטאַנען...

נפתלי שטיינבערג האָט געהאַנדלט מיט וואַלד, ער אַליין האָט אייגנט־לעך נישט אַריינגעטאָן די האַנט אין קאַלטן וואַסער אַריין, און עד היום האָט ער נישט געוווסט אונטערצושיידן צווישן אַ סאָסנע און אַן אָלשינע־בוים. דער שווער פלעגט זיין געלט צונעמען אין שותפות אַריין, און שפּע־טער האָט ער אים יעדעס מאָל דערלאַנגט אַ פּעקל געלט אַלס „זיין חלק פאַרדינסט". טיילמאָל איז דאָס פאַרדינסט געווען זייער גרויס, אַז אַ טייל דערפון איז צוגעלייגט געוואָרן צום קרן, אַחוץ די טאָגטעגלעכע הוצאות. אַזוי אַרום איז דער פּוסטעפּאַסניק נפתלי שטיינבערג געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. זעלדעלע די קצבטע פלעגט זאָגן, אַז „לעולם וואָלט דאָך אַזאַ גאַרנישט שבגאַרנישטן שוין לאַנג געווען אַ תל געמאַכט פונעם נדן, נאָר אַז בערישל מינץ איז דער שווער — קאָן אַפילו דער טייוול אויך נישט האָבן צום געלט קיין שליטה".

די צווייטע טאָכטער, דבורהלע, איז געווען אַ שוואַכער מענטש. אַלע פּאָר וואָכן האָט זי באַקומען אַ קאַפּשווינדל, און מען האָט געמוזט ברענ־גען צו איר דעם דאָקטאָר פון ליפּאָווע. אין אשליאַכענטש איז נישט גע־ווען קיין דאָקטאָר, און די מעדיצינישע הילף פונעם שטעטל איז געלעגן אין די הענט פונעם אויבנדערמאָנטן איטשע רופא. דאָס איז געווען אַ הויכער ייד מיט אַ פּליך אויפן קאָפּ, און מיט פּענסנע אויף דער נאָז. ביי זיין טיר איז געווען אויפגעקלאַפּט אַן אייזערן פרענטל מיט צוויי קיילעכ־דיקע מעשענע בלעכן ווי די לבנהס און הינטער זיי איז געווען אויפגע־

שריבן אויף רוסיש: „סטאַרשי פעלדשער". זעלדעלע די קצבטע פלעגט זיין נישט צופרידן, הקמאַי די נגידים נוצן נישט בעסער איטשע רופא, נאָר זיי ברענגען אַהער דעם פוילישן דאָקטאָר פון ליפּאָווע. נאָר אַז די נגידים האָבן גרינג געלט און ווילן עס דווקא וואַרפן אין דער בלאָטע אַריין — טאָ וואָס קאָן זי טאָן דערצו?...

דבורהלע איז לעולם געווען אַ קרענקלעכע פון קינדהייט אָן, און דעריבער האָט מען געדאַנקט גאָט, אַז מען האָט איר געקאָנט „פּאַר־שלייערן" מיט קלמן זיידענבערג, אַ פרומער בחור און אַ בן־תורה, אַ יינגל אַ יתום, וואָס האָט זיך געוואַלגערט ביי זיין רייכן ברודער, אַ תבואה־סוחר אין קעלץ.

די דריטע טאָכטער, האָדל, איז געווען אַ הויכגעוויקסיק מיידל. זי האָט געהאַט אַ שלאַנקן קערפּער מיט אַ קלאָר ווייס פּנימל, און דערביי זענען דער קאָפּ האָר מיט די ברעמען געווען ווי פון שוואַרצן העבאָן. זי איז געווען בטבע אַ נאַשערין און אַ פרעסערין. נאָר אין פּנים האָט מען עס איר נישט אָנגעזען. זעלדעלע די קצבטע פלעגט זאָגן, אַז דאָס דאָזיקע מיידל איז אַ גלגול פון פּרעהס מאָגערע קי, וואָרעם וואָס דאָס מיידל זאָל נישט אויסנאַשן און אויפפרעסן, איז זי אַלץ דאַר ווי אַ שטעקן, און גרין ווי אַן אַגרעס...

דערפאַר איז דאָס בן־יחידל, יאָסעלע, געווען אַ יינגל ווי אַ קניידל, ער איז דיק געווען נישט לויט זיינע יאָרן, און הינטער די צוויי גלאַנציקע אויגעלעך האָט ער געהאַט פּוכקע געל־געשפּרענקלטע בעקעלעך. זיינע פליישיקע ליפּעלעך האָבן אויסגעזען ווי צייטיקע קאַרשן, און די פּאהלעך זענען געווען ממזריש פאַרשניטן.

דער מלמד זיינער האָט געהייסן ר' הענעכל און איז געווען דעם רבס איידעם. דאָס איז געווען אַ תמימותדיקער ייד, וואָס איז געזעסן מיט אים אַ גאַנצן טאָג אין אַ חדר מיוחד אין „הויף", און האָט מיט אים געלערנט. ר' הענעכל האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו אַ גוט פּעקל פּאַפּיראָסן, צו די אמתע „בראַטיאַ שאַפּשאַל", וואָס האָבן געקאָסט אַזש צען קאָפּיקעס אַ פּעקל. אַזאַ פּעקל פּאַפּיראָסן פלעגט ער זיך קויפן צוויי מאָל אין יאָר, אויף שבועות און אויף סוכות. (אויף פּסח האָט ער מורא געהאַט זיי צו נוצן,

צוליב אַ „חשש חמץ"). נאָר איינמאָל אין מיטן זומער נעמט יאָסעלע און ברענגט אים אַ פעקל שאָפּטאָלס פּאַפּיראָסן, און דערציילט, אַז אויף דער בריק־גאַס קאָסט עס נישט מער ווי פינף קאָפּיקעס. אויב אַזוי — זאָגט ר' הענעכל — קאָן מען דאָך זיך שוין פאַרגינען אַזאַ פעקל פּאַפּיראָסן אַפילו אין מיטן יאָר. הקיצור, אַלע פאָר טעג לויפט יאָסעלע אַרויס אויף דער בריק־גאַס, און ברענגט שאָפּטאָלס פּאַפּיראָסן פאַרן רבין. ער זוימט זיך דערביי אַ גאַנצע שעה. אָבער דער רבי מאַכט זיך נישט־וויסן. דאָס געדויערט אַזוי לאַנג ביז איינמאָל ווערט מען געוווירר, אַז די ווילדע מציאה פון דער בריק־גאַס, ווו מען קריגט שאָפּטאָלס פּאַפּיראָסן צו אַ קליינעם פּרייז, איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה. וואָרעם דער „שייגעץ" יאָסעלע האָט דעם אונטערשייד אין פּרייז צוגעלייגט פון זיין קעשענע. פאַרוואָס האָט ער עס געטאָן? ווייל ער האָט באַדאַרפט צו האָבן אַ תירוץ צו קענען לויפן אויף אַ שעה צו דער בריק־גאַס, וואָרעם פון דאָרטן האָט ער געהאַט נאָך איין מינוט גאַנג ביז צו די „צוויי בערג", צווישן וועלכע עס שלענגלט זיך דורך דאָס שמאָלע טייכל. דאָרטן פלעגט יאָסעלע זיך פאַרשטעקן אונטער אַ ווערבע־בוים, און האָט געקוקט ווי די נאַקעטע מיידלעך און ווייבלעך באָדן זיך און פּליעסקען זיך אין וואַסער... פון וואַנען איז דאָס אַרויסגעקומען? זעלדעלע די קצבטע, וואָס האָט אויגן פון אַ שפּאַרבער, האָט איינמאָל דערזען ווי דער נגידישער בענקאַרט ליגט זיך הינטערן בוים מיט אויסגעשטאַרטשעטע אויגן. האָט זי געמאַכט אַזאַ געוואַלד דערפון, אַז מען האָט דערהערט אַזש אין שטאָט...

זעקסטער קאַפּיטל

## פּייגעלעס קינדער און זייער ווילטעטער איטשעלע סאַנדאָוניק

ווי לאַנג קאָן אַ יידישע מאַמע אויסהאַלטן צו זיין דערוויטערט פון די קינדער? פּייגעלען זענען נישט איינגעגאַנגען נישט די טייערע עסנס, און נישט די געטראַנקען וואָס זי האָט געהאַט ביי אירע קרובים די נגי־

דים. אויף דער זעקסטער וואָך פון „אַליין־זיין", האָט זי זיך שבת־צו־נאַכט אָוועקגעזעצט, און האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צוביידע קינדער, צו הער־שעלען און צו עטלען, אַז זיי זאָלן זיך איינפּאַקן דאָס ביסל וועש מיט די מלבושימלעך און אַהערקומען קיין אשליאַכענטש. דער „גאָלדענער טאַטע" זייערער האָט זיך נישט שטאַרק מצער געווען, ווען עטל האָט אים דער־לאַנגט דער מאַמעס בריוול. אדרבא — האָט ער געקרומט און געחוזקט — לאָמיר זען ווי ענקער מיוחסתדיקע מאַמע וועט זיך דאָרטן אַליין אַן עצה געבן אָן מיר.

פייגעלע האָט זיך אָבער גאַנץ שיין אַן עצה געגעבן. פריער גאָט און דערנאָך שפּרינצל, אַזאַ איידעלער מענטש ווי דאָס איז. יענע איז אַריינ־געגאַנגען צו דער מוטער און האָט אויסגעפּועלט, אַז אַנשטאָט דעם עסן זאָל זי בעסער צאָלן פייגעלען דריי רובל אַ וואָך. שפּעטער איז זי אַריינ־געגאַנגען צו דער שוועסטער דבורהלע, און אויך זי האָט אויף זיך גענו־מען צו צאָלן דער מומע פייגעלען אַ רובל אַ וואָך. שפּרינצל אַליין האָט זיך מתחייב געווען צו צאָלן צען גילדן אַ וואָך (אַנדערטהאַלבן רובל) און מיט זעקסטהאַלבן רובל אַ וואָך האָט מען שוין אין אשליאַכענטש געקאָנט גאַנץ שיין לעבן.

די מומע פייגעלע האָט דערלייגט דעם לאָמען וועלוועלע נאָך פיר קערבלעך אויפן יאָר דירה־געלט, און יענער האָט זיך מיט איר געטוישט מיט דער דירה. דאָס הייסט, אַז ער אַליין איז אַריין אין יענעם אַלקיער, און איר האָט ער אָפּגעגעבן די גרויסע שטוב מיטן קיילעכדיקן ווענעצקען פענצטער נאָענט פון דער זשריקע. פייגעלע האָט צוגעקויפט אַ שלאָף־באַנק מיט אַן אַרויסרוק, פאַר הערשעלען צו שלאָפן, און עטלען האָט זי אַריינגענומען צו זיך אין בעט אַריין.

עטל איז דעמאָלט אַלט געווען קוים פערצן יאָר. און וואָס אַן אמת — זי איז שוין געווען מלא־חן. זי האָט געהאַט אַ פיין־אויסגעשניצט קעפּל מיט שוואַרצע זיידענע הערעלעך; אַ זגראַבנע פיגורל, און אַ פּאָר שוואַרצע ציגיינער־אויגן, וואָס אַלע פלעגן פון זיי שטוינען. אַלע האָבן פון עטלס אויגן אָנגעקוואָלן אַחוץ דער אייגענער מאַמע, ביי וועלכער דאָס האַרץ האָט זיך אַלע מאָל פאַרצאַפּלט אין אַ פאַרבאָרגענער שרעק. אין

עטלס אויגן האָט די מאַמע דערזען דאָס שפּיציקע פּייערל פונעם טאַטן דעם ׳הולטאַי׳, דאָס פּייערל וואָס וואָרעמט נישט, נאָר עס בריט און עס ברענט...

דערפאַר אָבער פלעגט איר האַרץ אָנקוועלן פון הערשעלן. ער איז געווען מיט צוויי יאָר עלטער פון עטלען, און ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַרויסשלאָגן דער ערשטער פוך איבער זיין דאַרן און אויסגעבלייכטן פּנים. זיינע אויגן זענען געווען מאַט־שוואַרץ, און פלעגן קוקן בישנותדיק און נישט דרייסט. סיידן דעמאָלט, ווען ער איז געזעסן און געלערנט אַ האַרבן „תוספות״, אָדער ווען ער האָט געטראָפן אַ קשיא פונעם „פני יהושוע״, דעמאָלט פלעגן די פאַרטרוימטע און נישט דרייסטע אויגן ווערן היימיש און אויפגעלעבט. ס׳האָט נישט געדויערט קיין פינף וואָכן ווי מען האָט שוין געוווסט אין גאַנצן שטעטל, אַז פייגעלעס בחור איז אַ „גוט יינגל״, ער האָט אַ ווויל קעפּל, און איז דערצו אַ מתמיד...

פייגעלע האָט זיך נאָך אָנגעטאָן אַ כוח, און האָט איינגעלאַדן דעם רוסיש־לערער ראַסקינען, צו לערנען אַביסל די קינדער לייענען און שרייבן רוסיש. דאָס האָט געקאָסט אָנדערטהאַלבן רובל אַ חודש. זעקס מאָל אין וואָך איז ראַסקין מיט זיין בלאָנדן שיין־אויסגעקעמטן קאָפּ אַריינגעקומען צו פייגעלען. ער האָט זיך „פאַרנומען״ מיט הערשעלען דריי מאָל אין וואָך, און דריי מאָל אין וואָך מיט עטלען. הערשעלע האָט אויך דאָ אַרויס־געוויזן אַ גוואַלדיקע התמדה. און נאָך דריי חדשים האָט ער שוין נישט געמאַכט קיין טעות ביים „סטאַל, סטאַלאָ, סטאַלו״. זיין רוסישער „חיתוך הדיבור״ איז אַפילו נישט געווען גאַנץ פויגלדיק, נאָר דערפאַר האָט ער אַלץ פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געלייענט, און אַ האַנטשריפט האָט ער געהאַט אַ שענערע נאָך פון ראַסקינען אַליין. זיין התמדה איז געווען אין לשער, אַלע פּאַפּיראָסן־רערלעך פון בית־המדרש האָט ער אויפגעדרייט, און האָט אויף זיי אויפגעשריבן אויף רוסיש זיין נאָמען איז עס געווען שע־נער ווי געדרוקט.

דער ערשטער וואָס איז געוואָרן אויפמערקזאַם אויף הערשעלעס רו־סיש־שרייבן איז געווען איטשעלע סאָנדאָוויק, דעם לאָמען וועלוועלעס זון. ער האָט געוואָרפן אויף הערשעלען אַן אויג, אַז ער וועט אים קאָנען

באַנוצן ביי זיינע „ספראַוועס". דער דאָזיקער איטשעלע איז געווען אַ ייד אין די ווייטע פּערציקער יאָרן און האָט שוין געהאַט אַ האַלב גרוי בערדל, און דאָך האָט עפּעס קיינער אים נישט „געאירצט". אפשר צוליב דעם, ווייל ער האָט נאָך אין שטאָט געהאַט אַרומגיין אַ לעבעדיקן טאַטן, און אפשר ווייל ער אַליין איז נישט געווען קיין גרויסער תּלמיד־חכם, און נאָך גיכער איז עס געווען, ווייל דער דאָזיקער איטשעלע האָט זיך פּראַ־צעסירט מיט אַ האַלבער שטאָט. גאַנצע טעג זיצט ער אָפּ אין ליפּאָווע אין סאָנד (געריכט) ווו ער קלאָגט אָן אַנדערע, אָדער מען קלאָגט אים אָן. אַז איר רעדט מיט אים — איז ער תּמיד דער „נגזל". אַ וועלט מיט גנבים און שווינדלערס — זאָגט ער — האָבן זיך אויף אים אָנגעזעצט, און ער מוז זיך נעבעך אָפּיאָגן פון זיי...

מייטל די רביצין האָט אים אַמאָל געמוסרט, הלמאַי ער וויל נישט באַצאָלן דעם שוסטער הערש־לייב פאַר די שטיוול, וואָס ער האָט פאַר אים געמאַכט. האָט זיך איטשעלע שיער נישט צעוויינט פאַר דער אַלטער רביצין. ענגע שטיוול האָט יענער אים געמאַכט, אַז מען ווערט פון זיי אַ קאַליקע.

— ענגע שטיוול — רביצין קרוין — זענען אַ טויט פאַר שונאי ישראל. ובפרט נאָך פאַר אַ מענטש אַ גייער, וואָס כּמעט יעדן טאָג מוז ער לויפן קיין ליפּאָווע צום געריכט, אָדער צו ישראַלקעלע דעם פּראָשע־ניע־שרייבער. טאָ פון וואַנעט נעמט מען עס, רביצין, צו באַצאָלן דעם בעל־עגלה די צענערלעך אַהין און די צענערלעך צוריק? איז מוז מען דאָך לויפן צופוס, טאָ ווי־זשע לויפט מען עס אין ענגע שטיוול אַזאַ מהלך און צופוס?

מייטל די רביצין פרעגט אים צוריק:

— אדרבא! הלמאַי סאָנדעוועט ער זיך אַזוי פיל, מער ווי עמעץ אַנ־דערש אין שטאָט.

איטשעלע שטעלט זיך אַוועק פאַר דער אַלטער רביצין און קלאָגט אויף זיין ביטערן גורל: וואָס קאָן מען טאָן רביצין קרוין, אַז אַלץ טשע־פּעט זיך נאָר צו אים. אָט למשל האָט ער געהאַלטן דעם הייַנטיקן זומער דעם גלחס סאָד, בשותּפות מיט יואל קראַדניק. האָט יענער אים באַוויזן,

אַז קראַדניק איז טאַקע אַ קראַדניק. יענער האָט אים מיאוס באַגנבעט. דאָס ווייסל פון אויג האָט יענער אים אַרויסגעצויגן. אַלע עפּל מיט אַלע פלוימען האָט ער הינטער זייַנע פּלייצעס אויספּאַרקויפט. טאָ זאָל ער שווייַגן? זאָל ער נישט אָנקלאָגן קראַדניקן אין סאָנד אַרייַן? הייַנט־זשע די ספּראַווע מיט זאַנוול דעם קאַטערינאַרזש פון ליפּאָווע. יענער גייט צו אים צו צווישן אַן עדה יידן, צווישן מנחה ומעריב אין בית־המדרש, און זידלט אים אויס מיט דער בלאָטע. פאַר וואָס? פאַר ווען? טאָ זאָל ער אים נישט אייַנגעבן אין סאָנד אַרייַן, אַז מען זאָל אים אייַנזעצן כאָטש אויף אַ צוויי וואָכן? און ווו איז עס געהערט געוואָרן, אַז מען באָרגט געלט אויף אַ וועקסל — זאָל מען נישט באַצאָלן? אָט, רביצין קרוין, האָט ער אַ וועקסל אויף רישקאָווסקעלעס זינדל, און יענער וויל נישט באַצאָלן. דער טאַטע זייַנער איז געווען אַן ערלעכער שליאַכציץ, אַ וואָרט איז ביי אים געווען אַ וואָרט, אָבער דאָס זינדל איז אַ הולטאַי שבהולטאַיעס. ווען מען קומט צו אים מיטן וועקסל, ענטפערט ער „פּיערוושעגאָ". מיינט איר דאָך אַז שוין? אַז דעם „ערשטן" וועט ער באַצאָלן? קומט דער „ערשטער" רוימט ער זיך אויף נאָך מיט אַ טאָג פריער און ער איז נישטאָ...

אָבער דאָס גרעסטע אומגליק זייַנס — זאָגט איטשעלע מיט אַ קול פון אַ נעבעכל — איז די צרה מיטן „ניעטשיסטאָשץ". אַלע מאָנטיק און מיטוואָך מאַכט אים וואַסיליעוו דער סטראַזשניק פּראָטאָקאָלן פאַר ניעטשיסטאָשץ. וואָס וויל מען פון אים, און וואָס האָט מען זיך צו אים צוגעטשעפּעט? זאָל די קרוינענדיקע רביצין אַליין זאָגן, וואָס איז ער שולדיק, אַז זייַן האַלב הויז געפינט זיך פון הינטן, אויפן פוסטן פּלאַץ אַרויס, ווו יעדער איינער קאָן בייַנאַכט אָנמאַכן „ניעטשיסטאַשץ" וויפל נאָר ער וויל. ווער קאָן עס דערהיטן? פאַר צוויי וואָכן פרייטיק־צו־נאַכטס — האָט ער זיך פאַרנומען און האָט דאָרט געסטרוזשעוועט די גאַנצע נאַכט. ער איז געשטאַנען אין פּאָדערהויז, און דורך דער שפּאַרע האָט ער געהיט. אַרום פינף פאַרטאָג זעט ער ס'דערנענטערט זיך אַ מענטשל אין די גאַטקעלעך, און באַזעצט זיך פאַר זייַן פענצטער. ווער איז עס? כאַצקעלע גאָרגל. דאָס גאַנצע בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַרייַן. האָט ער געכאַפּט אַ שטיין און האָט יענעם פשעטראַנטשעט אַ פּיסל, צי האָט

ער עס נישט באַדאַרפט צו טאָן? גייט יענער שפּעטער און גיט אים איין אין סאָנד אַריין, און ער מוז ווידער לויפן קיין ליפּאָווע...

איטשעלע פּאַרזיכערט, אַז ער האָט בטבע נישט ליב צו רעדן קיין שלעכטס אויף אַ „שוכן עפר“, אָבער אין אמתן גערעדט איז עס דאָך אַ רציחהדיקע זאַך געווען פון שוועער עליו־השלום, אַז די ערד זאָל אים אַרויסוואַרפן. פּאַרן זונס קינדער האָט ער איבערגעלאָזט אין דער צוואה דאָס פּאָדערשטע האַלבע הויז, און פאַר אים, דעם איידעם, דאָס הינטערש־טע. דאָס איז אַן עוולה, וואָס איז אויף דער גאַנצער וועלט נישט געהערט געוואָרן. וואָלטן זיי, די יורשים פונעם שוואָגער, כאָטש אַליין דאָרטן גע־ווינט, וואָלט עס אים ווייניקער געקרענקט. נעמען זיי די דריי פּעכלדיקע שטובן מיט דער קיך און פּאַרדינגען זיי צו איטשע רופא, און אַליין פאָרן זיי גאָר אַוועק קיין לובלין, און שטעלן זיך דינען אין נגידישע הייזער. נו? איז עס אַזאַ יושר? איטשע רופא מיט די געפּרווירענע קניעלעך דאַרף צו כאַליען פון פאָרנט, און ער זאָל ווינען הינטן, און האָבן צו טאָן מיטן ניעטשיסטאַשעך? — טאָ מעג נישט דאָס גאַנצע הויז פאַרברענט ווערן כאָטש נאָך היינט ביינאַכט? — — —

איטשעלע האָט פון גאַנצן האַרצן געהאָפט, אַז עס זאָל קומען אַ שריפה און זאָל אַ סוף מאַכן צו דער דאָזיקער עוולה. אינעם שווערס צוואה איז געווען אַ פּונקט, אַז אויב דאָס הויז וועט אָפּגעברענט ווערן, וועלן ביידע קינדער, ס׳הייסט דער איידעם און דער זון, האָבן גלייכע טיילן אינעם פּלאַץ. איטשעלע פלעגט דעריבער אָפט פאַנטאַזירן ווי אַזוי ער וואָלט זיך אָפּגענומען זיין חלק פייער־קאַסע, און ווי אַזוי ער וואָלט זיך דאַן אויפגעשטעלט צוויי שטובן צום פראָנט, און דאָס אַלקיער מיט דער קיך וואָלט ער אַוועקגעשטעלט צום הינטערשטן פּלאַץ.

אָבער ווי דערלעבט מען שוין צו אַ שטיקל שריפה? אין אַלע עקן שטאָט האָט שוין געברענט און דאָ — נישט. מענטשן האָבן אָפּגענומען פייער־קאַסע און האָבן זיך אויפגעשטעלט פּאַלאַצן. נאָר אין זיין געסל הערט מען נישט, און מען זעט נישט קיין פיצל שריפה. הפנים אַז אַפילו אַ שריפה — לאָזט זיך אויך לאַנג בעטן; אין אַז דו דאַרפסט איר — דער־לעבט זי דווקא נישט צו קומען...

### י. ל. וואָלמאַן

## זיבעטער קאַפּיטל

# עשיוס „תוספות״

געווען איז עס אין אַ ווינטערדיקן זונטיק. אַ געקאָוועטער פראָסט האָט אַרומגענומען דאָס שטעטל אין זיינע בערישע לאַפּעס. די אָרעמע דעכלעך פון די הייזער האָבן געקנאַקט און געקרעכצט פון גרויס ווייטיק. אָבער ווער קאָנען אָנגיין די יסורים פון אַ שטומען דאַך? סיידן אַ פאַרבייפליענדיקער קראָ, וואָס האָט ברייט צעלאָזט די שוואַרצע פליגל, און האָט דעם ערשטן בעסטן יידישן דאַך באַוויינט און באַקרוקלט...

טיילמאָל האָט אַ פאַרבלאָנדזשעטן זונשטראַל זיך פאַרגלוסט קאַטאַוועס צו טרייבן מיט אַן אָרעם יידיש דעכל, און האָט עס אָנגעהאָנגען ביי די זוימען אַ שורה מיט געפרוירענע קרישטאָלן. אין די גאַסן איז געלעגן אַ פאַרשטייפטער שניי, וואָס האָט געפרייכט הינטער די פיס: פריך פרייך, פריך פרייך. יידן זענען געלאָפן אין איילעניש גלייך ווי עמעץ וואָלט זיי מיט אַ בייטש נאָכגעיאָגט. מען האָט זיך געריבן די אויערן און פון מויל האָט געזעצט אַ פאַרע. איז אונטערגעלאָפן דער פראָסטיקער לץ און האָט פון דער פאַרע געמאַכט אייז־פלעכטלעך, און האָט זיי אָנגעהאָנגען אויף באָרד און וואָנסעס. פשוט חוזק געמאַכט פון באַווייבטע יידן און טאַטעס פון קינדער...

אינעם גרויסן בית־המדרש זענען עטלעכע צענדליק בחורים געזעסן, ביי אָפענע גמרות, און האָבן הנאה געהאַט פון דער היימלעכער וואַרעמקייט. דער ברייטער אויוון האָט אַזוי געגליט, אַז ער האָט זיך שיעור נישט געשפּאָלטן. פון וואַנען האָט מען זיך געקאָנט פאַרגינען אַזוי צו הייצן? איז די מעשה, וואָס זיין ליבער נאָמען פאַרלאָזט נישט זיינע אָרעמע שעפּסעלעך. אינעם ערשטן טאָג סוכות, איז נישט היינט געדאַכט, קראַנק געוואָרן גאָלדעלע די נגידותטע. איז ר׳ בעריש מינץ געקומען צו לויפן פון דאַווענען אַ פאַרסאָפּעטער, וואָס טוט מען? איטשע רופא ליגט אַליין קראַנק אַרומגעשטעלט מיט באַנקעס. און דאָ איז יום־טוב. מען קאָן נישט שיקן די ברישקע קיין ליפּאָווע נאָכן דאָקטאָר, און דעסגלייכן קאָן מען נישט אַוועקלויפן מזכיר זיין פאָרן רבין זאָל געזונט זיין. איז זיך בעריש מינץ

מיישב און איז פּשוט מנדר — פאַר זיין ווייבס געזונט — פאַרן בית־המדרש האָלץ אויפן גאַנצן ווינטער, און זעט איר — דאָס האָט גלייך געהאָלפן. גאָלדעלע האָט אַליין שפּעטער דערציילט, אַז נאָכן מנדר זיין דאָס האָלץ האָט זיך דאָס חולאת פון איר אָפּגעטאָן, גלייך אַזוי ווי מען וואָלט עס מיט דער האַנט אַוועקגענומען. מילא, גאָטס חסדים זענען גרויס, און דעם ברייטן בית־המדרש־אויוון האָט מען געהאַט אַ גאַנצן ווינטער מיט וואָס צו הייצן. מען האָט אָנגעבראַכט פון נגידס וואַלד אַזוי פיל ווייסע בזשעזשינע, אַז ס'וועט קלעקן ביז אם ירצה השם נאָך ל"ג־בעומר. און האָלץ איז עס געווען — טרוקן ווי ביין, און ס'האָט געקנאַקט ווי צעפּלאַקערטע הבדלות.

***

אַ באַשטענדיקער בית־המדרש־זיצער איז געווען דער געלער יחיאל־מאיר. זיין געלע באָרד האָט זיך אים צעשפּרייט מער אויף די באַקן ווי אויף דער גאָמבע, צוליב וואָס דאָס פּנים האָט אויסגעזען ווי אַ מעשענע טאַץ. ער איז אין שטאָט באַקאַנט געווען אַלס אַ גרויסער ירא־שמים און שאַרפער למדן. (מען האָט אים געהאַלטן פאַרן צווייטן למדן אין שטאָט נאָכן אַלטן רב, ר' העניכל). דערצו האָט מען געוווּסט, אַז דער דאָזיקער ייד האָט זייער ליב תורה. יעדן אין דער פרי, נאָכן דאַווענען, פלעגט ער אַרומגיין אין בית־המדרש פון טיש צו ט"ש, אַזוי ווי אַ געטרייער און איבערגעגעבענער גערטנער, גייט אַרום צווישן זיינע בייטן. זיין האַרץ האָט אין אים געוואַקסן פון פרייד הערנדיק ווי פּופּציק־זעכציק יונגע קולעכלעך פאַרקלינגען די אָפענע גמרות, און טיילמאָל פלעגט ער זיך פאַרגנבענען הינטער אַזאַ יינגלס רוקן, און אַ כאַפּ טאָן מיטן אויג וועלכע „סוגיא" יענער לערנט. און ווען דאָס יינגל האָט אַרויסגעוויזן עפּעס אַ חריפותביים לערנען, האָט יחיאל־מאירס פּנים געלויכטן פון שמחה. דאָס מויל האָט זיך ביי אים געעפנט מיט הנאה, פּונקט אַזוי ווי להבדיל ביי אַ זולל־וסובא, ווען ער דערזעט אויף אַ שענק־טיש אַלערליי געבראָטנס...

***

אין יענעם טאָג איז הערשעלע געזעסן אין בית־המדרש אויף אַ באַנק, קעגנאיבער דעם העגנענדיקן קיילעכדיקן זייגער. ער איז געווען אַזוי פאַר־טיפט אינעם שווערן „תוספות", אַז ער האָט אפילו נישט באַמערקט, ווי ר׳ יחיאל־מאיר איז געשטאַנען אַ צייט לאַנג הינטער זיין פלייצע און האָט זיך צוגעהערט ווי ער לערנט. עס איז געווען דער ריזיקער תוספות פון „פרה מטמאה טומאת אוכלין" אין „בבא־קמא". דאָרטן ווו ס׳איז פאַראַן אַ שמאָל פאַסיקל גמרא פון קוים צוויי שורות, און ס׳זעט אויס ווי אַ קליינער אינדזל אין מיטן פון אַ ברייט־צעכוואַליעטן ים פון תוספות. הער־שעלע איז דעם דאָזיקן ים בשלום אַריבערגעשווומען. האָט צוגעמאַכט די גמרא און אַ צופרידענער זיך אויפגעשטעלט און איז אַפּערגעגאַנגען פון טיש. פלוצים גיט אים ר׳ יחיאל־מאיר אַ נעם אונטערן אָרעם, און פירט אים צו צום ברייטן קאַכעדיקן אויוון: „צי ווייסטו כאָטש, הערשעלע, אַז דאָס וואָס דו האָסט געלערנט איז עשיוס תוספות"?

הערשעלע ווייסט עס נישט, און יחיאל־מאיר דערקלערט אים:

— די גאַנצע וועלט ווייסט, — זאָגט יחיאל־מאיר שמייכלענדיק — אַז יעקב אבינו איז געווען אַן „איש תם יושב אוהלים". ער איז געזעסן אין בית־המדרש פון „שם־ועבר" און האָט געלערנט תורה. דאַקעגן עשיו הרשע איז געווען אַ „יודע ציד". גאַנצע טעג איז ער אַרומגעלאָפן אין די וועלדער, און האָט זיך אַרומגעיאָגט מיט זיין פייל און בויגן נאָך חיות. ויהי היום מאַכט זיך אַמאָל, אַז עשיו האָט געהאַט זייער אַ ביטערן טאָג. פון דער פרי אָן איז ער אַרומגעלאָפן אין וואַלד. דער פראָסט האָט גע־ברענט, אַז די נעגל זענען אים שיעור נישט אָפּגעשפּרונגען פון די פינ־גער. און הונגעריק איז ער געווען ווי אַ וואָלף. צום שלימזל האָט ער אַ גאַנצן טאָג קיין שום חיה נישט געפאַנגען. בקיצור, ער האָט זיך אויסגע־ריכט אַ שוואַרץ יאָר ווי ס׳געהער צו זיין. פאַרנאַכט־צו לויפט ער אַהיים, אַ געפרוירענער, אַ הונגעריקער און אַ מידער. דערזעט ער פון וויטנס ווי עס לייכט זיך אַ שיין פון יעקבס פענצטער. ער גייט אַריין אין שטוב און זעט ווי יעקב זיצט זיך ביי אַן אָנגעהייצטן אויוון און לערנט גמרא. אויפן טיש שטייט אַ שיינער לאָמפּ מיט אַ בלויען פאַרצעלאַנענעם קליאָש, און דערנעבן שטייט אַ פיין־שמעקעדיק גלעזל טיי מיט לימענע, אַ טעצל מיט

איינגעמאַכטס, און אַ געשמאַק אייער־קיכל ביי דער זייט. יעקב זיצט און לערנט. ער איז אָנגעטאָן אין אַ זיידן שלאָפראָקל אין פּאַסן, און מיט אַ שוואַרץ סאַמעטן קאַפּל אויפן קאָפּ. עשיו זעט דאָס אַלץ און האַלט עס נישט אויס: סטייטש, שרייט ער, פאַרוואָס קומט עס אים נעבעך אַזאַ וויסט, פינצטער לעבן, און דעם ברודער יעקב אַזאַ גוטע „עולם הזה" מיט אַן „עולם הבא". הקיצור, ער לייגט איין וועלטן, ער וויל זיך מיט יעקבן טוישן! ער וויל אויך אַמאָל זיצן אינעם זיידענעם שלאָפראָקל מיטן סאַמעטענעם קאַפּל, און לערנען תורהביים גלעזל שמעקעדיקן טיי מיט איינגעמאַכטס. זאָל דאָס טייערע צדיקל יעקב־לעבן גיין אין וואַלד אַריין אויף דער יאַגד. מילא— זאָגט יעקב — ווילסט זיך טוישן, זאָל זיין געטוישט. אויף צומאָרגנס איז יעקב אויפגעשטאַנען גאַנץ פאַרטאָג און האָט אָפּגעזאָגט עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים. און ווען ס׳האָט אָנגעהויבן צו בלויען אין דרויסן, האָט ער געלייגט טלית־און־תפילין, האָט אָפּגעדאַוונט, זיך געוואַשן צום אָנבייסן, און שפּעטער האָט ער זיך געלאָזט אין וואַלד אַריין. פאַרן אַוועקגיין פון שטוב האָט ער פאַר עשיון אויפגעמישט די גמרא בבא קמא, דף ע״ז, און אים מכבד געווען מיט יענע תוספות פון „פרה מטמאה טומאת אוכלין".

יעקב אבינו האָט אין יענעם טאָג טאַקע נישט געכאַפּט אין וואַלד קיין שום חיה. פונדעסטוועגן איז ער נישט געפאַלן געווען ביי זיך. מילא, זאָגט ער, השם יתברך האָט מיר היינט נישט מזמין געווען, וועט ער מיר מן־הסתם מאָרגן אָפּגעבן כפל כפלים. נאָר קומענדיק איבער דער שוועל פון שטוב איז אים עשיו אַקעגנגעקומען מיט אַ נייעם געוואַלד. ער וויל בעסער צען טעג געפּרוּוירן ווערן אין וואַלד אויף דער יאַגד, איידער איין טאָג זיצן און ברעכן זיך דעם קאָפּ ביים דאָזיקן „תוספות"...

## אַכטער קאַפּיטל

# הערשעלע ווערט אַ פּראָשעניע־שרייבער

אַ גאַנצן וועג פון בית־המדרש ביז אַהיים איז הערשעלע געגאַנגען מיט אַ פריילעך געמיט. דער קאָפּ איז ביי אים געווען אויפגעהויבן, און

דער פּוס־טריט איז געווען גרינג. די מעשׂה מיט „יעקב און עשׂיו" איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ס'האָט אים נאָך מער באַשטעטיקט זיין טאָגטעגלעכע פרייד מיט דער „ברכה" „שלא עשני גוי". אוודאי איז גוט וואָס מען איז אַ ייד, און מען קוויקט זיך ס'האַרץ מיט אַ פּלאַמענדיקער קשיא פונעם „חידושי־הריא" אָדער פונעם „פני יהושוע". צי קאָן דען אַ גוי דאָס תופס זיין? — און צי ווייסט ער אַז ס'איז דאָ אַזאַ מין פאַרגע־ניגן אויף דער וועלט? אַי דאָס וואָס איז נוגע צו פּרנסה? — זעט מען דאָך אַז יידן לעבן אויך, און יעדנפאַלס איז אין אַשליאַכטנטש קיין איין ייד נאָך נישט געשטאָרבן חלילה פון הונגער. איין זאַך מאַכט הערשעלען יאָ ווי טאָן דאָס האַרץ. עס פאַרדריסט אים דאָס, וואָס זייער קליינע משפּחה מוז לעבן פונעם וואָכן־געלט וואָס די מאַמע באַקומט פון די רייכע קרובים. הערשעלע מאַכט אָפּ ביי זיך אַ מסקנה, אַז ווען ער וועט זיין אַ דערוואַק־סענער מענטש וועט ער נעמען צו זיך די מאַמע מיט עטלען. (דער פאָטער האָט שוין צו יענער צייט נישט געלעבט). ער וועט זיי אויסהאַלטן און מיטן לעצטן ביסן וועט ער זיך מיט זיי טיילן, און נישט אַז זיי זאָלן נעמען „קיצבה" ביי די רייכע קרובים. אַפילו היינט — ווען ער איז נאָך אַ קליין יינגל — וואָלט ער אויך געוואָלט שוין עפּעס פאַרדינען. ער וואָלט גליק־לעך געווען, ווען ער וואָלט פאַרדינט כאָטש אַ גילדן אָדער אַ פּערציקער, כדי צו קאָנען קויפן עפּעס אַ מתנה דער מוטער. אָבער ווי אַזוי קאָן אַזאַ זיך געשען?

אין מיטן טראַכטן האָט דאָס רעכטע אויג זיך גענומען ביי אים פאַר־מאַכן. דאָס איז געשען צוליב אַ ווינטערדיקן זומער־שטראַל וואָס האָט שטיפעריש אים אַ שאָס געטאָן אין אויג. הערשעלע האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ גוטן סימן. דאָס יונגע פּנים האָט זיך ביי אים גערויטלט פון דעם פראָסט, ווינט און זון. דאָס יונגע הערצעלע האָט ביי אים פריילעכער גע־צאַפּלט, גלייך ווי ער וואָלט דערהאַלטן מי יודע וואָס פאַר אַ גוטע בשׂורה, און אַזוי גייענדיק איז ער אַריבער די שוועל פון דער מוטערס שטוב. אַ שטיק פראָסט איז אַריבער מיט אים דורך דער געעפנטער טיר, און אַ שטוב־וואַרעמקייט האָט אים אַרומגענומען מיט איר ספּעציעלן ריח. עטל האָט אים דערלאַנגט אַ האַנטוך מיט אַ קוואָרט וואַסער, און די מוטער האָט

פאַר אים אַוועקגעשטעלט אַ הייסן קרופּניק פון פּערל־גרויפּן מיט אַרבעס און אַ האַלב גערגעלע צום פאַרשמעלצן.

אין מיטן עסן האָט זיך פון לאָמען וועלוועלעס אַלקיער צו אים אַריינגעשאַרט דעם אַלטנס זון, איטשעלע סאַנדאַווניק: אַ שטיקל טובה פאַרלאַנגט ער פון הערשעלען. ער וויל אַז הערשעלע זאָל אים באַקוקן די „פּראָשעניע”, צי זי איז גוט געשריבן. ערשט פריי־טיק האָט אים ישראלקעלע דער פּראָשעניע־שרייבער — אַ בייזע „נכפה” זאָל אויף אים קומען אויפן בלוט־צאַפּער. ער האָט אים אָנגעשריבן אַ פּראָשעניע אין סאָנד אַריין. וועגן דעם הולטאַי רושקאָווסקעלעס זונדעלע, וויל ער וויסן, צי אין דער פּראָשעניע איז אַריינגעשטעלט געוואָרן דער „פּונקט”, אַז דאָס וועקסל איז שוין געוואָרן צוויי מאָל „פּאַלענגירט”? (פּראָלאָנגירט) און אַז נאָך דער „פּאַלענגאַציע” צאָלט עס יענער ווייטער נישט? און היות, זאָגט ער — אַז ראַסקין דער רוסיש־לערער רימט זייער שטאַרק הערשעלען, וויל ער עקסטראַ זען, צי ס׳איז אמת, און זאָל הערשעלע אים עס טאַקע איבערלייענען, ווי אַזוי עס איז אָנגעשריבן אין דער פּראָשעניע.

איטשעלע דרייט זיך אויס מיט אַ צופרידן שמייכעלע צו פייגעלען, גלייך ווי ער וואָלט איר געטאָן מי יודע וואָס פאַר אַ טובה, און דערביי ציט ער אַרויס פון דער קעשענע די פּראָשעניע. ער צעעפנט פאָרזיכטיק אַלע פיר פערטלען, און גיט עס הערשעלען צום לייענען. הערשעלע נעמט אָן די פּראָשעניע מיט די שפּיץ פינגער, און ער שפּירט דערביי גלייך ווי אַ קאַלטער ווינט וואָלט ביי אים אדורכגעלאָפן איבערן מאַרך פון דער חוט־השדרה. (אַ קלייניקייט: ער האַלט אין האַנט אַ לעבעדיקע פּראָשעניע...) און מיט די אויגן פּרוווט ער אדורכצולויפן די קיילעכדיקע אותיות. ווען ער לייענט, וואַרפט איטשעלע אַ ממזריש אייגל צו פייגעלען: קוק נאָר, זאָגט ער, ווי ער לויפט דאָרטן איבער די „רושישע” (רוסישע) שורות, גלייך דאָס וואָלט געווען, להבדיל, דער היימישער „אשרי יושבי ביתך”. און אייגנטלעך — זאָגט ער ווייטער — בין איך דאָך איצט גאָר געקומען צום טאַטן מיינעם, וואָס איז נעבעך שטאַרק נישט געזונט און הוסט (דער לאָמער וועלוועלע האָט דערביי טאַקע אַ הוסט געטאָן, און צוגעזאָגט זיין באַקאַנטן פּזמון: „אוי אַ שטראָף דאָס איז”). אָבער אַז איך בין שוין דאָ —

זאָגט איטשעלע און גלעט זיך ביי דער באָרד — טאָ לאָמיך הערן וואָס שטייט דאָרט אין דער „פּראָשעניע״. הערשעלע זעצט איבער די פּראָשע־ניע וואָרט ביי וואָרט אויף יידיש, און עס שטעלט זיך אַרויס, אַז יענער פּונקט איז טאַקע יאָ אַריינגעשריבן, נאָר אויב ס׳איז שוין יאָ געקומען דערצו — זאָגט ווידער איטשעלע — און הערשעלע איז אַזאַ „בריה״ אויף רישיש (רוסיש), האָט ער טאַקע ביי זיך נאָך אַ צווייטע פּראָשעניע, דאָס איז געווען משהלע צימעס, וועלכער האָט אים פאַראַכטאָגן שבת ביים דאַוונען „אָבליזשעט״ פאַר אַן עדה מענטשן...

הערשעלע קוקט זיך צו אויפמערקזאַם צוביידע „פּראָשעניעס״ און ער זעט, אַז דער נוסח איז ביי ביידע איינער און דער זעלביקער. ביידע האָבן זיי אין דער הויך די זעלביקע צוויי ברייטע שורות: „א. וו. גמינני סוד טשעטוויאָרטאָווא אָקרוגאַ. ליפּאָווסקאָווא אויעזדאַ״. אַביסל נידערי־קער גייען ווידער צוויי שורות: „זשיטעליאַ פּאָסאַדאַ אָשליאַכענטש, איצ־כאָקאַ ברוקעוואַ, טאַ דיעלו״, וואָס האָט אַ טענה, הייסט עס, צו דעם און דעם. שפּעטער גייט אָפּגערוקט אַביסל און אויף אַ באַזונדערער קורצער שורה, דאָס איינציקע מיוחסדיקע וואָרט „פּראָשעניע״. דאָס וואָרט איז געשריבן מיט גרויסע קיילעכדיקע אותיות און עס ליגט צעלייגט ברחבות־דיק. פּונקט אַזוי ווי דער רייכער ר׳ בערישל מינץ צעלייגט זיך איינער אַליין אין דער קאָטש, ווען ער פאָרט צו דער באַן. דערנאָך גייט ווייטער אָפּגערוקט אַ שורה. און ס׳הייבט זיך אָן דאָס באַשרייבונג פון דער גרוי־סער קריוודע וואָס יוזעף רישקאָווסקי איז באַגאַנגען קעגן איטשעלע ברו־קעוו. און אין דער צווייטער פּראָשעניע איז גערעדט וועגן דער דער עוולה וואָס מאָשעק צימעס האָט געטאָן צו איטשעלע ברוקעוו.

הערשעלע טראַכט אַ רגע, און באַלד נעמט ער אַרויס פון שופלאָד אַ ווייסן בויגן פּאַפּיר, און פאַרשרייבט פאַר זיך דעם „קאַזיאָנעם״ פּראָשע־ניע־נוסח. ער שרייבט און איטשעלע ווינקט דערווייל מיט אַ שעלמיש אויגל צו פייגעלען. ער האָט הנאה דערפון, וואָס זיין טאַטנס „קאמאַרניצע״ האָט אַזאַ געראָטן יינגל. אַזוי רוימט ער איר איין שטילער־הייט אין אויער. כדי דאָס יינגל זאָל דאָס נישט הערן. אָבער דאָס יינגל איז סיי ווי סיי אַזוי פאַרנומען מיטן איבערשרייבן, אַז ער הערט נישט

און זעט נישט ווי איטשעלע שמאָצקעט מיטן צינגל און שאָקלט מיטן קעפל, גלייך ווי ער וואָלט זיך פאַרסמאַקעוועט פון אַ גוט ביסל איינגע־מאַכטס. פייגעלען טוט דאָס אַ גרויסע הנאה. נאָר אין מיטן דערינען נעמט איר אַרום אַ שטיקל שרעק פאַר אַ „גוט אויג״ חלילה. נעמט זי פאַר אַ סגולה — און שטעלט אַרויס אונטערן טיש איטשעלען אַ פייג...

הערשעלע לייגט אַוועק צוריק אין שופלאָד דעם באַשריבענעם בויגן מיטן פּראָשעניע־נוסח, און איטשעלע כיכעקעט און זאָגט, אַז ישראלקע־לען, דעם פּראָשעניע־שרייבער פון ליפּאָווע, מעג שוין קרענקען די לעבער. וואָרעם הערשעלע וועט שוין „פּאַטראַפּיען״ אָנצושרייבן אַ פּראָשעניע נישט ערגער פון אים. הערשעלע ענטפערט, נישט־דרייסט, אַז קוים האָט ער שוין דעם נוסח, וואָלט ער אפשר שוין געקאָנט אָנשרייבן אַ פּראָשעניע.

— נו, אדרבה, פּרווו! — שמייכלט איטשעלע און ווייזט אַרויס זיינע געלע ציינדלעך — מאַך אַ פּרווו, הערשעלע. זעץ זיך אַוועק און שרייב מיר אָן אַ פּראָשעניע קעגן מאירל קצב, הלמאַי ער האָט נעכטן געזאָגט פאַר עדות, אַז איך וועל אונטערציינדן דאָס ירושה־הויז, כדי איך זאָל שפּע־טער האָבן אַ פּראָנטאָווע דירה. אַזאַ יונגאַטש, אויף מיר גייט ער זאָגן, אַז איך בין אַן אונטערצינדער... איך — אַן אונטערצינדער?...

אַזוי צעשרייט זיך איטשעלע און קלאַפּט זיך מ׳יט דער פויסט אין האַרצן. פייגעלע וואָלט אים געוואָלט ענטפערן, אַז אין גאַנץ אַשליאַכענטש ווייסט מען, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט איטשעלע מאַכן אַ „בורא מאורי האש״, אָבער זי האָט זיך איינגעהאַלטן. דאַקעגן האָט זי אים אַ פרעג געטאָן: וואָס אַזוינס וועט זיין דערפון? דאָס הייסט, וואָס אַ שטייגער וועט הערשעלע האָבן פאַרן שרייבן די פּראָשעניע?

— גאָט איז מיט אייך, פייגעלע! — צינדט זיך אָן איטשעלע ווי אַ פייער, — וואָס הייסט עס עפּעס? איך וועל חלילה פאַרלאַנגען בחינם? אַ ווייסן „פּערציקער״ קריגט ער פאַר דער פּראָשעניע, אַ ווייסן זילבער־נעם „פּערציקער״ (צוואַנציק קאָפּיקעס), ווי איך בין פון יידן געבוירן!

ביי פייגעלען האָט זיך אַזש אַ מיש געטאָן אין קאָפּ פאַר גרויס נחת. זי האָט צאַרט באַרירט דעם יינגלס עלנבויגן, צוברומענדיק שטיל: —

שרייב, הערשעלע, שרייב, קינד מיינס, און אַליין איז זי אַרויסגעלאָפן אויפן הויף, כדי אויסצעווייגען די פייכט־געוואָרענע אויגן...

ווען הערשעלע האָט געענדיקט די לעצטע ווערטער פון דער פּראָ־שעניע, האָט איטשעלע אים געהייסן איבערלייענען נאָכאַמאָל אויפן קול, דערנאָך האָט ער גענומען די פעדער פון הערשעלעס האַנט, און האָט באַ־לייגט אויפן פּאַפּיר זיין „חתימה". פייגעלע האָט געכאַפּט אַ בליק דע־רויף, און זי האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון אַרויסלאַכן אויף די „קאָ־טשערעס און לאַפּעטעס" וואָס איטשעלע האָט אויפגעשריבן, אָבער עס מאַכט נישט אויס, אין סאַנד האָט מען שוין גוט געקענט די דאָזיקע אונ־טערשריפט און מען האָט געוווסט, אַז דאָס מאַכט „יצחק ברוקעוו"...

ווען איטשעלע האָט די פּראָשעניע איינגעלייגט אין פיר פערטלען, און האָט זי זיך אריינגעשטעקט אין דער בוזעם־קעשענע (זיין בוזעם־קע־שענע איז תמיד געווען באַשטעלט ביים שניידער, אַז זי זאָל פּאַסן פאַר פּראָשעניעס), האָט הערשעלע אויסגעשטעלט פאַרווונדערטע אויגן אויף דער מוטער, און פייגעלע האָט פאַרשטאַנען וואָס דער בליק באַטייט.

— ר' איטשעלע! — האָט זי נישט דרייסט אַ פרעג געטאָן — סטייטש? ווו איז דער פּערציקער?

איטשעלע לייגט איבער זיין שטעקן אין דער צווייטער האַנט, כדי ער זאָל בעסער קאָנען אַריינפּאַקן די פּראָשעניע אין בוזעם־קעשענע, און דערביי באַרויקט ער פייגעלען, אַז ער וועט איר חלילה נישט שולדיק בלייבן קיין איין גראָשן. אָבער ער קאָן דאָך נישט גלאַט אַזוי געבן געלט, איידער ער ווייסט צי די פּראָשעניע טויג צו עפּעס? „מערטשעם־מאָרגן" גאַנץ פרי גייט ער קיין ליפּאָווע צו ציבולסקין דעם סענדזשע (ריכטער) און נאָך „מנחה־ומעריב" וועט ער זיך דאָ אַריינכאַפּן, און וועט דערציילן וואָס ציבולסקי האָט געזאָגט צו דער פּראָשעניע.

— און איר וועט אויך מיר באַצאָלן דעם פּערציקער — גיט צו פיי־געלע: „זאָל נאָר ציבולסקי די פּראָשעניע אָננעמען!" ענטפערט איטשעלע און גיט זיך אַ גלעט מיט אַ צי איבער די באַקן און איבער דער באָרד. ער קושט די מזוזה און גייט אַרויס פון שטוב, מיט אַ „האָטץ מיר אַ גוטן טאָג".

## ניינטער קאַפּיטל

# דער „ווייסער פּערציקער“

בלילה ההוא״ — אין יענער נאַכט פון זונטיק אויף מאָנטיק, האָט הערשעלע געהאַט אַן אומרואיקן שלאָף. אַלע האַלבע שעה האָט ער זיך איבערגעוועקט, און האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום זייגער, כדי צו זען ווי שפּעט ס׳איז. זייגער פינף האָט ער זיך אויפגעהויבן, און ווי תמיד איז ער אַוועקגעלאָפן אין בית־המדרש אַריין, און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי דער גמרא. דער קאָפּ האָט ביי אים געברענט ווי אין פיבער, פון דעם וואָס ער איז די נאַכט נישט געשלאָפן. און נישט געשלאָפן איז ער פון גרויס נייגעריקייט וועגן זיין ערשטער „פּראָשעניע“. אַך, ווי ער וואָלט געוואָלט, אַז דער טאָג זאָל שוין אַריבער, און ס׳זאָל שוין זיין פאַרנאַכט, צו מנחה ומעריב, ווען איטשעלע האָט צוגעזאָגט צוקומען און ברענגען אַ תשובה פון ציבולסקין דעם סענטשע (ריכטער). אין מיטן לערנען כאַפּט הערשעלע אַלע ווייל אַ קוק אויפן זייגער. דער אומרו וויקלט זיך פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס מיט אַ מידער פוילקייט — נאָר צום געגעצן פון די צוויי ווייזערס איז דער גרויסער נאָך אַביסל אַ רירעוודיקער, נאָר דער קליינער ווייזער איז אַזאַ פּאַסקודנער, פוילער, אַז עס גייט זיך פאַר אים אָן אַ חלשות. פּעו!... הערשעלען דוכט זיך, אַז דער זייגער־„פּגר“ טוט אים ווי אויף צו־להכעיס. ער באַשליסט ביי זיך, נישט צו קוקן מער אויפן פּאַסקודנעם זייגער, נאָר צו לערנען ווייטער בהתמדה, אַזוי ווי אַלע טאָג. ער נאָרעט איין עקשנותדיק דאָס קעפּל אין די ברייטע פאַלדן פון די „מהרשא סברות“. און אַרום עלף (ער האָט דאָך אַ קוק געטאָן אויפן זייגער) איז ער אַהיים געגאַנגען עסן. די מוטער באַ־געגנט אים אַזוי ווי אין יעדן טאָג מיט ליבלעכקייט, און עס דוכט זיך אים, אַז אירע אויגן שיינען נאָך מילדער ווי תמיד...

אַרום אַזייגער דריי האָט הערשעלע מער נישט אויסגעהאַלטן ער האָט זיך אָנגעטאָן דעם וואַטאָוון ווינטער־פּאַלטאָ און איז אַרויס אויף דעם לי־פּאָווער שאָסיי. ער ווייסט, אַז איטשעלע דאַרף צוקומען ערשט מיט צוויי

שעה שפּעטער, אָבער זאָל זיך אים דוכטן — פּסקנט ער ביי זיך אָפּ — אַז ער גייט אַביסל שפּאַצירן. און צווייטנס, קאָן דאָך זיך מאַכן אַז אי־טשעלע זאָל גראָד היינט פּאַרטיק ווערן אין סאָנד אַביסל פריער.

אין דרויסן איז געווען אַ טרוקן פרעסטל נאָך אַ בלאָטיקן טאָג פון נעכטן. ווו מען האָט געשטעלט אַ פוס האָט זיך געקרישלט, גלייך ווי מען וואָלט געטרעטן אויף גלאָז. אַ שאַרף ווינטל יאָגט אָן קליינע שפּילקעלעך צו די שפּיץ אויערן, און פון נאָענטן וואַלד ברענגט ער צו פירן מחיהדיקע ריחות פון נאָדלביימער, צוזאַמען מיט אַ פריילעכן גרוס פון אַ נאָענטן פרילינג. הערשעלע האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון פּאַלטאָ און האָט זיך געלאָזט גיין אַביסל פאַרויס אויפן שאָסיי.

דער שאָסיי איז געווען פון ביידע זייטן באַזעצט מיט ווייסע שטיי־נער. יעדער שטיין מיט אַ נומער. אין הערשעלעס אויגן האָבן זיי אויס־געזען גלייך ווי צוויי שורות זעלנער וואָלטן זיך טשיפּקע אַנידערגעזעצט ביי ביידע זייטן. ער גייט אַזוי אַהין און צוריק, און טאַנצט אַביסל און־טער פון פוס אויף פוס, כדי זיך צו דערוואַרעמען. און פּלוצים דערהערט זיך דאָס צעקלינגענדיקע גלעקל און דאָס צעבראַשטשעטע קרעכצן פון אַן אָנגעפּאָרענער פור. ער לויפט אַקעגן און דערזעט, אַז דאָס פאָרט יאַנקל בעל־עגלה מיט פּאַסאַזשירן פון ליפּאָווע. צי האָבן זיי געזען איטשעלען? אוודאי האָבן זיי געזען דעם גנבישן איטשעלען. אַ מענטש וואָס אַליין איז ער אַן „אַשוסט“ (שווינדלער) און אין יעדן טאָג שלעפּט ער אַנדערע יידן אין סאָנד אַריין...

איין יידענע פרעגט פון דער פור אַראָפּ, וואָס פאַר אַ געשעפטן האָט עס פּייגעלעס יינגל מיט אַזאַ איטשעלען? און אַ צווייטע יידענע האָט אויף אַ רגע אָפּגעשאַרט די דיקע פאַטשיילע פון די בלויע ליפּן, און האָט אַרויסגעשפּיגן אויף דעם אַלטן „כפּרהניק“, וואָס אויף די סאָנדעס האָט ער געלט און קאַרגט אַ צענערל פאַר אַ „בעל־עגלה“...

— אָבער ווו איז ער, איטשעלע? — פרעגט זיך איבער הערשעלע נישט־דרייסט.

— ווו ער איז? — שאַרט די יידענע ווידער אָוועק די פאַטשיילע

פון די ליפּן — ער קריכט דאָרטן צופֿוס. ער גייט צופֿוס דער „קוטפּאל" (קאַרגער)...

הערשעלען ווערט אומהיימלעך דאָס גאַנצע חבֿרשאַפֿט זיינס מיט איטשעלען, אָבער אַהיימגיין גייט ער נישט. ער מוז אים זען און הערן פֿון אים, צי די פּראָשעניע איז אָנגענומען געוואָרן אין סאָנד. און אויב יאָ — וועט ער תּיכף אָפּנעמען ביי איטשעלען דעם „פּערציקער" און אַהיימברענגען אים דער מאַמען...

ענדלעך האָט איטשעלע זיך באַוויזן אויפֿן באַרגיקן שטיקל שאָסיי. הערשעלע איז אין איין אָטעם צוגעלאָפֿן מיט „אַ גוטן אָוונט", רב איטשעלע! יענער האָט זיך אָבער נישט געוואָלט אָפּשטעלן אַפֿילו אויף אַ רגע: אַז מען לויפֿט אַ מהלך צופֿוס — זאָגט איטשעלע — איז מען צופֿיל דערוואָרעמט, און אויב מען שטעלט זיך אָפּ אינמיטן וועג — קאָן מען אַריינכאַפּן אַ לונגען־אָנצינדונג, נישט דאָ געדאַכט... און אַפֿילו ריידן טאָר מען אויך נישט, וואָרעם מען קאָן זיך פֿאַרקילן די קעל מיט די ציין, השם ישמרנו.

הערשעלע איז מיטגעלאָפֿן מיט איטשעלעס שנעלן גאַנג ביז אין שטאָט אַריין. ביי דער שוועל פֿון זיין הייזל האָט איטשעלע פֿאַר אים געלאָזט פֿאַלן די בשורה טובֿה, אַז די פּראָשעניע האָט מען אָנגענומען: דאָס רעשט — זאָגט ער — וועט ער אים שוין דערציילן שפּעטער מיט אַ שעה, ווען ער וועט אַהין קומען צום טאַטן זיינעם. און זאָל נאָר הערשעלע אויף אים וואַרטן אין דער היים, און די מאַמע זיינע זאָל נאָר אָנגרייטן פֿאַר אים אַ קאָכעדיק גלעזל טיי מיט ציטרין...

אַזייגער אַכט איז איטשעלע אַריינגעקומען מיט אַ ברייטן „גוטן אָוונט". די ערשטע זאַך איז ער אַריינגעלאָפֿן צום פֿאָטער. און אים געפֿרעגט וואָס ער מאַכט. דער לאָמער וועלוועלע האָט אים אָפּגעענטפֿערט מיט אַ טעמפּ הוסטעלע, צוקרעכצנדיק: „אוי אַ שטראָף דאָס איז". איטשעלע האָט אים געוווּנטשן אַ „רפֿואה שלימה", און איז אַריינגעגאַנגען צו פֿייגעלען אין שטוב. פֿייגעלע האָט אים אָנגעגאָסן אַ גלעזל טיי מיט לימענע און איטשעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, מעשה שטוב־מענטש, און האָט צעלייגט אויף טעלערלעך דעם סיפּור־המעשה וועגן דער פּראָשעניע:

„איך דערלאַנג אים די פּראַשעניע — זאָגט איטשעלע און מישט די טיי — און איך קוק אויף דעם סענטשע ציבולסקי. וואָס אַזוינס ער וועט זאָגן. איך זע ווי ער פאַרקריטשעט אַן אויגל. בין איך שוין געווען זיכער, אַז די פּראַשעניע געשווענדט אים נישט (געפעלט אים נישט), נאָר באַלד האָט ער אָנגעהויבן צו שמייכלען, און צושאָקלען מיטן קאָפּ אויף יאָ. און פּלוצים דרייט ער זיך אויס צו מיר, און פרעגט מיך: „אַ קטאָ טאָ פּיסאַל?" ווער האָט עס געשריבן?, הייסט עס. זאָג איך צו אים: „פּריץ־לעבן, דו פרעגסט ווער ס'האָט עס געשריבן? דאָס האָט געשריבן נישט קיין שטאָנ־דירטער „פּראַשעניע־שרייבער", נאָר אַ ייִנגל פון בית־המדרש. „טאַקע" — זאָג איך צו אים — זוויצאַיני כלאָפּאַצעק איז בוזשניצי"...

— פאַרוואָס עפּעס „זוויצאַיני כלאָפּאַצעק?" — צינדט זיך אָן פייגעלע. מיין הערשעלע איז נישט קיין „זוויצאַיני כלאָפּאַצעק".

— מאַמע, — רופט זיך אָן הערשעלע — לאָז זיין „זוויצאַיני", וואָס איז די נפקא־מינה? אָבער זאָל נאָר רב איטשעלע שוין געבן דעם „פּער־ציקער".

— כ'האָב נישט איצטער ביי מיר — זאָגט איטשעלע — קיין איין פּרוטה, אָבער ס'איז קראַנט ווי אין קעשענע.

וואָס הייסט קראַנט? פרעגט זיך איבער פייגעלע. דערויף מאַכט אי־טשעלע אַ מינע פון אַ באַליידיקטן. און פייגעלע בלייבט שטיל. איטשעלע זופּט דערווייל הייסע שלוקן טיי, און גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען זאָגט ער הערשעלען, אַז ער זאָל זיך שוין אַוועקזעצן און אָנשרייבן פאַר אים נאָך צוויי פּראַשעניעס, און ער וועט אים שוין באַצאָלן פאַר אַלע דריי צוזאַמען. הערשעלען ווערט הייס און קאַלט. ער וואָלט שוין קודם כל גע־וואָלט האָבן דעם ערשטן „פּערציקער". ער וואָלט אים קיין איין מינוט נישט געהאַלטן ביי זיך, נאָר גלייך אָפּגעגעבן דער מאַמען. — מילא, זאָגט איטשעלע, דיין מאַמע וועט זיך מער פרייען ווען זי וועט אָפּנעמען זעכציק קאָפּיקעס מיטאַמאָל. פייגעלע ווייסט אָבער ביי זיך, אַז ס'איז שקר וכזב. און קוים באַצאָלט ער נישט דעם ערשטן פּערציקער, וועט ער שפּעטער אוודאי גאָרנישט געבן. זי זאָגט עס איטשעלען אין די אויגן אַריין און זי

לאָזט נישט הערשעלען אַפּילו איינטונקען די פּען, ביז ער וועט נישט אַוועקליייגן דעם ערשטן פּערציקער.

— זאָל ער נישט שרייבן, דער וואַזשנער שרייבער דייגער! — אַזוי זאָגט איטשעלע, און אַ באַליידיקטער גייט ער אַרויס פון שטוב, נישט זאָגנדיק אַפּילו „אַ גוטע נאַכט“.

***

אין די שפּעטערע טעג, ווען איטשעלע פלעגט אַרייַנקומען צום פאָטער, האָט ער אויף פייגעלען געקוקט מיט פאַרצויגענעם בליק. ער איז, הייסט עס, באַליידיקט, נאָר הערשעלע איז דערווייל געוואָרן אַ גרויסער „מפורסם“ אין אָשליאַכענטש. ווייבער פון שטעטל, וואָס האָבן געהאַט זייערע מענער אין לובלין און אין וואַרשע, פלעגן קומען צו פייגעלען, אַז איר ייִנגל זאָל זיי טאָן אַ טובה, און אָנשרייבן דעם „רוסישן“ אַדרעס אויף די פּאָסטקאַרטלעך. קיין פּראָשעניע האָט הערשעלע מער נישט געשריבן, וואָרעם אויסער איטשעלען האָט קיינער אין אָשליאַכענטש נישט געהאַט צו טאָן מיט סאָנדעס. איינמאָל איז מען צו אים געקומען וועגן אַ פּראָשעניע, דאָס האָט יואל קראַדניק געוואָלט אייַנגעבן איטשעלען אין סאָנד אַריין, באשר ער האָט הינטער זיינע פּלייצעס פאַרקויפט פינף קיישלעך באַרנעס פונעם בשותפותדיקן סאָד. יואל קראַדניק האָט אַפּילו געוואָלט אַנידערלייגן פאָרויס דעם פּערציקער אויפן טיש, אָבער פייגע האָט נישט געהייסן הערשעלען שרייבן די פּראָשעניע. זי וויל נישט האָבן צו טאָן מיט אַזאַ איטשעלען, און זאָל ער בעסער קומען אויף אַנדערע הענט...

## צענטער קאַפּיטל

## הערשעלעס האַרץ ווערט נעבעך געפאַנגען אין אַ בייזער נעץ...

וועגן בערישל מינצס ווייב, גאָלדעלע די נגידותטע, האָט מען אין אָשליאַכענטש געשמועסט, אַז זי איז אַ ווילער מענטש, כאָטש וואָס זי איז נישט קיין גרויסע מלומדת. אין דער ווייבער־שול האָט זי קיינמאָל

נישט געוווסט ווו דער חזן האַלט דאָרטן אין דער וועלט, אָבער אַ גוט האַרץ האָט זי געהאַט. און מיט אירע פּערטלען עוף און הינערשע יאַיכלעך פלעגט זי אַ סך עלנטע און קראַנקע דערהאַלטן ביים לעבן. מיט דער דינסט האָט זי עס אָפּגעשיקט אַהיים צו יעדן פון די נויטבאַדערפטיקע. געטאָן האָט זי עס אַזוי מחמת דעם, וואָס זי האָט נישט געוואָלט, אַז יענע זאָלן ווערן איינגייערס צו איר אין קיך אַריין. זי האָט פיינט געהאַט, אַז הונגעריקע מענטשן זאָלן איר אַריינקוקן אין די טעפּ אַריין...

גאָלדעלע איז געווען גוט צו אירע משרתים. זעלדעלע די קצבטע פלעגט זאָגן, אַז ביי גאָלדעלען פרעסן די דינסטן און די קעכינס צעזעצ־טערהייט, און שפּעטער, ווען זיי האָבן חתונה, מאַכן זיי דעם טויט דעם מאַן פאַרן נישט קענען זיי אַזוי פּאַשען. אָבער גנבענען עפּעס פונעם קרע־דענץ אַרויס, דאָס האָט קיינער ביי גאָלדעלען נישט געקאָנט. איר אויג האָט אַלץ געזען, און איר אויער האָט אַלץ געהערט. אַפילו ביי יעדן פון די אויסגעגעבענע קינדער איז די ווירטשאַפט געשטאַנען אונטער דער מוטערס קאָנטראָל. היינט כאַפּט זי אַ בליק ביי דער עלטערער טאָכטער און מאָרגן ביי דער צווייטער טאָכטער. היינט־זשע איז דאָס געווען אַ „בריה" אויף קיך־זאַכן — איינע אין דער וועלט. אירע אייגענע און אויך די קינדערס קעכינס האָבן זיך ערשט ביי איר אויסגעלערנט די מלאכה פון קאָכן. אונטער איר האַנט זענען זיי ערשט דערגאַנגען דעם סוד, ווי אַזוי רעכט אָפּצובראָטן אַ קאַטשקעלע, אַז ס'זאָל האָבן אַ העל־ברוינעם קאָליר ווי פון בורשטין, און ווי אַזוי איינצוקנאָבלען אַ געגנזענעם ביילק, אַז ער זאָל צעגיין אין מויל ווי אַ צייטיקע מאַלינע. דער ריח פון גאָל־דעלעס געפילטע פיש פלעגט זיך צעטראָגן איבער אַלע שטובן. ס'איז געווען אַן איידעלער ריח, וואָס האָט געקיצלט אין די נאָזלעכער און ס'האָט געמאַכט אַזש שיקלען די אויגן...

וואָס דאַרפט איר מער, אַפילו ר' בערישל מינץ אַליין, וואָס פלעגט זיין גאַנץ אָפט אין פרעמדע שטעט, אין וואַרשע צי אין לובלין און אַפילו אין דאַנציק, איז ער קיינמאָל נישט נתפעל געוואָרן פון יענע גרויסאַר־טיקע גאָרקיכן. ער פלעגט תמיד דאַנקען גאָט, אַז ער פאָרט שוין אַהיים צו זיין גאָלדעלעס מאכלים. על פי רוב איז דער נגיד אַהיים געקומען אַרום

דאָנערשטיק ביינאַכט. צומאָרגנס, ס׳הייסט פרייטיק נאָכן מ׳רחץ, פלעגט ער זיך אַוועקזעצן אַ האַלב שבתדיקער אין זיין סוברינענעם שלאָפראָק און סאַמעטענעם קאַפּל, און גאָלדעלע האָט אים צוגעבּרענגט צום טיש די געפינגערטע קאַרפינקע מיט אַ קליין גלעזעלע, האָט ער גענומען אַ קאָ־פּעטשקע, און האָט אַזש פאַרמאַכט די אויגן, אַזאַ ציפ האָט געגעבן די משקה. דערנאָך האָט ער פאַרביסן מיט גאָלדעלעס אַ שטיק פיש, וואָס איז באַצירט געווען מיט גילדענע מייערן־רענדלעך, און אַן אייער־קיכל איז געלעגן איז עס געווען גרויס און קיילעכיק. דער חסידישער נגיד האָט אַזש שטיל אונטערגעברומט: אַהאַ — „טועמיה חיים" זכו...

גאָלדעלע האָט פיינט געהאַט צו זיין צופיל אויסגעשטראָצט. אין דער וואָכן האָט זי געטראָגן איינפאַכע ריינע און גאַנצע מלבושים. שבת און יום־טוב האָט זי אויסער די שבתדיקע זיידענע קליידער אויך געטראָגן זיבן שנירלעך פּערל אויפן האַלדז, און אין די אויערן —אַ פּאָר בריליאַנ־טענע „קעפּלעך". זי איז קערפּערלעך נישט געווען קיין ריז, און דאָך איז זי געווען די פעסטונג פון דער שטוב. אונטער איר בליק האָט די גאַנצע שטוב געבליט מיט רחבות און יידישקייט. קיין איין אומווירדיק וואָרט האָט מען דאָרטן נישט געהערט, און קיין פאַרשייטער בליק איז אין יענער שטוב חלילה נישט געפאַלן. זי האָט אָפּגעהיט די קינדער, אַז זיי זאָלן נישט קומען אין פרעמדע שטובן, אויס מורא אַז זיי זאָלן דאָרט חלילה נישט „קאַליע ווערן".

ווי ס׳איז שוין דערמאָנט געוואָרן, האָט זי פאַר איר יאָסעלען צוגע־נומען אַלס אַ מלמד ר׳ הענעכלען, דעם אָשליאַכטעשער רבס איידעם. דאָס האָט זי געטאָן, ווייל זי האָט נישט געוואָלט, אַז יאָסעלע זאָל לער־נען אין דער פרעמד. גאָלדעלע האָט געגלויבט, אַז אַלץ וואָס געפינט זיך „אונטער דער מזוזה", איז אָפּגעהיט און ריין. פאַר האָדלס בילדונג האָט געזאָרגט ראַסקין, דער רוסיש לערער. ער איז געקומען יעדן טאָג צו די נגידים אין שטוב אַריין, און האָט האָדלען געגעבן אַ „רוסישן אוראָק", נאָר שפּעטער, אַז מען האָט איר באַדאַרפט אויך צולערנען אַביסל פויליש, און אין גאַנץ אָשליאַכטעש איז קיין לערער אויף פויליש נישט געווען, האָט מען זיך געווענדעט קיין ליפּאָווע צו דער פאַני ווערסאַלעווסקאַ, אַז

זי זאָל קומען קיין אָשליאַכענטש, כאָטש דריי מאָל אין וואָך אויף אַ לעק־ציע. אָבער זי האָט פּאַר קיין פּרייז עס נישט געוואָלט טאָן. מען האָט איר צוגעזאָגט, אַז מען וועט נאָך איר שיקן ספּעציעל די נגידישע קאָטש מיט די צוויי גרויע שקאַפּעס. אָבער דאָס אַלטע גויעלע מיטן ווייסן אָפּ־געצויגענעם קעפּל, האָט נישט געוואָלט אויף די עלטערע יאָרן זיך „טלוקען" אין קאָטשן, און „זאָל בעסער די יונגע פּאַניענקע קומען צו איר", אַזוי האָט זי געשיקט זאָגן. הקיצור, מען האָט דריי מאָל אין וואָך געמוזט שיקן האָדלען צו איר אויף דער לעקציע. אָנפאַנגס איז איר עלטערע שוועס־טער, שפּרינצע, מיטגעפאָרן (מען וועט דאָך נישט לאָזן אַ מיידל פאָרן אַליין). נאָר שפּעטער, ווען די מומע פייגעלע איז געוואָרן אַ שטוב־מענטש ביי די נגידים, האָט זי דאָס איבערגענומען. עלעהיי זי וועט כאָטש מיט עפּעס אָפּדינען די רייכע קרובים, און ס׳זאָל נישט זיין אין גאַנצן קיין „לחם חסד".

גאָלדעלע האָט אויך נישט געליטן, אַז „אָרעמע קרובים" זאָלן זיך דרייען אין איר שטוב. מילא, פייגעלע — ז׳איז דאָך אַן אָרנטלעכער מענטש און נעבעך אַ דערשלאָגן געמיט, אָבער ווען זי האָט געזען, אַז הערשעלע קומט צו איר נישט אַרויף, איז זי געווען אינערלעך צופרידן דערפון. דער „פּאַרוואָס" איז ביי איר געווען פאַרנעפּלט, וואָרעם צוריקגעשמועסט, האָט זי דאָך געהערט, אַז מען רימט אים פאַר אַ „גוט יינגל". ס׳הייסט אַ יינגל, וואָס קאָן גוט לערנען, אָבער דאָך אַזוי — זאָל ער בעסער נישט זיין קיין גרויסער „שמעלקע" אין איר שטוב. הערשעלע, פון זיין זייט, איז געווען אַ שעמעוודיקער, און אַז מען האָט אים נישט דווקא געצויגן ביים אָרבל, אַז ער זאָל אַרויפקומען — איז ער נישט אַרויפגעקומען. במשך די לעצטע צוויי יאָר איז ער בסך הכל דאָרט געווען נישט מער ווי דריי מאָל, און הלוואַי וואָלט ער אויך די דאָזיקע דריי וויזיטן נישט געמאַכט ביי די רייכע קרובים. און איבערהויפּט יענער לעצטער וויזיט, וועלכער האָט ביי אים אַריינגעבראַכט אַן אומרואיקייט אין בלוט, און האָט אים כמעט אין גאַנצן אָפּגעריסן פון לערנען. ווען נישט „יענער וויזיט" — טראַכט הער־שעלע ביי זיך תמיד — וואָלט ער געווען גערעסן און געלערנט, ביז ער וואָלט געווען באַקומען אַ „היתר הוראה", און וואָלט געוואָרן אַ „רב" ער־

געץ אין אַ קליין שטעטל. אָבער אַזוי, ווי און ווי, און נאָכאַמאָל ווי און ווי...

געוועזן איז עס אַזוי. די מוטער האָט אים אַרויפגעשיקט צו גאָלדע־לען, כדי אַראָפצורופן עטלען, וואָס איז זיך דאָרטן לאַנג פאַרזעסן און די מוטער האָט איר גראָד באַדאַרפט. צום סוף איז עטל שוין דאָרטן נישט געווען, וואָרעם זי האָט געהאַט אַראָפּגעגאַנגען מיט אַ שליחות צו דעם שוואַרצן משה, דעם דאַמסקע שניידער. נאָר בינו לבינו האָט האָדל אַ כאַפּ געטאָן עפּעס אַ נאַשערייַ פונעם קרעדענץ אַרויס. זי האָט עס גענומען אַרייַנפּאַקן שנעל אין מויל אַריין, און ווי אַ יונגע סאַרנע האָט זי אַ הייב געטאָן די הויכע פיס, און זיך אַ לאָז געטאָן טאַנצן. די מוטער האָט אויף איר אַ געשריי געטאָן: „שעם זיך, האָדל! שעם זיך כאָטש פאַר הערשע־לען, וועלכער קאָן אַזוי גוט לערנען". האָדל איז שטיין געבליבן מיט דער נאַשערייַ אין מויל און האָט ברייט אויפגעריסן די אויגן־אַפּלען אויפן „יינגל וואָס קאָן אַזוי גוט לערנען"... הערשעלע האָט בפירוש נישט געוואָלט קוקן אויפן מיידל, נאָר היות ער האָט אומגערן דאָך אויף איר געקוקט, איז ער נעבעך געוואָרן אַ פאַרשרפּהטער פון איר. האָדלס בילד איז אים אַריין אין געדאַנק, און האָט אים כסדר געטאַנצט פאַר די אויגן. וואָס מער ער האָט זיך באַמיט עס אַרויסצושטופּן פונעם געדאַנק — האָט עס געהאַט די פאַרקערטע פעולה. פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען ווי לעבע־דיק האָדלס אויפגעהייבענע האַנט מיטן נאַשערייַ ביי די רויטע זאַפטיקע ליפּן. און היינט דער בליק פון די ברייט־צעעפנטע שוואַרצע אויגן דע־מאָלט — ווען איר מוטער האָט דערמאָנט זיין „קאָנען גוט לערנען"... יענער בליק האָט זיך ווי איינגעביסן אין זיין זכרון, האָט אים ווי אַ „דיבוק" נאָכגעיאָגט, און האָט אים אויף קיין מינוט נישט אָפּגעלאָזט...

הערשעלע האָט זינט דעמאָלט די שוועל פון די נגידים נישט איבער־געטראָטן, ער האָט אַפילו געהיט מיט האָדלען זיך נישט צו באַגעגענען אין ערגעץ נישט. גייענדיק צום בית־המדרש אָדער פון בית־המדרש פלעגט ער זיך אומקוקן אַרום און אַרום, און קוים האָט ער זי באַמערקט פון ווי ווייט, האָט ער גלייך אויסגעקירעוועט זיינע טריט אין אַן אַנדער ריכטונג. און דאָך האָט ער זיך נישט געקאָנט דערהיטן. און דווקא האָט ער זיך

איינמאָל מיט איר צונויפגעטראָפן, כמעט נישט אָנגעשלאָגן זיך נאָז ביי נאָז. געווען איז עס אין אַ נעפּלדיקן רעגן־טאָג. הערשעלע איז געגאַנגען פון בית־המדרש איינגעהויקערט פון דער קעלט און איינגעגנאָרעט דאָס פּנים אין די לאַצן פונעם מאַנטל, און פּלוצים זענען פון אַ זייטיק געסל אַרויסגעקומען גאָלדעלע מיט האָדלען. הערשעלע האָט נישט באַוויזן זיך אַ ריר צו טאָן, ווי האָדל האָט אים ווידער אָנגעמאָסטן מיט אַ פייערדיקן ברי פון אירע ברייט־צעעפנטע אויגן. הערשעלע האָט שטיל אויסגעשעפּ־טשעט צו גאָלדעלען: „גוט־מאָרגן, מומע!" און איז בלייך געוואָרן אויפן פּנים. גאָלדעלע האָט אים אָפּגעענטפערט אונטער דער נאָז אַ „גוט יאָר", וואָרעם אירע „סיסטשיק־אויגן" האָבן שוין געכאַפּט האָדלס בליק מיט הערשעלעס בלייך ווערן. זי האָט אַ צי געטאָן האָדלען מיט זיך, גלייך זי וואָלט איר באַדאַרפט באַשיצן פון אַן אומגליק, חלילה. שפּעטער, ווען זי מיט דער טאָכטער האָבן שוין געשפּרייזט אויף די נאַסע טרעפּ פון איר הויז, האָט זי זיך פּלוצים אויסגעדרייט צו האָדלען, און האָט איר אָפּגעמאָסטן מיט אַ מוטערלעכן בליק פון קאָפּ ביז די פיס, און אַ שאָקל טוענ־דיק מיטן קאָפּ אין דער ווייטער וועלט אַריין, האָט זי אַ ברום געטאָן ווי צו זיך אַליין: אַז גאָט זאָל שומר און מציל זיין...

## עלפטער קאַפּיטל

# עטלס אָפּשניט ביי די נגידים

עטל פלעגט זייער צופרידן זיין פון איר זיין אַן אָפטע אַריינגייערין ביי דער מומע גאָלדעלע. ס'איז ביי איר נישט געווען אַזוי וויט די בענק־שאַפט נאָך דער מומען מיט אירע „כיבודים" ווי ווייט זי האָט ליב געהאַט די געוואַשענע ברייטע טרעפּ מיטן גאַנצן ריח פון דער נגידישער שטוב. זי האָט ליב געהאַט צו זען דעם בלאַסק פון די תמיד אָפּגעפּוצטע מע־שענע קלאַמקעס ביי די טירן, און צו הערן דעם מיושבדיקן קלאַנג פונעם מאַסיוון זייגער. היינט־זשע די שווערע געפלאָכטענע שטולן אַרום טיש, און די אַלע איבעריקע זאַכן פון די ברייטע, וואַרעמע און ציכטיקע נגידי־

שע שטובן. זי האָט אויסגענוצט אַלערליי תירוצים אויף אַרופצולויפן צו דער מומע גאָלדעלע, און ביי זיך האָט זי אָפּגעפּסקנט, אַז אויב לעבן — איז נאָר אין אַזעלכע שטובן, און אַז נישט — איז עס אינגאַנצן נישט כדאַי.

אין יענער צייט איז עטל שוין געווען אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן. זי האָט געהאַט געדיכטע שוואַרץ־גלאַנציקע צעפּ, פאַרפלאָכטענע מיט אַ בריי־טער רויטער קאָקאַרדע. אירע בעקלעך זענען געווען קיילעכדיק און ווייס־גערויטלט, גאָר נישט אַנדערש ווי נאָר בלוט און מילך, און שטייפלעך גלאַטיק זענען זיי געווען ווי ליאָנער סאַמעט. דאָס קליינע מיילכל איז געווען שעלמיש אויפגעשניטן צווישן צוויי פליישיקע ליפּעלעך; דאָס נעזל קורץ און אויסגעטאָקט, און פון אונטער די אויסציזלירטע ברעמען האָבן אַפּערגעפינקלט צוויי גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געשמייכלט און געבריט. אָנגעטאָן איז געווען דאָס מיידל נישט רייך אָבער ציכטיק. די שיכלעך מיטן קליידל האָבן פון איר אַראָפּגעשפּיגלט, און פונעם טונקעלן באָרדאָ־בלוזקעלע האָט זיך אַרויסגעהויכט אַן אָנצוהערעניש פון יונגע ברוסטן.

פון דער נאַטור איז דאָס מיידל געווען אַ גוטע. זי האָט קיינעם נישט געוואָלט קיין שלעכטס טאָן. אָבער זי האָט געוואָלט, אַז מ׳זאָל צו איר אויך גוט זיין. זי איז געווען צופרידן וואָס די מומע גאָלדעלע האָט אַ רייכע דירה, און האָט זיך באַגנוגנט דערמ׳יט וואָס זי, די אָרעמע עטל, קאָן דאָרט אַרומשפּאַצירן פון קיך צו דער סאַליע, און פון סאַליע צום קאָרידאָר. (אין די אינערלעכע שטובן האָט זי אַליין נישט געוואָלט אַריינ־גיין). ביים אַרומשפּאַצירן איבער די נגידישע שטובן האָט זי זיך צוגע־הערט צום סקריפּ פון דער רויטער פּאַדלאָגע הינטער אירע טריט, און האָט אָנגעקוואָלן דערפון. און פּלוצים איז אין איין העלן טאָג דאָס דאָזיקע שטיקעלע נחת אירס אָפּגעבראָכן געוואָרן. פּונקט אַזוי ווי אַ שייגעץ נעמט און ברעכט אָפּ עפּעס אַ צווייגל פון אַ בוים...

אין יענעם טאָג האָט די מוטער אירע זיך געפּילט נישט מיט אַלע־מען, און זי האָט איר געשיקט זאָגן דער מומען, אַז היינט זאָל שפּרינצל פּאָרן מיט האָדלען קיין ליפּאָווע אויף דער לעקציע. גאָלדעלע האָט עטלען

מכבד געווען מיט רויטע ווינטער־עפּל, מיט אַ פּערטל פּאָמעראַנץ, און מיט אַ גוטן נגידיש מאָן־קיכל. אַלץ איז געווען גוט און פיין, נאָר שפּעטער, ווען זי האָט שוין געוואָלט אַהיימגיין, האָט דער רוח אָנגעטראָגן שפּרינצלס מאַן, דעם חסיד און ווילקענער נפתלי שטיינבערג, און ביים אַריינגאַנג פונעם קאָרידאָר צו דער עס־שטוב האָט ער זיך „ווי אומגערן" פאַרטשעפּעט מיטן עלנבויגן אין דער רעכטער זייט פון עטלס בלוזקע. דער עלנבויגן איז אָפּגעשפּרונגען ווי פון אַ ספּרוזשינע; און זי איז ווי אַן אָפּגעבריטע אַנטלאָפן אַראָפּ מיט שנעלע טריט. די גאַנצע געשיכטע האָט געדויערט אפשר אַ צענטל פון אַ סעקונדע. נאָר גאָלדעלעס מאַמע־האַרץ, וואָס האָט געהאַט אַן אייגנשאַפט פון אַ „סיסטשיק", האָט עס שוין דערשנאַפּט. זי איז געווען דעמאָלט אין קיך, נאָר אַריינגייענדיק אין עס־צימער, האָט זי דערזען, ווי נפתלי פינטלט מיט די נאַרישע אויגן פונעם פאַרפלאַמטן פּנים אַרויס, גלייך ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צום מיידלס שנעלע טריט אויף די טרעפּ, און דאָס איז פאַר גאָלדעלען שוין געווען גענוג...

צומאָרגנס, ווען פייגעלען איז בעסער געוואָרן און זי איז אַרויפגעקומען, האָט גאָלדעלע געלאָזט פאַלן פאַר איר לויב־ווערטער פאַר עטלען, ווי זי איז קיין עין הרע שיין אויסגעוואַקסן, ברוך השם שוין אַ כלה־מיידל און מיט אַלע מעלות, נישט מער וואָס אַ כלה־מיידל דאַרף זיך האַלטן אַביסל מער סטאַטעטשנע, און נישט אַרומלויפן ווי אַ פלאַטער־קאָפּ אין פרעמדע שטובן. ובכלל דאַרף אַזאַ שטייגער מיידל מער איינזיצן ביי זיך אין שטוב, און אויב ס'וועט האַלטן ביי אַ שידוך איז זי, גאָלדעלע, גרייט צו געבן אַ הונדערטער אויף נדן, און אַפילו צוויי אויך...

ווען פייגעלע איז אַהיימגעקומען, און האָט עס דערציילט עטלען, האָט זיך יענע אַזוי אויפגעקאָכט, אַז זי האָט אַזש אָנגעהויבן צו וויינען. זי זאָל אַפילו וויסן צו זיצן ביזן גרויען צאָפּ אַריין, וועט זי ביי דער נגידית קיין גראָשן פאַר איר נדן נישט נעמען, און זאָל זי אַ פּוס צעבוּעכן, צי זי וועט נאָך כאָטש איין מאָל איבערטרעטן זייער שוועל...

עטל האָט געהאַלטן וואָרט. זי איז צו די נגידים מער נישט אַרויפגעגאַנגען. מען מוז זאָגן דעם אמת, אַז דאָס איז איר נישט אָזוי גרינג

אָנגעקומען. דאָס מיידל איז אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט נאָך יענע שמע־קענדיקע נגידישע שטובן, און איינמאָל איז געקומען דערצו, אַז זי האָט שיעור נישט געפּלאַצט פון דער „טשיסטע אָסטאַוּק" וואָס די מומע גאָל־דעלע האָט איר געגעבן...

געווען איז עס פּורים צו דער „סעודה", ווען פון ליפּאָווע זענען אַראָפּגעקומען קיין אַשליאַכענטש אַ חברה פּורים־שפּילער. זיי זענען גע־קומען מאַכן דעם פּורים־שפּיל אין די געציילטע דריי פיר נגידישע הייזער, און פאַרשטייט זיך, אַז צו אַלעם ערשטן האָבן זיי זיך אַריינגעכאַפּט צו די רייכע מינצס. צוזאַמען מיט זיי האָט זיך מיטגעכאַפּט אַ גאַנצע כאַ־ליאַסטרע מיידן מיט יינגן, אַזוי ווי תמיד פּורים, מחמת דעם וואָס צו די פּורים־שפּילער האָט גאָלדעלע אַלעמען אַריינגעלאָזט. דאָס איז געווען ביי איר שוין אַזאַ מנהג, אַז פּורים פאַרשעמט מען נישט קיין אָרימע מענטשן. עטל, וואָס פלעגט יעדן פּורים אַרומפּאָרען זיך „מעשה אייגענער מענטש", און אַרומקנאַקן מיט אירע אָפּצאַסלעך איבער די רייכע שטובן, האָט דאָס מאָל געמוזט שטיין אונטן אויף דער גאַס און זיך צוהערן ווי די קאָמפּאַניע שניידער־יונגען פון ליפּאָווע באַלייגן דאָס „פּורים־שפּיל". עפּעס האָט זי געהערט, ווי איינער פון זיי האָט זייער שיין געזונגען אויף אַן איידל קול, און די גאַנצע קאָמפּאַניע האָט צוגעזונגען פריילעך:

— אוי, עונג לשבת, בים באַם באַם באַם,
עונג ליום טוב — אַך, אַך, אַך, אַך!...

עטל איז געשטאַנען אויפן געקאָוועטן שניי, און האָט זיך צוגעהערט. זי וואָלט געשווירן, אַז זי הערט ווי די מיידלעך שושקען זיך דאָרט אויף איר חשבון, פאַרוואָס עפּעס זי איז נישטאָ. ווען זי האָט דערהערט, אַז דאָס געזאַנג האָט זיך פאַרענדיקט און ס'איז שטיל געוואָרן, האָט זי פאַר־שטאַנען, אַז באַלד וועלן אַלע, די יונגען מיט די מיידן, זיך צוריק „אַראָפּ־שיטן" פון דער נגידישער שטוב. און נישט וועלנדיק טרעפן זיך איצט מיט דער כאַליאַסטרע, איז זי געלאָפן שנעל אַהיים, פאַרקלינגענדיק דעם שניי מיטן „עונג לשבת, בים באַם באַם". אינעם דאָזיקן געזאַנג האָט זי אויסגעגאָסן איר גאַנץ ביטער האַרץ. זי האָט אַזוי טרויעריק געביטערט דעם „אַך, אַך, אַך", אַז מענטשן זענען אַרויס איבערגעשראָקענערהייט

פון די שטובן אויף דער גאַס אַרויס, וואָרעם מען האָט געמיינט מי יודע וואָס ס'איז פּלוצים געשען...

זעלדעלע די קצבטע, וואָס איז אַרויסגעלאָפן אין אַ פּאַטשיילע אי־בער דער גרויסער באַרכאַנקע, האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגן, אַ „טפו" זאָל זי ווערן, פייגעלעס זאָכעניש, וואָס האָט אַלעמען אַזוי איבערגעשראָקן. סיידן, אַז דאָס טריפהנע בלוט פונעם טאַטן, דעם שיקסע־קריכער, קווי־טשעט פון איר אַרויס. אַלע וויסטע חלומות צו איר קאָפּ און צו אירע הענט און פיס...

## צוועלפטער קאַפּיטל

# פייגעלעס האַרץ צעגייט נעבעך פון עגמת נפש

פייגעלע איז גרייט זיך צו שווערן, אַז נאָר אַ בייזע עין־הרע האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין איר שטוב. וואָרעם אַנדערש איז נישט צו פאַרשטיין פאַרוואָס ס'האָט זיך פּלוצים אַ וואַקל געטאָן דאָס פּיצעלע נחת מי'ט דער צופרידנקייט, וואָס זי האָט געהאַט פון אירע צוויי קינדער.

מ'שטיינס געזאָגט — פלעגט זי טראַכטן — וואָס פאַר אַ לעבן זי האָט אָפּגעפּינצטערט. מילא, יענער איז דאָך שוין אַ „שוכן עפר", זאָל ער שוין האָבן מנוחה אין קבר. אָבער אַפילו דאָ, מיט „לחם חסד" פון די רייכע קרובים, צי שטעכט עס איר נישט און ברעכט נישט יעדן טאָג און יעדע שעה? נישט מער, אַז זי האָט געוווסט, אַז זי באַזאָרגט דערמיט אירע קינדער — איז איר אַלץ ניחא געווען. איר לעבן איז געווען הער־שעלע און עטל, די צוויי יתומים, וועלכע זי דאַרף מגדל צו זיין און מדריך זיין בדרך הישר. נאָר צוליב זיי האָט זי פאַר ליב גענומען איר מצב, אַלס אַ „צוגעוואַרעמטע" ביי די רייכע קרובים. צען מאָל אין טאָג האָט דער דאָזיקער מצב איר ווי געטאָן, און יעדעס מאָל האָט זי ביי זיך אַלצדינג צוריק געגעבן־געמאַכט, אַז אויך אַנדערע מענטשן, און גאַנץ אָרנטלעכע באַלעבאַטישע מענטשן טוען אָפּ מי יודע וואָס, אַבי צו האָבן אַ שטיקל ברויט פאַר זייערע קינדער. און זי טוט דאָך קיינעם נישט קיין שלעכטס, געלויבט השם יתברך, אַז זי האָט שוין אַזוי ווייט מיט אירע צוויי קינ־

דער. וועגן הערשעלען איז דאָך אָפּגערעדט, אַז די גאַנצע שטאָט איז איר מקנא מיט אים. קיין עין־הרע און קיין שום בייז אויג זאָל אים נישט שאַטן. אַ שטיל ייִנגל ווי אַ טויב. און אַן „עילוי", ברוך השם אין לערנען און אין שרייבן. און וואָס אַ שטייגער פעלט דען איר עטלען? אַ מיידל אַ יפת־תואר און אַ גראַטענע. האָט זיך כמעט נישט געלערנט — און קאָן אַלץ. איר פּיסק צום רוסיש און צום פּויליש איז דאָך נישט נאָכצוזאָגן. דער לערער ראַסקין האָט אַנומלט איר אַליין געזאָגט, אַז דאָס מיידל האָט אַ קאָפּ אויף שרייבן, און אַזאַ רוסישע „אודאַרעניע" ווי זי האָט, איז אים נאָך נישט אויסגעקומען ביי קיינעם צו הערן. וואָס מען מיינט „אודאַרע־ניע" ווייסט נישט פייגעלע, נאָר זי איז זיך משער, אַז מן הסתם איז עס עפּעס אַ זייער וואַזשנע זאַך. אלא וואָס דען? די רייכע קרובים האַלטן איר אויס? טאָ וועמען דאַרף דער קאָפּ דאַרן דערויף? ברוך השם, אַז אין שטוב איז דער אויוון אַ געהייצטער, און אַ שוך איז דאָ אַ גאַנצער, און אַ קליידל איז דאָ פאַר דער טאָכטער, און אַ מלבוש פאַרן ייִנגל איז אויך דאָ, און בנאמנות אַז עסן עסט מען נישט חלילה קיין שטיינער מיט גליאַזעס...

אַזוי פלעגט פייגעלע נישט איינמאָל מאַכן ביי זיך אַזאַ חשבון און האָט זיך אַליין באַרואיקט. אָבער לעצטנס האָט זי פלוצים אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז מיט הערשעלען איז געשען עפּעס אַ שינוי. דאָס ייִנגל איז מיט יעדן טאָג בלייכער געוואָרן אויפן פּנים. די אויגן זענען ווי אונטער־געשלאָגן. דעם אַפּעטיט האָט ער פאַרלוירן; ער עסט נישט אַפילו די העלפט ווי פריער, אָבער דאָס ערגסטע איז דאָס, וואָס ער גייט אַרום תמיד פאַרטראַכט. זי האָט אים געפרעגט וואָס עס איז מיט אים, האָט ער אַ בורטשע געטאָן, אַז „גאָרנישט", און ווען זי האָט אים אָנגעהויבן נאָכצו־קוקן — האָט ער זיך געבייזערט, און האָט געשריגן: „לאָמיך צורו". פיי־געלע קאָן נישט פאַרשטיין וואָס דאָס ייִנגל איז עפּעס אַזוי מרה־שחורה־דיק, און זי טייטשט עס אויס, אַז זיכער האָט הערשעלע זיך גענומען צום האַרץ פון דעם אָפּשניט וואָס עטל האָט באַקומען פון גאָלדעלען. וואָרעם אויסער דעם איינעם, דוכט זיך, אַז דאָס ייִנגל האָט נישט קיין שום סיבה צו זיין מרה־שחורהדיק.

פייגעלען אַליין האָט אויך גוט וויי געטאָן די מעשה מיט עטלען.

אינעם ערשטן טאָג נאָכדעם ווי גאָלדעלע האָט מיט אַ ווייך פּיסקל צו איר אַזוי גערעדט, אַז עטל דאַרף מער זיצן אין שטוב, און זי איז אַהיים געקומען און האָט עס עטלען איבערדערציילט, האָט עטל איר נישט געוואָלט זאָגן וואָס ס׳איז דאָרטן געשען. נאָר מיט דריי טעג שפּעטער, אַז זי האָט נאָכאַמאָל אַ נעם געטאָן עטלען אויפן פאַרהער, אַז זי זאָל איר דערציילן וואָס ס׳איז אַזוינס געשען צווישן איר און גאָלדעלען — זענען עטלען אַזש די טרערן געקומען אין די אויגן, און זי האָט דער מוטער דערציילט דעם גאַנצן אמת, ווי אַזוי נפתלי שטיינבערג האָט זיך געמאַכט ווי אומגערן איר צו פאַרטשעפּען די בלוזקע. אין ערשטן ברען האָט פייגעלע געוואָלט אַרויפלויפן צו גאָלדעלען און אויסטענהן זיך מיט איר, נאָר באַלד האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי וועט דאָך דערמיט אָנצינדן אַ פייער אין שפּרינצלס האַרץ, און היות זי האָט זייער ליב געהאַט שפּרינצלען, און האָט איר געהאַלטן פאַר אַ כשרע נשמה, האָט זי זיך מיישב געווען, און האָט איר קינדס אומזיסטע באַליידיקונג אַראָפּגעשלונגען, אַזוי ווי מען שלינגט אַראָפּ אַ ביטערע פּיל פון אַ רעצעפּט. נאָר עטל אַליין האָט בשום אופן נישט געקאָנט זיך באַרואיקן. אין אָנפאַנגס האָט זי זיך געקילט דאָס האַרץ מיט די קללות, וואָס זי פלעגט אונטער די אויגן אויסשעלטן דער „טריפהנער נגידותטע מיט איר פאָדלער געהינטעכץ", אָבער זינט יענעם פּורים ביי דער סעודה, האָט זי דערשפּירט, אַז זי קאָן מער אין אָשליאַכענטש נישט פאַרבלייבן. די מיידלעך וואָס זענען מיטגעלאָפן מיט די ליפּאָווער פּורים־שפּילער האָבן געזען, אַז עטל איז נישט געווען ביי דער מומען צו דער סעודה, און האָט נישט אַרומגעקלאַפּט דאָרטן מיט די הויכע אָפּצאָסן איבער די נגידישע שטובן. עס פאַרשטייט זיך, אַז יעדע איינע פון זיי האָט געהאַלטן פאַר אַ מצווה זי איבערצופרעגן: וואָס איז די מעשה עטלשי קרוין, וואָס דו ביסט ברוגז געוואָרן מיט דער מומען?... עטלען איז נמאס געוואָרן צו דערציילן יעדן איינעם עפּעס אַ פוילן תירוץ. הכלל, זי האָט באַשלאָסן, אַז זי פאַרלאָזט אָשליאַכענטש. זי פאָרט אַוועק פון דאַנען וווּהין די אויגן וועלן איר טראָגן, און געגוג...

די מוטער האָט זיך פון די דאָזיקע רייד גאָרנישט געמאַכט, אַזוי לאַנג ביז עטל איז איינמאָל צוגעקומען צו איר אַ צעפּלאַמטע, און האָט

איר דערקלערט, אַז אם ירצה השם נאָך שבת, פּאָרט זי אַוועק קיין וואַר־שע. אַ קיישעלע אויף די זאַכן קויפט זי זיך מאָרגן, און נאָך שבת — פּאָרט זי.

די מוטער האָט איר געוואָלט מבטל מאַכן מיט אַ היימישן אויסגע־שריי: „משוגענער פלאַטער־קאָפּ, וואָס פלוידערסטו פאַר אַ נאַרישקייטן?״ אָבער עטל האָט זיך געשווירן מיט די האַרבסטע שבועות, אַז זי פּאָרט קיין וואַרשע. די מאַמע וועט שוין זען, ווי זי וועט אין וואַרשע רייך חתונה האָבן, און זי וועט נאָך זיין אַליין אַ נגידותטע, אַ גרעסערע פון גאָלדעלען. אויף צומאָרגנס האָט עטל אַנידערגעשטעלט אַ קיישעלע מיטן אָפענעם דעקל צו דער וואַנט, און האָט זיך גענומען אויסצופּרעסן די קליידלעך. אונטן אין קיישעלע האָט זי אַריינגעלייגט די וועש און פון אויבן — די אויסגעפּרעסטע קליידלעך, יעדעס אין איר קנייטשעלע. הערשעלע פון זיין זייט האָט איר געשאַפט אַ היימישן אַדרעס אין וואַרשע, ווו מען קאָן אי־בערנעכטיקן די ערשטע נאַכט. דער געלער יחיאל־מאיר, האָט אַ ברודער אין וואַרשע, ראובן דער מלמד, וואָס האָט אַ „חדר״ אויף דער שמאָלער מילע גאַס, און צו אים האָט יחיאל־מאיר געגעבן הערשעלען אַ בריוו פאַר עטלען...

פייגעלע האָט געזען, אַז עטל מיינט באמת אַוועקצופאָרן קיין וואַרשע, און זי ווערט אויפגעציטערט: סטייטש? ווו וועסטו נעמען דאָרטן אין דעם גהינום וואַרשע דאָס ערשטע אָנבייסן? דער דאָזיקער מלמד, יחיאל־מאירס ברודער, האָט זי געהערט, איז אַליין אַ גרויסער קבצן, און בכלל, ווי קאָן מען דען זיך אָנלייגן אויף אַ ווילד־פרעמדן מענטשן?

עטל ענטפערט, אַז ראובן דעם מלמדס אַדרעס נעמט זי נאָר בלויז אויף די ערשטע פּאָר שעה, דאָרטן אַהין וועט זי בלויז פאַרפאָרן, און באַלד נעמט זי זיך אויסזוכן אַן אָרט ווו צו אַרבעטן. זי וועט שוין מן הסתם קריגן דאָרט אַ שטעל צום דינען אין אַ נגידיש הויז. פייגעלען ווערט אַזש הייס און קאַלט, איר קינד זאָל פאָרן קיין וואַרשע און גיין דינען אין פרעמדע הייזער?... און וואָס וועט די וועלט זאָגן דערצו? מען וועט דאָך לאַכן אין די פויסטן, אַז די רייכע מינצס אַ קרובה, איז אַ דינסטמויד גע־וואָרן אין וואַרשע?

— כאַ, כאַ כאַ! — צעלאַכט זיך עטל הויך אויפן קול, אַז די רויטע בעקלעך אירע טאַנצן איר אַזש אונטער — אדרבה! זאָל די מומע גאָלדעלע כאַטש שוין האָבן פון וואָס צו פּלאַצן...

פייגעלע וויל אָבער נישט נאָכגעבן. זי שווערט זיך, אַז זי וועט עטלען נישט געבן קיין געלט אויף הוצאות. גייט עטל און שווערט איר אַנטקעגן, אַז אָדער זי פאָרט קיין וואַרשע, אָדער זי דערטרינקט זיך אין טייך. אויף צומאָרגנס האָבן איר מענטשן טאַקע געזען ווי זי האָט זיך אַרומגעדרייט אויף דער בריק מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ, און מיט אַ צעפלאַמט פּנים. זעלדעלע די קצבטע האָט די ערשטע אַ געשריי געטאָן:

— יידישע קינדער! ראַטעוועט דאָס מיידל, זי גייט זיך חלילה אַ מעשה אָנטאָן!

זענען צוגעלאָפן צוויי מאַנצבילן, און האָבן דאָס מיידל אָפּגעפירט מיט גרויס כבוד אַהיים צו דער מוטער. פייגעלע האָט איר געלייגט אין בעט אַריין אויף צוויי טעג, און ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן, האָט די מוטער אַליין איר געהאָלפן איינפּאַקן די זאַכן. אין אַ באַזונדער פּעקעלע האָט זי איר איינגעפּאַקט אַ גאַנצן קוילעטש מיט קעז, צוויי האַרטע אייער, און דריי באַרנעס. זי האָט איר נאָך געגעבן דריי רובל אויף די הוצאות, און מיט טרערן אויף די באַקן האָט זי איר נאָך אַליין אָפּגעפירט צו דער באַן־סטאַציע. זי האָט געוויינט אויף איר האַלדז, ביז דער צוג איז געקו־מען צולויפן אַ פאַרסאָפּעטער, האָט אַריינגעכאַפּט איר עטלען מיט ביידע פּעקלעך, און איז ווייטער געלאָפן...

דרייצנטער קאַפּיטל

## דעם רבינס פאַרבאָרגענע וועגן...

אויף שבת, פּרשת שקלים, איז בערישל מינץ געווען ביים רבין. דאָס איז געווען ביי אים אַ שטיקל חזקה, אַז אויף שבת שקלים מוז ער זיין ביים רבין. שבת־צו־נאַכט פאַרן געזעגענען זיך, מאַכט ער דעם חשבון מיטן הויף־גבאי וועגן יערלעכן „כוללות״־געלט. ער באַצאָלט אַלץ וואָס ער

קומט, און גיט נאָך צו אַ „שיינעם צולאָג". אַ חוץ דעם ברייטן „לעצט־געלט" פאַרן הויף־גבאי, און פאַר די משמשים.

נאָר אַרום דריי פאַרטאָג, ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אין רבינס שטוב צום געזעגענען זיך, האָט דער רבי מיט אים פּלוצים פאַרפירט אַ שמועס וועגן דעם געהילץ וואָס יענער האָט ליגן אין סטאַראָשינער וואַלד. בערישל מינץ האָט אים אויסגערעכנט, אַז ער האָט דאָרטן ליגן אַ סך סאָסנאָווע האָלץ, מיט אָלשינע, מיט בזשעזאָווע, און אָז אַ שיעור האָט ער דאָרטן ליגן געשניטענע דעמבינע. דער רבי האָט זיך אָפּגעשטעלט דערויף, און טראַכטנדיק עטלעכע מינוט מיט פאַרגלייזטע אויגן, האָט ער געלאָזט פאַלן ווערטער, אַז ס׳וואָלט זייער גלייך געווען, אַז פונעם געהילץ זאָל ער זיך אויפשטעלן אַ הויז אין ליפּאָווע. בערישל האָט געפּרוווט אָפּענטפערן, אַז ער האָט דאָך אַ הויז אין אָשליאַכענטש, ווו ער וווינט שוין ברוך־השם אַזוי פיל יאָרן, נאָר דער רבי האָט געטאָן אַ קוועטש מיטן לינקן אַקסל, און האָט ווידער אַ ברום געטאָן, אַז ס׳וואָלט זייער גלייך געווען אויפצושטעלן אַ הויז אין ליפּאָווע. אָפּזאָגנדיק די דאָזיקע ווערטער, האָט ער אים אויסגעשטרעקט די האַנט און האָט אים אָפּגעזעגנט:

— נו, פאַר בעריש לחיים ולשלום, און אם ירצה השם וועסטו מיך פאַרבעטן קיין ליפּאָווע צום „חנוכת הבית"...

בערישל מינץ האָט זיך מיט גרויס הכנעה אָפּגערוקט צו דער טיר הינטערווייליכטס, בלייבנדיק די גאַנצע צייט מיטן פּנים צום רבין, און קומענדיק אַהיים קיין אָשליאַכענטש, האָט ער געשיקט רופן זיין עלטסטן וואַלד־שרייבער, ר׳ משה בנימין, און האָט אים איבערגעגעבן אַ באַפעל צו קויפן אַ פּלאַץ אין ליפּאָווע און אויפשטעלן אַ בריווחדיק הויז. ווייל אַזוי האָט „ער זאָל לעבן" אים געהייסן טאָן...

עס האָט נישט געדויערט קיין צוויי וואָכן, ווי משה בנימין האָט שוין געהאַט איינגעהאַנדלט אין ליפּאָווע אַ פיינעם בריווחדיקן פּלאַץ. ס׳איז געווען אַביסל ווייטער פון אַלע יידישע הייזער פון שטאָט, און גיכער נאָענט צו די אָפּיצערסקע קאַזאַרמעס פונעם „סמאָלענסקי פּיעכאָטני פּאָלק". שפּעטער מיט עטלעכע טעג האָבן פוירישע פורן אָנגעהויבן צו שלעפּן פונעם סטאַראָשינער וואַלד אָן אַ שיעור דעמבענע באַלעס מיט

שוועלן און סאַסנאָווע ברעטער מיט קראָקוועס. די פֿויערישע פֿורלעך האָבן זיך געצויגן איינער נאָך דער אַנדערער אויף לאַנגע וויאָרסטן אַזוי ווייט, אַז מ'עון האָט געקאָנט מיינען אַז מען גייט דאָ אויפשטעלן אַ גאַנצע שטאָט. זעלדעלע די קצבטע האָט זיך געווונטשן צו פֿאַרמאָגן כאָטש אַ העלפֿט פֿון דעם, וויפֿל דער אַכבראַש משה בנימין האָט אַראָפּגעלאָזט אין זיין איי־גענער קעשענע...

אין עטלעכע טעג אַרום זענען די אָשליאַכטשער דאָזאָרעס אַריינ־געקומען צו ר' בערישלען און מיט אַ חניפהדיק שמייכעלע האָבן זיי אים געזאָגט, אַז די „שטאָט" איז זייער אומרואיק דערפֿון, וואָס ר' בערישל שיחיה וויל אונדז פֿאַרלאָזן. וואָרעם ס'איז דאָך ברור כשמש, אַז אויב „דער הויף" זאָל אַוועק קיין ליפּאָווע, וועט פֿון אָשליאַכטש ווערן אַ תל־עולם. אַ ליידיקע שטאָט, אַ פּוסטקע, ערגער פֿון אַ דאָרף, להבדיל.

ר' בערישל מינץ האָט זיי געענטפֿערט, אַז ער האָט נישט בדעה צו פֿאַרלאָזן אָשליאַכטש. ער האָט דאָס זעלביקע געשמועסט מיטן רבין זאָל לעבן. ער וויל בכלל זיך נישט רירן פֿונעם אָרט און נישט טשעפּען דאָס מזל. אלא דאָס הויז וואָס ער שטעלט זיך אויף אין ליפּאָווע איז ראשית האָט ער דאָך נישט געקאָנט טאָן אַנדערש ווי דער רבי האָט אים געהייסן, והשנית, איז נישט קיין גרויסע נפקה־מינא, צי די ברעטער מיט די קראָק־וועס וואַלגערן זיך אַרום אין וואַלד, אָדער מען שטעלט אויף דערפֿון אַ הויז, און מען קלאַפּט דאָרטן אָן מזוזות ביי די טירן! אלא, ווען ס'וועט אי"ה פֿאַרטיק ווערן — וועט זיך שוין געפֿינען מן הסתם אַ ייד אין לי־פּאָווע, וואָס וועט עס וועלן דינגען...

די דאָזאָרעס זענען אַוועק באַרואיקט. אָבער אין שטאָט האָט מען עס געהאַלטן פֿאַר אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך. און ווו מען איז געגאַנגען און געשטאַ־נען, האָט מען געהערט ריידן אַז פֿון אָשליאַכטש ווערט אַ דאָרף; וואָ־רעם די נגידים רוקן זיך אַרויס פֿון שטאָט, און דאָס ביסל קבצנים פֿאַר־בלייבט. צווישן די נישט צופֿרידענע איז אויך געווען די מומע פֿייגעלע. זי האָט געגלויבט אין רבינס ווייטן קוק, אַז מן הסתם זעט ער ברוח נבואה, אַז די נגידים וועלן דאַרפֿן וווינען אין ליפּאָווע.

וואָס אָנבאַלאַנגט איר אַליין, האָט פֿייגעלע באַשלאָסן בעסער חלילה

אויסצוגיין ווי אַ ליכט, איידער צו וווינען אין ליפּאָווע. זי וועט דאָרטן נישט וווינען אַפילו פאַר אַ מיליאָן. מער פעלט איר נישט נאָר צו וווינען אין איין שטאָט מיטן מאַן עליו השלומס זיסער משפּחה, מיט זאַוועלע קאַטערינאַזש און שמואלכל ציגיינער.. און מיט זיי זיך צו טרעפן „גוט מאָרגן קרובהטע" גוט יאָר... אַז נישט דערלעבן וועלן זיי עס...

***

אסרו־חג שבועות, ווען מען איז נאָר פּטור געוואָרן פון די אומעטיקע ספירה־טעג, האָט בערישל מינץ געהייסן איינשפּאַנען די קאַטש, און איז אַריבערגעפאָרן קיין ליפּאָווע, אַ קוק צו טאָן אויף דער געביידע. אַהינקו־מענדיק האָט ער דאָרט געטראָפן זיין אַמאָליקן שותּף שמעלקע רוביני־שטיין, ווי ער פאָרט זיך אַרום און באַקוקט אַלץ.

העכער אַ יאָר ווי בערישל האָט שמעלקען נישט געזען, און דער אמת איז, אַז ער האָט אים נישט געוואָלט זען, זינט „יענער מעשה מיטן וויין", וואָס מען האָט אים דאָרט פּוגע בכבוד געווען, נאָר איצטער האָט בערישל פאַרשטאַנען, אַז ר׳ שמעלקע איז מן הסתּם געוויר געוואָרן פון עמעצן, אַז ער, בעריש, דאַרף קומען אַהער. האָט ער ספּעציעל זיך מקדים געווען, כּדי אים צו טרעפן דאָ, און אים מיט עפּעס מפייס זיין...

ר׳ שמעלקע רובינשטיין איז שוין געווען קיין עין־הרע אַ ייִד פון עטלעכע און זיבעציק. דער קאָפּ מיט דער באָרד זענען ביי אים געווען ווייס ווי זילבער, נאָר די אויגן האָבן נאָך אַלץ געפינקלט ווי צוויי שטי־קער פייער, און דער רויטער קאָרק האָט זיך נאָך ברייט געפּאָלדעוועט פון אונטערן שוואַרצן סאַמעטענעם קאַפּל. דערזעענדיק בערישלען איז ער אים אַקעגנגעלאָפן מיט שמייכלענדיקע אויגן, און מיט אַ ברייטן „שלום עליכם ר׳ בעריש"! עס טוט אים — זאָגט ער — אַ גרויסע הנאה, וואָס מען וועט וווינען ביידע צוזאַמען אין איין שטאָט. מען וועט קומען איי־נער צום אַנדערן.

בערישלען איז פון די דאָזיקע ווערטער געקומען דאָס בלוט אין פּנים אַריין. ער האָט שיעור זיך נישט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ שלעכט וואָרט, אָבער ער האָט זיך באַהערשט, און האָט שטיל אויסגעמורמלט, אַז ער

אַליין וועט דאָ נישט ווינען, ער בלייבט אין אַשליאַכטענטש, און דאָס הויז דאָ שטעלט ער אויף צוליב דעם וואָס „ער — זאָל געזונט זיין” האָט אים געהייסן.

שמעלקע רובינשטיין האָט געענטפערט, אַז ער האָט אַזאַ כלל: אויב מען פאַקט זיך איין דאָס רייזע־קעסטל — פאַרט מען שוין... נאָר מילא, זאָל השם יתברך העלפן, אַז ס׳זאָל זיין מיט מזל, אין ברכה און הצלחה. ביים געזעגענען זיך האָט ער נאָך צוגעוואָרפן עטלעכע ווערטער, אַז עס דאַרף צו זיין שוין גענוג גערוגזט, און אַז זיין זון חיים אַנשל האָט ר׳ בערישן איבערגעבעטן. ובכלל איז ער גאַרנישט אויסן געווען חלילה...

דער ברוגז צווישןביידע חסידישע נגידים איז אַזוי געשען:

שוין יאָרן לאַנג ווי ר׳ בעריש מינץ, האָט נישט געמאַכט קיין שות־פות־געשעפטן מיט שמעלקע רובינשטיין, וואָרעם אַז געלט צום שותפות האָט ער ברוך השם געהאַט גענוג זיין אייגנס, און סתם איינרייסן די וועלט מיט צו־גרויסע געשעפטן, האָט ער בטבע נישט ליב געהאַט. הכלל ס׳איז שוין אַזוי אויסגעקומען, אַז ער האָט זיך מיט שמעלקע רובינשטיין כמעט נישט געטראָפן צוזאַמען. סיידן אַמאָל אין וואַרשע, אין אַ גרויסאַר־טיקער גאַרקיך, אָדער אין דאַנציק. ויהי היום, מאַכט זיך, אַז שמעלקע רובינשטיין מאַכט חתונה זיין טאָכטער פּערעלע. ס׳איז געווען אַ חתונה וואָס אירס גלייכן איז נישט געווען אַפילו להבדיל ביי דעם פירשט ראַד־זיוויל, אָדער כראַביאַ זאַמאָיסקי. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט בערישל מינץ אויך געשיקט בעטן צו דער חתונה. נאָר בערישל אַליין האָט זיך מיישב געווען, און איז נישט געקומען, נאָר בלויז צו די „לעצטע שבע־ברכות”. שמעלקע רובינשטיין האָט זיך געשפּירט אַביסל געטראָפן דער־פון, אָבער ער האָט עס אַראָפּגעשלונגען. ער האָט בערישלען אַוועקגעזעצט אויבנאָן נעבן חתן, און נאָך דעם בענטשן, ווען אַלע זענען זיך צעגאַנגען און צעפאָרן, האָט ער בערישלען נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט. ער דאַרף זיך מיט אים אַביסל דורכשמועסן. הקיצור, ער האָט אים אַריינגעבעטן צו זיך אין קאַבינעט, און האָט אים אַוועקגעזעצט אינעם ווייכן „פאָטעל”. מען האָט פאַררויכערט צוויי גראָבע האָלענדישע ציגאַרן, און מען האָט זיך אדורכגעשמועסט וועגן פריצים און וועלדער. בינו לבינו האָט חיים־אַנשל,

שמעלקעס עלטערער זון, אַרויפגעבראַכט פון קעלער אַ פלעשל ווייַן, וואָס איז געווען דאָרטן פאַרקאָפּעט אין זאַמד עטלעכע און דרייסיק יאָר, און האָט דערמיט „מכבד" געווען בערישלען. ביים טרינקען האָט מען עס נישט געשפּירט. נאָר ערשט שפּעטער האָט דער ווייַן זיך געלאָזט שפּירן מיט אַן אויסטערלישער שטאַרקייט. בערישל, וואָס איז בטבע נישט געווען קיין גרויסער ווייַן־טרינקער, האָט אים דער ווייַן גלייך פאַרשלאָסן די אויגן — ער האָט געוואָלט מיט כוח זיך אויפהייבן פונעם פאָטעל, און האָט נישט געקאָנט. ווען ער האָט אָנגעהויבן הויך צו שנאָרכן, האָט שמעלקע רוביג־שטיין זיך גלייך אַרויסגעשאַרט פון קאַבינעט צוזאַמען מיט חיים־אַנשלען... ווען בערישל האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם שלאָף איז שוין געווען זייגער זעקס צומאָרגנס אין דער פרי. בערישל מינץ איז געווען שטאַרק געטראָפן פון דעם וואָס מען האָט אים אָפּגעטאָן אַזאַ „שפּיצל", מיטן אָנשיכורן און איבערלאָזן אין אַ פרעמדער שטוב. אָבער ער האָט נישט געוואָלט מאַכן קיין סקאַנדאַל. ער איז שטילערהייט אַריין אין דער קיך, האָט זיך „גע־וואַשן די נעגל", און שטיל אָפּגעזאָגט ברכת־התורה און אַהיימגעפאָרן, גלייך ווי גאָרנישט...

זינט דעמאָלט איז ביי בערישלען געבליבן עפּעס פאַרבאַקן אין האַרצן קעגן שמעלקען, און נאָך מער קעגן זיין זון, חיים אַנשל, וועלכער איז געווען דער „חייב" אינעם אָפּגעטוענעם „חסידישן שפּיצל"...

פערצנטער קאַפּיטל

## פאַר האָדלס פענצטער

עד היום קאָן הערשעלע זיך נישט אָפּגעבן קיין דין וחשבון, ווי אַזוי דאָס איז געשען. אין יענעם פינצטערן אָוונט פון סוף־חודש איז ער גע־גאַנגען, אַזוי ווי יעדן אָוונט נאָך מנחה ומעריב, פון בית־המדרש אַהיים אויף וועטשערע. טאָ ווי זשע האָט עס פּאַסירט, אַז פון מיטן וועג איז ער גאָר פאַרקראָכן אויף לינקס אַזש צום הויז פון די רייכע קרובים, און ווי

אַזוי איז ער עפּעס שטיין געבליבן גראָד פאַרן פענצטער פון האָדלס צי־מער?...

ער וויל זיך דערמאָנען אויף וועלכן אָרט ער האָט אויסגעדרייט זיינע טריט צו יענער ריכטונג, און קאָן נישט. ער קאָן בשום אופן נישט משיג זיין ווי אַזוי ער האָט פלוצים געקאָנט ענדערן דעם אויסגעטראָטענעם וועג, און אַהינגעקומען צו יענעם פענצטער, סיידן — טראַכט ער ביי זיך — אַז ס׳איז געווען אַ שפּיצל פון „בעל־דבר״, יענער, וועלכער פירט אַראָפּ פון גלייכן וועג פרומע יידישע בחורים, און שטעלט זיי אויפן וועג פון שטרויכלונג...

ער געדענקט, אַז פלוצים האָט ער זיך דערזען דאָרטן שטיין פאַר האָדלס פענצטער, און דאָס האַרץ האָט ביי אים אָנגעהויבן מאָדנע צו קלאַפּן, גלייך ווי ער וואָלט געגאַנגען, חלילה, עמעצן באַגנבענען. ער איז גרייט געווען זיך אַליין אויסצופּאַטשן, און קודם־כל צו אַנטלויפן, נאָר אין יענעם מאָמענט האָט ער דערשפּירט גלייך ווי די פיס וואָלטן אים געוואָרן „געליימט״ און עמעץ (הפנים אַז טאַקע דער „בעל־דבר״) האָט זיינע אויגן מיט געוואַלט צוגעפּירט צום שפּעלטל פון צווישןביידע פאַר־העגגלעך. האָדל איז געזעסן ביים טיש, פאַר אַ שפּיגעלע, און האָט זיך הינטערוויילעכטס אָנגעהויבן פאַרפלעכטן דעם צאָפּ. די יונגע פּלייצע האָט אָפּערגעבלאַנקט פון אונטער אַ ריי פאַרפירערישע שפּיצעלעך פונעם נאַכט־העמד, און די מאַט־ראָזע שמאָלע הענטלעך זענען געווען ביים אַרויסגאַנג פון די אַקסלען אויסגעבויגן פליגלמעסיק... אַזוי אַז דער יונגער הערשעלע האָט אין זיי געזען נישט אַנדערש ווי נאָר פליגל פון אַ מלאך. דער הוי־כער אויסגעטאָקטער האַלדז האָט געבלענדט מיט אַן אַלבאַסטער־ווייס־קייט, און מיט אַ זאַפטיקער יונגקייט. אין יעדער באַוועגונג פונעם יונגן מיידלשן קערפּער האָט ביי אים אויסגעזען, גלייך ווי אַ צאַרט פרילינג־ווינטל וואָלט אַ בלאָז געטאָן, און געבראַכט דערקוויקונג אויף דער וועלט.

עד היום ווייסט נישט הערשעלע ווי לאַנג ער איז דאָרטן געשטאַנען, מיט די אויגן איינגעבויסן אינעם שפּאַלט פון די צערוקטע צוויי פאָרהענג־לעך (די עצם זאַך וואָס די פאָרהענגלעך זענען גראָד געווען נישט צוזאַ־מען — איז עס אויך מן הסתם געווען די מעשה פונעם „בעל־דבר״). נאָר

ער געדענקט, אַז פּלוצים, האָט דאָס מיידל זיך געגעבן אַ הייב אויף פון דער שטול, און האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט. זי האָט אַפּנים דערזען, אַז עמעץ שטייט ביים פענצטער, ווארעם איר פּנים האָט זיך ווי אויסגע־קרימט אין אַן אומצופרידענער גרימאַסע, און מיטן אויפגעהויבענעם שמאָלן הענטל האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן, און האָט צוזאַמענגערוקט ביידע העלפטן פונעם פאָרהענגל...

הערשעלע געדענקט, אַז ער איז זייער שנעל אַנטלאָפן פון דאָרט, און קומענדיק אַהיים האָט ער אָפּגעלייענט „קריאת שמע" און האָט זיך געלייגט שלאָפן. דער מוטער האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט אַ שטיקל קאָפּ־ווייטיק און קאָן נישט עסן קיין וועטשערע. אַוועקלייגנדיק זיך אויפן געלעגער האָט ער דערשפּירט, אַז עס רייסט אים צוזאַמען מיטן בעט. עס האָט אים געגאָיעט אין קאָפּ גלייך ווי אַ ווארעם וואָלט דאָרט געגריזשעט. ווען ער וואָלט געוווסט אויף זיכער, אַז האָדל האָט אים געזען, און זי ווייסט אַז ער איז עס געשטאַנען ביי איר פענצטער, וואָלט ער זיך אַרויס־געגנבעט פון שטוב און וואָלט געלאָפן צום טייך, זיך אַנטאָן אַ מעשה. ער איז אָבער כמעט ווי זיכער, אַז זי האָט אים נישט באַוויזן צו זען. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך נעבעך געדרייט אויפן געלעגער, און אינעם מידן קעפּל האָט כסדר געעקבערט די פראַגע: „צי האָדל האָט אים יאָ געזען, צי נישט?" אַנטשלאָפן געוואָרן איז ער ערשט אַרום פאַרטאָג, און אויפ־געשטאַנען אַרום ניין. די מוטער האָט אים געפרעגט וואָס ער מאַכט, און אין איינוועגס האָט זי אים דערציילט, אַז נאַרוואָס איז זי געווען איבן ביי דער מומען, און אַז האָדל ליגט נעבעך מיט אַ קאָפּ־ווייטיק אין בעט. ווארעם נעכטן ביינאַכט האָט איר עפּעס איינער פון די „ווילע יונגען" איבערגעשראָקן ביים פענצטער...

מיטן נאָמען „ווילע יונגען" האָט מען אין אַשליאַכענטש אָנגערופן דאָס ביסל שניידער־געזעלן און שוסטער־יונגען, בעל־עגלהשע שמייסער און סטאָליאַר־יונגען. מיט איין וואָרט, יענע וואָס האָבן נישט געהערט צום בית־המדרש. זיי אַלע כל־זמן זיי זענען געווען יונג — האָט מען זיי אָנגערופן „ווילע יונגען", און פון נאָך דער חתונה און ווייטער האָט מען זיי אָנגערופן „גראָבע יונגען", אָדער דאָס „פּראָסטע פאָלק". הערשעלין

איז געווען פיינלעך וואָס מען איז חושד עמעצן אַנדערש אין דעם „חטא" וואָס ער איז אים באַגאַנגען, נאָר היות אַז דער חשד איז נישט אַרויפגע־גאַנגען אויף קיין באַשטימטן מענטש, איז ער „בדיעבד" געווען צופרידן פון דעם, וואָס האָדל האָט אים נישט באַמערקט...

אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג און צוויי און הערשעלע האָט פרייער אָפּגעאָטעמט, טראַכטנדיק ביי זיך, אַז ברוך השם איז ער „ניצול געוואָרן" פון אַ גרויסער צרה. נאָר אַז ער האָט שוין געהאַט זיך אין גאַנצן באַרו־איקט, איז אים ווידער באַפאַלן אַ גרויסע אומרואיקייט וועגן דער „עצם זאַך". האָדלס געשטאַלט האָט אים נישט אָפּגעלאָזט נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. ער האָט זיך געפּרוווט צו פאַרשיכורן מיט קשיות און תירוצים פון „פני יהושוע" און „חידושי הרים", אָבער האָדלס אויגן, האָלדז, האָר, און איבערהויפּט אירע צוויי שמאָלע פויגל־הענטלעך, האָבן אים נישט געלאָזט קיין מנוחה. ער האָט ביי זיך געוווסט, אַז מען טאָר נישט טראַכטן וועגן דעם! וואָרעם מחשבות פון זינד זענען ערגער ווי די זינד אַליין, אָבער וואָס קאָן ער נעבעך טאָן, אַז די זינדיקע מחשבות קריכן אין קאָפּ אַריין, און מען קאָן זיי נישט אָפּיאָגן. אַז אַ זלידנע פליג נעמט און שטעלט זיך אים אַרויף אויפן פּנים — יאָגט ער זי אַוועק מיט דער האַנט, אָבער מיט וואָס קאָן מען אַוועקיאָגן האָדלס שמעקעדיק געשטאַלט, וואָס קומט אַלעמאָל צולויפן פאַר די אויגן, ווי זי האַלט די פליגל־הענט ביים פאַרפלעכטן דעם צאָפּ, אָדער ווי זי שטייט אַזוי ווי דעמאָלט נעבן דער מוטער, און רייסט אויף די זיסע כישופדיקע אויגן־אַפּלען אויף אים — „דעם יינגל וואָס קאָן אַזוי גוט לערנען..." הערשעלע ווייסט, אַז די דאָזיקע צוויי בילדער וועט ער פון זיינע אויגן שוין קיינמאָל נישט קאָנען פאַרטרייבן פון זיינע מחשבות. אפשר אַן אַנדער יינגל אויף זיין אָרט וואָלט עס יאָ געקאָנט פאַרטרייבן, אָבער ער נישט. ער האָט פון געבוירנ־הייט אָן אַ נייגונג צו חלומען אויף דער וואָר. עס קומען אים אויפן גע־דאַנק בילדער און מעשיות, וואָס זענען נישט געפלויגן און נישט געשטויגן, טאָ ווי אַזוי וועט ער אָפּטרייבן פון זיך אַ זאַך וואָס ער האָט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן, און וואָס האָט זיך איינגעקריצט ווי מיט אַ מעסער אין זיין האַרץ?...

אין איינעם פון די טעג וואָס הערשעלע, איז אַזוי אַרומגעגאַנגען מיט אַ צעווייטיקטן קאָפּ, איז געקומען צופאָרן קיין אָשליאַכענטש איטשע־לייזער, דער וואַנדערנדיקער מוכר־ספרים. דאָס איז געווען אַ נידעריקער ברייט־פּלייציקער ייִד, מיט אַ הייזעריק קול. די באָרד זיינע איז געווען אויסטערליש ברייט און לאַנג. זי האָט זיך אָנגעהויבן ביי אים פון הינ־טער די אויערן און האָט דערגרייכט כמעט ביז צו די קני. ער פלעגט קומען קיין אָשליאַכענטש אַ דריי־פיר מאָל דורכן יאָר (לויט ווי אַזוי ס׳איז אים אויסגעקומען צו מאַכן די נסיעה אין יענער געגנט). און גע־קומען איז ער גלייך אין בית־המדרש אַריין, וו ער פלעגט אויסלייגן אויפן לעצטן טיש ביים „כיור״, די דובראָוונער טליתים, סלאָנימער תפילין, און „ספרי־יראים״ פון פּיעטראָקאָווער און לובלינער דרוקערייען. דאָסמאָל האָט זיך ביי אים אויך פאַרוואַלגערט אַ פּעקעלע מעשה־ביכלעך פון שמרן און פון עוזר בלאָשטיין, און צווישן זיי עפּעס אַ רוסיש ביכל אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף. דאָס דאָזיקע ביכל האָט אים איטשע־לייזער געגעבן אויף גוצגעלט. ער האָט — הייסט עס — באַצאָלט אַ קאָפּיקע פאַרן איבער־לייענען. ס׳איז געווען אַ מעשה מיט אַ טאָכטער פון אַ גראַף, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַן אָרעמען פאַסטוך. דער פאָטער האָט איר געסטראַ־שעט, און די מוטער האָט געחלשט. אָבער דאָס מיידל האָט זיך געהאַלטן שטאַרק ווי אייזן, אָדער מען זאָל איר געבן דעם פאַסטוך פאַר אַ מאַן, אַז נישט וועט זי זיך דאָס לעבן נעמען.

ווער עס האָט אויסגעפירט — צי די טאָכטער פונעם גראַף — אָדער די עלטערן — קאָן הערשעלע נישט וויסן, מחמת דעם וואָס עס האָט גע־פעלט אינעם ביכל די רעשט בלעטלעך. נאָר יעדנפאַלס, ווען הערשעלע וויל אויסטייטשן דעם סיפּור־המעשה אויף זיך מיט האָדלען, קומט עס אויס נישט אַזוי אינגאַנצן צוגעפּאַסט. ער לאָזט פריי זיין אייגענע פאַנ־טאַזיע. ער מאָלט זיך אויס אין געדאַנק, אַז ער גייט זיך אַזוי אויף דער בריק־גאַס, און פּלוצים זעט ער אַ געלויף פון מענטשן. וואָס איז געשען? דעם נגידס טעכטערל האָדל האָט זיך אָנגעהויבן צו טרינקען אין מיטן שווימען. לויפט ער שנעל אַראָפּ צום טייך, ער שפּרינגט אַריין אין וואַסער און שלעפּט...

אין מיטן טראַכטן כאַפּט ער זיך, אַז עס טויג נישט, וואָרעם, היתכן, אַז ער זאָל לויפן אַרויסשלעפּן פון וואַסער אַ נאַקעטע מיידל? נאָר באַלד גיט ער זיך אַן עצה, אַז ער שלעפּט איר אַרויס פון היגטערוויילעכטס, און באַזונדער, איז עס דאָך עפּעס אַ פיקוח־נפש. זיין פאַנטאַזיע ציט ווייטער דעם פאָדעם, ווי אַזוי די גאַנצע שטאָט רעדט שפּעטער וועגן אים, און אַלע זאָגן, אַז מן היושר דאַרף בעריש׳ל מינץ אים צו מאַכן פאַר זיין איידעם, וואָרעם ער האָט דאָך האָדלען אָפּגעראַטעוועט פון טויט...

אין מיטן ווי ער גייט אַזוי פאַרטראַכט, דערזעט זיך פּלוצים הערשעלע שטיין אויף דער בריק. און עפּעס זעט ער, אַז עס לויפן מענטשן אין גרויס איילעניש. האַ? וואָס איז דאָס? צי איז דאָס נישט קיין פאַנטאַזיע? אָבער די מענטשן לויפן דאָך נישט צום טייך, נאָר פאַרקערט, צום מאַרק צו. הערשעלע וואַכט אויף פון זיין „חלום מיט אָפענע אויגן״, און קודם־כל לויפט ער צוגלייך מיט אַלע צום מאַרק... דאָרט פאַלט ער אַריין אינעם צעיושעטן קנויל פון פויערים מיט קלאָניצעס אין די הענט, און להבדיל יידישע ווילע יונגען...

פופצנטער קאַפּיטל

## די מלחמה אויפן אָשליאַכענטשער מאַרק

אָנגעהויבן האָט זיך די מלחמה צוליב פישל דעם פאַפּיראָסן־מאַכער. דעם דאָזיקן פישל איז פּלוצים נמאס געוואָרן דאָס אַריינכאַפּן אַלע מאַגטיק און דאָנערשטיק די שטיפעריש „באָכעס און דזשאָכעס״ פון די באַלעבאַטישע זינדלעך און איידעמס. ער האָט געוווסט, אַז ווען ער דערלאַנגט עמעצן צוריק אַ קלאַפּ, וואָלט נישט איינער פון זיי אַהיימגעגאַנגען מיט אַ געשוואָלענער באַק, אָדער מיט אַן אונטערגעהאַקטער זייט. ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר דער פּרנסה זיינער. וואָרעם נאָך אַזאַ זאַך וואָלט מען דאָך אויפגעהערט קויפן ביי אים פאַפּיראָסן. (אַז מען מעג צוריק דערלאַנגען אַ קלאַפּ, אַפילו דעם בעסטן בחור — האָט ער שוין ביי זיך געפּועלט, נאָר צו בלייבן צוליב דעם אָן פּרנסה, האָט ער נישט געקאָנט

פּועלן ביי זיך). ער האָט דעריבער אָנגעהויבן צו טראַכטן, ווי אַזוי קאָן ער קומען דערצו, אַז מיט דער פּרנסה זאָל ער נישט זיין אָנגעוויזן אויף די שטיפערישע בית־המדרשניקעס. ער האָט לאַנג געטראַכט און געטראַכט, ביז ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט בעסער פאַרקויפן זיינע פּאַפּיראָסן צו די פּויערים. זונטיק, ווען די פּויערים גייען אַרויס פון קאָשטשאָל, וועט ער צוגיין צו זיי, און וועט זיי פאָרשלאָגן זיין סחורה... אַזוי האָט דער בלינדער פישל געטראַכט און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן. אַ גאַנצע נאַכט, שבת־צו־נאַכט, איז ער געזעסןביים טיש וואָס איז פול געווען מיט דריי בערג טיטון: אָסמאַלאָווס, באָגדאַנאָווס און בראַטיאַ שאַפּשאַלס, און שלאָפן איז ער געגאַנגען ערשט נאָך דעם ווי די לעצטע גילזע איז ביי אים אָנגעשטאָפּט געוואָרן מיט טיטון. אין דער פרי, האָט זיך פישל אויפגעכאַפּט אַ זייגער צען, כמעט שוין „עובר קריאת שמע“ געווען. ער האָט שנעל אָפּגעדאַווענט, אָפּגעכאַפּט אַ שטיקל איבערבייסן, און באַוואָפנט מיט אַ גרויסער בלעכענער פּושקע פול מיט פּאַפּיראָסן, איז ער אַרויס אין מאַרק, און האָט זיך אַנידערגעשטעלט ביי די ברייטע ווייסע טרעפּ פונעם קאָשציאָל. פון אינעווייניק האָבן זיך געטראָגן די ציטערדיק־זיסע טענער פון אָרגל, אויסגעמישט מיטן געבלעקעכץ פונעם גלח, און מיטן קוויטשענדיקן געזאַנג פון די שיקסעס. פון צייט צו צייט האָט דאָרטן אַ פויק געגומען שיסן טעמפּע קלעפּ, גלייך ווי מען וואָלט גאַנצע זעק מיט קאַרטאָפל אויסגעשאָטן אויף אַ בלעך, און ענדלעך האָט דער דינער קאָשציאָל־גלאָק ווויילעריש זיך צעלאָזט אויף רעכטס און אויף לינקס, מיט זיין דראָבנעם קוויטשענדיקן געקלאַנג, וואָס ווערט געהערט יעדן זונטיק אַ זייגער צוועלף, אַלס סימן, אַז דאָס „געבלעקעכץ“ האָט זיך שוין פאַרענדיקט. דאָס פּויערים־פאָלק האָט זיך גענומען אַרויסשיטן איבער די ברייטע קאָשציאָל־טרעפּ, זוכנדיק מיט די אויגן אַ באַקאַנטן „קום“ (פריינט), מיט וועמען מען קאָן זיך אַריינכאַפּן אין אַ נאָענטער שענק, כדי דעם טרוקענעם האַלדז אַביסל איינצונעצן. דער בלינדער פישל איז דער פּויערים־מאַסע אַנטקעגנגעגאַנגען, און שמייכלענדיק מיטן זעענדיקן אויג צו דער זייט פון דער בלעכערנער פּושקע, האָט ער געמורמלט נישט דרייסט: „אַ מאָזע כצעטאָ טרעפּנע פּאַפּיראָסי“? (צי ווילט איר נישט אַמאָל טריפהנע פּאַפּיראָסן?)

דער מערסטער טייל פויערים האָט אַפילו נישט געלייגט קיין אויפמערק־זאַמקייט צו זיינע רייד און האָבן זיך געשטופּט אַלץ מער צו דער זייט פון די שענקען, דאָרטן ווי מען קאָן נעמען אַ קופּל ביר, מיט אַ געזאַלצע־נעם הערינג אויף אַ צובייס. נאָר עטלעכע כיטרע פויערימלעך האָבן זיך יאָ אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע, און האָבן פישלען געפרעגט: „צאָ טאָ זנאַצי טרעפנע פּאַפּיראָסי?" (וואָס אַזוינס מיינט „טרייפענע פּאַפּיראָסן"). פישל האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס פון דער פּושקע, און האָט אים געגומען רימען: „ווידזיטאַ, דאָברי טיטון, סאַמע לאָקש" (אַז דער טאַבאַק הייסט עס, איז אַ גוטער סאָרט, לאַנג געשניטן אַזוי ווי לאָקשן)...

די פויערים האָבן ווידער נישט געקאָנט תופס זיין וואָס אַזוינס עס מיינט דאָס יידישע וואָרט לאָקש, און איינער פון זיי, נאָך גאָר אַ יונגער פויערל, האָט שמייכלענדיק אַריינגעשטעקט צוויי פינגער ווילעריש אין דער פּושקע. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פּאַפּיראָס און האָט אים פּאַררוי־כערט, אַרויסלאָזנדיק צוויי שמאָלע רויך־סטענגעס איבער די קליינע פלאַק־סענע וואָנסעלעך. באַלד האָבן נאָך צוויי פויערים גענומען שטעקן די פינגער אין פישלס בלעכערנער פּושקע אַריין. אויף זיי קוקנדיק זענען אונ־טערגעלאָפן פינף־זעקס אַנדערע פויערים און האָבן גענומען אַרויסכאַפּן פולע הויפנס מיט פּאַפּיראָסן. פישל האָט פלוצים דערשפּירט ווי דאָס גאַנצע בלוט האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין. און פלוצים איז נאָך ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן אַ יונגער באָרוועסער שייגעץ, מיט אַ פּאָר גרינע אויגן אַזוי ווי אומצייטיקע אַגרעס, און מיט ביידע הענט האָט ער אַ צי געטאָן ביי דער פּושקע. פישל האָט אַ מאָדנעם ציטער געטאָן מיטן ביעלמעוואַטן אויג, און מיטן גאַנצן כוח האָט ער אַריינגע־קנאַקט דעם שייגעץ מיט דער פּושקע צווישן די גרינע אויגן. דער שייגעץ האָט מיט אַ געשריי: „אוי יעזוס" זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, ווען פון דער נאָז און מויל האָבן זיך ביי אים גערינען שטראָמען בלוט.

די פויערים האָבן זיך צעיאַכמערט „טען שליעפּאַק שיע ביע" (דער בלינדער שלאָגט זיך גאָר) און פון אַלע זייטן האָבן זיך פויערשע פויסטן געהויבן אויף דעם פּאַפּיראָסן־מאַכער. אין די ערשטע עטלעכע מינוט האָט פישל מיט אַ שטילן קרעכצן צוגענומען די קלעפּ, נאָר פלוצים האָט ער

זיך צערעוועט ווי אַ ווילד־געוואָרענער אָקס, און האָט געגומען צוריק דער־לאַנגען קלעפּ אַרום און אַרום. ער האָט געזעצט מיט די פויסטן אין פויע־רישע נעז און אויגן; געקאָפּעט מיט די פיס, און געבאַדזשעט מיטן קאָפּ. עס האָט נישט לאַנג געדויערט ווי אַ קופּע פויערים האָט זיך געוואַלגערט אין קרעמפּן אויף דער ערד. פישל האָט נישט געמאַכט מער קיין שהיות, און האָט גענומען אַנטלויפן צו דער זייט פון בית־המדרש. נאָר גראָד האָט דער רוח אָנגעטראָגן עפּעס אַ געזונטן פויער „אַ המן", וואָס האָט אַרויס־כאַפּנדיק אַ שווערע קלאָניצע פון וואָגן אַרויס, איז ער פישלען פאַרלאָפן דעם וועג. זיך פאַרמאָסטן מיט דער קלאָניצע טיף אונטער זיין אייגענער פלייצע, כדי אַז דער קלאַפּ זאָל זיין וואָס שטאַרקער. און מיט דער גאַנ־צער רציחה האָט דער „האָמאָן" זיך רָאָזמאַכעוועט איבערן פאַפּיראָסן־מאַכערס קאָפּ. נאָך אַ פערטל פון אַ סעקונדע ווען ער לאָזט די קלאָניצע אַראָפּ מיטן גאַנצן רָאָזמאַך, וואָלט דעם אָרעמען פישלס קאָפּ צעשמעטערט געוואָרן ווי אַן ערדן־טעפּל. אָבער אין דעם זעלביקן מאָמענט איז גראָד הערשעלע אָנגעלאָפן הינטערן פויערס פלייצע, און נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין דין־וחשבון, אַ שפּרונג געטאָן אין דער הויך, און האָט פונעם פויערס האַנט אַרויסגעשלאָגן די שווערע קלאָניצע.

דער בלינדער פישל האָט דאָס אַפילו נישט באַמערקט, ווארעם דער אימפּעט פונעם אַנטלויפן האָט אים געטראָגן ווי אין דער לופטן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט ווי ער איז שוין אַריבער די שוועל פון בית־המדרש, און ביים קופערנעם „כיור" איז ער געשטאַנען אַ גוטע האַלבע שעה, און האָט זיך אָפּגעוואַשן דאָס בלוט פון דער נאָז און פון דעם צעהאַקטן אויער. ובשעת מעשה איז ער געקומען צו אַ באַשלוס, אַז מער גייט ער נישט האַנדלען מיט קיין גויים. ווארעם אויב יונגע שטיפערישע יידן שלאָגן אים אין בית־המדרש, איז ער כאָטש בלויז נאָר טרוקענע קלעפּ, אמתדיק יידי־שע קלעפּ, אָבער צווישן די פויערים האָט מען דאָך אים שיעור נישט דער־מ'מיתט אויף טויט...

נאָר אָט האָט זיך איבערן מאַרק ז'ערהערט זעלדעלע דער קצבטעס קול: „יידן! ראַטעוועט! די שקצים דערהרגענען פייגעלעס ייִנגל, דעם ווויל־לערנער. זיי האָבן אים אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און טראַ־

טעווען אים מיט די פיס, און גאָט דער לעבעדיקער ווייסט, צי דאָס ייִנגל זשיפּיעט נאָך".

דערהערנדיק זעלדעלעס געשרייען, האָבן זיך די „ווילע יונגען" פון שטאָט אַ לאָז געטאָן ווי אַ כמאַרע, און האָבן גענומען אַזוי שלאָגן די צע־יושעטע פּויערים, אַז זייער בלוט האָט זיך גענומען גיסן ווי וואַסער. זאַנ־וועלע שמייסער האָט דער ערשטער אַרויסגעכאַפּט פונעם הויכן פּויער די קלאָניצע און האָט מיט איר צעבראָכן דעם פּויערס רעכטע האַנט. נאָך אים האָבן עטלעכע שוסטער־יונגען געקנאַקט מיט הילצערנע קאָפּיטעס איבער די פּויערישע פּיסקעס, אַז זייערע ווייסע ציינער זענען מיט אַ רויטן שוים אויסגעשפּיגן געוואָרן. די פּויערים האָבן געפּרוווט צו שטעלן אַ שטיקל ווידערשטאַנד, נאָר דערזעענדיק פון ווייטנס ווי עס לויפט אָן „נחמן פּרענט", און ווי ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך אויפן וועג דעם קורצן שפּאַנ־צער, האָבן זיי מיט אַ געוואַלד אויסגעשריען „אוצעקאַיטאַ" (אַנטלויפט!), זיך געלאָזט צו די פערד און וועגעלעך, און זענען אַנטלאָפן מיטן גרעסטן אימפּעט אַרויס פון אָשליאַכענטש.

„נחמן פּרענט" איז געווען אַ פערד־הענדלער, אָבער אין גאַנצן פּאָ־וויאַט אַרום און אַרום, האָט מען געוווסט, אַז אויב ער לייגט אָן אויג אויף אַ שיין פּריציש פערדל, גייט ער עס נישט קויפן, און אַז קיין שלאָס איבער אַ פּריצישער שטאַל איז נישט קיין באַוואָרעניש פאַר נחמן פּרענט". פאַר אים האָט מען געציטערט ווי פאַרן מלאך המות, מחמת דעם וואָס דער יונג האָט געהאַט אין זיך אַ גבורה אפשר פון צען אָקסן. (דעם נאָמען „פּרענט" האָט ער באַקומען, ווייל אַרום די לענדן האָט ער געהאַט אַ ביין, וואָס האָט אים אַרומגענומען גלייך ווי אַן אייזערנער פּרענט).

דערזעענדיק הערשעלען ליגן כמעט אָן אָטעם, האָט „נחמן פּרענט" אים אַ כאַפּ געטאָן אויף די אָרעמס, און האָט אים אַוועקגעטראָגן צו פּיי־געלען אַהיים, אין לאָמען וועלוועלעס הויז, נאָר אַ גאַנצן וועג האָט ז־ך ביי אים דאָס מגושמדיקע פּנים געקרימט און געפּאַלדעוועט פון גרויס כעס אויף די פּויערים. „אַזעלכע כאָלערעס — האָט ער געזאָגט מיט זיין דומפּיקער שטים — אָקעגן אַן איידל ייִנגל לויפן זיי אַלע. אָבער ווען עס

קומט צו אַ רעכטן קלאַפּ, אַנטלויפן זיי ווי די מייז, אַז אויסגעדישעט זאָלן זיי ווערן!"

נאָך איידער נחמן איז צוגעקומען צו דער שוועל פון פייגעלעס שטוב, האָט אַ האַלבע שטאָט ווייבער און קינדער שוין באַלאַגערט דעם לאָמען וועלוועלעס הייזל. אַזוי אַז „נחמן פרענט" האָט זיך קוים געקאָנט אַדורכפּאַקן צווישן זיי. דער עולם ווייבער האָט זיך געוואָלט נאָכלאָזן נאָך אים אין שטוב אַריין, נאָר נחמן האָט אַ רעווע געטאָן: „אַהיים, שליאָכעס!" און די ווייבער האָבן זיך אָפּגעטראָגן אַזוי גיך, ווי נאָר זייערע ביטשיזמעטע פיס האָבן געקאָנט לויפן. בלויז איין יאָסעלע, מינצס זינדל, איז שטיין געבליבן, און מיט אַ געבעט אין פּנים האָט ער אַרויסגעמורמלט: „לאָזט מיך אַריין ר' נחמן! איך בין הערשעלעס אַ געשוועסטערקינד". נחמן האָט אַ שמייכל געטאָן, און האָט פאַר אים געעפנט די טיר, נאָר באַלד האָט ער זיך מיישב געווען און אים צוריק אַרויסגעשטופּט, הייסנדיק אים בעסער לויפן און ברענגען איטשע דעם רופא.

— זאָג אים דאָרטן, דעם „קאַנעמאַכער" — האָט ער אים נאָכגעשריען — אַז ער זאָל די מינוט אַהערקומען, אויב ער קומט נישט צו לויפן אין איין מינוט, וועט אַ רוח לופּטערן זיין טאַטנס טאַטנס בינטל ביינער...

### זעכצנטער קאַפּיטל

## עלקע די רופאטע

עלקע, די פרוי פון איטשע רופא, אָדער ווי מען האָט זי אין שטעטל גערופן עלקע די רופאטע, איז אין יענער צייט שוין געווען אַ פרוי פון אַריבער פערציק, אָבער אויסגעזען האָט זי נישט עלטער פון עטלעכע און צוואַנציק. איר פּנים האָט געהאַט אין זיך אַ נאַטירלעכע יוגנטלעכע פרישקייט, איר שלאַנקע פיגור האָט ווי אויסגעלאַכט זיך פון די פאַרלאָפענע צוויי צענדליק יאָר. די קיצעכלאַפּעטע טשיזמעס, וואָס אַלע ווייבער אין שטעטל האָבן געטראָגן, האָט מען ביי עלקען נישט געזען. זי האָט געטראָגן הויכע און שמאָלע קאַמאַשעלעך מיט גומי־לעצלעך ביי די זייטן

און מיט הויכע טרעשטצענדיקע אָפּצאָסן. קיין שום גראָבע פּאַטשיילע האָט עלקע אַפילו אין די גרעסטע פּרעסט נישט גענומען אויף איר פּליי־צע. זי האָט בעסער געטראָגן אויף זיך אַ וואַרעמע וואָלענע פעלערינע, וואָס איז געלעגן ווי אויסגעגאָסן אויף איר הויכן און שלאַנקן קערפּער. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ שמאָל היטעלע מיט פּאַרבייגענע ראַנדן, אַזוי ווי עס פלעגן טראָגן די יונגע רוסישע אָפיצערקעס. די ווילע יונגען פלעגן איבערהויפט האַלטן פון איר גזשיבקעלע פון די אייגענע האָר, וואָס האָט אַראָפּגעוווּנקען פון איר הויכן ווייסן שטערן, מיט די צוויי שעלמישע באַטשקעס ביי די שלייפן, וואָס האָבן אויסגעזען אַזוי ווי פּיאַהלעך. היינט־זשע דאָס שטענדיקע שמייכעלע וואָס האָט געשרפּהט און אונטערגעצונדן דאָס בלוט, דערפון פלעגן יענע לייט אויסגיין. אָבער מער ווי דעם שמייכל האָט קיינער פון זיי נישט באַקומען. אין דער שטיל פלעגן אַרומגיין צווישן זיי מעשיות וועגן עלקעס ראָמאַנען מיט דעם און יענעם פון דער פּויליִ־שער אינטעליגענץ אין ליפּאָווע, אָבער הויך ריידן דערפון האָט מען מורא געהאַט, וואָרעם מען האָט געוווּסט, אַז דאָס שמעקט מיט גרויס געפאַר, ווייל דער נאַטשאַלניק־סטראַזשיע, זשעמסקי, איז איר באַשיצער.

פלוצים, טראָץ די אַלע זאַכן, איז עלקע די רופאטע געווען אַ „היימי־שער מענטש" אין די בעסטע יידישע הייזער פון שטעטל. וואָס דאַרף מען מער, אַפילו זעלדעלע די קצבטע האָט אויך געהאַלטן פון איר אַ וועלט. „דאָס דאַזיקע מענטש — פלעגט זי וועגן איר ריידן — איז עפּעס אַ מין פייער מיט וואַסער צוזאַמען. פון איין זייט איז זי אַ פאַרשייטע יידענע, אַ הולטייקע וואָס שפּיזט און ברענט מיט די אויגן ווי דאָס פייער פון גהינום, אָבער פון דער צווייטער זייט איז זי אַן אמתדיקע צדיקת, וואָס טוט אַזוי פיל גוטס אין שטאָט"...

זי פלעגט זייער פיל גוטס טאָן אין שטעטל. דאָרט ווו ס'איז געווען אַ קראַנקער און ווו ס'איז געווען אַ גייטבאַדערפטיקער, האָט עלקע שוין אַהינגעטראָגן פעטע יאַיכלעך מיט אַ האַלבן עוף, און אָנגעווונטשן אַז עס זאָל „ווויל באַקומען". אַ חוץ דעם האָט זי מיט אירע איינגעמאַכטסן אַ האַלב שטעטל דערקוויקט דאָס האַרץ. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען פון וואַנען זי נעמט אַזוי פיל צייט צו פרעגלען די טעפּ מיט מאַלינעס, קאַרשן

און וויינפערלעך, אַגרעס און פלוימען. אַ פולער בוידעם איז ביי איר גע־ווען אָנגעשטעלט מיט טעפּ איינגעמאַכטסן; מיט גאָנשיאַרס ווישניק, און יאַגדעס־סאָק. די גאָנשיאַרס האָבן געהאַט די קעפּ פאַרבונדן מיט ווייסע שמאַטקעלעך און געשטאַנען זענען זיי אין רייען, אַזוי ווי שורות זעלנער. און כאָטש וואָס ביי אַ סך באַלעבאָסטעס איז געשטאַנען אַן אייגענער יאַגדעס־סאָק, אָבער קוים איז ערגעצוו ביי עמעצן „לויז געוואָרן דער מאָגן", האָט מען געשיקט צו עלקען נאָך יאַגדעס־סאָק. עלקעס גאָנשיאַרס האָבן געגאָלטן אַלס אַ קוואַל פון רפואה.

עלקע די רופאטע האָט תמיד געגעבן די גרעסטע נדבה אין שטעטל, און תמיד ווען צוויי יידן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבערן שטעטל מיט אַ רויטער פאַטשיילע אין האַנט, זענען זיי דאָס ערשטע אַריין צו דער רופאטע, כדי זי זאָל מאַכן אַ גוטן „פּאַטשאָנטעק". היינט־זשע וויפל אָרעמע כלות האָט עלקע שוין חתונה געמאַכט אין שטעטל. אַז אַ יונג האָט זיך איינגע־שפּאַרט וועגן נדן, אָדער גלאַט אַזוי געוואָרפן אַן אומחן אויף זיין כלה, האָט מען אים אַרויפגעשלעפּט צו עלקען, און אַז עלקע האָט געזאָגט „האָב חתונה, דו יונגאַטש איינער", איז שוין דער יונג געגאַנגען צו דער חופה. עלקע איז דאָ געוואָרן די הויפּט־מחותנתטע, זי האָט שוין געשאַפן וואָס עס פעלט צו צום נדן, און זי האָט שוין באַשטעלט די כלי־זמרים; זי האָט גע־ריסן פון טויטע און פון לעבעדיקע, און אַ חתונה איז אויפגעשפּילט געוואָרן מיטן קנאַק...

אירע יאַיכלעך און געקאָכטער האַלבער־עוף האָבן אַפילו די פּרומסטע קראַנקע און די נויטבאַדערפטיקע לייט געגעסן, נישט מורא האָבנדיק פאַר „נישט־כשר". מען האָט געוווּסט, אַז עלקע האָט געווייקט דאָס פלייש אַ גוטע האַלבע שעה, און אין זאַלץ האָט זי עס געלאָזט ליגן אַ גאַנצע שעה, קיין איין מינוט נישט ווייניקער. אַפילו אין פּסח האָט מען אויך רואיק געגעסן פון אירע טעפלעך. מען האָט געוווּסט, אַז זי גליט און כשרט, קראַצט און סקראָבעט נישט ערגער פון דער פרומסטער יידענע אין שטאָט. וואָס דאַרפט איר מער? אָט איז טאַקע איינמאָל, זעלדעלע די קצבטע, גראָד פאַרבייגעגאַנגען ווו עלקע איז געשטאַנען פאַר איר מיט אַ קאָשער־שטיין און געאַרבעט איבער אַ טיש, אַז פונקען האָבן געשפּריצט. האָט זעלדעלע

זיך אַ וויש געטאָן מיט צוויי פינגער דאָס רויטע נעזל, און האָט אַ מורמל געטאָן: „נו? האַ? מ'עז וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז כאָטש די פּראַגער רביצן"...

***

ווען יאָסעלע, דעם נגידס בן־יחיד, איז צוגעקומען צו די צוויי מע־שענע טאָצן, וואָס זענען אָנגעקלאַפּט געווען ביי איטשע רופאס טיר, האָט דאָס האַרץ ביי אים גענומען זעצן ווי ביי אַ גזלן. שוין אַ צייט ווי ער חלשט אַריינצוגיין אַמאָל צום פעלדשער אין שטוב אַריין, אָבער ער האָט מורא געהאַט פאַר דער מאַמען. נאָר איצט, אַז „נחמן פרענט" האָט אים געשיקט רופן דעם פעלדשער צום האַלב־טויטן הערשעלע — וועט דאָך די מאַמע שוין נישט זיין בייז. אָבער דאָך קלאַפּט ביי אים מוראדיק דאָס האַרץ. ער ציטערט פאַר דער הויכער און שיינער פעלדשערקע, וואָס וועט אים זיכער אָנמעסטן מיט אַ בליק, פון וועלכן ער וועט צעמישט ווערן, אַזוי ווי עס האָט פּאַסירט עטלעכע מאָל, ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט איר בליק אויף דער גאַס...

ער גרייט זיך צו מיט די ערשטע ווערטער: אַריינקומענדיק וועט ער זאָגן: ווו איז ערגעץ ר' איטשע? וועט זי אים זיכער פרעגן „צו וואָס דאַרפסטו מיין מאַן?" וועט ער איר ענטפערן, אַז ר' איטשע זאָל שוין אַהינלויפן צו דער מומע פייגעלע, און ראַטעווען איר זון הערשעלע. אַזוי האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט צו זאָגן. און מיט אַ געמאַכטן כוח איז ער אַריינגעגאַנגען אין דער האַלב־אָפענער טיר. גראָד אָבער איז קיינער אין שטוב נישט געווען, וואָרעם, איטשע רופא, האָט אויף דער גאַס שוין גע־הערט וואָס ס'איז געשען מיט הערשעלען, איז ער אַהינגעלאָפן מיטן קעסטל באַנקעס און פּיאַווקעס, און אַנדערע פעלדשערסקע מכשירים, וואָס ער האָט געטראָגן מיט זיך פון אַ קראַנקן. עלקע ווידער איז אין יענער מינוט געווען אויפן בוידעם, וואַהין זי האָט געהאַט אַרויפגעטראָגן אַ נייעם גאַנ־שיאַר מיט ווישניק.

ווען עלקע איז צוריק אַראָפּגעקומען פונעם בוידעם, האָט זי געטראָפן יאָסעלען שטיין ווי צוגעוואַקסן צום פּאָרטרעט פונעם רוסישן קייזער צו־זאַמען מיט דער קייזערינע, וואָס האָט געהאַנגען אויף דער וואַנט. יאָסע־

לעס אויגן זענען געווען ברייט געעפנט, און האָבן זשעדנע געשלונגען די נאַקעטע הענט מיטן „דעקאָלטע” פון דער קייזערינע. יאָסעלע האָט אַזאַ זאַך נאָך קיינמאָל נישט געזען. וואָרעם ביי אַלע ווייבער און מיידלעך פון אַשליאַכענטש זענען די אַרבל געווען לאַנג ביז צו די פינגער און די בלוזע איז געווען פאַרקנעפּלט ביז אונטער דער גאָמבע.

יאָסעלעס בליק האָט געגישטערט און געגישטערט ביים שפּיץ פונעם דעקאָלטע. דאָרטן ווו ס'איז געזעסן אויף צו־להכעיס אַ גאָלדענע בראָש מיט בריליאַנטן. יאָסעלע האָט מאַנעווורירט מיט די אויגן צו איין זייט בראָש און צו דער צווייטער, טאָמער וועט ער דאָך קאָנען עפּעס דערזען פון הינטער דער בראָש. ער איז געווען אַזוי פאַרטראַכט, אַז ער האָט אַפילו נישט געהערט עלקעס טריט, ווען זי איז אַריין אין שטוב.

— וואָס האָסטו זיך דאָרטן אַזוי פאַרקוקט „יינגעלע”? געדענק, אַז די אויגן וועלן דיר נאָך וויי־טאָן...

יאָסעלע האָט אַ צאַפּל געטאָן, דערהערנדיק עלקעס קול, אָבער אַ נס וואָס זי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, נאָר זי איז אַריין אין קיך, זיך אָפּוואַשן די הענט, נאָכן אַרומפּאָרען זיך ביי די ווישניק־פּלעשער אופן בוידעם. יאָסעלע איז דערווייל געקומען צו זיך, און מיט אַ פאַרפּלאָמט פּנים האָט ער צו דער ווידער־אַריינקומענדיקער פעלדשערקע, מעשה דערוואַקסענער מענטש, אַ ווייז געטאָן מיטן פינגער אויפן פּאָרטרעט:

— איך וואָלט געווען אַ בעלן צו וויסן וויפל אַ שטייגער איז ווערט אַזאַ בראָש מיט די בריליאַנטן?...

די פעלדשערקע האָט זיך הויך צעלאַכט:

— וואָס? דו דאַרפסט עס זייער נייטיק וויסן?

— גלאַט אַזוי!

— גלאַט אַזוי? — פרעגט זיך איבער די פעלדשערקע מיט אַן אָנגעצונדן געלעכטערל.

— יאָ! אַוודאי, וואָס דען?

— וואָס דען? — ברומט די פעלדשערקע איבער זיינע רייד און דערביי גיט זי אים אַ שמיר מיט דער האַנט איבערן פּוכקען בעקל, צוברומענדיק:

— „אוי איז דאָס אַ ממזרניק"... אַזאַ קליינער יאַט און שוין אַ ממזרניק..

— איך בין נישט אַזוי קליין — באַליידיקט זיך יאָסעלע און נעמט אַרויס פון קעשענע אַ פעקל פּאַפּיראָסן, גרייט צו פאַרויכערן.

— דו רויכערסט שוין פּאַפּיראָסן — שמייכלט פאַרפּירעריש די פעלד־שערקע — פּאַפּיראָסן רויכערסטו שוין? ביזט דאָך נאָך גאָר אַ סמאַר־קאַטש!...

— איך בין נישט קיין סמאַרקאַטש! — לאָזט ער זיך נישט — איך בין שוין אַלט מער ווי פערצן יאָר. שוין מער ווי אַ יאָר ווי איך לייג תפילין.

— דו לייגסט תפילין און דו קוקסט אויפן דעקאָלטע פון דער קיי־זערינע? — לאַכט צו אים די פעלדשערקע און גיט אים אַ קניפּ איבערן צוקערדיק־פוכקן בעקעלע, אַז דעם ייִנגל גיט זיך אַזש אַ דריי אינעם קאָפּ, נאָר אומצופאַלן.

— קנייפּט נישט! — מורמלט ער מיט פאַרלאָפּענע אויגעלעך — איך בעט אייך, קנייפּט מיך נישט...

— מען טאָר נישט קנייפּן? — לאַכט ווייטער די פעלדשערקע, און גיט אים צום צווייטן מאָל אַזאַ קניפּ, אַז די פינגער־צייכנס בלייבן דעם ייִנגל אויף דער באַק. — נו, זאָג, קליינער, מען טאָר נישט קנייפּן?...

— פאַרוואָס זאָל מען נישט טאָרן?... — מורמלט ער אַ פאַרחלש־טער — פאַרוואָס זאָל מען נישט טאָרן?...

— אוי איז דאָס אַ ממזרניק! — קייכט פון לאַכן די פעלדשערקע, אַז די גזשיווקע אויפן שטערן און די באַטשקעלעך ביי די שלייפן טאַנצן אַזש אונטער — אוי איז דאָס אַ ממזרניק...

***

די גאַנצע צייט, וואָס הערשעלע איז געלעגן אין בעט, און איטשע רופא האָט אים קורירט, איז יאָסעלע געווען אין זיבעטן הימל. אַלע עט־לעכע טעג, האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט צו קומען צו איטשע רופא אין שטוב, אַמאָל דריי האָט עס פּאַסירט, אַז דער רופא איז נישט געווען גראָד

אינדערהיים, נאָר בלויז די רופאטע, איז יעדעס מאָל, ווען זי האָט אים נאָר דערזען, האָט זי געלאַכט צו אים מיט איר פאַרפירעריש געלעכטערל, און דעם קניפּ וואָס זי האָט אים געגעבן אין באַק, איז געווען מיט אַזאַ פרעסערישקייט, גלייך ווי זי וואָלט אַריינגעשטאָכן די ציין אין אַ פריש זאַפטיק עפּעלע, נאָרוואָס אַראָפּגעריסן פונעם בוים.

יאָסעלע פלעגט אַ פאַרכליניעטער פונעם קניפּ מורמלען: „קנייפּט מיך נישט".

זי פלעגט אים קייכנדיק איבערפרעגן: „מען טאָר דען נישט?" און דערויף פלעגט ער ווידער מורמלען: „פאַרוואָס זאָל מען נישט טאָרן?" און ביי יעדן ווייטערן קניפּ האָט די פעלדשערקע געמאַכט טאַנצן די גזשיוועקע מיט די באַטשקעס, און פליסטערן שטיל:

— אוי, איז דאָס אַ ממזרניק... אוי, איז דאָס אַ ממזרניק...

איינמאָל אין אַ וואָכנטאָג, אַ זייגער עלף פאַרמיטיק, ווען יאָסעלע איז אַריינגעקומען צום פעלדשער אין שטוב — איז דער פעלדשער ווידער נישט געווען אין דער היים, און אויך די פעלדשערקע איז נישט געווען אונטן, ווייל זי האָט זיך אויף איר שטייגער אַרומגעפּאָרעט אויפן בוידעם ביי אירע ווישניק־גאָנשיאָרס און ביי די סלאָיעס מיט די איינגעמאַכטסן.

יאָסעלע האָט אַ הוסט געטאָן, און באַלד האָט ער דערהערט דער פעלדשערקעס קייכנדיקן געלעכטערל, ווי זי רופט אים אַרויף צו זיך:

— קום אַרויף ממזרניק, וועל איך דיך מכבד זיין מיט אַ גוט ביסל איינגעמאַכטס.

יאָסעלע האָט גדלותדיק פאַרדרייכערט אַ פּאַפּיראָס, און מיט שנעלע טריט איז ער אַרויפגעלאָפן אויפן בוידעם.

די ערשטע זאַך וואָס די פעלדשערקע האָט געטאָן, איז געווען אַרויסצורייסן פון יאָסעלעס מויל דעם פּאַפּיראָס, און פאַרטרעטן אים מיטן הויכן אָפּצאַס פון איר שוך. „אויף אַ בוידעם, וואָס איז פול מיט שטרוי — האָט זי געשריען — רויכערט מען נישט, וואָרעם מען קאָן נאָך אָנמאַכן אַ שריפה". שפּעטער האָט זי דאָס האַלב־צעמישטע יינגל אָנגעזעצט נעבן זיך אויף אַ הויכן שטרוי־געבעט, און געפּאַקט אים אין מויל אַריין לעפעלעך איינגעמאַכטס. דערביי האָט זי אים אויך געקניפּן די בעקלעך. יאָ־

סעלע איז דערפון געוואָרן נאָך מער צעמישט, דער קאָפּ האָט ביי אים געסמאַליעט ווי אויף הייסע קוילן, און אין דער האַלב־טונקלקייט פונעם בוידעם, האָבן זיינע פינגער געזוכט אין אַ קעלער ווי זוכנדיק ערגעץ אַ פּלאַץ, וואָס ביי דער רוסישער קייזערינע איז עס געווען באַדעקט מיט דער גרויסער ברילליאַנטענער בראָש. די פעלדשערקע האָט שטיפעריש גענומען אים קלאַפּן איבער די יונגע הענטעלעך, אָבער באַלד האָט זי מיט דער היץ פון אַ צערייצטער קאַבילע גענומען רייסן פון אים שטיקער. זי האָט אים געקושט און געביסן, געגלעט די האָר און די אויגן, און צוגעדריקט זיין דורשטיק מויל צו איר אָפענעם בוזעם...

פלוצים האָט זי אַרום זיך דערזען אַ געדיכטן רויך. מיט איין שפּרונג איז זי צוריק געשטאַנען אויף די פיס און צורעכט־מאַכנדיק אירע צעקנאָ־דערטע און אויפגעפּראַלטע קליידער, האָט זי גענומען צוטרעטן מיט די פיס דאָס רויכערנדיקע שטרוי, שרייענדיק צום יינגל, אַז ער איז אַ סמאַר־קאַטש, און אַז מיט זיין פּאַפּיראָס האָט ער אונטערגעצונדן דאָס שטרוי.

דער אויף טויט דערשראָקענער יאָסעלע איז אַראָפּגעלאָפן נאָך אַ קענדל וואַסער, ער האָט אָבער נישט באַוויזן אויסצוזוכן די וואַסער־קאַן, ווי די פעלדשערקע איז שוין געשטאַנען אונטן און נישט מיר איר קול האָט זי געשריען:

— געוואַלד, יידן, ראַטעוועט! עס ברענט!...

— געוואַלד, עס ברענט! — האָבן צענדליקער אַנדערע קולות אונ־טערגעכאַפּט.

יידן און יידענעס פון די שכנותדיקע הייזער האָבן גענומען לויפן פּאַקן די זאַכן אין זייערע הייזער און „נחמן פּרענט" איז דער ערשטער אַריינגעלאָפן אין קאַשציאַל, און האָט צעהוידעט דעם סאַמע שווערסטן גלאָק און יענע האָט גלייך צעשיקט איבערן שטעטל דעם צעשלעפּטן יאָ־מערדיקן שריפה־געקלאַנג! באַ־אַם! באַ־אַם! באַ־אַם! באַ־אַם! באַ־אַם...

## זיבעצעטער קאַפּיטל

# די שריפה

דער ערשטער איז געקומען צולויפן אין מאַרק אַריין דער סטראַזשניק וואַסיליעוו. ווען ער האָט דערהערט דעם „באַ־אַם־באַ־אַם"־געקלאַנג, איז ער גלייך אַרויסגעלאָפן פון שטוב, און דערזעענדיק די פייער־צונגן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון צווישן די רויך־קנוילן איבער אייזיקלס דאַך, האָט ער געכאַפּט עטלעכע יונגען מיט שקצים, וואָס זענען אים אונטער־געקומען אונטער דער האַנט, און מיטן געשריי „זאַ מנאַי סוקיני דיעטי" (קומט מיט מיר, הינטישע זין), איז ער מיט זיי צוגעלאָפן צום ראַטהויז און געגומען אַרויספירן פונעם פייערלעשער־צימער די דריי פּעסלעך אויף רעדלעך, תמיד גרייט אָנגעפּילט מיט וואַסער, אָבער דאָס וואַסער דאָרטן איז הפנים שוין לאַנג אויסגעטריקנט געוואָרן, ווייל ווי נאָר מען האָט די פּעסלעך דעם ערשטן שלעפּ געטאָן, זענען זיי באַלד צעפאַלן געוואָרן אויף קלעפּקעס.

דער צעבייזערטער סטראַזשניק האָט די פּעסלעך אָנגעשאָלטן אין „זייער מאַמען אַריין", און צודריקנדיק מיט דער לינקער האַנט די מאַ־סיווע שייד פון זיין שווערד, וואָס איז דער צייכן פון זיין מאַכט איבערן שטעטל, האָט ער זיך גענומען ענערגיש צו דער רעטונגס־אַרבעט, וואָס איז באַשטאַנען פון טופּען מיט די פיס און קוויטשען אויף רעכטס און אויף לינקס. זיינע באַליבטע זידלווערטער „סוקין־סין" און „פּראָכוואָסט" האָבן ביי אים נישט אויפגעהערט אַפילו אויף איין מינוט. אַז עמעץ איז נישט אַזוי שנעל געלאָפן מיטן עמער וואַסער, איז „סוקין־סין"; און האָט עמעץ אויף אַ סעקונדע זיך אָפּגעשטעלט ביים שלעפּן אַ שווערן לייטער, האָט דער סטראַזשניק אַזוי לאַנג געטופּעט מיט די פיס: „סוקין־סין", „פּראָ־כוואָסט", אַז יענער האָט גלייך צוריקגעכאַפּט דעם לייטער און איז שנעל אַנטלאָפן.

דער נאָענטסטער פּלאַץ צו דער שריפה איז געווען דער פּלומפּ פונעם מ'יטן מאַרק, האָט דער סטראַזשניק אַהין אָנגעיאָגט אַן עולם יידן און מיט זיינע געשרייען „סוקיני דיעטי", האָט ער פון זיי ממש די נשמה אַרויס־

געיאָגט: „שנעל, סוקיני דיעטי! שנעל פּלומפּעווען! שנעל!...״ פון זייַן שרייען און ליאַרמען איז ער שוין געוווען הייזעריק „ווי די וואַנט״. אָבער דאָס ערגסטע איז געווען דאָס, וואָס אויך דער פּלומפּ איז געוואָרן „הייזעריק״. פונעם צו־האַסטיקן פּלומפּעווען במשך אַ גוטער שעה צייט, האָט זיך די אייזערנע האַנט פונעם פּלומפּ אַראָפּגעלאָזט אַזוי ווי להבדיל אַ פּאַראַליזירטע מענטשן־האַנט, און האָט נישט געקאָנט מער אַרויפּברענגען אַפילו קיין איין טראָפּן וואַסער. האָט וואַסיליעוו דער סטראַזשניק, מיט אַ הייזעריקן געשריי „פּראָכוואָסט״, אַליין אַ כאַפּ געטאָן די אייזערנע האַנט פונעם פּלומפּ, און האַסטיק איר אויפגעהויבן אין דער הויך, אָבער יענע האָט מיט אַ בייזן גרילץ זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט, פּאַרקלעמענדיק דעם סטראַזשניקס עטלעכע פינגער, און דאָס בלוט האָט גענומען רינען ביי אים פון הינטער די נעגל.

דער סטראַזשניק האָט די צעביילטע פינגער איינגענעצט אין דער וואַסער־קאַלוזשע נעבן פּלומפּ; האָט אויסגעשפּיגן מיט כעס, און מ׳יט אַ נייעם געשריי „סוקין־סין״־„פּראָכוואָסט״, איז ער אַוועקגעלאָפן צום מאַרק, דאָרטן וווּ יידן האָבן געצויגן ביי די פלעקער פונעם גרויסן ברונעם־ראָד עמערס מיט וואַסער. דער סטראַזשניק האָט ווידער גענומען קאָמאַנדעווען מיט זיין הייזעריקער שטימע: „סוקיני דיעטי! פּראָכוואָסטי, סקאָרעיע!״, וואָס עס האָט געמיינט, אַז מען זאָל שנעלער און שנעלער אַרויפּברענגען פונעם ברונעם דאָס וואַסער. עס האָט אָבער אויך דאָ נישט געדויערט לאַנג, ווי פונעם צו־שנעלן דרייען דעם ברונעם־ראָד, האָט די אייזערנע קייט זיך איבערגעבראָכן. דער אָפּגעריסענער עמער מיטן וואַסער האָט אינמיטן וועג געמאַכט אַ קאָזשעלעק, און מיט אַ הילכיקן פּליעסק איז ער אַריינגעפאַלן אין וואַסער אַריין.

בינו לבינו האָט דאָס פייער זיך צעבושעוועט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. פון דער גאַס ווו אייזיקלס הויז איז געשטאַנען, האָט זיך די שריפה פּלוצים אַ וואָרף געטאָן אַזש צו דער שול־גאַס. קייַלעכדיקע און צעלאָזענע קנוילן רויך האָבן זיך הויך אויפגעהויבן און דערגרייכט ביז צום פאַררויטלטן הימל. און די אויסגעטריקנטע יידישע שינדל־דעכער, יענע וואָס פלעגן אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג קנאַקן פון פראָסט, האָבן

איצט טויזנט מאָל מער געקנאַקט אונטערן פייער, צעגליטע שויבן האָבן מיט אַ בייזער רויטקייט זיך צעשפּאָלטן און אַרויסגעפּאַלן, איבערלאָזנ־דיק אַ פרייען פלאַץ פאַר די נאָכיאָגנדיקע פייער־צונגען. ווענט האָבן זיך געהויבן אין טויטער אַנגסט, און דיקע שוואַרץ צעסמאַליעטע באַלקנס האָבן זיך פון בכבודיקע הויכן מיאוס אַראָפּגעגליטשט, שפּריצנדיק מיט גסיסה־פונקען, צווישן אַ געדיכטן רויך...

— גענואַלד, יידן, ראַטעוועט די ספרי־תורה׳ס!

און יידן, וואָס האָבן דערהערט דעם דאָזיקן פאַרצווייפלטן געשריי, האָבן שטיין געלאָזט זייערע אייגענע פּעקלעך בעטגעוואַנט מיט אַנדערע בעבעכעס, און האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די קנוילן רויך, וואָס האָבן שוין אַרומגענומען די ברענענדיקע שטאָט־שול. מיט פאַרשלאָסענע אויגן פונעם געדיכטן רויך, האָבן זיי צווישן די פאַרסמאַליעטע שטענדערס זיך דער־שלאָגן צום אָרון־קודש. דאָס פייער אַרום האָט געשרפהט מיט ווילדער רציחה, און דער רויך האָט געשטיקט דעם אָטעם נאָר אַנידערצופאַלן, אָבער יידן האָבן זיך „מוסר־נפש" געווען, און מיט בריענדיקע פינגער, פון וועלכע די נעגל זענען אַזש אָפּגעשפּרונגען, האָבן זיי אויפגעריסן דאָס טירל פונם אָרון־קודש, אַרויסגעראַטעוועט די ספרי־תורהס און זיי אַוועק־געטראָגן ווייט־ווייט, אַזש ביז צום בית־עולם. פלוצים האָבן אויפן טורעם פונעם פוילישן קאָשציאָל זיך באַוויזן ווייסע טויבן, ווייבער האָבן געזען דערין אַ גוטן סימן, און מען האָט עס אויסגעטייטשט, אַז די טויבן טראָגן אין זייערע שנאָבעלעך טראָפּנס וואַסער צום לעשן די שריפה...

מילא, אויף וויפל די טייבעלעך האָבן געלאָשן דאָס פייער, האָט עס קיינער מיט זיינע אויגן נישט געזען, אָבער צוזאַמען מיט די טייבעלעך האָבן זיך פונעם שאָסיי אַ לאָז געטאָן מיט אַ ליאַרעם און געטראַסק די ליפּאָווער פייערלעשער, אונטער דער קאָמאַנדע פונעם נאַטשאַלניק סטראַ־זשי, וועלכער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ מעשענע קאַסקע, אַזוי ווי עס טראָגן די פייערלעשער אין די גרויסע שטעט. אויף זיין באַפעל, האָבן גע־זונטע שקצים אַריינגעלאָזט אַ גומענע רער אינעם ברונעם, און אַרבעטנ־דיק אַרום אַ רויט־גלאַנצנדיקער שיקאַווע, האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט דאָס וואַסער מיטן גרעסטן אימפּעט, און עס געלאָזט אויף די ברענענדיקע דע־

כער. אויך ביים פלומפּ האָט מען געעפנט אַ ברעט, וואָהין מען האָט אַריינגעלאָזן אַ גומענע רער פון אַ צווייטער רויט־גלאַנציקער שיקאָווע. דאָס פייער האָט אונטערן געדיכטן רויך אַרויסגעלאָזט אַן אונטערטעניקע סיקעריי, ווי איינער זאָגט: געווען אַ פריילעכע הוליאַנקע, אָבער מער לאָזט מען נישט...

ווען ס'איז געוואָרן נאַכט, האָט איבערן שטעטל זיך צעלייגט אַ ברוי־דיק רויטער הימל און אַ פאַרדושעטער רויך. דאָ און דאָרטן האָבן פאַר־סמאַליעטע האָלץ־שטיקער זיך געוואָרפן. און צווישן זיי האָבן אַרויס־געסטאַרטשעט ציגל־קוימענס וואָס זענען אויסגעוואַקסן צו אַ ווּיסטער פינצטערער הויך, שטייענדיק אויף צוויי אומגעלומפּערט־צעשפּרייטע פיס.

אַ האַלב שטעטל איז אַוועק מיטן פייער, און ווען דאָס אומגליק האָט געטראָפן, האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט די אַרויסגעראַטעוועטע בע־בעכעס אויפן ליידיקן פעלד ביים בית־עולם. מען זיצט משפחותווייז, און צום וויפלסטן מאָל וואַרפט אַ יידענע איבער מיטן בליק איר ביסל קליינ־וואַרג, צי זענען דאָ אַלע נעבן איר, און מען דאַנקט דערפאַר דעם באַשע־פער פאַר זיין חסד. מען דאַנקט אויך גאָט פאַרן חסד, וואָס נאָכדעם ווי די שול איז אַוועק מיטן רויך, איז כאָטש דער „בית־המדרש" געבליבן.

און דערווייל האָבן זיך באַוויזן פורן מיט שפּייז. יידן פון אַרום און אַרום, פון ריבנאָווע, פון סקאַרמישעווו און פון וואַלניצע האָבן אָנגעפירט פריש־געבאַקן ברויט. מען האָט אויך געבראַכט צו פירן קאַנען מילך, צי־בעלעס, אוגערקעס, קאַרטאָפל און רעטעכער. אַפילו שקאַרמיצן זאַלץ האָט מען נישט פאַרגעסן מיטצוברענגען. אַביסל שפּעטער זענען אויך אָנגעקו־מען ליפּאָווער יידן, און געבראַכט גאַנצע פעק ליילעכער מיט קאָלדרעס. אַנדערע האָבן געבראַכט שטיקער גראָבן לייוונט. די נשׂרפים האָבן אָפּגע־בראָכן גראָבע צווייגן פון די אַרומיקעביימער און מיט זאַק־נאָדלען האָט מען צונויפגענייט די לייוונט און צוזאַמען מיט די צווייגן און שטריק זיך אויסגעמייסטערט אויף גיך ביידלעך, און ווייב מיט קינדער שלאָפן גע־לייגט.

פלוצים האָבן זיך צווישן די קוימענס דערהערט געוואַלד־געשרייען. דאָס האָט דער הויכער מנשה גאַרבער דערזען איטשעלע סאַנדאָוויק, ווי

ער שאַרט זיך בגנבה פונעם ליפּאָוועך שאָסיי צו די טליענדיקע חורבות. האָט דער גאַרבער אַ רעווע געטאָן: „וואָס טוסטו דאָ, דו אונטערצינדער?“ און נישט וואַרטנדיק אויף איטשעלעס ענטפער, האָט ער אים אַ כאַפּ געטאָן ביי די לאַצן, און פּונקט אַזוי ווי מען כאַפּט אַ האָן און מען שלעפּט אים צו כפּרות־שלאָגן, אַזוי האָט ער איטשעלען צוגעשלעפּט צום ערשטן טליענדיקן הויז. ער מוז — זאָגט ער — איטשעלען אַריינוואַרפן אַ לעבעדיקן אינעם פייער, וואָס ער אַליין האָט געמאַכט...

איטשעלע האָט געשריען: „געוואַלד, יידן! ראַטעוועט!“ און האָט געשווירןביים חלק „עולם הבא“, אַז ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן. בסך־הכל, זאָגט ער, איז ער פאַרטאָג נאָך אַוועק פון שטוב קיין ליפּאָווע, צום „פּראָשעניע־שרייבער“. נאָכמער האָבן די דאָזיקע ווערטער אויפגערעגט די „נשרפים“. דער אַלטער זיינוועלע גאָרגל האָט געזאָגט, אַז אַ ייד וואָס לויפט תמיד צו די סאָנדעס און צו „פּראָשעניע־שרייבער“ איז נישט באַגלייבט, אַפילו ווען ער שווערט ביים „חלק־עולם־הבא“.

— וואָס פאַר אַ „חלק־עולם־הבא“? — האָט מנשה גאַרבער געדערנערט מיט זיין גראָבער שטימע — אַ גוטע ניכפּה האָט ער, נישט קיין „עולם־הבא“. וואָרעם ווער דען האָט אונטערגעצונדן די שטאָט, ווען נישט איטשעלע? האָט ער דען נישט טויזנט מאָל אין טאָג געשאָלטן דעם טויטן שוועך, עליו־השלום, פאַרוואָס צוליב יענעמס צוואה מוז ער זיצן אין די הינטערשטע צוויי שטובן, און נישט אין פראָנט...

— נישט קיינער, ווי נאָר איטשעלע האָט געמאַכט דעם „בורא מאורי האש“! — האָט זיין וואָרט אַריינגעוואָרפן שמואל ברוך דער מלמד. וואָרעם אין זיין שווערס צוואה איז דאָך פאַראַן אַ פּונקט, אַז נאָכן איבערבויען פונעם הויז דאַרף איטשעלע באַקומען אַ האַלבן פראָנט.

— אַ „מיתה משונה“ וועט ער שוין האָבן ביי אונדז, נישט קיין פראָנט! — האָבן עטלעכע „נשרפים“ מיט די פויסטן גענומען שלאָגן איטשעלען ווו נאָר די הענט האָבן דערגרייכט. איטשעלע האָט געשריען, געוויינט און געבעטן רחמים, אָבער די קלעפּ זענען געפאַלן אויף אים וואָס אַמאָל האַסטיקער און האַסטיקער.

פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ הויכער ווייבערישער קוויטש:

— גוואַלד, יידן! שלאָגט נישט! איטשעלע איז נישט שולדיק! איך שווער אייך, אַז ער איז נישט שולדיק, דאָס האָב איך אומגערן אַ פונק פון אַ פּאַפּיראָס פּאַרלאָזט אויפן בוידעם צווישן שטרוי... איך האָב פאַרלאָזט דעם פונק! איך... איך!...

אַזוי האָט עלקע די רופאטע געקוויטשעט, און האָט אַרויסגעשלעפּט דעם צעבלוטיקטן איטשעלע פון צווישן די אויפגעהייבענע פויסטן.

— ביסט אַ מבין, ווי מען קאָן אַמאָל האָבן אַזאַ טעות — האָט זיך ווי פאַרענטפערט שמואל ברוך דער מלמד — אומזיסט אומנישט האָט מען גענומען אַן אומשולדיקן יידן נעבעך, און אַזוי געשלאָגן. נאָך ווייניק איין צרה — די שריפה — נאָ דיר נאָך אַ צווייטע צרה — געשלאָגן נעבעך אַן אומשולדיקן ייד...

מנשה גאַרבער האָט אויך געוואָלט זיך פאַרענטפערן, האָט עלקע די רופאטע אַ געשריי געטאָן, אַז בעסער זאָל ער העלפן אָוועקטראָגן איטשעלען צו זיין פאָטערס שטוב, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ גאַנץ געבליבענער געסל. האָט דער גאַרבער אַ כאַפּ געטאָן איטשעלען אויף די הענט, און אַליין אַוועקגעטראָגן אים צום לאָמען וועלוועלעס שטוב. עלקע די רופאטע האָט אונטערגעלייגט אַ קאָלדרע אויף אַ שלאָפבאַנק אונטער אי־טשעלען, און מען האָט אים גענומען ראַטעווען...

די קלעפּ וואָס איטשעלע האָט אַריינגעכאַפּט אין דער ערשטער בהלה זענען אָבער געווען צו־שטאַרקע. פונעם מויל האָט זיך ביי אים אַ לאָז געטאָן אַ שטראָם בלוט, און עס איז קוים מעגלעך געווען אָפּצושטעלן. אַ דערשראָקענער האָט מנשה גאַרבער אַ געשריי געטאָן, אַז מען דאַרף ברענגען דעם דאָקטאָר פון ליפּאָווע. פון ערגעץ אַ קעשענע האָט ער אַרויסגע־שלעפּט אַ זילבערנעם רובל און אַוועקגעלייגט אויפן טיש, אַז שוין זאָל מען צו איטשעלען ברענגען דעם דאָקטאָר, נאָר איטשעלע האָט עס נישט געלאָזט.

— ברענגט נישט דעם דאָקטאָר — האָט ער מיט אַ הייזעריק קול זיך געבעטן — נישט געגוג אונדז דער אומגליק מיט דער שריפה, דאַרף מען נאָך האָבן צו טאָן מיט אַ גויישן דאָקטאָר? יענער וואָלט דאָס גלייך דערציילט דעם סליעדאָוואַטעל... איך וויל נישט, אַז מען זאָל שלעפּן יידן

צום קרימינאַל. לאָזט מיך אָפּ. און וואָס גאָט וועט מאַכן מיט מיר וועל איך עס נעמען פאַר ליב.

אַזוי האָט איטשעלע גערעדט, און פון די דאָזיקע רייד איז דעם עולם אַרום אים געקומען טרערן אין די אויגן...

— נו? — האָט איינער צום צווייטן געזאָגט — זעסט שוין וואָס עס מיינט אַ ייד? האָט דער רב פון שטעטל אויפגעכאַפּט די דאָזיקע ווערטער מיט אַ פרומער מינע, און אַ זאָג געטאָן, אַז אוודאי איז „ר׳ איטשעלע אַ ווילער ייד".

אַז דער עולם האָט דערהערט, ווי דער רב אין שטאָט רופט אָן אי־טשעלען מיטן נאָמען „רב איטשעלע", האָבן אַלע אים שוין נישט גערופן אַנדערש. מען איז צוגעקומען צום בעט פונעם חולה מיט אַ „גוט מאָרגן רב איטשעלע", און „אַ וואָס מאַכט איר גוטס, רב איטשעלע?" האָט עס איטשעלען אַ גרויסע הנאה געטאָן, און אַ צופרידענער שמייכל האָט צע־שטראַלט דאָס צעגליטע פנים...

איטשע רופא האָט אויסגענוצט פאַר איטשעלען אַלע זיינע קענט־שאַפטן אין דער מעדיציניִשער וויסנשאַפט. אַ חוץ באַנקעס טאָג אויף טאָג, האָט ער אים אויך צוגעקלעפּט אַ גאָרטשיצע־פּלאַסטער צו דער פּלייצע, און נאָך דעם ווען דער רויטער פלאַם האָט זיך אַביסל באַרואיקט, האָט ער אים צוגעלייגט אַ שפּאַנישע פליג. די שטאָט אַליין האָט אויך נישט געשוויגן. מען האָט צום חולה געבראַכט גאַנצע טעפּ מילך, פריש פון דעם געמעלק, מיט שטויסן פּוטער, האַרט ווי שטיין. הייבט־זשע הינערשע יאַיכ־לעך מיט אייער און האָניק, מחמת דעם, וואָס לויט איטשע רופאס רע־צעפּט, האָט דער קראַנקער געמוזט דריי מאָל אין טאָג אויסזופּן אַ גלאָז מילך מיט האָניק און פּוטער. אָבער דאָס אַלץ האָט דעם קראַנקן נישט געשטעלט אויף די פיס.

עס זענען אַוועק זעקס וואָכן, און אַז דער עולם האָט געזען, אַז מיט איטשעלען האַלט עס זייער שלעכט, איז דער עגמת־נפש אין שטאָט גע־וואָרן „אין לשער". דאַקעגן דער חולה אַליין האָט זיך געהאַלטן זייער רואיק. ענדלעך האָט ער געבעטן דעם רב פון שטאָט, ווען ער איז געזעסן ביי זיין בעט, אַז ער זאָל מיט אים זאָגן „ווידוי". דער רב האָט מיט אַ

שמייכעלע געזאָגט, אַז מיט גאָטס־הילף, ר׳ איטשעלע וועט איר האָבן אַ רפואה שלימה. אָבער „ווידוי״ מאַכט קיינמאָל נישט אויס צו זאָגן. וואָרעם אַ ייד זאָגט דאָך אויך יעדן טאָג ביים דאַווענען די ווידוי.

נאָך דעם ווידוי האָט איטשעלע געזאָגט דעם רב, אַז ער איז מוחל במחילה גמורה די אַלע וואָס האָבן אים געשלאָגן, וואָרעם זיי האָבן דאָך נישט געוווסט דעם אמת. און מיט אַ שמייכעלע האָט ער צוגעגעבן: „ווי שטייט עס דאָרט, הייליקער רב, ביי „כל־נדרי״: „עס זאָל ווערן פאַרגעבן די זינד פונעם פאָלק, ווייל זי איז געווען אומגערן״. דער רב האָט דעם גוססדיקן איטשעלען אַרויסגעהאָלפן: „ונסלח לכל עדת בני ישראל ולגר הגר בתוכם כי לכל העם בשגגה״. איטשעלע האָט מיטן לעצטן אָטעם עטלעכע מאָל נאָכגעזאָגט דאָס וואָרט „בשגגה״, און אַזוי האָט ער אויס־געהויכט די נשמה...

***

בינו לבינו האָט מען זיך געכאַפּט אין שטעטל, אַז מען מוז אַ טראַכט טאָן וועגן אַ תכלית, וואָרעם ווינען אין דרויסן קאָן מען נישט, און אַ פייער־קאַסע וועט דאָך באַצאָלט ווערן, האָט מען האַסטיק גענומען אָפּצו־רוימען די חורבות. די גאַנץ געבליבענע ציגל זענען אָוועקגעלייגט געוואָרן אין אַ זייט. זיי וועלן צוניץ קומען צום געבוי. און די צעבראָכענע שטיק־לעך מיטן אַש און שאַרבענעס האָט מען אַרויסגעפירט.

און דערווייל האָט יחיאל יאָסעלעס, אָנגעפירט אין שטעטל אַריין אַן אַ שיעור געהילץ פון דעם רודער וואַלד. פויערישע פורלעך האָבן געשלעפּט דיקע פירקאַנטיקע האָלץ־סלופּעס מיט לאַנגע קראָקוועס און ברעטער פון אַלערליי מאָסן, און פון צעגעלניעס האָט מען פריש־געבאַקענע ציגל גע־בראַכט. אין פירקאַנטיקע גריבער האָט זיך געליאַסעוועט קאַלך, געבלעזלט זיך שוימיק און מיט אַן אַלאַבאַסטער־ווייסקייט אַנטשוויגן געוואָרן. פויע־רישע צעשלער האָבן געאַרבעט מיט לאַנגע שאַרפע העק, איינשפּייענדיק די הענט, און יידישע סטאָליאַרעס האָבן געזעגט און געהובליעוועט, און פון גרויסע פּאַפּירענע בייטלען האָט מען אַרויסגענומען אַלערליי טשוועקעס און אין דעם געהילץ זיי אַריינגעכמאַליעט. ס׳האָט נישט לאַנג גע־דויערט ווי אויך דער קורצפיסיקער יאַנקעלע שינדלמאַכער האָט זיך באַ־

זעצט מיט די בנים אויפן דאַך און געפּיגעווען שינדלען אויסגעקלאַפּט אַ שורה איבער אַ שורה. און נאָכדעם ווי דער הויכער רפאל גלעזער, האָט די שויבן אַריינגעשטעלט אין די פענצטער, איז שטוב געוואָרן שטוב, און ווען מען האָט אָנגעקלאַפּט די מזוזות ביי די טירן, איז די שטוב געוואָרן אַ יידישע שטוב.

איין זאַך איז געווען אין שטעטל אַ גרויסער שאָד, וואָס דער נגיד בערישל מינץ איז פון זיי אַוועק. וואָרעם ווען דאָס פייער האָט נאָר אָנ־געהויבן שטאַרק זיך צו פאַרשפּרייטן, האָט מען ביים נגיד איינגעשפּאַנט די קאָטש און די דריי בריטשקעס, און מען האָט אַלץ אַריבערגעפירט קיין ליפּאָווע, אין נייעם הויז, וואָס איז גראָד מיט אַ וואָך צוריק אויסגעפּאַר־טיקט געוואָרן.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דעם נגידס הויז אין אָשליאַ־כענטש האָט נישט געליטן. פון דער ווייטער שריפה האָבן נאָר עטלעכע שויבן געפּלאַצט אין די פענצטער, און אין דער גרויסער פראָנט־שטוב זע־נען פונעם רויך די ווענט אַביסל פאַרשמאַליעט געוואָרן. האָט מען עס געלאָזט צוריקברענגען אין אָרדענונג, און דעם נגידס איידעם נפתלי שטיינבערג האָט זיך דאָרט באַזעצט.

איבער גאַנץ קרוין־פּוילן האָט זיך הויך־צעקלונגען די ידיעה, וועגן בערישל מינצס אַריבערפאָרן פון אָשליאַכענטש קיין ליפּאָווע. דער נאָמען „מוצלח", מיט וועלכן בערישל מינץ איז תמיד געווען געקרוינט, איז איצ־טער געוואָרן אָן אַ שיעור גרעסער. אַ ייד זאָל האָבן אַזאַ גאָלדן מזל. אַז אָט האָט אויסגעבראָכן אַ שריפה אין זיין שטאָט, און אָט שטייט שוין גרייט אַ הויז, אַ פּאַלאַץ אין ליפּאָווע. באַלד איז אויך דערגאַנגען די ידיעה, אַז דאָס אויפשטעלן אַ פּאַלאַץ אין ליפּאָווע, איז געשען אַדאַנק דעם אָנזאָג פונעם לושינער רבין מיט אַ יאָר צוריק.

לושינער חסידים האָבן עס געהאַלטן פאַר זייער רבינס אַ נבואה און פרעמדע חסידים האָבן אויך געמוזט מודה זיין, אַז עס איז געווען פון לו־שינער רבינס זייט אַ ווייטער קוק...

## אַכצנטער קאַפּיטל
# יאָסעלע

ווען יאָסעלע האָט דערזען, אַז פון זיין פּאַפּיראָס אויף דער פעלד־שערקעס בוידעם איז געוואָרן אַ שריפה, האָט ער עס זיך אַזוי גענומען צום האַרצן, אַז נישט אַנדערש ווי נאָר לויפן און דערטרינקען זיך.

אין דער גרויסער מהומה צוליב דער שריפה, האָט קיינער זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף דעם, וואָס דעם נגידס מוזיניק לויפט ווי אַ האַלב־צעמישטער צו דער בריק־גאַס. יאָסעלע איז געלאָפן אין איין אָטעם ביז אַריבער דער בריק, נאָר אַראָפּנידערנדיק דעם משופּעדיקן צוגאַנג ביז צום ברעג טייך, האָט דאָס אָנזען פונעם וואַסער אים אַביסל אויסגעניכטערט.

ביים טייך איז, צוליב דער שריפה אין שטאָט, נישט געווען קיין לעבעדיקער מענטש. יאָסעלע האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן גראָז ביים וואַסער און האָט גענומען וויינען מיט ביטערע טרערן. אַ ייִנגל וועמען מען האָט במשך זיינע פערצן יאָר געהאַלטן אין דער גרעסטער ווילטאַג, און קיינמאָל האָט ער נישט געוווּסט וואָס אַזוינס עס מיינט זאָרג, איז איצט געזעסן ביים טייך, פול מיט זאָרג און פאַרצווייפלונג.

— געוואַלד, וואָס טוט מען איצט? — האָט דער יונגער מוח ביי אים געאַרבעט — די פעלדשערקע וועט דאָך זיכער אַלעמען דערציילן, אַז דאָס איז ער דער שולדיקער, און אַז זיין פּאַפּיראָס האָט עס אונטערגעצונדן די שטאָט. עס וועלן קומען זשאַנדאַרמען פון ליפּאָווע, די זעלביקע זשאַנדאַרמען וואָס האָבן פאַראַיאָרן אַרויסגעשלעפּט מעכעלע גנב פון שטוב מיט אַן אייזערן קייטעלע אויףביידע הענט...

און פלוצים האָט ער דערהערט טריט פון יענער זייט בריק. דאָס זענען מענטשן פון דער בריק־גאַס אָנגעלאָפן אַהער מיט קאַנען און עמערס, כדי אָנצוגרייטן וואַסער אויב חלילה דאָס פייער זאָל צוקומען צו זייערע הייזער. נישט געבנדיק זיך קיין רעכענונג, האָט ער מיטן אינסטינקט פון אַ געיאָגטער חיה גענומען אַנטלויפן פון דאָרט. ער איז געלאָפן און גע־לאָפן, ביז ער האָט זיך דערזען נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע, וואָס האָט זיך געפונען ביי אַ דאָרף, אַ דריטהאַלבן וויאָרסט (קילאָמעטער) פונעם

שטעטל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען און גענומען מאַכן אַ שטיקל פּלאַן. ער מוז אַוועק ערגעץ אין דער וועלט אַריין. אינעם בייטעלע פון דער רעכטער הויזן־קעשענע האָט ער געהאַט ליגן זיינע אייגענע דריי רובל מיט קאָפּיקעס, און אַ חוץ דעם האָט ער נאָך געהאַט גאַנצע פופציק רובל, וואָס דער טאַטע האָט אים געגעבן אין דער פרי, אָפּצוטראָגן צו זיין אַמאָליקן מלמד, רבי איטשע לייזערן, מחמת דעם וואָס איידער האָדל איז אַ כלה געוואָרן, האָט מען געשיקט איטשע לייזערן קיין לובלין צו פּרוּוון דעם חתן אין לערנען.

איבערציילנדיק נאָכאַמאָל דאָס געלט, האָט יאָסעלע באַשלאָסן, אַז מיט דריי און פופציק רובל קאָן מען פאָרן קיין אַמעריקע. ווו אַמעריקע און וואָס אַמעריקע — איז אים דערוויל נישט געווען קלאָר, נאָר איין זאַך האָט ער געוווסט, אַז ער מוז וואָס שנעלער אַוועקפאָרן פון דאַנען, און פאָרן מוז ער ביז צום וויטסטן אָרט, וווּאַהין דער אָנקומענדיקער צוג וועט דערגיין. ער האָט אַ פרעג געטאָן ביים גוי וואָס איז געשטאַנען ביים באַן־גלאָק וווּאַהין עס גייט דער צוג. און הערנדיק, אַז דער צוג גייט ביז סאָס־נאָוויצע, איז ער שנעל צוגעלאָפן צו דער בילעטן־קאַסע און האָט געקויפט אַ בילעט דריטע קלאַס קיין סאָסנאָוויצע.

ווען גאָלדעלע די נגידותטע האָט ביי דער שריפה נישט געזען לעבן זיך יאָסעלען, האָט זי געמאַכט אַ גוואַלד: גאָט דער לעבעדיקער ווייסט צי דאָס קינד איז נישט אומגעקומען חלילה אינעם פייער. נאָר באַלד האָט מען איר דערציילט פון אַלע זייטן, אַז מען האָט דאָס ייִנגל ערשט נישט לאַנג געזען לויפן צו דער בריק — איז ער דאָך זיכער אַוועקגעלאָפן מיט די פופציק רובל קיין חאַרטשין, צו זיין אַמאָליקן מלמד, ר׳ איטשע ליי־זערן. נאָר ווען צומאָרגנס אין דער פרי איז דאָס ייִנגל נאָך אַלץ נישט געקומען, איז דער סטאַנגרעד סטאַשעק אַרויסגעפאָרן מיט דער נגידישער ברישקע קיין חאַרטשין. נאָך עטלעכע שעה איז סטאַשעק צוריקגעקומען מיט דער ליידיקער בריטשקע: דער „יונגער פּאַן" — זאָגט ער — איז אין חאַרטשין נישט געווען, נישט נעכטן און נישט היינט. איז מען ביים נגיד געוואָרן שטאַרק אומרואיק. מען האָט גלייך אַרויסגעשיקט מענטשן מיט בריטשקעס און מיט געדונגענע פורן אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך און

דערפֿער. נאָר ווען אַלע שליחים זענען צוריקגעקומען מיט גאָרנישט, האָט זיך בערישל געכאַפּט, אַז ער טאָר זיך מער נישט שעמען מיט זיין אומגליק פֿאַרן רבין. האָט ער גענומען און גלייך אַוועקגעשיקט אַ דעפּעשע צום רבין קיין לושין. דריי טעג שפּעטער איז אָנגעקומען אַ בריוול פֿון רב משה נחמן דעם הויפּט־גבאי, אַז „ער זאָל לעבן" הייסט זיך נישט שרעקן, וואָרעם מיט השם יתברכס הילף וועט זיין אַלדאָס־גוטס, און אַז ער בעט, אַז ווען ס'וועט קומען די בשורה טובה פֿון הבחור יוסף בן־גאָלדע, זאָל מען אים געבן צוויסן, און מאָלט אייך, אַז באַלד אויף צומאָרגנס איז אָנגעקומען אַ פּאָסטקאָרטל פֿון יאָסעלען פֿון אַ פּלאַץ וואָס הייסט מאַנדזשעווו, אַז ער לעבט און איז געזונט, און אַז ער פֿאָרט קיין אַמעריקע...

ווו דאָס שטעטל מאַנדזשעוו געפֿינט זיך, האָט מען נישט געוווּסט, איז מען געגאַנגען צום גויישן אַפּטייקער, און יענער האָט אויסגעזוכט אין זיינע ביכער, אַז דאָס שטעטעלע מאַנדזשעוו געפֿינט זיך ביי דער דייטשער גרענעץ. דאָס רוסישע סאָסנאָוויץ פֿון איין זייט, און פֿון דער צווייטער זייט געפֿינט זיך די דייטשע שטאָט קאַטאָוויץ.

בערישל מינץ האָט באַלד אַרויסגעשיקט דעם איידעם נפתלי שטיינבערג קיין מאַנדזשעוו, און צוריקגעקומען איז נפתלי מיט גאָרנישט. מען האָט אים — זאָגט ער — דאָרטן צונויפגעפֿירט מיט אַ גרענעץ־שמוגלער, וועמען ער האָט באַצאָלט פֿינף רובל, און נאָך צוויי שעה האָט יענער אים געבראַכט אַ תשובה, אַז אַ ייִנגל וואָס האָט אויסגעזען אַזוי און אַזוי, איז מיט צוויי טעג פֿריער אַריבער די גרענעץ...

בערישל מינץ האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַ באַקאַנטן פֿון די וואַרעם־בעדער, איינער ר' יחזקאל אונגער, אַ חסידישער גביר אין קאַטאָוויץ, האָט ער צו אים דעפּעשירט, ער זאָל למען השם אויפֿזוכן זיין ייִנגל. איז אָנגעקומען צוריק אַ דעפּעשע פֿונעם יידס פֿרוי, אַז איר מאַן איז נעבעך שטאַרק קראַנק, און שוין דריי וואָכן ווי ער קאָן נישט פֿאַרלאָזן דאָס בעט.

האָט בערישל מינץ אַרויסגעשיקט דעפּעשן מיט בריוו אין אַלע עקן וועלט, אָבער קיינער האָט פֿון יאָסעלען נישט געוווּסט, נישט געזען און נישט געהערט. איז בערישל אַליין אַוועקגעלאָפֿן קיין לושין צום רבין, מיט

אַ געוואַלד: „הילד איננו ואני אנא בא״. נאָר דער רבי האָט אים באַרו־איקט, אַז מען קאָן גאָרנישט וויסן דעם רבונו של עולמס וועגן. עס שטייט „כי כאדם עץ השדה״. דאָס מיינט, אַז אַ מענטש איז פּונקט ווי דער בוים פון פעלד. פּונקט ווי פון אַ בוים טראָגט אַמאָל דער ווינט אַוועק אַ ברע־קעלע זוימען צו ווייטע מרחקים, און דערפון וואַקסט דאָרט אַרויס אַ נייער בוים, אַזוי געשעט אויך מיט אַ מענטש, וואָס טיילמאָל לויפט אַוועק אַ קינד אין מרחקים און עס ווערט פון אים דאָרט אַ גרויסער מענטש...

אַזוי האָט דער רבי געזאָגט צו זיין חסיד, בערישל מינץ. אָבער יענער איז פון רבינס שטוב אַרויסגעקומען מיט אַן איינגעהויקערטער פּלייצע און מיט אַ צעבראָכן געמיט...

ניינצנטער קאַפּיטל

## הערשעלע רייסט איין הימלען...

ווען הערשעלע האָט געהערט, אַז איטשע לייזער איז געשיקט געוואָרן קיין לובלין, כדי צו פּרווון אַ חתן פאַר האַדלען, איז ער דערפון געוואָרן שטאַרק צערודערט. האָדל איז אַזוי פיל אַריין צו אים אין האַרצן, אַז ער האָט זיך פּשוט נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ער וועט קאָנען לעבן אָן איר. גאָלדעלע, וועלכע האָט מיט איר מאַמע־אינסטינקט שוין לאַנג געהאַט אָנגעשמעקט וואָס דאָ קומט פאָר, האָט מיט אַלע וועגן זיך באַמיט, אַז האָדל זאָל זיך מיט „פייגעלעס יינגל״ נישט טרעפן. זי האָט דאָס מיידל צוגענומען אינגאַנצן צו זיך, און האָט איר נישט אַרויסגעלאָזט אַליין אויף קיין טריט. אומעטום איז זי מיט איר געגאַנגען, אָבער ווי אויף צו־להכעיס האָט פּאַסירט, אַז „פייגעלעס יינגל״ (אַזוי האָט הערשעלע ביי איר גע־הייסן) איז עטלעכע מאָל איר אַנטקעגנגעקומען מיט האַדלען, ממש „נאָז צו נאָז״...

גאָלדעלע, מיט איר איינגעבוירענער ערלעכקייט, האָט פיינט געהאַט בחינם חושד צו זיין וועמען עס איז. אגב, האָט זי דאָך אַליין געזען, ווי דאָס יינגל האָט, ביים צופעליקן טרעפן זיך מיט זיי, שטיין געבליבן בלאָס

ווי קאַלך, און מיט שנעלע טריט האָט ער זיך געאײַלט צו אַנטלויפֿן. אָבער פֿון דער צווייטער זייט ווידער האָט זי געזען, ווי האָדלען האָבן זיך מאָדנע ברייט צעעפֿנט די נאָזלעכער, און מיט אַן אויפֿגעציטערטקייט האָבן אירע אויגן שאַרף נאָכגעקוקט דעם ייִנגלס אַוועקלויפֿן, ביז ער איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן פֿונעם בליק.

איינמאָל האָט זי אַ ברום געטאָן אויף דער טאָכטער מיט כּעס: „זע נאָר אויף וואָס מען פֿאַרקוקט זיך"... דערויף האָט האָדל אַ פֿאַררויטלטע צוריקגעענטפֿערט: „וואָס וויל די מאַמעשי? הערשעלע איז דאָך נישט קיין פּרעמדער, און נאָך דערצו קאָן ער דאָך אַזוי גוט לערנען, און אַזוי גוט שרייבן, די גאַנצע שטאָט רימט אים"...

נאָך דער שׂריפֿה, ווען די רייכע משפּחה איז אַריבער קיין ליפּאָווע און הערשעלע איז געבליבן מיט זיין מוטער אינעם קליינעם אַלקיער, אין לאָמען וועלוועלעס הייזל, האָט גאָלדעלע פֿרייער אָפּגעאָטעמט. נאָר אָט איז פֿייגעלע עפּעס קראַנק געוואָרן, און הערשעלע איז געקומען צולויפֿן קיין ליפּאָווע נאָכן דאָקטאָר צו זיין מאַמען, איז אויפֿן וועג צום דאָקטאָר פּונקט אים אַנטקעגנגעקומען האָדל, און האָט אָנגעהויבן אים אויסצופֿרעגן וועגן וואָס ער איז געקומען.

הערשעלע האָט איר דערציילט, אַז די מאַמע זיינע איז עפּעס נישט מיט אַלעמען, און אַז איטשע רופֿא האָט פֿאַר איר אויסגענוצט אַלע זיינע היימישע מיטלען, און היינט האָט ער אים אַהערגעיאָגט נאָכן דאָקטאָר.

גראָד האָט גאָלדעלע דערבליקט פֿונעם פֿראָנט-פֿענצטער, ווי איר טאָכטער האָט עפּעס אַ גאַנצן שמועס מיט פֿייגעלעס ייִנגל. האָט זי צו זיך אַליין אַ ריטש געטאָן: „זע נאָר, זע נאָר, ער לויפֿט איר שוין נאָך אַזש קיין ליפּאָווע"? און מיט איין שפּרונג איז זי אַראָפּ פֿון אַלע ניינצן טרעפּ. אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס האָט זי דערזען דעם ייִנגלס אויסטערלישע בלייכן פּנים, און דער כּעס האָט זיך ביי איר אויסגעלאָשן. אָבער איידער זי האָט געקאָנט כאַפּן וועגן וואָס דאָס ייִנגל האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט איר האָדלען, האָט זי מיט אַ פֿאַרזאָרגטער מינע אַ זאָג געטאָן: „די מאַ־מעשי האָט געהערט? די מומע פֿייגעלע איז דאָך נעבעך זייער שלאַף. הער־שעלע איז טאַקע געקומען נאָכן דאָקטאָר". האָט גאָלדעלע מיט אַ פֿרומער

מינע געוווּנטשן אַ רפואה שלימה און האָט אַפילו צוגעזאָגט, אַז נאָך היינט וועט זי לאָזן אָוועקשיקן צום רבין — זאָל געזונט זיין — אַ קוויטל מיט אַ פּדיון, אַז ער זאָל אויסבעטן די „רפואה שלימה".

האָדל איז אַוועק אַהיים מיט דער מוטער. נאָר אויף די טרעפּ האָט זי זיך מיט עפּעס פאַרטשעפּעט דעם פוס, אַזוי אַז די מוטער האָט איר קוים אָפּגעראַטעוועט פון אַנידערפאַלן.

— איך ווייס נישט, — האָט גאָלדעלע זיך געבייזערט שטיל — מיט וואָס דו ביסט אַזוי פאַרטראַכט, אַז דו זעסט אַפילו נישט ווי דו גייסט...

אויף צומאָרגנס האָט גאָלדעלע געהאַט עפּעס איבערצורעדן מיט דער עלטערער טאָכטער, שפרינצל שטיינבערג, וועלכע איז געבליבן וווינען אין אַשליאַכענטש. האָט זי מיטגענומען מיט זיך האָדלען. ווען זי האָט מיט שפרינצלען שוין אַלץ געהאַט פאַרענדיקט, האָט זי האָדלען דאָרט איבער־געלאָזט, און אָנגעזאָגט האָט זי איר, אַז למען השם זאָל זי פון דאָרט נישט אַרויסגיין, ביז וואַנען זי אַליין וועט נאָך איר קומען. זי וויל זיך אַריבער־כאַפּן צו פייגעלען נישט מער ווי אויף אַ פערטל שעה, כדי צו זען איר און הערן וואָס דער דאָקטאָר האָט נעכטן געזאָגט. גאָלדעלע האָט אָבער נישט באַוויזן רעכט זיך אַנידערצוזעצן אין פייגעלעס אַלקיער, ווי די טיר האָט זיך געגעבן אַ פּראַל אויף און האָדל איז אַריינגעקומען. זי וויל — זאָגט זי — אויך זען וואָס די מומע פייגעלע מאַכט.

ביי גאָלדעלען האָט זיך דאָס פּנים אָנגעצונדן רויט ווי פייער, אָבער באַלד האָט זי זיך באַהערשט, און מיט אַ געמאַכטער ווייכקייט האָט זי אַ זאָג געטאָן: „דו זעסט, פייגעלע, אויך מיין האָדל איז דיר געקומען ווינטשן אַ „רפואה שלימה". אויף פייגעלעס אויסגעדאַרטער הויט פון פּנים האָט זיך באַוויזן אַ צופרידענע גרימאַסע, און האָט אַ פרעג געטאָן ביי האָדלען וואָס מען הערט ביי איר עפּעס נייעס.

— ביי מיר וואָס מען הערט? — האָט האָדל אַרויסגעוואָרפן פון מויל ווערטער קאַלטע ווי אייז — דער טאַטעשי מיט דער מאַמעשי האָבן שוין אויסגעזוכט אַ „חתן" פאַר מיר. די ווערטער „אַ חתן פאַר מיר" האָט זי מיט אַ ביטערקייט לאַנג צעצויגן און נאָכדעם געוואָרפן אַ ליידנדיקן בליק אויף הערשעלען...

הערשעלע איז געוואָרן בלאַס ווי קאַלך. ער האָט מיט די אויגן געזוכט צו כאַפּן האָדלס אַ בליק, אָבער ס׳איז אים נישט געלונגען, וואָרעם יענע האָט די לאַנגע ווײַסע עקשנותדיק אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן־אַפּלען, און אָנהאַלטנדיק זיך אין דער מוטערס האַנט, איז זי מיט אַ שטילשטילן „אַ גוטן טאָג״ אַרויס פון שטוב. זינט דעמאָלט האָט ביי הערשעלען דאָס האַרץ זיך מער שוין נישט באַרואיקט. איצטער האָט ער שוין בפירוש געזען, אַז האָדל וויל נישט, אַז מען זאָל איר ברענגען אַן אַנדערן חתן, איר האַרץ זעט ער איז מיט אים. נישט מיט קיינעמען נאָר מיט אים, נאָר דאָס וואָס זי איז שוואַך אַקעגנצושטעלן זיך דעם ווילן פון די רייכע טאַטע־מאַמע. הערשעלע האָט זיך דערמיט אַזוי איבערגענומען, אַז מער וועגן עפּעס אַנדערש האָט ער שוין נישט געקאָנט טראַכטן. נאָכמער, ער האָט אין די נעכט נישט געקאָנט רואיק שלאָפן, צוליב די „חלומות אויף דער וואָר״ וואָס האָבן אים באַהערשט...

אין פייגעלעס קליינעם אַלקיער איז ווי געווײנלעך ביינאַכט פינצטער, ווייל דאָס פּיצל קנייטעלע ביים קליינעם נאַכט־לעמפּל איז אַראָפּגעדרייט ביזן לעצטן, און מען זעט נישט אַרויס דאָס פינטעלע פייער פון אונטן. איז טאַקע גוט ווען ס׳איז רואיק אויף דער נשמה און מען קאָן איבערשלאָפן די עטלעכע שעה, מיט אַלערליי לייכטע געזונטע חלומות, אָבער ביי הערשעלעס איצטיקן צושטאַנד קאָן ער פון אַ געזונטן שלאָף מיט געזונטע חלומות נישט געניסן. ער ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגן, אָבער דער שלאָף איז ביי אים אויסגעמישט מיט דער וואָר. זיין קראַנקע פאַנטאַזיע האָט נישט צו טאָן מיט עפּעס אַנדערש ווי נאָר אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו האָדלען. עס דוכט זיך אים, אַז ער זעט ווי האָדל שטייט דאָרטן אין ליפּאָווע, און טענהט מיט איר מוטער, אַז זי וויל נישט קיין אַנדערן חתן נאָר אים. זי וויל — זאָגט זי — הערשעלען, וועלכן די מאַמע האָט אַליין געזאָגט, אַז ער קאָן אַזוי גוט לערנען און שיין שרייבן. אָבער די מאַמע איז איינגעשפּאַרט ווי אַ שטיין. זי וויל אַפילו דערפון נישט הערן. די מאַמע זאָגט איר, אַז נישט זי און נישט דער טאַטע זאָל לעבן וועלן דאָס דערלאָזן. און דערווייל זענען די וואָכן געגאַנגען, און דער שידוך פון לובלין איז מיט מזל געשלאָסן געוואָרן. אין בית־המדרש האָט מען גע־

רעדט, אַז נח גרעגער, דער לובלינער לאַנד־שדכן, האָט פאַרדינט אַ מטמון מיט געלט שדכנות. איז הערשעלע אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער, און די שלאָפלאָזע נעכט האָבן אים געמאַטערט זייער שטאַרק. איינמאָל אין אַזאַ נאַכט האָט זיך אים געדוכט, אַז ער הערט ווי האָדל וויינט, און אַז ער זעט אירע ביטערע טרערן. אַז זי קומט צו אים, ציט אויס צו אים אירע איי־דעלע שמאָלע הענטלעך, און בעט אים, אַז ער זאָל איר ראַטעווען... הער־שעלע — אַזוי שרייט זי צו אים — דו ביסט דאָך אַ פרום יינגל, טאָ בעט זשע גאָט פאַר אונדז ביידע. זאָג תהילים, אַז דער לובלינער שידוך זאָל אָפגיין. שווייג נישט, הערשעלע, שווייג נישט, רייס איין אַלע זיבן הימלען, וואָרעם איך וויל נאָר דיך, נאָר דיך, און אויב מען וועט מיך מ׳יט געוואַלד פירן מיט אַן אַנדערן אונטער דער חופה, וועל איך מיט אים בלויז אָפּ־פּינצטערן מיינע יאָרן, וואָרעם מיין האַרץ איז נאָר פאַר דיר, הערשעלע, איך וויל נאָר דיך, נאָר דיך, נאָך דיך, הערשעלע!

הערשעלע איז אַראָפּ פון געלעגער, אָפּגעגאָסן די הענט מיט „נעגל־וואַסער" און האָט זיך אָנגעטאָן. באַלד האָט זיך אויך פייגעלע איבערגע־וועקט. זי האָט אויפגעדרייט דאָס קליינע קנייטעלע ביים לעמפּל, און גע־כאַפּט אַ בליק אויפן זייגער.

— הערשעלע! — האָט זי מוטערלעך אַ רוף געטאָן — הערשעלע! ס׳איז דאָך ערשט האַלב צוויי ביינאַכט. צו וואָס האָסטו זיך שוין אויפ־געכאַפּט?

— גיי, לייג זיך צוריק, מאַמע! — האָט הערשעלע מיט ליבשאַפט איר צוגעפירט צו איר געלעגער. — דו, מאַמע, זאָגט ער, האָסט נישט קיין נויטווענדיקייט זיך אויפצוכאַפּן אַזוי פרי. אָבער איך מוז שוין אַוועק־גיין — אין בית־המדרש אַריין. ער האָט אָפּגערעדט, זאָגט ער, מיט אַ חבר, אַז זיי זאָלן ביידע איצטער צוזאַמען לערנען אַ שיעור.

ציט פייגעלע צוריק אַרונטער דאָס אויסגעדאַרטע גופל אונטער דעם אַלטן אויסגעבליאַקעוועטן איבערבעטל, און בעט הערשעלען, למען השם נישט צו פאַרגעסן, ביים אַרויסגיין, צוריק אַראָפּצודרייען דאָס קנייטל פון לעמפּל.

אין בית־המדרש איז נאָך קיינער נישט געווען, אַ חוץ דער בלינדער

פישל, דער פּאַפּיראָסן־מאַכער, וועלכער איז געלעגן אין די מלבושים אויף אַ האַרטער באַנק, הינטערן קאַכעדיקן אויוון, און האָט געכראָפּעט ווי פון אַ מעשענעם טראָמפּייט אַרויס. הערשעלע האָט אַרויסגעדרייט דעם איינציק ברענענדיקן לאָמפּ, און האָט זיך אַוועקגעזעצט זאָגן תהילים. פונעם העל־אָנגעצונדענעם לאָמפּ און פונעם אומעטיקן תהילים־זאָגן, האָט דער בלינ־דער פישל זיך אויפגעכאַפּט, און איז צוגעקומען צו הערשעלען:

— וואָס עפּעס, הערשעלע? — פרעגט פישל קראַצנדיק זיך פאַרשלאָ־פענערהייט — די מאַמע דיינע איז חלילה נישט געזונט?

— ס׳איז גאָרנישט, פישל, גיי צוריק שלאָפן!

— אַז דו, הערשעלע, זאָגסט תהילים, מוז דאָך עפּעס זיין — פינטלט פישל מיטן זעענדיקן אויג. — מילא, וועל איך צוזאַמען מיט דיר זאָגן תהילים. איך וויל דיר צוהעלפן!

— דו גאָר גייסט מיר צוהעלפן, פישל?

— דו ווייסט דאָך, הערשעלע — גרויסט זיך פישל — איך בין אַ יתום, און אַ יתומס תהילים איז ביי גאָט — אַ־ה־אָ!

— גיי שלאָפן. פישל — בעט זיך הערשעלע ביי אים — גיי, גיי שלאָפן!

— איך גיי נישט שלאָפן! — שרייט פישל אויף אַ הויך קול — ניין, ניין! גאַנץ תהילים וועל איך אויסזאָגן פאַר דיינעטוועגן, הערשעלע, דו האָסט דאָך מיך אָפּגעראַטעוועט דעמאָלט זונטיק, לעבן קאָשציאָל. גאַנץ תהילים זאָג איך אויס פון דיינעטוועגן.

אַזוי האָט גערעוועט פישל. ער איז צוגעלאָפן צום לאַנגן ברעט מיט אַלטע „שמות״, האָט דאָרטן אויסגעזוכט אַ תהילימל, און גענומען זאָגן פונעם ערשטן קאַפּיטל אָן. ער האָט אַזוי אָפּגעזאָגט גאַנצע אַכט קאַפּיט־לעך, נאָר אין סוף פון ניינטן קאַפּיטל איז ער איינגעשלאָפן מיט אַ ווילדן כראָפּען און פייפן מיט דער נאָז...

הערשעלע האָט אַ בליק געטאָן, און האָט אויפגעכאַפּט, אַז פישל איז שטיין געבליבן ביי די ווערטער „כי לא הנצח ישכח אביון״. וואָס מיינט, אַז נישט אויף אייביק וועט דער אָרעמער פאַרגעסן ווערן, האָט ער דאָס אָנגענומען פאַר אַ גוטן סימן פאַר זיך. אויב נישט פאַר אַ רמז פון הימל...

צוואַנציקסטער קאַפּיטל

## אַשליאַכצענטש קאַכט ווי אַ קעסל

שוין פערטהאַלבן חדשים ווי בערישל מינץ וווינט אין ליפּאָווע, אָבער פאַר אַשליאַכצענטש הייסט ער נאָך אַלץ זייער שטאָטישער גביר, און דאָס שטעטל אינטערעסירט זיך מיט אַלץ וואָס האָט מיטן גביר אַ שטיקל שייכות.

וועגן גבירס „תכשיט" יאָסעלען, ווייסט מען דאָס, וואָס מען האָט געהערט פון נפתלי שטיינבערגס מויל. איינמאָל האָט ער דערציילט, אַז דאָס יינגל האָט זיך עפּעס שטאַרק דערשראָקן פון דער שריפה, און איז ערגעצווו אַוועקגעפאָרן, און מן הסתם וועט ער היינט־מאָרגן צוריק אַהיימקומען. אַז ס'זענען אָבער אַוועק וואָכן און וואָכן, האָבן מייַטשן וואָס האָבן אַ צוטריט צום בעל־גאווהדיקן נגידישן איידעם, אים ווידער אַ פרעג געטאָן, צי ס'איז שוין דאָ אַ שטיקל ידיעה פון יאָסעלען, האָט ער גענומען פינטלען מיט די נאַרישע אויגן און דרייען מיט דער צונג, אַז יאָסעלע איז גאָר אַוועקגעפאָרן קיין לאָמזשע אין דער ישיבה אַריין. האָט אָבער איינער אַ טשעקאָווער ייד אין שטעטל, וואָס זיין יינגל לערנט גראָד אין דער לאָמזשער ישיבה, גענומען און אַוועקגעשיקט צום זון אַ פּאָסטקאַרטל, אַז למען השם ער זאָל אים שרייבן, צי געפינט זיך אין דער ישיבה דאָרטן דעם גביר בערישל מינצס יינגל, יאָסעלע? האָט נאָך דריי טעג יענער טשעקאָווער ייד שוין געהאַלטן אין בית־המדרש צווישן מנחה און מעריב דעם זונס בריוול, און איז געגאַנגען פון באַנק צו באַנק, און האָט אַלעמען געגעבן צו לייענען וואָס זיין יינגל שרייבט אים, אַז דעם גבירס יינגל, יאָסעלע, האָט אין דער ישיבה אַפילו נישט אָנגעהויבן צו זיין.

די אויפגעדעקטע ליגנס פונעם גבירס איידעם, האָט דאָס שטעטל אויפגעקאָכט, און גרופּקעלעך יידן האָבן זיך אין בית־המדרש געאַמפּערט וועגן יאָסעלען. איינער האָט געזאָגט, אַז ביי דער גרויסער צעמישעניש פון דער שריפה, האָט דער יאָסעלע זיכער געמוזט באַגנבענען דעם פאַ־

טער. און אויב אַזוי? — האָט איינער פון רעדל אַ פרעג געטאָן — ווי גרויס זשע האָט געקאָנט זיין די „אפותיקה", וואָס דער קליינער סמאָרק האָט „פּאָטשאַפּעט"? האָט איינער געהאַלטן די סומע פון זיכערע עטלעכע הונדערט קערבלעך. אַזוי קאָן מען זיכער אָננעמען. האָט דער צווייטער אַ געשריי געטאָן צום ערשטן, אַז ער איז אַ בהמה. ווארעם אויב אַנטלויפן און פאַרפאַלן ווערן, טוט מען עס נישט מיט אַ קלענערע סומע ווי מיט אַ טויזנטער אין קעשענע. איז געקומען נאָך איינער און האָט געזאָגט, אַז ער האָט תמיד געוווּסט, אַז פונעם דאָזיקן יאָסעלען וועט קיין גוטס נישט אַרויסוואַקסן, און ווער ווייסט טאַקע צי דאָס דאָזיקע יינגל איז נישט אַמאָל ערגעץ אַוועק אין אַ גויישקן קלויסטער, כדי זיך צו שמדן... — אַזוי האָט זיך דער בית־המדרש געקאָכט ווי אַ קעסל פון יאָסעלעס אַנטרינען ווערן. ביי די לומדישע יידן, יענע וואָס האָבן נישט ליב צו ריידן קיין שלעכטס אויף וועמען אַנדערש, איז אויך די דאָזיקע זאַך געווען קשהדיק. אַפילו ר' יחיאל־מאיר, וואָס איז געווען אַ ייד מיט אַן אָפּגעהיט מויל, האָט זיך אויך שטאַרק געקרימט דערויף.

— וואָס איז די נפקה־מינה — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — אַז מען ווייסט נישט ווו דאָס יינגל געפינט זיך, איז ביטער ווי גאַל...

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און דאָס שטעטל איז נאָך מער אויפ־געשרויפט געוואָרן. עמעץ האָט פון ליפּאָווע געבראַכט די ידיעה, אַז ר' נחמיה קופּערשטיין, דער גרויסער אייזן־סוחר פון לובלין, וועמענס זון איז מיט צען טעג צוריק געוואָרן אַ חתן פאַר בערישׁ מינצס יינגסטער טאָכ־טער, האָדל, האָט נעכטן צוריקגעשיקט צו בערישלען די תנאים. און דער האָט צוגעלייגט אַ קליין צעטעלע, אַז ער האָט ליידער נישט קיין אַנדער ברירה ווי נאָר אָפּצולאָזן דעם שידוך. ער בעט דעריבער די כלה, אַז זי זאָל אים מוחל זיין, און זאָל איר השם יתברך צושיקן איר רעכטן זיווג...

**
*

ווען בערישל מינץ האָט געטאָן דעם שידוך מיט נחמיהלע קופּער־שטיין, איז ער געווען אויסטערליש צופרידן. דער דאָזיקער ייד איז געווען

אַ חסידישער „גביר־אדיר״, און אַן אָנגענומענער מענטש. וועגן זיין בחור, משה נתן, האָט איטשע לייזער דער מלמד געזאָגט, אַז ער לערנט געשמאַק אַ בלאַט גמרא מיט תוספות. אגב: נאָכן אומגליק מיט יאָסעלעס אַנט־לויפן פון דער היים, איז בערישל געוואָרן שטאַרק געפאַלן ביי זיך. עס האָט זיך אים אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז חס וחלילה זיין ליכטיקער שטערן האָט אָנגעהויבן זיך צו פאַרטונקלען, און ווער ווייסט צי ער וועט נאָך קאָנען אַזוי גילטן ביי דער וועלט פאַר אַ געוואַלטיקן מוצלח ווי ביז אַהער. און פלוצים קומט אַריין צו אים אין שטוב אַזאַ נח גרעגער, און ברענגט אים אַ שידוך מיטן שענסטן ייד פון לובלין, אַזש מיט ר׳ נחמיהלע קי־פערשטיין.

נח גרעגער איז געווען אַ באַוווּסטער שדכן (ער אַליין האָט זיך טי־טולירט פאַרן גרעסטן וועלט־שדכן). דאָס איז געווען אַ ייד מיט אַ פּנים פון בלויז באָרד. נאָר פון דער באָרד אַרויס האָבן אַרויסגעקוקט צוויי אויגן, וואָס זייערע ברעמען און וויעס זענען אַליין אויך געווען שטיקער באָרד. פון די נאָזלעכער און פון די אויערן האָבן אויך אַרויסגעסטאַרטשעט שטי־קער באָרד, אַ חוץ דער גרויסער און ברייטער באָרד אַליין, וואָס איז גע־ווען ביז צו דער גאַרטל. דעם נאָמען „נח גרעגער״ האָט ער באַקומען, ווייל ער איז תמיד געווען הייזעריק, און צו־להכעיס דער הייזעריקייט האָט ער נישט גערעדט, נאָר דווקא געשריגן, געגרעגערט.

בערישל מינץ האָט זיך אַזוי איבערגענומען מיטן לובלינער שידוך, אַז ער האָט געלאָזט מאַכן אַ „תנאים״, וואָס איז געווען רייכער און שע־נער פון אַ חתונה ערגעץ־ווו ביים גרעסטן גביר. קעכינס און סאַרווערס האָבן זיך אַרומגעפּאָרעט אַ גאַנצע וואָך, און פון די טייערסטע ווייַנען און אַנדערע משקאות זענען פול געווען אַלע טישן. נאָר ערפּעס האָט דער שטן זיך אַריינגעמישט, און ווען עס איז געקומען צום באַצאָלן דאָס שדכנות־געלט, איז בערישל באַגאַנגען אַ נאַרישן טריט, פאַר וועלכן ער האָט זייער טייער באַצאָלט.

נאָכן גרויסן תנאים־פּאַראַד, האָט בערישל געהייסן נח גרעגערן אַרי־בערצוקומען מאָרגן אין דער פרי צו אהרן חיימען דעם קאַסירער, נאָכן שדכנות־געלט. אהרן חיים איז יענעם טאָג גראָד געווען אין דעם לובינ־

צער וואַלד מיט דער „ווײפּלאַטע" וואָס ער האָט געמאַכט פאַר די גוישע פּורמאַנעס און די וואַלד־העקערס (די אַרבעטער פונעם טאַרטאַק). איז נח גרעגער צום אַנגעזאָגטן טאָג נישט געקומען, ווייל גראָד האָט זיך אים געמאַכט אַ נייטיקע נסיעה קיין קעלץ, וועגן אַ נגידישן שידוך, און היות ער האָט געוווסט, אַז דאָס שדכנות־געלט ביי מינצן איז געווען זיכער, האָט ער זיך נישט געיאָגט צו זען דעם אהרן חיימען, נאָר ער איז ווייטער אַוועקגעלאָפן אויף צוויי טעג קיין לאָדזש. פון דאָרטן האָט ער ווידער גע־מוזט צופאָרן אַהיים קיין שידלאָווצע, צוליב דער געשוואָלענער באַק וואָס עס האָט זיך אים געמאַכט פון אַ קראַנקן צאָן, אַזוי איז אַדורך העכער אַ וואָך צייט, ביז ער איז ווידער געקומען צוריקצופאָרן קיין ליפּאָווע. דאָ האָט ער געהערט, אַז בערישל מינץ איז נעכטן אַוועקגעפאָרן קיין נויהיים, צוליב זיין שוואַך האַרץ. אהרן חיים האָט דעם שדכן אַריינגערופן אין דעם קליינעם קאַנטאָר־שטיבל, נאָר אויסצאָלנדיק אים דאָס שדכנות־געלט, האָט ער אים אַראָפּגענומען פופציק רובל פאַר דעם מלמד איטשע לייזער, ווייל בערישל מינץ האָט געהאַלטן אין דער סברא, אַז דער מלמד האָט מיטגעהאָלפן צום שידוך.

שפּעטער האָט בערישל געריסן פון זיך די הויט, פאַרוואָס ער האָט אהרן חיימען געהייסן דאָס טאָן. נאָר בשעת מעשה זענען אים געקומען אויפן געדאַנק יענע פופציק רובל וואָס יאָסעלע האָט נישט אַוועקגעגעבן דעם מלמד, און ער האָט אים געמוזט שיקן אַנדערע. אגב האָט ער זיך געטראַכט, אַז דער דאָזיקער נח גרעגער האָט זיך נישט זייער פיל אַנגע־אַרבעט ביים שידוך, און גלייך נאָכדעם ווי דער מלמד איז צוריקגעקומען פון לובלין פונעם פרווון דעם חתן, איז דער שידוך געשלאָסן געוואָרן, איינס און צוויי. הקיצור: בערישל מינץ האָט אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט און האָט זיך דערמיט פאַרשאַפט צרות...

נח גרעגער האָט זיך נישט געלאָזט. פון זיין „שווער פאַרהאָרעוועט" שדכנות־געלט וועט ער נישט לאָזן אַראָפּנעמען אַפילו איין פרוטה. אַזוי האָט ער געשריגן און געגרעגערט אויף זיין הייזעריקן קול. איז אהרן חיים אַריין אין דער הקפדה, און האָט אים אַ זאָג געטאָן: „ווען אַפילו דו וועסט זיך שטעלן אויפן קאָפּ, וועסטו אויך קיין איין גראָשן מער נישט באַקו־

מען״. דער שדכן האָט אַ צי געטאָן מיט ביידע הענט די לאַנגע באָרד, און אָן ווערטער האָט ער איבערגעציילט דאָס געלט, און עס באַהאַלטן טיף אין דעם בוזעם־קעשענע. נאָר שטייענדיק שוין מיט דער קלאַמקע אין דער האַנט, האָט ער זיך האַסטיק אויסגעדרייט צום קאַסירער, און אים אַ זאָג געטאָן:

— זאָג, אהרן חיים, דיין באַלעבאָס, אַז מיך רופט מען נח גרעגער. זאָל ער זשע וויסן, אַז „איך קאָן גרעגערן נישט בלויז אויף אַ המן, נאָר אַז מען דאַרף קאָן איך גרעגערן אַפילו אויף אַ מרדכי״...

דערמיט איז ער אַוועק, נישט זאָגנדיק קיין „גוטן טאָג״. ער האָט בלויז אַ קוש געטאָן די מזוזה און איז אַרויס.

צומאָרגנס פרי איז דער שדכן אַוועקגעפאָרן קיין לובלין. דער ווייטיק אין דער באַק איז ביי אים געווען נאָך שאַרפער ווי פריער. נאָר דער כעס אויף בערישל מינץ האָט אים נישט געלאָזט איינרוען. אַלץ אין אים האָט געזאָטן פון כעס. נישט פאַרלירנדיק קיין איין מינוט, איז ער גלייך פון דער באַן געקומען צו לויפן צו נחמיהלע קופערשטיין.

— וואָס זאָגסטו ווידער גוטס, נח? — חידושט זיך נחמיה קופערשטיין אויף גרעגערס נייעם וויזיט.

— איך בין געקומען צו אייך, ר׳ נחמיה, — ציט גרעגער די ווערטער לאַנגזאַם — דאָס מאָל קום איך מיט אַ גאָלדענעם שידוך פאַר אייער משה־נתן זאָל לעבן. אין לאָדזש האָב איך געזען ביי יאַנקעלע ליפשיץ אַ מיידל אַ יפת־תואר מיט אַלע מעלות.

— דו מוזט זיין שיכור, נח, — שטוינט נחמיה קופערשטיין. — מיט קנאַפע צוויי וואָכן צוריק איז דאָך מיין משה־נתן טאַקע דורך דיר למזל ולהצלחה אַ חתן געוואָרן, פאַר בעריש מינצס טאָכטער. טאָ וואָס זשע?... האָסטו נישט אַמאָל אַריינגעכאַפּט אַן איבעריקע כוסה?...

— חס וחלילה, ר׳ נחמיה, כ׳בין נישט שיכור. — האָט גרעגער זיך נעענטער צוגערוקט צום טיש, — כ׳בין געקומען צו אייך, ר׳ נחמיה, ווי אַן אמתער גוטער פריינט.

— וואָס אַזוינס איז געשען? — ווערט יענער שוין אויפגעקאָכט — זאָג וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט?... רייד נישט קיין האַלבע ווערטער.

— וואָס האָט דען, ר׳ נחמיה, געקאָנט ערגערס געשען ווי דאָס, וואָס מען שמועסט אינעם אָשליאַכענטשער בית־המדרש?

— וואָס אַזוי־נס רעדט מען? — שרייט שוין נחמיה אויף אַ קול — צי מיר נישט אויס, נח, די נשמה.

— אין בית־המדרש — ענטפערט שטיל גרעגער — אינעם אָשליאַ־כענטשער בית־המדרש שמועסן יידן גאַנץ אָפן, אַז בעריש מינצס תכשיט יאָסעלע, האָט באַגנבעט דעם פאָטער און איז אַוועקגעלאָפן ערגעץ אין אַ קאָשציאָל אַריין, כדי זיך צו שמדן...

— השם ישמרינו! — האָט ר׳ נחמיה קופערשטיין אויסגעשפּיגן, און דאָס פּנים האָט דערביי זיך ביי אים פאַרקרימט מיט ווייטיק. — וואָס רעדסטו נח? און אַז נאַרישע מענטשן פּלאַפּלען עפּעס אין בית־המדרש, איז שוין אַ ראיה אַז דאָס איז חלילה אמת?

— איך אַליין וויל עס אויך נישט גלייבן — האָט דער שדכן זיך צו־ריקגעצויגן — איך אַליין וואָלט אַזאַ אומגליק רחמנא לצלן נישט גע־ווונטשן אַפילו דעם ערגסטן ייד, און בפרט אַזאַ גוטן פריינט ווי עס איז מיר ר׳ בערישל מינץ, אָבער אָט דאָס ייִנגל זיינס איז פאָרט אַנטלאָפן פון שטוב, און מען ווייסט נישט עד היום ווו ער איז אַהינגעקומען. איז צו וואָס זשע לוינט עס אייך „אַריינצולייגן זיך מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט אַריין?״... איר דאַרפט עס נייטיק? איר האָט חלילה אַ „באַ־וועל״־סחורה?... איך מיין אַז ב״ה איז אייער משה־נתן אַן „אַנטיק שבאַנ־טיקן״. וואָרעם ווו זעט מען עס היינטיקע צייטן אַ ייִנגל מיט אַזויפיל „מעלות טובות״ ווי אייער בחור? עס וואָלט געווען בפירוש נישט ריכטיק, אַז איר זאָלט חלילה אומזיסט און אומנישט גיין איינשמירן זיך דאָס פּנים...

אַזוי האָט גערעדט נח גרעגער. איין טריט צוריק און דריי טריט פאָרויס, און נאָכדעם ווי ר׳ נחמיה האָט זיך אַדורכגעשמועסט מיט זיין ווייב, האָט ער נאָך אין דעם זעלבן טאָג צוריקגעשיקט די תנאים...

**
*

ווען גאָלדעלע האָט דערזען אַז מען האָט געבראַכט אַ דיקן בריוו

פונעם לובלינער מחותן מיט די צוריקגעשיקטע תנאים, האָט זי מיט אַ הויכן אויסגעשריי „אוי" זיך אַ וואַקל געטאָן, נאָר צום אַנידערפאַלן. אַ נס וואָס זי האָט זיך קוים אָנגעכאַפּט ביי דעם אָנלען פון אַ שווערן שטול. אין קיך האָט זיך דעמאָלט אַרומגעפּאָרעט ביילע־שיפרה די דינסט, אַ ווייבל אַן עגונה. האָט זי דערהערט דעם „אוי", און איז גלייך אַריינגעלאָפן. מיט אַלע כוחות האָט זי געהאָלפן דער באַלעבאָסטע זיך אָוועקצוזעצן. פונעם צווייטן צימער איז האָדל אַריינגעלאָפן, דערהערנדיק דעם מאָדנעם גערודער אין דער עס־שטוב. זי איז צוגעלאָפן צו דער מאַמען, און געפרעגט וואָס אַזוינס עס האָט פּאַסירט. גאָלדעלען איז שווער געווען דאָס צו דערציילן האָדלען, האָט זי געשוויגן. אָבער אָט האָט האָדל זיך אַראָפּגעבויגן אויף דער ערד, און האָט אויפגעהויבן דעם צעקנייטשטן בויגן מיט דעם געגילדעטן רעמל, און מיט די גרויסע אותיות „מזל טוב". זי האָט נישט געקאָנט אַלץ איבערלייענען. אָבער אָנקוקנדיק דער מאַמעס בלאַסן פּנים, האָט זי שוין פאַרשטאַנען וואָס עס האָט פּאַסירט...

— טאַקע כדאַי געווען, אַז די מאַמעשי זאָל זיך אַזוי איבערנעמען.

— האָט זי אַ געשריי געטאָן, — איך וויל נישט סיי־ווי־סיי דעם לובלינער חתן, און אויך נישט קיין שום אַנדערן חתן! איך וויל נאָר דאָס יינגל וואָס די מאַמעשי ווייסט שוין וועמען איך מיין... וויפל מאָל האָסטו אַליין אים גערימט פאַר מיר, אַז ער קאָן גוט לערנען און שיין שרייבן. נאָר אים וויל איך!

— קינד מיינס! — האָט גאָלדעלע מיט אַ האַלבן קרעכץ גערעדט צו דער טאָכטער, — נאָך גוט וואָס דער טאַטעשי איז איצט אין בויהיים ביים פּראָפעסאָר און ער הערט נישט אַזעלכע רייד פון דיר.

— פאַרוואָס איז דאָס שלעכטע רייד? — האָט האָדל זי איבערגעפרעגט — איך פאַרשטיי נישט. פאַרוואָס טאָר איך נישט זאָגן קיין שום דעה, ווען איך וויל און וועמען איך וויל נישט?

— וואָס רעדסטו קינד מיינס? — האָט גאָלדעלע נאָך אַלץ מיט ווייכע רייד איינגעטענהט מיט איר. — וואָס רעדסטו, האָדעלשי, קרוין מיינע? אַוודאי, אין די הולטייסקע שטובן זאָגן מיידלעך אַ דעה צו טאַטע־מאַמען, ווען זיי ווילן פאַר אַ חתן. זיי, די חצופישע מיידנס. טפו, טפו,

טפו, טפו — נישט דאָ געדאַכט — זאָגן זיי אַזוינע רייד. אָבער נישט חלילה אין אַ כשרער יידישער שטוב אזוי ווי אונדזערע. אין אַזאַ שטוב ווי אונדזערע ב״ה, פאַרלאָזט מען זיך אַלצדינג אויף טאַטע־מאַמען. נישט שפּרינצל האָט אונדז געזאָגט אַ דעה און נישט דבורהלע, און הלוואי זאָלן זיי זיך טאַקע עלטערן מיט זייערע מענער אין עושר און אין כבוד, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, אָמן.

ביילע־שיפרה די דינסט, האָט אין קיך צוגעלייגט אַן אויער צו דער טיר, און האָט געהערט וואָס די באַלעבאָסטע האָט געזאָגט צו דער טאָכטער, און וואָס יענע האָט אָפּגעענטפערט. זי האָט געהערט אַז עפּעס רעדט מען וועגן אַ יינגל וואָס קאָן זייער גוט לערנען און שיין שרייבן, נאָר וועגן וועמען מען מיינט עס — האָט זי נישט געקאָנט כאַפּן. ביילע־שיפרה איז געווען זייער איבערגעגעבן צו גאָלדעלען, און פון דעם וואָס זי האָט געהערט האָט זי גרויס עגמת־נפש געהאַט. עס האָט איר פּשוט פאַרדראָסן דאָס וואָס זי, האָדל, די יונגע ציג מיט די הויכע באַטשאַן־פיס דערצערנט אַזוי דער מוטער...

אויף צו מאָרגנס האָט ביילע־שיפרה גראָד באַדאַרפט גיין אין אַש־ליאַכענטש. איז זי אויף אַ מינוט אַריינגעגאַנגען צו פייגעלען און האָט איר אַלץ נאָכדערציילט, וואָרט ביי וואָרט, וואָס זי האָט אונטערגעהערט פון דער קיך־טיר, און ווען הערשעלע איז אַהיימגעקומען פון בית־המדרש, האָט די מוטער אים סתם איבערדערציילט דאָס וואָס ביילע־שיפרה האָט איר געזאָגט. הערשעלע האָט דער מוטער נישט געוואָלט זאָגן וועמען מען מיינט עס „דאָס יינגל וואָס קאָן אַזוי גוט לערנען און שרייבן", אָבער ביי זיך אין האַרצן איז ער געשטאַרקט געוואָרן. עס איז אים שוין איצטער קלאָר ווי דער טאָג, אַז אים האָט עס האָדל געמיינט, און אַז נאָר אים האָט זי ליב און אַז נאָר אים וויל זי פאַר אַ חתן...

איין און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

## די נגידישע שטוב איז צערודערט

גאָלדעלע האָט זיך אַזוי גענומען צום האַרצן און האָט אַזוי שטאַרק געשפּירט די חרפּה פון די צוריקגעשיקטע תּנאים, אַז זי איז קראַנק געוואָרן. מען האָט געשיקט נאָכן דאָקטער, האָט ער איר פאַרשריבן פּראָשקעס מיט קאַפּלעס, אָבער דער עיקר האָט ער געזאָגט איז, דאָס די „פּאַני מינצאָוואַ" מוז ליגן אין בעט, כאָטש אַ צוויי וואָכן, און איבערהויפּט מוז זי ליגן רואיק.

ווען דער דאָקטער איז אַוועק, האָבן די שטוב־מענטשן גערעדט וועגן דער שאַרפער אויסשפּראַך פונעם וואָרט „רואיק" אין דעם דאָקטערס מויל. קיינער האָט נישט געוווּסט צי דער גוישער דאָקטער זאָל אויך שוין האָבן געהערט וועגן די צוריקגעשיקטע תּנאים, אָדער ער האָט סתם אַזוי גערעדט, ווייל דאָס איז די טבע פון אַלע דאָקטוירים צו הייסן די פּאַציענטן קודם־כּל ליגן רואיק. מער ווי ביי אַלעמען אין שטוב האָט די דאָזיקע פראַגע געעגבערט אין גאָלדעלעס קאָפּ. אוי, ווי זי האָט מורא געהאַט צו קומען אין מענטשנס מיילער אַריין. עס איז איר גענוג די צרות אַליין, אָבער אַז מענטשן זאָלן זיך נאָך שלייפן די צינגלעך איז עס ביטער ווי גאַל. און טאָמער איז נאָך אַלץ געווען ווייניק, איז אין אַ האַלבע שעה שפּעטער נאָכן דאָקטערס אַוועקגיין, דער רוח אָנגעטראָגן ציפּען די עופות־הענדלערקע, וועלכע האָט זיך אַריינגעשטופּט אין דער נגידישער קיך אַריין מיט צוויי קוישן עופות.ביילע־שיפרה האָט די עופות אויסגעטאַפּט און אויסגעדונגען דעם פּרייז און האָט אַריינגעבראַכט פון דער באַלעבאָסטע דאָס געלט צום באַצאָלן, און פלוצים גיט ציפּע אַ פרעג ביי ביילע־שיפרה די דינסט צי איז טאַקע אמת, וואָס מען זאָגט, אַז דער ניגידותטעס יינגל געפינט זיך אַזש ערגעץ אין אַ קלויסטער אין טשענסטאָכאָוו, ווו מען האָט אים שוין אָפּגעשמדט? ·

ביילע־שיפרה די דינסט האָט זיך געוואָלט באַווייזן ביי דער שטוב

וואָס פּאָר אַ געטרייער מענטש זי איז, האָט זי אויף די העכסטע טענער פון איר קוויטש גענומען ליאַרמען, אַז די פּיסקעס פון די מענטשן וואָס האָבן דאָס געזאָגט זאָלן נאָר אויסגעקרימט ווערן ביז אַהינטער. האָט די עופות־הענדלערקע זיך דערשראָקן פון דער דינסטס קללות מיט די געשרייען, און זי האָט גענומען צוריקדרייען דאָס רעדל אויף פאַרקערט. זאָגט זי אַז אַלע ווייסן גאַנץ גוט אַז זי נעמט זיך כסדר אָן פאַר דער רייַבער יידישער משפּחה. והראיה, אַז נאָר־וואָס האָט איר געטראָפן אַ יידענע, זי וויל נישט אָנמאַכן קיין רכילות, און דעריבער וויל זי נישט זאָגן דער יידענעס נאָמען, אָבער יענע האָט איר געפרעגט צי זי גייט מיט די עופות צו גאָלדעלע און האָט דערביי געזאָגט, אַז „מען האָט צו די נגידים צוריקגעשיקט דער טאָכטערס תנאים, און אַז עס איז אַ „מצווה גדולה״! וואָרעם, כ׳לעבן אַז די נגידים מעגן אויך אַמאָל קריגן אַ פּאַטש אין פּנים אַריין״. אַזוי האָט יענע געהאַט אַ חוצפּה איר צו זאָגן, אָבער זי האָט דער יידענע נישט געשוויגן, זי האָט איר אויסגעזידלט מיט דער בלאָטע צוגלייך, זי וואָלט איר געוועהן אויסגעפּאַטשט, נאָר יענע האָט געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און איז אַנטלאָפן...

אַזאַ „מענה־לשון״ האָט די עופות־הענדלערקע באַלייגט, און גאָלדעלע, וועמעס געהער איז לעצטנס שאַרף אויסגעשפּיצט געוואָרן, האָט פונעם געלעגער געכאַפּט איינצלנע ווערטער דערפון. זי האָט געהייסן אַריינרופן צו זיך ביילע־שיפרהן. זי וויל הערן וואָס פאַר אַ „פּאַטשט״ די עופות־הענדלערקע האָט עס געברענגט צו טראָגן פון דער גאַס. האָט ביילע־שיפרה צעלייגט דעם געשפּרעך אירן מיט דער עופות־הענדלערקע ממש אויף טעלערלעך... זי איז נישט אויסן געווען חלילה צו פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש, אָבער זי האָט מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט, אַז די באַלעבאָסטע זאָל הערן און ווייסן ווי ווייט איר דינסט איז איר געטריי. האָט גאָלדעלע פון דער דאָזיקער געטרייקייט אַזוי זיך מחיה געווען, אַז זי איז אַזש אַוועקגעפאַלן אין חלשות, און מען האָט איר קוים געראַטעוועט.

נאָכמיטאָג איז זיך די גאַנצע משפחה צוזאַמענגעקומען. אויסער דבורהלען מיט איר מאַן קלמן זיידנבערג, וועלכע האָבן געוווינט אויפן העכערן שטאָק אין דעם נייעם נגידישן הויז. מען האָט אויך אַראָפּגע־

בראַכט פון אשליאכענטש שפּרינצלען מיט איר מאַן, נפתּלי שטיינבערג,
און אַלע האָבן באַשלאָסן אַוועקצושיקן אַ דעפּעשע דעם טאַטן קיין נוי־
היים, אַז ער זאָל קומען צופאָרן אַהיים. פאַר אַ תּירוץ האָט מען אָנגעגעבן,
אַז „עפּעס איז די מאַמע נישט מיט אַלעמען"...

אויפן דריטן טאָג איז בערישל מינץ שוין געווען אין דער היים.
גאָלדעלע האָט זיך שוין געשפּירט אַביסל בעסער, אָבער ווו איז עס שוין
יענע גאָלדעלע פון כאָטש איינציקע דריי וואָכן צוריק? פונעם בגידישן
גוידער איז אויפן האַלדז געבליבן אַ בייטל פון צעקנייטשטער צעפאַלדע־
װעטער הויט, און אונטער די אויגן האָבן זיך געמערקט צוויי שוואַרצע
פאַסעקלעך. בערישל האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן ווייבס בעט. און די
קינדער זענען געזעסן אַרום און אַרום. בלויז נאָר איין האָדל איז נישט
געווען ביי דעם טיש. איר האָט דבורהלע אַרויפגענאַרט צו זיך אין ווי־
נונג אויף אַ העכערן שטאָק, אַז זי זאָל שפּילן איז „טערנישקע" מיט איר
אַכט־יעריק מיידעלע סטעפּטשעלע, אַ נאָמען נאָך גאָלדעלעס מוטער,
שרהלע.

דער ראש־המדברים איז געווען נפתּלי שטיינבערג. ער האָט געוויזן
דעם שווער די צוריקגעשיקטע תּנאים פון וואָס בערישלס פּנים איז גע־
וואָרן בלאַס ווי קאַלך. נאָר באַלד האָט ער זיך געשטאַרקט און מיט אַ
קרומער מינע האָט ער אַ זאָג געטאָן, אַז מן־הסתּם דאַרף עס אַזוי צו
זיין; און מן־הסתּם איז עס נישט געווען האָדלס אמתער זיווג. נאָר מילא,
השי"ת וועט אַוודאי צושיקן צו זיין קינד דעם זיווג וועמען זי איז ווערט...
אויף די דאָזיקע ווערטער האָט קיינער זיך נישט אָנגערופן מיט קיין
וואָרט, נאָר איינס דאָס אַנדערע האָט אָנגעקוקט מיט שטומע בליקן. יע־
דער איינער האָט געוואָלט, אַז נישט ער, נאָר דער צווייטער זאָל דער־
ציילן וועגן דער מאַמעס אַנטדעקונג, אַז האָדל איז פאַרליבט אין הער־
שעלען, און אַז זי וויל נישט קיין אַנדערן נאָר הערשעלען פאַר אַ חתן.

— וואָס איז דאָ נאָך עפּעס געשען? — האָט בערישל אַ געשריי גע־
טאָן — חלילה עפּעס אַן אומגליק, חלילה? עפּעס זע איך דאָך גלייך, ווי
מען וואָלט עפּעס באַהאַלטן פון מיר. רייד דו אַ וואָרט, נפתּלי, און לאָז
מיר שוין אַלץ וויסן.

ווען נפתלי שטיינבערג האָט דערציילט וועגן ענין הערשעלע, האָט עס בערישלען ווי אַ וואָרף געטאָן מיט דער שטול. אין זיין הויז — האָט ער געשריען — זאָלן פאַרקומען פאַרליבענישן? און מיט וועמען? מיט אָט דער שלעפערקעס יינגל? מיט דעם גאָרנישט, הערשעלען?...

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם אָרט: ווו איז זי, האָדל? ווו איז זי?... ער גייט איר שוין אויספּאַטשן ווי גרויס זי איז.

— מיט פּאַטשן, טאַטעשי, וועט מען גאָרנישט אויספירן. — האָט זיך אָנגערופן דבורהלע. — נאָר מיט גוטן, טאַטעשי. האָדל איז אַ וווילע מיידל, אַ טייער מיידל, דו וועסט זען טאַטעשי, זי וועט דיך מיט אַלץ־דינג פאָלגן.

— פּאַטשן אַ קינד? חס וחלילה! — האָט גאָלדעלע זיך אַ קרום געטאָן. — מיין דעה איז, אַז מען זאָל מיט איר וואָס שנעלער טאָן אַ בייעם שידוך, און וואָס שנעלער למזל איר חתונה מאַכן.

— כ'לעבן שוויגער, — האָט נפתלי שטיינבערג זיך אָנגערופן, — אַז איר זענט גערעכט.

— טאָ זאָל מען שיקן נאָך נח גרעגער! — האָט בערישל אַ הייב געטאָן מיט דער פּלייצע, — איך ווייס? אפשר האָט ער איצט אַ בעסערן שידוך פאַר איר?

דאָ האָט זיך דבורהלעס מאַן, קלמן זיידנבערג, אַריינגעמישט. ער האָט — זאָגט ער — ערשט נעכטן גערעדט מיט אהרן־חיימען דעם קאַסירער, האָט יענער אים באריכות דערציילט וועגן דעם ווי נח גרעגער האָט זיך צעבייזערט צוליב די 50 רובל, וואָס מען האָט פון זיין שדכנות־געלט אַראָפּגענומען פאַר איטשע לייזערן דעם מלמד. אהרן־חיים האָט דערציילט, אַז גרעגער האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט אָפּטאָן עפּעס אַ שפּיצל...

— אויב אַזוי — האָט נפתלי שטיינבערג אויסגערופן — איז די גאַנצע געשיכטע מיטן אָפּשיקן די תנאים נח גרעגערס אַרבעט. דער דאָזיקער יונגאַטש האָט דאָס געמאַכט...

ביי בערישל מינץ האָט דאָס פּנים זיך אָנגעצונדן צונטער־רויט. מען

זאָל דעם גרעגערן אין זיין הויז מער נישט אַריינלאָזן, נישט לאָזן דעם „עוכר ישראל" זיין שוועל איבערטרעטן.

נאָכן דאָזיקן געשריי, אין וועלכן בערישל האָט אויסגעלאָזן כאָטש צו עמיצן זיין פּאַרביטערטקייט, איז אין שטוב געוואָרן שטיל. אַן אומ־היימלעכקייט האָט אַלעמען באַהערשט און קיינער האָט נישט געהאַט קיין מוט צו עפענען דאָס מויל ווייטער עפּעס צו ריידן. פּלוצים האָט מען פון יענער זייט טיר דערהערט אַ שטילן קלאַפּ, און ביילע־שיפרה די דינסט האָט דעם קאָפּ אַריינגעשטעקט אין דער טיר: „עס זיצט דאָרטן, זאָגט זי, אונטן אין דער סאַליע איטשע־לייזער דער מלמד, און ער וויל אַריינ־קומען אַהער. ער האָט — זאָגט ער — איצטער אַ זייער וויכטיקע זאַך צו ריידן מיטן באַלעבאָס."

— זאָל אַריינקומען דער מלמד!... — האָט בערישל געזאָגט, גלעטנ־דיק זיך ביי דער האַלב־גרויער באָרד, און אויסדרייענדיק זיך צו דער משפּחה האָט ער אַ מורמל געטאָן, אַז „למען השם" מען זאָל אין קיינעם נישט אָנזעען אַפילו דעם מינדעסטן צייכן פון צערודערטקייט, און אדרבא זאָל מען הערן די וויכטיקע זאַך וואָס דער מלמד האָט געבראַכט.

— אַ זייער וויכטיקע זאַך — האָט נפתלי פּאַרריכט ביילע־שיפרהס ווערטער. — איך האָב געהערט גענוי, ווי די דינסט האָט געזאָגט, אַז דער מלמד האָט אַ זייער וויכטיקע זאַך צו ריידן מיטן באַלעבאָס.

— נו, מילא, — האָט בערישל זיך באַמיט אַ שמייכל צו טאָן, — זאָל זיין „אַ זייער וויכטיקע זאַך". אדרבא. לאָמיר הערן!

צוויי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

## לאַנג געוואַרט און זיך נישט גענאַרט

ווען שמעלקע רובינשטיין האָט געהערט, אַז מען האָט צו זיין אַמאָ־ליקן שותּף, בערישל מינץ, אָפּגעשיקט די תּנאים, האָט ער וואָס אַן אמת אַזש געריבן זיך די הענט פון צופרידנקייט.

שמעלקע רובינשטיין, וועלכער איז געווען אַ ליפּאָווער תּושב פון

אייביקע יאָרן, האָט געטראַכט, אַז מיט בערישל מינצס אַריבערקומען וווי־נען קיין ליפּאָווע, וועט ווערן צווישן זיי אַ „חדש ימינו כקדם", אַז עס וועלן צוריק אויפלעבן די צייטן פון זייער ביידנס אַמאָליקער שותפות, מיט יענע גליקלעכע געשעפטן פון אַ ווילינעצער שאָסיי און אַסטריזשע־ווער וואַלד, ביי וועלכע מען האָט אוצרות מיט געלט פאַרדינט. אַזוי האָט ער געטראַכט. און לסוף האָלט זיך דער בערישל איינגאַנצן ווייט פון אים, גלייך ווי צווישן זיי וואָלט מי־יודע וואָס פּאַסירט.

— אַוודאי — טראַכט ער — איז עס געווען אַ נאַריש־נאַרישער שפּיצל, פון זיין זון חיים־אַנשל, מיטן גיין אַנשיכורן בערישלען, ווען יע־נער איז ביי זיי צוגאַסט. חיים־אַנשל — טראַכט ער ווייטער — האָט זיך דעמאָלט אויפגעפירט ווי אַ נאַריש יינגל, אַ קונדס, אָבער ווי לאַנג איז דער שיעור צו האַלטן אין האַרצן אַ כעס מיט אַ פּאַרדרוס? אַנטקעגן דעם וואָס לעבט אייביק זינדיקט מען יעדן טאָג און יעדע רגע, און ער איז מוחל פאַר די זינד, און מכל שכן איין בשר ודם קעגן צווייטן האָט שוין אַוודאי באַדאַרפט צו האָבן לאַנג זיך אַרויסגעשלאָגן פון זכרון חיים־אַנשלס קונדסדיק שטיקל. רויכערנדיק דעם דיקן ציגאַר ביי זיך אין קאַ־בינעט, שפּינט ער ווייטער דעם געדאַנק, וואָס אַלץ עס וואָלט פאַר אים געווען ווען בערישל וואָלט מיט אים צוריק געוואָרן איבערגעבעטן. מען וואָלט געקאָנט האַנדלען ווייטער בשותפות, זאָל זיין באַדיי ביי קלענערע געשעפטן. וואָרום וועגן גרויסע געשעפטן ווייסט שמעלקע רובינשטיין ביי זיך, אַז ער וואָלט נישט בכוח געווען היינט מיטצוהאַלטן מיט בע־רישלען, וועלכער איז אַ „גביר אַדיר קיין עין־הרע". (דעם „קיין עין־הרע" זאָגט ער במחשבה, גלייך ווי יענער וואָלט געשטאַנען לעבן אים און עס געהערט).

און הלמאַי זאָל ער לייקענען, שמעלקע, צו זיך אַליין, דעמאָלט ווען ער האָט געהערט, אַז בעריש מינץ האָט אַנגעשפּאַרט מיט אַ שידוך אַזש מיט נחמיהלע קופּערשטיין פון לובלין, האָט ער עס אים בפירוש נישט פאַרגונען, וואָרום דעם דאָזיקן נחמיהלע האַלט מען פאַר אַ גביר פון אַ מיליאָן רובל אייגנס. היינט זיין גרויסער יחוס, דער טאַטע אַ רב, דער שווער אַ רב, און אַליין איינער פון די גרעסטע למדנים אין לובלין. אָבער

איצטער, נאָכדעם ווי נחמיהלע קופערשטיין האָט צוריקגעשיקט די תנאים, איז פון איין זייט טאַקע אַ רחמנות אויף בערישלען, אָבער פון דער צווייטער זייט איז צו זאָגן, אַז דורך דעם וועט בערישל מוזן אַביסל נאָכלאָזן פון זיין אויפגעשרויפּטער אַנגעבלאָזנקייט...

אַזוי האָט שמעלקע, רויכערנדיק דעם דיקן ציגאַר ביי זיך אין קאַבינעט, געשפּינט במחשבה איין געדאַנק נאָכן צווייטן, און אַט האָט ער זיך אין מיטן טראַכטן אַ דריי אויס געטאָן צו זיין ווייב, וועלכע איז געזעסן אין אַ טיפער ווייכער שטול, און האָט איר אַ פרעג געטאָן:

— איך בעט דיך, הענעלע, ווי רופט מען בערישל מינצס טאָכטער? איך מיין דאָס דאַרע מיידל זיינס מיט די לאַנגע פיס, ווי איז איר נאָמען?

— וועמען מיינסטו? — פרעגט זיך איבער דאָס ווייב — דו מיינסט בעריש מינצס מיידל, יענע וואָס מען האָט איר אָפּגעלאָזט דעם שידוך? האָדל הייסט זי. אָבער וואָס איז דען?

— אויב האָדל, איז גוט! — שאָקלט שמעלקע רובינשטיין מיטן קאָפּ אַ צופרידענער, — איך האָב געוואָלט וויסן, צי עס וועט נישט זיין „כלה וחמותה"?

— וואָס אַזוינס, זאָגסטו אַז עס וועט נישט זיין? — קנייטשט דאָס ווייב דעם שטערן.

— עס האָט זיך מיר געדוכט, — זאָגט שמעלקע צום ווייב, — אַז דער מיידלס נאָמען איז הענע, איז אַזוי ווי דיין נאָמען איז אויך הענע, וואָלט מען זיך נישט געקאָנט משדך זיין, וואָרום עס וואָלט געווען „כלה וחמותה". אָבער, אַז איר נאָמען זאָגסטו איז האָדל, איז שוין גוט.

— איך פאַרשטיי נישט וואָס דו רעדסט! — ברוגזט זיך דאָס ווייב — עס וואָלט געפּאַסט, אַז עס האָלט שוין ביי אַ שידוך פון זיין מיידל מיט אונדזער אשר־זעליק לעבן, ער זאָל מיר געזונט און שטאַרק זיין, האָט דען יענער געשיקט צו אונדז עמיצן וועגן דעם?

— איך מיין — ענטפערט איר שמעלקע — אַז מען קאָן דערפון אַ רעד טאָן. בערישל מינץ איז, פאַרשטייסטו מיך, איצט אַ געשלאָגענער הונט, און ער וועט איצט נישט ווייזן די ציין אַזוי ווי אַמאָל...

דאָס ווייב האָט אַ פאַרחידושטע געקוקט אויף איר מאַן, נאָר זעענ־

דיק ווי ער זיצט פאַרטיפט אין עפּעס אַ טראַכטן, האָט זי נישט געוואָלט אים איבעררייסן דעם געדאַנק. די דאָזיקע יידענע האָט קיינמאָל זיך נישט גערירט פון אָרט, ווען דער מאַן האָט אין מיטן שמועסן מיט איר זיך פאַר־טראַכט, און קיינמאָל איז זי פון אים נישט אַוועקגעגאַנגען. איז זי אויך איצט ווייטער געבליבן זיצן, און רואיק זיך צוגעקוקט צו די רעדלעך רויך וואָס דער מאַן האָט אַרויסגעצויגן פון דעם דיקן ציגאַר און אַרויפגעלאָזן אויף דער שטוב. זי האָט געדולדיק געוואַרט ביז ער וועט ווידער עפּעס ריידן צו איר. אַ שיינע עטלעכע מינוט האָבן זיך די רויך־רעדלעך פון דעם ציגאַר אַזוי געקנוילט און צעשיט זיך אויף זייער וועג צום האַלב־אָפּע־נעם לופטשיק. שמעלקע רובינשטיין האָט אייביק ליב געהאַט פרישע לופט. ענדלעך האָט שמעלקע רובינשטיין אַרויסגענומען דעם ציגאַר פון די ליפּן, און שמייכלענדיק געקנייטשט דעם שטערן, און נאָך אַ רגע גיט ער זיך אַ ווענד צום ווייב:

— דו הערסט, הענעלע, איך שיק שוין אַריבער חיים־אַנשלען קיין חאַרטשין, ער זאָל מיר אַהערברענגען איטשע־לייזערן, דעם געוועזענעם מלמד פון מינצס תּכשיט...

די געטרייע און געהאָרכזאַמע הענעלע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אַרויפגעלאָפן אויפן העכערן שטאָק און אַראָפּגערופן דעם זון.

— חיים־אַנשל! — האָט שמעלקע באַפעלעריש אַ זאָג געטאָן צום זון — הייס שוין אַנטעקן איינשפּאַנען די קאָטש מיט די צוויי גנאַדעס, און דו נעם און פאָר אַראָפּ מיט אים קיין חאַרטשין, און זאָג דאָרטן דעם מלמד איטשע־לייזער, אַז איך דאַרף אים שוין האָבן דאָ ביי מיר. נאַ, גיב אים, דעם מלמד, דעם צענער־רובל פאַר דער טרחה. און זאָל ער גלייך מיט דיר קומען אַהער.

אַז איטשע־לייזער האָט דערזען אַ לעבעדיקן צענער־רובל אויף זיין טיש, האָט ער שנעל געכאַפּט אויף זיך דאָס אויבער־מלבוש, אַ קוש גע־טאָן די מזוזה און איז אַריין אין דער נגידישער קאָטש. אויפן וועג האָט ער געוואָלט אויספרעגן ביי חיים־אַנשלען וואָס אַזוינס מען פאַרלאַנגט פון אים, אָבער חיים־אַנשל האָט געזאָגט, ווי דער אמת איז, אַז ער אַליין ווייסט עס אויך נישט.

— איר ווייסט דאָך, איטשע־לייזער? מיין טאַטע פירט זיך ווי אַ גע־נעראַל. ער הייסט פאָרן און ברענגען וועמען, פאָרט מען און מען ברענגט. איבערפרעגן אים קאָן מען נישט, מיין טאַטע האָט פיינט, אַז מען פרעגט אים איבער.

אַריינקומענדיק מיט חיים־אַנשלן אין דעם רייכן קאַבינעט, האָט דער מלמד זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און הויך אויף העברעיש אַ זאָג געטאָן: „הנני כי קראת לי", און באַלד עס פאַרטייטשט, אַז ווען אַ גביר האדיר ר' שמעלקע רופט — קומט מען!...

שמעלקע רובינשטיין האָט אַ שמייכל געטאָן צום מלמד, מעשה היי־מיש, און האָט אים איינגעלאַדן צו גיין זיך וואַשן צום מיטאָג, וואָס איז שוין געגרייט צום טיש.

ביים מיטאָג, וועלכער איז געווען צוגעגרייט פון דעם בעסטן און פון דעם געשמאַקסטן, איז דאָס יונגע חתן־בחורל, אשר־זעליק, געזעסן ביים מלמדס לינקע האַנט. האָט שוין דער מלמד, ווי דער שטייגער זיי־נער, אַ פרעג געטאָן דאָס ייִנגל וואָס אַזוינס ער לערנט, און דאָס ייִנגל האָט אים געענטפערט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, און שמעלקע האָט זיך אַריינ־געמישט מיטן „אין משיחים בסעודה", וואָס מיינט אַז ביים עסן טאָר מען אַפילו קיין תורה־זאַכן אויך נישט שמועסן, דאַקעגן אי"ה נאָך „ברכת המזון", אויב איטשע לייזער וויל פאַרהערן דאָס ייִנגל און אַ שמועס טאָן מיט אים אין לערנען, איז אדרבה ואדרבה, און כ'לעבן, אַז דאָס ייִנגל וועט חלילה נישט בלייבן הינטערשטעליק...

פונעם תורה־שמועס מיט אשר־זעליקן איז דער מלמד אַריין אין הת־פעלות. ער האַלט, אַז דאָס ייִנגל איז אַ שטיק עילוי. אי, אי, אי, ווי דער „חברה־מאַן" געדענקט דאָס אַלץ אויסנווייניק, וואָס רש"י מאַכט און וואָס תוספות זאָגט און וואָס מהרש"א פרעגט. הקיצור: כ'לעבן הגביר האדיר ר' שמעלקע, אין אייער שטוב איז ב"ה „תורה וגדולה במקום אחד"...

אַזוי זאָגנדיק האָט דער מלמד אַריינגעלייגט אין גלאָז טיי אַזש פיר קאַסטקעס צוקער מיט אַ גרויסן פּעניץ לימענע און האָט אויך גרויס הנאה געהאַט פון זיין זיצן אויף דעם ווייכן פאַטעל ביי ר' שמעלקען אין דער סאַליע. נאָך דעם דריטן לעפעלע טיי, האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעהויבן לויבן

דאָס יינגל, און געזאָגט אַז ווער עס וועט דעם אשר־זעליקן נעמען פאַר אַן איידעם, וועט ער זיך איינהאַנדלען אַ „כלי מפואר״.

שמעלקע האָט דערויף אַ קלאַפּ געטאָן מיטן זילבערנעם לעפעלע אי־בערן גלאָז טיי, און מיט אַ שמייכעלע אַ זאָג געטאָן, אַז בפירוש וואָלט עס אים שטאַרק הנאה געטאָן, ווען אַ ייד אַ בן־תורה, אַזוי ווי איטשע־לייזער, זאָל ביי אים פאַרדינען שדכנות־געלט. טאָקע אַזוי, צו וואָס זאָל אַזאַ גרויס שדכנות־געלט אָנקומען צו אַ גראָבן־יונג ווי אַ שטייגער אַ נח גרעגער? וואָלט דען נישט גלייכער געווען אַ היימישער ייד, אַ בן־תורה?

— אַז מען רעדט שוין וועגן נח גרעגער, — רופט זיך אָפּ דער מלמד, — וויל איך אייך זאָגן, ר׳ שמעלקע, איר הערט? אין שטאָט שמועסט מען שטאַרק, אַז דער נח גרעגער האָט נאָכן אָפּנעמען דאָס שדכנות־געלט ביי ר׳ בערישל מינץ, אַליין שפּעטער דעם שידוך צוריק קאַליע געמאַכט.

— פע, אַן עוולה! — האָט שמעלקע זיך אָנגערופן. — עס איז אַ גרויסע עוולה פון קופּערשטיינען, וואָס ער האָט זיך צוגעהערט צו גרע־גערס פּלוידערן. בעריש מינץ איז אַ טייערער ייד, באמת א טייערער ייד, און זיין מיידל האָבן מיר ליב ווי אַן אייגן קינד, און וואָס שייך זיין יאָסעלען, איז מה רעש? מאַלע אַ יינגל פאַרט אַוועק? מיר אַלע זענען זי־כער, אַז דאָס יינגל וועט זיך אַביסל איבערפאָרן און צוריק אַהיימקומען.

הערנדיק אַזעלכע גוטע רייד פון הגביר האדיר ר׳ שמעלקע רובינשטיין וועגן זיין אַמאָליקן שותף, הגביר האדיר ר׳ בערישל מינץ, האָט דער מלמד זיך גענומען פשוט חידושן, הלמאי איז קיינעם פון די לאַנד־שדכנים נאָך נישט איינגעפאַלן צונויפצופירן די ביידע גבירים אויף אַ שידוך, הער אַ מעשה! אַזאַ איינפאַכע זאַך, און קיינעם איז דאָס נישט איינגעפאַלן? הקיצור, ער האָט זיך אַליין אַרויסגערופן, אַז טאָקע באַלד גייט ער אַריי־בער צו ר׳ בערישלען. ער וועט אים דערציילן, וואָס פאַר אַ „כלי מפואר״ עס איז הבחור החתן, אשר־זעליקל, זאָל געזונט זיין, און אויב מה׳ יצא הדבר, וועט ער עס אויספירן, און טאָקע אַליין פאַרדינען דאָס שדכנות־געלט.

שמעלקע רובינשטיין האָט דערויף געמאַכט אַ פאַרחידושטע מינע,

ווי אַ שטייגער דער מלמד וואָלט אים נאָר־וואָס אַרויפגעפירט אויף עפּעס אַ געדאַנק. אַריינרופנדיק זיין ווייב, האָט ער צו איר אַ זאָג געטאָן:

— ביסט אַ מבין, הענעלע, איטשע־לייזער האָט מיר איצט פאַרגע־בראַכט אַ שידוך פאַר אונדזער אשר־זעליקן. אַ שידוך וואָס לייגט זיך אויפן שכל. ער שלאָגט אונדז פאַר אַ שידוך מיט מיין געוועזענעם שותף, ר׳ בערישל מינץ.

און איידער די פרוי האָט צונויפגעקליבן אין איר געדאַנק די ווער־טער וואָס זי האָט אָפּצוענטפערן אויף דעם, האָט שמעלקע אַריינגעגאָסן אין דעם מלמדס גלאָז אַריין פון דעם שוימיקן ביר און האָט אַ זאָג געטאָן:

— נו, טרינק איטשע־לייזער. עס איז נישט קיין שלעכט גלעזל ביר. און אַז דו וועסט האָבן אַ תשובה פון די מינצעס, קום אַריבער און דער־צייל מיר.

## דריי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

## הערשעלעס נייער וועג

ווען דער מלמד איז אַריינגעקומען צו בערישל מינץ אין קאַבינעט אַריין, האָט מען אים צוגערוקט אַ שטול, און געבעטן זיצן, און קלמן זיידענבערג האָט אים צוגערוקט אַ גלאָז ביר.

— ווידער ביר! — האָט דער מלמד געשמייכלט, — איך האָב מורא, אַז באַלד וועל איך נישט קאָנען שטעלן קיין גלייכן טריט אויף דער פּאָד־לאָגע, איך וועל גיין און זיך וואַקלען.

אַלע אַרום טיש האָבן די אויגן אַרויפגעריסן אויפן מלמד.

— וואָס איז, איטשע־לייזער? — האָט נפתלי שטיינבערג אַ פרעג געטאָן, — צי קומסטו פון אַ „ברית" ערגעץ?

— קום־קומען איך — האָט דער מלמד זיך געגרויסט — פון אַ גאָר, גאָר אַ פיינער יידישע שטוב. איר הערט? איך קום פון ר׳ שמעלקע רו־בינשטיין. זאָג איך אייך — האָט מען מיך דאָרטן מכבד געווען מיט אַביסל משקה פון אֶמתן משקה־לאַנד.

— וואָס האָסטו היינט עפּעס געהאַט צו טאָן דאָרטן ביי שמעלקען?
— פרעגט קלמן זיידענבערג, וואָרפנדיק אַ בליק אויפן שווער, וועלכער זיצט און רויכערט דעם נגידישן ציגאַר, אַריינגעשטעקט אין אַ דיקן בורשטינענעם ציגאַרשפּיץ, און מאַכט אַ מינע, גלייך ווי אים אינטערעסירט אַפילו נישט צו הערן וואָס דער מלמד האָט געזען אין אַ פרעמד הויז. האָט איטשע־לייזער אויפן אָרט אויסגעטראַכט פאָלגנדע מעשׂה:

מען האָט צו אים — זאָגט ער — פון וואַרשע געשריבן, אַז ער זאָל צופאָרן צו הגביר האדיר ר׳ שמעלקע רובינשטיין, און אַ שמועס טאָן אין לערנען מיט זיין יינגל אשר־זעליקן. דעם נאָמען פון דעם וואַרשעווער גביר טאָר ער נישט דערציילן, ווייל יענער האָט אים בפירוש געשריבן, אַז ביז וואָס־ווען זאָל אַלץ זיין בסוד. הקיצור, ער האָט דאָס יינגל געפרוווט העכער אַ שעה צייט, און אַוועק פון אים איז ער מיט אַ גוואַלדיקער התפּעלות. דאָס יינגל, רבותי, — זאָג איך אייך — איז אַ „כלי מפואר״. איר זאָלט הערן, ווי ער געדענקט אויסנווייניק אַלץ וואָס רש״י זאָגט און וואָס תוספות מאַכט, און וואָס דער מהרש״א פרעגט, און אַלץ געדענקט ער אַזוי גוט אויסנווייניק. איך זאָג אייך אַז דאָס יינגל איז אַן עילוי. אָבער אַרויסגייענדיק פון דאָרטן איז אים איינגעפאַלן, אַז אפשר איז גלייכער אַריינצוגיין צו הגביר האדיר ר׳ בעריש מינץ און אַ פרעג טאָן מכוח אַכצן און דרייצן?... וואָרום איך ווייס, אַז לויט דעם שכל הישר וואָלט עס געווען אַ גאָר גלייכע זאַך...

אויף אַ מינוט־צוויי זענען אַלע שטיל געבליבן זיצן ביים טיש, און ענדלעך האָט קלמן זיידענבערג, איבערוואָרפנדיק זיך מיט אַ שטומען בליק מיטן שווער, געפרעגט דעם מלמד, אַז היות ער האָט נאָר־וואָס געזאָגט, אַז דער דאָזיקער געדאַנק איז אים איינגעפאַלן נאָכדעם ווי ער איז אַרויס פון שמעלקעס שטוב, הייסט עס דאָך, אַז מיט שמעלקען האָט ער נאָך גאָרנישט גערעדט דערפון. איז עס נישט אַזוי?

— איך וועל אייך נישט זאָגן חלילה קיין איין וואָרט וואָס זאָל זיין נישט ריכטיק, — ענטפערט דער מלמד. — איך גיי מיר תמיד בלויז נאָר מיטן אמת. נאָכדעם ווי דער געדאַנק איז מיר איינגעפאַלן, האָב איך מיר מיישב געווען, אַז עס איז גלייכער, אַז איך זאָל זיך גאָרנישט שע־

מען און צוריק נאָכאַמאָל אַרייַנגיין צו ר׳ שמעלקען און אים פאַרשלאָגן די זאַך. וואָרום וואָס איז דער מער, אַז איך בין שוין אַרויס פון שטוב — האָב איך מיר געטראַכט — קאָן איך נישט נאָכאַמאָל אַרייַנגיין? וועל איך קושן די מזוזה צוויי מאָל. הקיצור: הגביר האדיר ר׳ שמעלקע האָט מיר געענטפערט, אַז ער האָט מיט הגביר האדיר ר׳ בעריש מינץ יאָרן לאַנג צוזאַמען געהאַנדלט, ער האָלט פון ר׳ בערישן אַן עולם ומלואו. ר׳ שמעל־קעס ווייב ווידער האָט געזאָגט, אַז זי קאָן זייער גוט ר׳ בערישלס טאָכ־טער פּאַר אַ טייער און פיין מיידל. (פון די דאָזיקע ווערטער האָט בע־רישל אַריינגעשמייכלט אינעם ציגאַרשפּיץ, האָט זיך אַביסל פאַרהוסט, ווייל דער רויך פון דעם ציגאַר איז אים דערווייל אַריין אין דער קעל).

— מילא, — האָט ער זיך אָפּגערופן, — איך זאָג נישט ביין און איך זאָג נישט יאָ. איך מוז זיך פריער אַדורכשמועסן מיט מיינע בני־בית, און אי״ה איבערמאָרגן אין דער פרי, קאָנסטו קומען, איטשע־לייזער, נאָך אַ תשובה.

ווען דער מלמד איז אַרויס, האָבן די איידעמס מיט די טעכטער און אויך גאָלדעלע אַליין אויפגעהויבן די אויגן צום מאַן און טאַטן. נאָך עט־לעכע מינוט האָט בערישל אַרויסגענומען דעם ציגאַר פון מויל און אַ מורמל געטאָן:

— ווער קאָן וויסן? אפשר איז עס אַ נסיון פון הימל? אפשר וויל מען מיר פון הימל ווייזן, אַז אַ ייד טאָר קיין בעל־גאווה נישט זיין. אפשר טאָר איך מיך נישט ברעקלען מיט דעם שמעלקע רובינשטיין? ווער קאָן וויסן? ווער קאָן וויסן?...

— שווער, — האָט נפתלי שטייַנבערג זיך אָנגערופן — די וועלט זאָגט, אַז מען באַדאַרף אַפילו אַ גנב, שניידט מען אים אָפּ פון דער תליה.

בערישלען איז דער דאָזיקער משל נישט זייער שטאַרק געפעלן, האָט ער ביידע הענט צעפירט אין דער ברייט און אַ זאָג געטאָן:

— אַוודאי האָב איך געוואָלט אַנדערש, אָבער אַז פון הימל דערלאָזט מען נישט? און דאָ קומט איין צרה און נאָך אַ צרה. מילא, ביז אי״ה איבערמאָרגן אין דער פרי האָבן מיר דאָך נאָך גענוג צייט זיך מיישב צו זיין. מילא, מען וועט זען.

אויפן דריטן טאָג, ווען איטשע־לייזער איז געקומען נאָך אַ תשובה, איז אים וואָרעם געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט זיך געטראַכט אַז כ׳לעבן, ער מעג שוין אָנהייבן צו ציילן דאָס שדכנות־געלט. הקיצור: שבת־צו־נאַכט זענען די תנאים געשריבן געוואָרן. עס איז געווען אַ תנאים אָן אַ איבעריקן רעש, נאָר דערפאַר האָט בערישל מינץ געלאָזט מאַכן אַזאַ חתונה, אַז גאַנץ פוילן האָט דערמיט געקלונגען. צו דער חתונה איז גע־קומען צופאָרן דער לושינער רבי מיט זיינע דריי גבאים. אַחוץ זי זענען אויך געקומען עטלעכע רבנים און סתם אָנגעזעענע יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך. יעדער איינער וואָס האָט דערהאַלטן אַ חתונה־בריוו, האָט זיך נישט געוואָלט שטעלן מיט די „צוויי לייבן“ פונעם חסידישן גבירנטום, און מען איז געקומען צו דער חתונה.

ביי דער חתונה זענען דריי קאַפּעליעס כלי־זמרים געווען. די ליפּאָ־ווער קאַפּעליע האָט געהאַט אַ „חזקה“, ווייל עס איז זייער שטאָט. האָט אָבער וואלווישעס קאַפּעליע פון האַרטשין אויך געהאַט אַ חזקה, ווייל זיי האָבן געשפּילט אויף די חתונות ביים הגביר האדיר ר׳ שמעלקעס צוויי זין, ביי חיים־אַנשלן און ביי אברהם־יודלען; ווילן זיי דעריבער אויך שפּילן ביים מעזיניק, אשר־זעליקן. בעריש מינץ ווידער האָט אַראָפּגע־בראַכט פון לובלין דעם באַרימטן יאַנטל מיט זיין קאַפּעליע, ווייל ערשטנס איז יאַנטל געווען דער סאַמע באַרימטסטער קלעזמער אין גאַנץ קרויך־פוילן. אַז ער פלעגט אַרונטערזעצן דאָס פידעלע אונטער זיין ווייס־זיל־בערנער באָרד און אַ צי טאָן מיטן בויגן אויף די סטרונעס, האָט דאָס מתיקות אָנגעפילט די גאַנצע שטוב. נישט נאָר די ווייבער נאָר אַפילו די מאַנסבילן פלעגן אויך וויינען מיט טרערן פון דער זיסקייט אין יאַנטלס פידעלע.

עס איז אויך אַראָפּגעבראַכט געוואָרן צו דער חתונה דער באַרימטער בדחן שמואל מאַטשעוויצער, און יענער האָט באַצויבערט מיט זיינע גראַ־מען און געזאַנגען, מיט זיין שאַרפער לומדות, און נאָכמער מיט זיינע וואונדערבאַרע „נוטריקונס“. ביי דער סעודה נאָך דער חופּה, האָט שמואל מאַטשיוויצער דערמאָנט די פּרשה פון דער וואָך וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „וירא אליו ד׳ ב א ל ו נ י מ מ ר א“, און האָט געזאָגט

אַז די נוטריקון פונעם וואָרט „באַלוני ממרא״ מאַכט: „בעירנו אנחנו למזל ולהצלחה נתחתנו יחדיו״, און דאָס מיינט די מחותנים מינץ־רובינ־שטיין, אַז די שכינה, הייסט עס, רוט אויף די חתונה פון די מחותנים מינץ און רובינשטיין.

— זאָגט נאָר בדחן, — האָט נפתלי שטיינבערג אַ פרעג געטאָן אַ ישיה: — וואָס זשע מאַכט די אלף צום סוף פון וואָרט ממרא?

— די „אלף״ — האָט דער בדחן געענטפערט — מיינט דעם נאָמען פון דעם חתן אשר־זעליק זאָל לעבן.

אויף דער חתונה איז אויך פייגעלע געווען. זי האָט נעבעך געמוזט קומען, כאָטש דאָס האַרץ איז איר נישט געווען דערביי. איר מאַמע־האַרץ האָט געזען שטילערהייט דעם גרויסן עגמת־נפש מיט וועלכן איר הערשע־לע גייט אַרום, זייט האָדל איז צום צווייטן מאָל אַ כלה געוואָרן. זי האָט געהערט זיין שטיל קרעכצן אין די שלאָפלאָזע נעכט פון דער לעצטער וואָך פאַר האָדלס חתונה. זי האָט שטילערהייט מיטגעליטן מיט איר קינדס צער, און אומזיסטער צער נאָך איר מיינונג, אָבער דאָך אַ צער, פון וואָס דאָס יינגל דערעסט נישט און דערשלאָפט נישט, און דאָס פּנים נעבעך ווערט ביי אים גרין און געל. זי האָט די זאַך געהאַלטן פאַר אַ פאַרפירע־ניש, אָבער ריידן מיט אים וועגן דעם אָפן האָט זי נישט געקאָנט. זי האָט מורא געהאַט עס צו טאָן, טאָמער וועט זי איר ציטערדיק קינד נאָך מער וויי־טאָן און מי יודע צו וואָס חלילה עס וואָלט געקאָנט ברענגען.

עס איז ביי פייגעלען געווען אַ מאָמענט, ווען זי האָט געהאַט באַ־שלאָסן אויסצוזוכן זיך אַ תירוץ פון שוואַך געזונט און נישט פאָרן אויף דער חתונה. האָט אָבער הערשעלע עס איר נישט געלאָזט טאָן. ער האָט געזאָגט, אַז פאַרקערט, קומענדיק צווישן מענטשן וועט זי זיך בעסער פילן. האָט ער איר געהאָלפן אָנטאָן דעם אַלטן אָפּגעטראָגענעם סאלאָפּ, און זאָל די מאַמעשי פאָרן, און משמח זיין זיך גלייך מיט אַלע. די אמתע כוונה זיינע איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט בלייבן איינער אַליין אין שטוב, אויף דער גאַנצער נאַכט, כדי ער זאָל קאָנען זאָגן תהילים מ'יט מעמדות, און ווידער האָפן אויף אַ נס, פונקט אַזוי ווי יענער ערשטער נס, וואָס איז שוין איין מאָל געשען ביים צוריקשיקן צום פעטער בערישל

די תנאים פון דעם לובלינער מחותן. צומאַרגנס אין דער פרי, ווען די מוטער איז געקומען אַהיים פון ליפּאָווע פון דער חתונה, האָט הערשעלע געזען, אַז דאָס מאָל איז קיין נס נישט געשען, און אַז „זיין האָדל" האָט מען קעגן איר ווילן חתונה געמאַכט, כדת וכדין, מיט שמעלקע רובינ־שטיינס זון...

אין דער ערשטער מינוט איז ער מוראדיק בלאַס געוואָרן, אָבער באַלד האָט ער זיך געשטאַרקט, און אַ שטומער נדר איז דורך זיין מוח דורכגע־לאָפן: „מיט קיין אַנדער מיידל וועט ער נישט חתונה האָבן!" קיין מאָל נישט!... און מערקווירדיק, דער דאָזיקער שטומער נדר האָט אים אויף אַמאָל צוריקגעשטעלט אויף די פיס. ער האָט דערשפּירט, ווי אַ ניי׳ער קוואַל פון כוח און מוט האָט אים באַהערשט, און פון איצט אָן און וויי־טער וועט ער זיין גאַנצע ענערגיע אָפּגעבן פאַר דער הייליקער אַרבעט פון דעם ציוניזם, אַן אַרבעט, וועלכע איז אים אייגנטלעך שוין לאַנג נאָענט געווען צום האַרץ, נאָר די הייסע ליבע צו האָדלען האָט ביי אים נישט איבערגעלאָזט קיין מינוט צייט דערפאַר. איצטער איז ער פריי פון אַלע אַנדערע ענינים, און ער קאָן זיך אינגאַנצן איבערגעבן דער אַגיטאַציע־אַרבעט פאַרן ציוניזם. און שאַ! — ער וועט אם ירצה השם נאָך אַוועקפאָרן אויך אַליין קיין ארץ־ישראל...

ווי פייגעלע האָט געזען, אַז הערשעלע האָט זיך אַריינגעלאָזט אין דער ציוניסטישער אַרבעט, איז זי נישט איבעריק געווען צופרידן. יואָרעם משטיינס געזאָגט ווער זענען דאָס דעמאָלט געווען די ציוניסטן אין אש־ליאַכענטש? ברוך דער דאַמסקי שניידער, און ראַסקין דער לערער, און שטיל געמורמלט האָט מען אויפן גרויסן למדן קלמן יצחק, אַז ער איז אויך אַ באַהאַלטענער ציוניסט. נאָך אַ האַלב יאָר האָט הערשעלע אַריבער־געטראָגן זיין ציוניסטישע טעטיקייט אין דער גרויסער שטאָט לובלין. די דאָרטיקע ציוניסטן ד״ר זיידנער, אינזשעניער פלאַם און אַנדערע האָבן אים פאַרשאַפט לעקציעס אויף תלמוד און תנ״ך, און אין די שבתים האָט ער זיינע ציוניסטישע דרשות געהאַלטן אין די שולן. שפּעטער האָבן אים עטלעכע רייכע ציוניסטן מיטגעהאָלפן מיט די הוצאות, און ער איז אַוועק־געפאָרן קיין ארץ־ישראל.

פון די בריוו וואָס זענען אָנגעקומען צו דער מוטער, האָט מען גע־וווסט, אַז ער אַרבעט דאָרטן אין אַ קאָלאָניע זייער שווער, וואָרעם אַלע אַרבעטן דאָרטן זייער שווער, אָבער מען פילט זיך געזונט, און מען איז זייער צופרידן.

פיר און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

## נאָך זיבעצן יאָר

נאָך זיבעצן יאָר איז פּלוצים אָנגעקומען אַ בריוו פון יאָסעלען, פון אַמעריקע. ער האָט געשריבן, אַז ער האָט אין ניו־יאָרק אַ גוט־פּראָספּע־רירנדע „דרעס־ביזנעס" און ער איז „קאָמפּליטלי אָלרייט". ער האָט אין ניו־יאָרק חתונה געהאַט מיט אַ פיינער פרוי און זיי האָבן אַ טייער טעכ־טערל און צוויי פיינע „בויעס". פאַרוואָס ער האָט איבער דער גאַנצער צייט קיין בריוו נישט געשריבן, וועט ער עס דערציילן אויספירלעך, ווען ער וועט קומען קיין פוילן אין אַ האַלב יאָר אַרום, אַלס דעלעגאַט פון דער „סאָסייטי", וואָס ער איז איר פּרעזידענט.

דער דאָזיקער בריוו וואָס איז געווען אַדרעסירט אויף בעריש מינצס נאָמען, איז איבערגעגעבן געוואָרן צו האָדלען, וואָרעם בערישל מינץ און זיין ווייב גאָלדעלע האָבן שוין נישט געלעבט. בערישל פריער און גאָלדע־לע איז מיט אַ יאָר שפּעטער געשטאָרבן, נישט וויסנדיק אַפילו ווו זייער יאָסעלע געפינט זיך ערגעץ אין דער וועלט. שפּרינצל מיט איר מאַן נפתלי שטיינבערג זענען געווען גרויסע אביונים. זיי האָבן געוווינט אין קעלער און געהאַנדלט מיט אַלטע זאַך. קלמן זיידענבערג מיט דבורהלען האָבן געוווינט אין לאָדזש, ווו זיי האָבן אַליין נישט פאַרדינט קיין לעבעדיקן גראָשן, נאָר זענען אויסגעהאַלטן געוואָרן — קוים קוים — דורך אַ זון, וועלכער האָט זיך אַליין געמוטשעט ביי אַ קליינער וועבעריי אויפן לאָ־דזשער באַלוט. דעם חלק־ירושה נאָכן רייכן שווער האָבן ביידע שוואָגערס פאַרטאַכלעוועט דורך זייער אומאויפהערלעכער אַרומרייסעניש צווישן זיך, זייט דעם שווערס טויט. זיי האָבן עס פאַרטאַכלעוועט ביי דער ווילדער

קאָנקורענץ צווישן זיך ביי מיליטערישע פּאַדריאַדן. עס איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז שפּעטער האָבן זיי ביידע געמוזט פאַרקויפן האַדלס מאַן, אשר־זעליקן, זייערע טייל ירושה אינעם שווערס הויז אין ליפּאָווע.

שפּעטער, ווען אשר־זעליק האָט שוין נישט געלעבט, איז פון זיין גאַנץ פאַרמעגן אויך גאָרנישט געבליבן, ווייל עס איז אַוועק במשך זיין לאַנגער קראַנקייט פאַר די דאָקטוירים און די אַפּטייקער. דאָס אייניציקע וואָס עס איז האָדלען נאָכן מאַנס טויט פאַרבליבן, איז געווען דאָס הויז. האָט זי דריי־פערטל פון דעם הויז פאַרדונגען אויף דירות און דערפון געלעבט.

פון הערשעלען האָט מען אין יענע יאָרן געוווסט נאָר דאָס וואָס ער האָט פון ארץ־ישראל געשריבן צום גרייז־גרויען לערער ראַסקין אַ גרעַ־סערן בריוו. אין יענעם בריוו האָט הערשעלע געשריבן, אַז ער איז אַ חבר אין אַ קבוצה, און אַז ער האָט נישט חתונה געהאַט און אַז ער וויל איבער־הויפּט נישט חתונה האָבן. צום סוף פונעם בריוו האָט ער נאָך צוגעשריבן אַ האַרציקן גרוס פאַר זיין קוזינע האָדל, און געהייסן איר איבערגעבן, אַז ער האָט זי נישט פאַרגעסן, און וועט איר קיינמאָל נישט פאַרגעסן. האָט ראַסקין געבראַכט צו האָדלען דעם בריוו מיט הערשעלעס אַדרעס צו איר און נאָך עטלעכע בריוו אַהין און צוריק. האָט האָדל פאַרקויפט דאָס הויז, און איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל צו הערשעלען.

דער לערער ראַסקין, וועלכער האָט האָדלען באַגלייט צו דער באַן, האָט איר דעמאָלט נאָכדערציילט די ווערטער, וואָס דער אַלטער פויע־סאַרנעצקי האָט אַמאָל געזאָגט וועגן אַלטן דעמב, אַז זיינע שפּראָצלינגען ווילן מן־הסתם אויפלעבן אין נייע ערטער. ראַסקין האָט די דאָזיקע ווער־טער פאַרגלייכט צו יאָסעלעס בריוו פון אַמעריקע, פון וועלכן ער האָט קוים עפּעס פאַרשטאַנען. און נאָך מער צו האָדלס אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל. ער האָט נבואה געזאָגט, אַז פון די דאָזיקע צוויי יונגע שפּראָצ־לינגען וועלן אויסוואַקסן נייע געזונטע דעמבעס אויף די נייע פּלעצער, אין ארץ־ישראל און אין אַמעריקע.

צווייטער טייל

# וואַרשע

## ערשטער קאַפּיטל

# עטלס נסיעה קיין וואַרשע

יענער האַרבסט־טאָג אין וועלכן עטל האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער נסיעה פונעם קליינעם שטעטל אשלאַכענטש קיין וואַרשע, איז געווען רעגנדיק און שטאַרק כמורנע. פון דער ליכטיקער זון איז קיין פּיצל שטראַל נישט געבליבן און דער הימל איז געהאָנגען אַ נאַסער און אַ טראָפּנדיקער, גלייך ווי מען וואָלט אים געהאַט אונטערגעבונדן מיט אויסגעווייקטע ליילעכער. פון די פערד האָט געשלאָגן מיט פּאַרע און שווייס, און די יאַדישליווע וואַסער־טראָפּנס האָבן מיט אַ בייזער רשעות זיך אַריינגעריסן אַזש ביז איבערן בעל־עגלהס קאָפּ, טיילמאָל אויך אַביסל טיפער, ביז אין דער סאַמע בויד אַריין.

ווען עס איז געוואָרן נאַכט, האָט דער רעגן זיך צעבייזערט און געגנמען גיסן שטאַרקער. די פּאַסאַזשירן וואָס זענען באַשטאַנען פון מאַנסבילן אין לאַנגע קאַפּאָטעס און ווייבער אין קאָפּקעס, האָבן מיט הכנעה אַריינגעשטעקט די שפּיץ־פינגער פון איין האַנט אַרבל אין דער צווייטער און צום טאַקט פונעם וואָגנס טרייסלען האָט מען זיך געוויגט אַהין און אַהער, און דערביי געשנאָרכט אויף אַלערליי קולות. דאָס „געזיץ״, וואָס אין אָנהייב איז עס געווען גוט אויסגעמייסטערט דורך זאַוול דעם בעל־עגלה, האָט זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער צעפּאָרן. דאָס שטרוי אויפן ברעטל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אין איין זייט, און די גראָבע שמאַטע פון אויבן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער צווייטער זייט. נאָך גוט וואָס אין דער בויד איז געווען זייער ענג, האָט דאָס ענגשאַפט בעסער ווי מיט לעדערנע רימענס געהאַלטן דעם עולם אויף די „זיצן״.

די זעכצן־יעריקע עטל איז געווען די איינציקע אין דער בויד, וואָס האָט די גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. אַ פאַרזונקענע אין טרויעריקע געדאַנקען, איז זי געזעסן צווישן צוויי עלטערע ווייבער, וואָס זענען געווען איינגעהילט אין דיקע באַיענע פּאַטשיילעס. די ווייבער האָבן

ביי יעדן טרייסל פון דער בויד אָפּגעשטופּט איר מיט אַ געבייזער: זעט נאָר ווי דאָס האָט זיך צעזעצט ווי אַ פּריצטע. „כ׳לעבן מיידל, מען מעג נאָך אַביסל „דרך־ארץ״ האָבן פאַר אַן עלטער מענטש״.

אַביסל העכער פון עטלען, אויף אַ „געזיץ״ צווישן צוויי אַנדערע מאַנסבילן, איז געזעסן עטלס נייער באַקאַנטער, ר׳ איטשע־מאיר, אַ הויכער ייד מיט אַ הדרת־פּנימדיקער באָרד. יענער האָט דורך דער נאַכט עטלעכע מאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ אַהינטער צו איר, און האַלב אין שלאָף געבורטשעט:

— שלאָף, שלאָף מיידל, פאַרוואָס שלאָפסטו נישט?

איינמאָל נאָך אַ שווערן אָנשטויס פון דער בויד אָן אַ גרויסן שטיין, האָט איטשע־מאיר אַ זאָג געטאָן צו איר:

— האַ? וואָס? ס׳איז אַ גוט אָפּקומעניש דאָס פאָרן מיט דער בויד? נו, מילא, מה, ס׳פאָרן דאָך נאָך יידן אַזוי...

עטלס נישט קאָנען איינשלאָפן די גאַנצע נאַכט איז געווען צוליב דעם בייטעלע מיטן באַן־בילעט און די דריי רובל, וואָס איז פאַרלוירן געוואָרן, אָדער מען האָט עס איר אַרויסגעגנבעט. זי געדענקט גאַנץ גוט, אַזביים איינשטייגן אינעם וואַגאָן אַריין, האָט זי אין דער רעכטער האַנט געהאַלטן דאָס קוישעלע און אין דער לינקער האַנט האָט זי געהאַלטן דאָס בייטעלע מיטן געלט און מיטן געקויפטן באַן־בילעט ביז וואַרשע. די מאַמע — געדענקט זי — האָט איר געהאָלפן אַרויפגיין אויף די וואַגאָן־טרעפּ מיטן קוישעלע, און מיט פאַרוויינטע אויגן האָט זי זיך מיט איר צעקושט און נישט אויפגעהערט איר צו זווינטשן. זי איז זיכער אַז זי האָט עס געהאַלטן אין דער לינקער האַנט. טאָ וווּ־זשע איז עס אַהינגעקומען?

מילא — רעדט זי צו זיך די גאַנצע נאַכט — דער שאָדן פון די דריי רובל וואָס די אָרעמע מאַמע האָט איר מיטגעגעבן איז אויך גענוג ווייט און וויי, אָבער די ביטערע בושה וואָס זי איז אויסגעשטאַנען אינעם וואַגאָן פאַרן קאָנדוקטאָר, ביים נישט האָבן צו ווייזן דעם געקויפטן באַן־בילעט, איז זי פון אייזן, אַז זי לעבט נאָך. וואָרעם געמיינט האָט זי זיכער, אַז דאָס האַרץ וועט ביי איר פּלאַצן פון די יסורים. דער צעיאַכמערטער קאָנדוקטאָר האָט איר מיט די גרעסטע זידל־ווערטער אַראָפּגענומען ביי

דער ערשטער סטאַציע, און האָט איר אַריינגעפירט אין קליינעם וואָקזאַל־צימערל. דאָרטן האָט אַ געשטופּלט אַלט גויעצל צוגענומען איר דאָס קוי־שעלע אַלס משכון אויף די עטלעכע און דרייסיק קאָפּיקעס, פאַרן פאָרן אויף דער באַן אָן אַ בילעט. זיצנדיק דאָרטן, אין יענעם קליינעם וואָקזאַל־צימערל, און צוקוקנדיק דורכן פענצטער ווי דער צוג האָט זיך מיט קנוילן רויך און מיט אַ סאָפּעניש אַוועקגערוקט פון דער סטאַציע אויף זיין ווייטערן וועג, ווייסט זי בפירוש נישט ווי אַזוי זי האָט עס מיטן לעבן איי־בערגעהאַלטן.

און פּלוצים האָט זי דורכן פענצטער באַמערקט, ווי אין דרויסן, אַביסל אַוועקגערוקט צו לינקס, שטייט עפּעס אַ געשפּאַנטע בויד מיט צוויי פערד, לעבן וועלכער עס שטייט אַ בעל־עגלה מיט אַ בייטש אונטער דער פּאַכווע און רעדט עפּעס צו אַ ייד. זי האָט נישט געקאָנט הערן פון דער ווייטנס וואָס זיי ריידן דאָרטן צווישן זיך, אָבער דאָס איינציקע וואָס איר אויער האָט יאָ געכאַפּט איז געווען, אַז דער בעל־עגלה רופט אָן דעם ייד מיטן נאָמען „ר' איטשע־מאיר". ענדלעך האָט זי דערזען, ווי דער בעל־עגלה האָט מיט דער דיקער זייט פונעם בייטש־שטעקעלע אָנגעטייטלט צו איר פענצטער, אויסשרייענדיק מיט אַ הויכן און גראָבן קול: „אָט־אָ־דאָ, ר' איטשע־מאיר, זיצט זי דאָס מיידל", און באַלד איז דער ייד צו איר אַריינגעקומען מיט אַ „טאַטעשן גוט־מאָרגן", און האָט איר געפרעגט, פאַרוואָס מען האָט איר אַראָפּגענומען פונעם צוג.

אויסהערנדיק איר טרויעריקע געשיכטע, האָט דער ייד אַ בורטשע געטאָן ווי צו זיך אַליין: „פכע! הער אַ מעשה, ווי מען קאָן נישט אויס־רעכענען גאָט ברוך הואס וועגן. אָט האָב איך געהאַט אַזוי פיל עגמת־נפש, הלמאי איך האָב מיט דריי מינוט פאַרשפּעטיקט דעם צוג קיין וואַר־שע, און גיי זיי אַ נביא, אַז דאָס האָט מען מיך פון הימל געמאַכט פאַר־שפּעטיקן דעם צוג, מחמת דעם וואָס מען האָט מיך געוואָלט מזכה זיין מיט אַ גרויסער מצוה, צו העלפן אַ יידישער טאָכטער אין אַ שווערער לאַגע."

זי געדענקט, אַז זי האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן די טרערן.

— וואָס הייסט עס עפּעס? אַ ווילד־פרעמדער מענטש זאָל פּלוצים איר קומען העלפן?

דער ייד האָט אַ צי געטאָן מיט ביידע הענט ביי די שפּיצן פון דער באָרד:

— נאַריש מיידל, זאָלסט קיין פאַראיבל נישט האָבן, אַ „פרעמדער מענטש" זאָגסטו? גיי שוין גיי. אַ ייד מיט אַ ייד איז נישט קיין פרעמ־דער. איבעריקנס, וואָס דען וועסטו איצטער טאָן? וועסט חלילה בלייבן זיצן דאָ איינע אַליין צווישן די גויים להבדיל? פּכע! און צווייטנס, מיידל, וואָס איז דער מער, אַז איך וועל פאַר דיר אויסלייגן די עטלעכע גילדן אויף די צוויי־דריי טעג?

— אָבער איך וועל דאָך אין צוויי־דריי טעג נישט האָבן אייך צו באַצאָלן — האָט זי געשריגן מיט פּחד — ביז איך וועל אַהיימשרייבן צו דער מאַמען און ביז דאָס געלט פון דער מאַמען וועט אָנקומען, קאָן עס געדויערן אפשר צוויי־דריי וואָכן.

— נו, מילא מה, — האָט דער ייד ווידער זיך געגלעט די באָרד — וועט עס דויערן דריי וואָכן, פיר וואָכן, זעקס וואָכן, איז עס אַלץ חלילה נישט קיין געוואַלד. אָבער דער עיקר מיידל איז דאָס, וואָס מיר מוזן זיך שוין צוגרייטן צו דער נסיעה. די בויד גייט באַלד אָוועק קיין וואַרשע. ווילסט וויסן פאַרוואָס מיר פאָרן מיט דער בויד און נישט מיט דער באַן? איז עס ווייל דער צוג פון דאַנען קיין וואַרשע וועט גיין ערשט מאָרגן, אַכט אַזייגער אין דער פרי. דער שנעלצוג, מוזט דו וויסן מיידל, שטעלט זיך דאָ נישט אָפּ, טאָ ווו וועלן מיר זיך אַהינטאָן ביז דעמאָלט אין אַזאַ עק? דאָ אין גאַריי איז קיין איין ייד נישט פאַראַן. גאַריי איז אַ גוישער דאָרף, נישט קיין שטעטל מיט יידן. נו, שנעלער מיידל, מען דאַרף זיך שוין צואײַלן צו דער נסיעה, און אם ירצה השם, מאָרגן זייגער זיבן, האַלב־אַכט אין דער פרי, וועלן מיר שוין זיין אין וואַרשע.

זי האָט געזען ווי דער ייד איז צוגעגאַנגען צום פענצטערל און האָט דאָרטן באַצאָלט די עטלעכע און דרייסיק קאָפּיקעס פאַר איר פאָרן אָן אַ בילעט, האָט אָפּגענומען פונעם געשטופּלטן אַלטן גוי איר קוישעלע, און האָט עס איר דערלאַנגט, און צוזאַמען זענען זיי ביידע אַרויסגעגאַנ־

געןָ אַ קוק צו טאָן צו דער בויד. נאָר פּלוצים האָט ער איר אַ פרעג געטאָן פון וואַנען זי איז, און הערנדיק אַז זי איז פון אשלאכצענטש, האָט ער אַ זאָג געטאָן, אַז מן־הסתם קאָן זי דאָרטן דעם באַרימטן אשלאכצענטשער גביר, ר׳ בעריש מינץ. האָט זי דערויף געענטפערט, אַז נישט נאָר זי קאָן אים, נאָר אַז ער איז אַפילו אירס אַ „קרוב״.

פאַר די דאָזיקע ווערטער — געדענקט זי — אַז זי איז געוואָרן גוואַלדיק אין כעס אויף זיך אַליין. נאָך דאָס האָט איר געפעלט, צו גיין און יחוסן זיך מיטן טייערן פעטער, און אפשר נאָך אויך מיט דער זיסער מומע גאָלדעלע? יענע וואָס האָט איר געהאַט אַזוי באַליידיקט, אומזיסט און אומנישט. עס איז ביי איר נאָך גוט וואָס דער דאָזיקער ר׳ איטשע־מאיר האָט עס איר נישט פריער געפרעגט, איידער ער האָט אויסגעלייזט דאָס קוישעלע פונעם געשטופּלטן אַלטן גוי, ווארעם ווען אַזוי, וואָלט זי געטראַכט אַז דאָס טוט ער בלויז נאָר צוליב איר קרובהשאַפט מיטן „טייערן״ פעטער אירן, און כ׳לעבן, אַז זי וואָלט בשום אופן נישט אָנגע־נומען פון אים די טובה. זי וואָלט עס נישט געטאָן ווען אַפילו עס קאָסט איר דאָס גאַנצע לעבן.

אַזוי האָט זי זיך געקאָכט און געקאָכט אין די געדאַנקען, אַז די טרערן זענען איר אַזש געקומען אין די אויגן, ביז ענדלעך איז דער בעל־עגלה פאַרטיק געוואָרן מיטן אויסבעטן די „געזיצן״, האָט ער אַראָפּגענו־מען די זעקלעך האָבער פון די פערדס פּיסקעס; צוגעבונדן צום וואָגן דעם ליידיקן עמער פון וואַסער, און אַרויפּרוקנדיק דאָס פוטערנע היטל ביז צום שטערן, האָט ער אַ געשריי געטאָן: „נו, אַ סוף פאַרשוויגען! אַריין אין דער בויד״.

צווייטער קאַפּיטל

## דער פרימאָרגן אין דער גרויסער שטאָט

במשך דער גאַנצער נאַכט האָט דער קאַלטער רעגן נישט אויפגע־הערט. טיילמאָל האָט זיך דערצו נאָך צוגעמישט אַ קלעפּיקע נאַסקייט פון

שניי. די מענטשן אין בויד האָט זיך געדוכט, אַז צו דער פינצטערער און נאַסער נסיעה וועט גאָר קיין סוף נישט נעמען. אָבער ענדלעך האָט אין דרויסן אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, און זאַנוול דער בעל־עגלה האָט מיט אַ מוטיקן „ט פּ ר ר ו" אָפּגעשטעלט די בויד.

פון אַ דערבייאיק הייזל איז אַרויסגעלאָפן אַן אַלטער גוי מיט אַ פאַרשלאָפן פּנים און האָט אַרויפגעצויגן אין דער הויך דאָס געפּאַרבטע קלאָץ פון דער וואָליער ראָגאַטקע, און די בויד האָט ווידער אָנגעהויבן צו פאָרן. פון דער גרויער האַלב־פינצטערניש האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצו־שיילן הויכע קאָמעניצעס מיטן אָפּגעקרישלטן קאַלך־טינק אויף די פראָנטן. בלייכע פאַרשלאָפענע גויים האָבן זיך געיאָגט צו דער אַרבעט אין די וואָליער פאַבריקן. אַנדערע אַרבעטער, יענע וואָס האָבן געהאַט זייער אַר־בעט אין די ווייטערע שטאָט־טיילן, זענען געלאָפן צו די טראַמווייען, צו־האַלטנדיק מיט צוויי פינגער דעם קאָלנער אַקעגן רעגן; דאָ און דאָרטן האָבן יידישע שפּייז־געוועלבלעך מיט אַ טראַסק פון טירן זיך געעפנט, און באַלד זענען ריזיקע פורגאָנעס צוגעקומען און אַרייַנגעטראָגן קוישן מיט אַלערליי געבעקסן. אַנדערע פורגאָנעס האָבן געבראַכט קוישן פרוכטן און גרינסן. קליינע אָפּגעריסענע שקצימלעך זענען אַרומגעלאָפן און מיט קוויטשענדיקע קולות, אויסגערופן דעם „ראָבאָטניק", די באַליבטע צייַ־טונג פונעם אַרבעטער־קוואַרטאַל; פון די צענטראַלע גאַסן זענען נאַכט־דראָשקאַזשעס אַהיימגעקומען צו די וואָליער געסלעך, כדי צו לייגן זיך שלאָפן נאָך דער אַרבעט במשך דער לאַנגער שלאָפלאָזער נאַכט.

עטל האָט ברייט צעעפנט די אויגן, און אויף וויפל דער רעגן מיט דער האַלב־פינצטערניש האָבן עס נאָר דערלאָזט, האָט זי געשלונגען דאָס אַנטפלעקטע אויסזען פון דער גרויסער שטאָט. הייסט עס — האָט זי צו זיך גערעדט — אַז איך בין שוין דאָ אין וואַרשע? און כאַפּנדיק אַ בליק אויף דער גלאַנצנדיקער גאַס נאָכן רעגן, האָט זי אין געדאַנק איבערגע־מאָסטן דעם אונטערשייד פון איר שטעטל אשלאכעניטש ביז צו וואַרשע. וואָרעם אַז עס רעגנט אַזוי לאַנג אין וואַרשע, איז טאַקע אויך נאַס די גאַס, אָבער קיין בלאָטע איז נישטאָ. וועגן זיך אַליין פערזענלעך האָט איר נישט געשראָקן. זי איז יונג און ענערגיש, און דער טייוול וועט איר נישט נע־

מען. אַז מען איז נישט איבערקלײבעריש און מען שטעלט זיך נישט אָפּ אַפילו פאַר דער שווערסטער אַרבעט, קאָן מען אין אַ גרויסער שטאָט קור־מען צו עפּעס. אַזוי טראַכט זי און זי נעמט זיך פאַר, אַז ווען נאָר זי וועט האָבן די ערשטע מעגלעכקייט, וועט זי אַהערברענגען קיין וואַרשע די מאַמען, און אַ סוף צו די טובות פון דער מומע גאָלדעלע מיטן פעטער בערישל...

און דערווייל האָט דער נעפּל זיך געשטאַרקט אַלץ מער און מער. אַ דיקע גרויע כמאַרע האָט איינגעהילט הימל און ערד. אַזוי אַז מען האָט מיטן אויג פּשוט נישט געקאָנט אונטערשיידן פון וואַנען עס קומען די בייסנדע און דערעסנדע וואַסער־טראָפּנס. צי קומען זיי אַראָפּ פונעם הימל, אָדער אַז דאָס מאָל נעצט עס קאַפּויר פון אונטן, פונעם תהום, אַרויף צו דער ערד. צוליב פאַרזיכטיקייט זענען די דראָשקעס געפאָרן זייער לאַנגזאַם און די טראַמווייען האָבן נישט אויפגעהערט צו קלינגען: גלין־גלאַן, גלין־גלאַן. פון וואָס אַלע פערד און וואָגן האָבן זיך גערוקט אין אַ זייט. די אַרבעטער וואָס לויפן צו דער אַרבעט אויף וועלאָסיפּעדן, זענען דאָס מאָל נישט אַזוי געפלויגן ווי די שדים, נאָר רואיק און פאַר־זיכטיק זיך גערוקט פאָראויס.

אין זאַנוולס בויד איז די צונויפגעקוועטשטע מענטשן־מאַסע גע־זעסן מיט אַ יאושדיקער גלייכגילטיקייט: שוין אָנגעקומען מיט מזל קיין וואַרשע און מען ווייסט נישט אַפילו אויף וועלכן פּלאַץ מען איז שוין דאָ. דאָסגלייכן קאָן מען נישט זען ווי שפּעט ס׳איז אויפן זייגער. אָבער הפּנים אַז ביי זאַנוול בעל־עגלה זענען די אויגן ווי ביי אַ שפּאַרבער. האָט ער שוין יאָ געוווסט ווי אַזוי צו פאָרן אין דער חשכות, און אָט האָט ער דערלאַנגט אַ הילכיקן קנאַק מיט דער בייטש, און מיט אַ פריילעכן „וויאָ" האָט זיך די בויד אַ טרייסל געטאָן פונעם האַסטיקן אַריינקירעווען ערגעץ אויף לינקס, און באַלד איז מען אַריין אינעם ברייטן באַוווּסטן „זאַיאַזד" אויף דער באַניפּראַטעץ־גאַס. זאַנוול האָט נאָך געמוזט לאַווירן מיט די לייצעס אויף רעכטס און אויף לינקס, כדי נישט אַרויפצופאָרן אין דער פינצטערקייט אויף דער אָדער יענער בויד, וועלכע זענען פריער פון אים אָנגעקומען אַהער פון אַלערליי שטעטלעך.

נאָך דעם ווי איטשע־מאיר האָט באַצאָלט דעם בעל־עגלה דאָס פור־מאַנקע־געלט פאַר זיך און פאַר עטלען, האָט ער צוגערופן אַ דראָשקע און האָט אים געהייסן צופירן דאָס מיידל לויט דעם אַדרעס, צום נומער צען אויף דער שמאָלער־מילע גאַס, דער פּלאַץ ווו ס׳האָט געוווינט ראובן דער מלמד. ער האָט אויך אַרויסגענומען פון בייטעלע צוויי רובל און געגעבן עטלען. ערשטנס וועט זי דאַך דאַרפן צוואַנציק קאָפּיקעס צום באַצאָלן דער דראָשקע, און דאָס רעשט זאָל זי האַלטן ביי זיך אויף אַלערליי קליי־נע הוצאות, וואָס זי וועט באַדאַרפן איבער דער צייט, ביז די מאַמע איר׳ע וועט איר צושיקן געלט פון דער היים. ער האָט איר אגב אויך צוגעזאָגט, אַז אויף דער נאַכט וועט ער זיך נאָך אַריינכאַפּן אויף עטלעכע מינוט צו ראובן דעם מלמד, מיט וועמען ער קאָן זיך שוין שיינע יאָרן.

אַריבערטרעטנדיק די שוועל פון ראובן דעם מלמד, איז עטל באַ־געגנט געוואָרן פונעם מלמדס ווייב, צפּורהלע, מיט אַ ברייטן „סקאָצל קומט״.

— אָה! — האָט זי געזאָגט מיט אַ ליבלעכן שמייכל — דאָס ביסטו עס דאָס מיידל פון אשלאַכענטש, וועגן וועמען דער שוואָגער יחיאל־מאיר האָט אונדז געשריבן? טאָ ווי זשע הייסטו, מיידל? עטל איז דיין נאָמען? אַה, זייער גוט עטל. נעם זשע דאָס קוישעלע דיינס און לייג עס אַוועק, זיי מוחל, אָט דאָ־אָ, אין ווינקעלע, און פילן זאָלסטו זיך ביי אונדז אין שטוב פונקט ווי ביי דיין מאַמען אין דער היים.

אַזוי האָט דעם מלמדס ווייב אויפגענומען דאָס נישט־דרייסטע מיידל. באַלד האָט זי אויך אויסגעשפּרייט אויפן עק טיש אַ קליין מילכדיק טיש־טעכל, און האָט עטלען אַוועקגעזעצט דאָרטן ביי ברויט מיט פּוטער און קאָכנדיקער קאַווע. עטל האָט געפּרוווט זיך אַקעגנשטעלן: סטייטש? זי האָט — זאָגט זי — אינעם קוישעלע ליגן קיכלעך מיט חלה און באַרנעס, וואָס די מאַמע האָט איר מיטגעגעבן. אָבער צפּורהלע לאָזט איר נישט אָפּ: „דיינע באַרנעס מיט די קיכלעך וועסטו עסן שפּעטער, און דערווייל, טאָכטערשי, טרינק די קאַווע כל־זמן זי איז נאָך הייס, מיטן שטיקל ברויט און פּוטער. עס, און זאָל עס דיר וווּיל באַקומען.״

פונעם וואָרט „טאָכטערשי״ וואָס גייט אַזוי צאַרט אַראָפּ פון צפּורה־

לעס ליפּן, איז עטל געוואָרן אַזוי צענומען, אַז דאָס גאַנצע בלוט האָט זיך ביי איר אַ לאָז געטאָן אַרויף צום פּנים, און די הייסע טרערן זענען קוים־קוים פאַרהאַלטן געוואָרן אין די אויגן. — אָט־אָט, נאָר אַראָפּצופאַלן אויפן ווייסן טישטעכל.

באַלד איז אויך ראובן דער מלמד אַריינגעקומען. ער האָט דעם טלית־ותפילין פונעם דאַווענען צוריק אַהיימגעבראַכט, און געוואַשן זיך צום עסן, איידער די תלמידים קומען אַריין. נאָכן אַראָפּשלינגען די „המוציא", האָט ער מיט אַ פאָטערלעכער צופרידנקייט זיך געווענדט צו עטלען:

— דאָס ביסטו עס דאָס מיידל פון אַשלאָכענטש? נו, דערצייל־זשע מיר טאַקע, וואָס עס הערט זיך דאָרטן ביי מיין שוואָגער, יחיאל־מאיר? זיי זענען — זאָגסטו — ברוך השם אַלע געזונט? נו, מילא, געלויבט השם יתברך דערפאַר.

זעענדיק אַז עטל איז שטיין געבליבן אין מיטן עסן, האָט ער אַ ברום געטאָן אַז זי זאָל זיך צוריק אַנידערזעצן און עסן געזונטערהייט.

— מילא — גיט ער אַ שאָקל מיטן קאָפּ — די פאַדראָבנע גרוסן פון יחיאל־מאירן און פון דער שוועגערן וועט מען נאָך האָבן צייט אויסצו־פרעגן.

אַביסל שפּעטער האָבן אָנגעהויבן אַריינצוקומען אין שטוב ראובנס תלמידים, יונגע ייִנגלעך מיט שטייפע ווייסע קראַגעלעך און שוואַרצע קראַוואַטלעך. אַריינגעקומען זענען זיי מיט אַ שטילן דרך־ארצדיקן „גוט־מאָרגן רבי", און „גוט־מאָרגן רביצן". דער מלמד איז מיט זיי אַריינגע־גאַנגען אינעם צווייטן צימער, וועלכעס איז געווען איינגעריכטעט אַלס אַ „חדר" צום לערנען. האָט צפורהלע אָנגענומען עטלען ביי דער האַנט און מיט אַ האָניק־זיסער „קום טאָכטערשי", האָט זי איר צוגעפירט צו דער שלאָפבאַנק, אַז זי זאָל זיך צולייגן, וואָרעם דעם שלאָף זעט זי ווי ער ליגט איר נאָך אויף די ברעמען, און מן־הסתם האָט זי נעבעך געגנוג זיך צעבראָכן די ביינער די גאַנצע נאַכט אין דער „בויד־משינע".

אין אָוונט, ווען מען האָט נאָר־וואָס צוגעגרייט דעם טיש צו דער וועטשערע, איז אַריינגעקומען איטשע־מאיר. ראובן מיט צפורהלען האָבן אים אויפגענומען מיט אַ פריילעכן „שלום עליכם", און אים פאַרבעטן צו

דער וועטשערע. איטשע־מאיר שאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט: חס וחלילה! און חס וחלילה! וואָרעם ערשט מ׳ט אַ פערטל שעה צוריק האָט ער געגעסן וועטשערע אויף די באַלעווקעס 39. עס איז דאָרטן, זאָגט ער, אַ פיינע כשרע רעסטאָראַציע. אַזוי טענהט ער, און שאָקלט כסדר מיטן קאָפּ אויף ניין און ניין. אָבער וואָס העלפט אים דאָס אַלץ, ווען צפורהלע האָט אים שוין אַריינגעבראַכט צו טראָגן פון קיך די קופּערנע קוואָרט פול מ׳ט וואַסער, און אַ ווייס־קלאָרן האַנטוך, און ראובן פון זיין זייט ברומט אונטער: „וואָס הייסט עס עפּעס? אַ היימישער ייד קומט אַריין אין שטוב ווען מען גייט עסן וועטשערע, זאָל ער שטיין פון דער ווייטנס און נישט מיטהאַלטן? האָסטו געזען עפּעס!״ הכלל, איטשע־מאיר האָט זיך אונטער־געגעבן. ער האָט זיך געוואַשן, געזאָגט „שאו ידיכם״ און זיך געזעצט צום טיש.

ביי דער וועטשערע האָט איטשע־מאיר דערציילט וועגן זיין נסיעה, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געמאַכט אין נאָמען פון זיין רייכן פּרינציפּאַל, דעם רייכן מאַנופאַקטור־קאָמיסיאָנער ישראל־נחום מאַלקין. ער איז — זאָגט ער — אַרומגעפאָרן איבער די קליינע שטעטלעך פון צוויי גובער־ניעס, דער ראַדאָמער און דער לובלינער, און האָט פון דאָרטן געבראַכט אָן אַ שיעור באַשטעלונגען אויף דער זשיראַרדאָווער סחורה. דער „אַלטער״ זיינער, ס׳הייסט זיין פּרינציפּאַל, ישראל־נחום מאַלקין, האָט אים גע־רימט אין די אויגן, אַז ער איז אַ זייער גוטער „מענטש״, וואָס מייגט: אַ פּעאיקער אָנגעשטעלטער. נאָך מער. ער האָט אים דערלייגט אויפן שכירות גאַנצע צוואַנציק רובל אויפן חודש, כדי ער זאָל אַהערברענגען דאָס ווייב מיטן זון. האָט ער טאַקע באַלד געשיקט אַ בריוו אַהיים קיין מ׳עזריטש און מן־הסתם וועלן זיי קומען אין עטלעכע טעג אַרום. דאָס הערנדיק, האָבן ראובן מיט צפורהלען זיך אויסטערליש געפרייט: „גע־לויבט השם יתברך. געלויבט השם יתברך.״

אַרום עלף ביינאַכט האָבן זיך אין שטוב גענומען אַריינשיטן, איינער נאָכן צווייטן, די „שטאַם־געסט״ פון דער פרעמד. יידן און יידענעס וואָס האָבן שוין געהאַט מיט עפּעס זיך אָנצוטשעפּען, כדי אויף עטלעכע נעכט זיך צו מאַכן דאָ זייער „נאַכט־אכסניא״. איין יידענע איז געווען צפורה־

לעס אַ ווייט־ווייטע קרובהטע, און קיין וואַרשע איז זי געקומען מיט אַ קראַנקן מאַן צום פּוילישן דאָקטער, קריזשע, ווייל אין די רבישע קרייזן האָט מען קריזשען געהאַלטן פאַר אַ גרויסן מומחה; די צווייטע יידענע, אַ רייבע און קאַרגע שניט־קרעמערין פון זשעליכאָוו, איז געווען אַ שוועגערן פון ראובנס ברודער, איז זי אויך שוין נישט קיין „פרעמדער מענטש" ביי דער גוטהאַרציקער צפורהלען; נאָך אַ ייד איז געווען ראובנס אַ „בן־עיר". ס'הייסט נישט דווקא פון דער זעלבער שטאָט זוואָלין וואָס איז געווען ראובנס געבורט־שטעטל, נאָר פון גניעוואַשאָוו. אָבער ווי דער ייד האָט עטלעכע מאָל עס געזאָגט: „ווי ווייט איז פון גניעוואַשאָוו ביז זוואָלין? ווייס איך וואָס, אַ קאַצן־שפרונג, ווייניקער פון אַ „תחום שבת". דער לעצטער שטאָם־גאַסט איז געווען ר' הערש־יאַנקל פון ביאַלע־פּאַדלאַסקע. דאָס איז געווען אַ זייער איידעלער יונגערמאַן מיט אַ „היתר־הוראה" אין קעשענע. ער איז אין וואַרשע שוין די דריטע וואָך, און האַלט זיך אויס פון צוויי לעקציעס אויף גמרא וואָס ער האָט מיט צוויי ייִנגלעך, קינדער פון אַ רייכן חסידישן ייד. די גאַנצע פרייע צייט איז ער פאַרנומען מיט לערנען זיך די רוסישע גראַמאַטיק, כדי צו קענען באַלייגן דעם עקזאַמען אויף אַ „קאַזיאָנע רב". מיט ראובן דעם מלמד איז ער „היימיש", מחמת דעם וואָס ביידע זענען זיי „ראַדזינער חסידים", און אין ביידנס טליתים זענען איינגעמאַכט ציצית מיט אַ בלויען פאָדעם פונעם „חלזון".

אַזוי גייט עס צו אין דער פרייוויליקער און נישט באַצאָלטער „אכ־סניא", ביי ראובן דעם מלמד און זיין ווייב צפורהלע. איינערליי געסט אַוועק און באַלד זענען אַנדערע דאָ. מענטשן פלעגן אַמאָל זיך פרעגן ביי אַזאַ שטאָם־גאַסט, פון וואַנען איז דאָ ביי ראובן דעם מלמד גענוג געלע־גערס פאַר אַלע זיינע געסט. האָבן יענע אויסגערעכנט ווי אַזוי עס ווערן צונויפגעשטעלט דאָרטן געלעגערס פון שטולן מיט לאָקשן־ברעטער; שלאָפבענק מיט פרעס־ברעטער און סתם ברעטלעך, אַחוץ די קישנס, יאַ־שיקעס, איבערבעטן און אַלטע וואַטענע קאָלדרעס, וואָס צפורהלע האָט פון זיי אַ גאַנצן אַרסענאַל. זי האָט עס זיך אָנגעזאַמלט במשך די אַלע יאָרן פון נאָך דער חתונה. מיט די אייגענע הענט האָט זי אָנגעשליסן גאַנ־צע בערג גענדזענע פעדערן, און האָט זיי איינגעשיט אין רויטע איינשיטן

און איבערגעצויגן מיט אַלטע און נײַע ציכן. זי האָט אין די פריערדיקע יאָרן געהאַפּט פּאָר קינדער וואָס וועלן אויפוואַקסן, אָבער נישט פּאָר קיין יידיש הויז געדאַכט, האָבן זיך ביי זיי די קינדער „נישט געהאַלטן". טאָ וואָס קאָן מען טאָן, ווען פון הימל וויל מען נישט? מילא, זאָל מען כאָטש קענען דערמיט עפּעס טאָן מענטשן. סתם מענטשן קומען דאָך צו זיי נישט אַריין נעכטיקן, נאָר אַז אַ היימישער ייד קומט אַריין און פאַרלאַנגט עס, איז גוט אַז מען קאָן עס באַווייזן.

וואָס אָנבאַלאַנגט ראובנען, איז כדאַי געווען כ'לעבן אַ קוק צו טאָן אויף זיין פּנים, ווי אַזוי עס האָט געשיינט פון פרייד, אין דער צייט ווען ער האָט מאַנעווורירט מיט די שטולן און ברעטער, און האָט ענדלעך אויס־געמייסטערט די אַלע געלעגערס. צו אַזאַ מין פרייד איז אפשר זוכה אַמאָל אַ גרויסער גענעראַל, ווען עס געלינגט אים צוזאַמ'ענשטעלן אַן אויסער־געוויינלעכן גוטן סטראַטעגישן פּלאַן, פון וועלכן ער געווינט אַ גלענצנדן נצחון אויפן שלאַכטפעלד.

דריטער קאַפּיטל

## די וואַרשעווער נאַלעווקעס

דאָס יידישע וואַרשע האָט געהאַט אירע צוויי הויפּט־צענטערס: דעם נאַלעווקע־געגנט און דעם גזשיבאָווער געגנט. נאַטירלעך אַז עס זענען אין וואַרשע געווען פיל רייכע יידן, וועלכע האָבן געוווינט אויף דער רייכער מאַרשאַלקאָווסקאַ גאַס, אָדער אויף דער „קראַקאָווער פאָרשטאָט", און נאָך אַנדערע רייכע גאַסן: נאָך אַנדערע — און דאָס זענען שוין געווען די גאַנץ אָדער האַלב־אַסימילירטע יידן, וואָס האָבן געוווינט אויף דער אוּר־יאַזדאָווסקאַ־אַלייע, אָדער אויף דער „אַלייאַ שוכאַ", אָבער אויף יענע גאַסן איז ביים פּשוטן ייד געווען דער נאָמען „די קריסטלעכע גאַסן", אָדער די „גוישע געגנט".

ביים אַריינגאַנג צו די נאַלעווקעס איז ביי דער נאָוואָליפּקי־זייט גע־שטאַנען דאָס ספרים־געשעפט פון אליעזר־יצחק שפּיראָ (שפּעטער: דוד

קאַזאַק) און ביים אַריינגאַנג פון דער ביעלאַנסקאַ־זייט איז געשטאַנען דאָס ספרים־געשעפט „אחיאסף״ (שפּעטער: אפרים גיטלין). דער העברע־אישער שריפטשטעלער א. ל. לעווינסקי ז״ל האָט זיך אַמאָל געהאַט אויס־געדריקט, אַז יענע צוויי ספרים־געשעפטן ביים אַריינגאַנג צו די נאַלעווו־קעס, מאַכן אויף אים דעם איינדרוק פון „מזוזות״ ביים אַריינגאַנג צו אַ יידיש הויז.

די נאַלעווקע־הייזער זענען געווען געבענטשט מיט דאָפּלטע הויפן, און אַמאָל איז אויך אַזאַ הויז באַשטאַנען פון דריי ריזיקע הויפן איינער נאָכן צווייטן. אין די דאָזיקע הויפן האָבן יידן טאָג ווי נאַכט געהאָרעוועט צוזאַמען מיטן ווייב און די קינדער אויפן שטיקל פּרנסה. אַזאַ דירהלע פון אַ צוויי צימערן מיט אַ קיך, איז פאַרטיילט געוואָרן אויף אַן אַרבעט־וואַרשטאַט און אויף אַ וווינונג פאַר „טאַטע, מאַמע, קינדערלעך״. דער טאַטע אין „העמד־הויזן און טלית־קטן״ איז געווען דער פאַבריקאַנט, און דאָס ווייב האָט, צווישן קאָכן און רוימען, אונטערגעהאָלפן דעם מאַן ביי דער אַרבעט. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט די קינדער; קוים זענען זיי אַהיימגעקומען פונעם חדר, איז — אָפּגעגעסן און גלייך גענומען העלפן דעם טאַטן ביי עפּעס אַ גרינגער אַרבעט, אָדער מיט אַ גאַנג צו וועמען דער טאַטע האָט אַהינגעשיקט.

וואָס האָט מען דען נישט אויסגעאַרבעט אין די דאָזיקע נאַלעווקע־הויפן? מען האָט אויסגעאַרבעט הערלעכע מענער־וועש און דאַמען־וועש; שעלקעס און קראַוואַטן; פּאַראַסאָלן און שפּאַציר־שטעקעלעך; שפּיגלען און שפּיגעלעך; שאָקאָלאַדע און צוקערקעס; לעדערנע פּאָרטפּעלן און בריוו־טאַשן; שמעקנדיקע זייף און שנוראָוואַדלעס צו שיך; העפטן פאַר דער שול־יוגנט און קינדער־אַנצוגלעך; זאָקן, טאַשמעס און סטענגעלעך מכל המינים און אין אַלע פאַרבן; עלעגאַנטע דאַמען־טאַשן און ביליקע געלט־בייטעלעך פאַרן פּראָסטן עולם; אָפּטישע גלעזער און אַלערליי קיי־טעלעך צו זייגערלעך; גאַרדינען צו פענצטער און אַלערליי טאַשן־טיכלעך; געזילבערטער טיש־באַשטעק און שפּילצייג פאַר קינדער; געקרויזטע שטרויס־פעדערן און שווייס־בלעטער צו דאַמען־קליידער; מענער און דאַ־מען־שיך און עלעגאַנטע קאַפּעלושן; קעם און שפּילקעס פון אַלערליי מי־

נים, און נאָך צענדליקער אַנדערע אַרטיקלען, פון וואָס דער הויף איז פאַרטויבט געוואָרן פון די רוישנדע מאַשינען, און פון דער געקלאַפּערײַ פון אַלערלײַ האַמערס.

דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן בלויז פאַר די זעקס וואָכנדיקע טעג, ווארעם ווען עס איז אָנגעקומען דער פרײַטיק פאַר נאַכט, האָט מען פאַרדעקט מיט ווײַסע לײַלעכער דעם וואַרשטאַט, צוזאַמען מיט דער אָנגעוואָרפּענער האַלב־פאַרטיקער סחורה, און די גאַנצע דירה האָט געאָטעמט מיטן ליכט־בענטשן און מיט די שמעקנדיקע צוויי חלות, אונטערן צניעות־דיקן חלות־טישטעכל, דער מאַיעסטעטישער רימען פון „אשת חיל", מיטן „קידוש" און מיט די פרײַלעכע שבתדיקע זמירות. שבת־צו־נאַכט נאָך דער הבדלה פלעגן אַרײַנקומען די וואָיאַזשאָרן, מיט וועלכע מען האָט געהאַנדלט, האָבן זיי גענומען מוסטערן פון דער סחורה, כדי צו שיקן פון מרחקים גרויסע באַשטעלונגען.

אין יענע יאָרן איז דאָס גרויסע און ברייטע רוסלאַנד נאָך געווען אָפן פאַר וואַרשע, האָבן חברה וואָיאַזשאָרן, פלינקע און פעאיקע יונגען, פאַרקויפט די נאַלעווקע־סחורות אַזש קיין וויאַטקאַ און אַרכאַנגעלסק. נאָך אַנדערע האָבן פאַרבונדן וואַרשע מיט סיביר און מיט טאַשקענט.

דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן וועגן די נאַלעווקעס פון די הויפן, יענע וואָס האָבן פאַבריצירט אין דער גרעסטער ענגשאַפט. אויסער דעם איז אויך געווען אַ נאַלעווקעס פון פראָנט. יענע נאַלעווקעס מיט די רײַזיקע הורט־געשעפטן פון אַלערלײַ ייִד־סחורות און פון סאַמעט. די סאַמע אָנגעזעענסטע פירמעס פון יענע יאָרן זענען געווען יעקב ברוידאָ, לייזער בריל, אליהו פישער און נאָך אַנדערע ליטווישע ייִדן. מענטשן מיט אַ גאַנץ אַנדערן „הילוך" ווי מען איז אין וואַרשע געוווינט געווען צו זען. די דאָזיקע ליטווישע סוחרים, מיט די שײַנע בערד און רואיקן גאַנג, האָבן געטראָגן צעקנייטשטע קורצע רעקלעך מיט לאַנגע נישט־אויסגעפּרעסטע הויזן, און אויפן קאָפּ האָבן זיי געטראָגן אַ הארטן שוואַרצן קאַפּעלוש, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן איבערגעדרייט אײַזן־קעסעלע. דאַן ווען די געבוירענע וואַרשעווער רײַכע ייִדן פלעגן זײַן געקליידט „פּאַ קופּיעצקו" (סוחריש), וואָס מיינט אַ פײַנע געהאַקטע קאַפּאָטע מיט אַ שפּאַלט; אויפן

קאַפּ — אַ קליין טיכן היטל פון בייניש פּאַסטבריוווס מלאכה, און די עלע־
גאַנטע הויזן זענען געווען ארייַנגעשטעקט אין שייַנע אויסגעפּוצטע שטי־
וועלעך. זייערע בערד זענען אין מערסטן טייל שוין געווען קיילעכדיק צו־
געשוירן מיט דער שער, און יעדנפאַלס זענען זיי געווען געהעריק פאַר־
קעמט.

די ביידערליי וואַרשעווער סוחרישע יידן, סיי די ליטווישע זייד־
סוחרים פון די נאַלעווקעס און סיי די געבוירענע וואַרשעווער אייזן־סו־
חרים פונעם גזשיבאָוו, זענען זיי אַלע געווען ערלעכע מענטשן, וואָס אויף
זייערס אַ וואָרט האָט מען זיך געקאָנט פאַרלאָזן מער ווי אויף אַן אייזער־
נע בריק. דאָסגלייכן זענען די דאָזיקע ביידע גרופּעס געשטאַנען מיט ביי־
דע פיס איינגעוואָרצלט אין תורה און מעשים טובים. ביידע גרופּעס האָבן
זיך גאַנץ גוט געקענט. און אַ פשיטא אַז מען האָט געהאַנדלט און גע־
וואַנדלט צווישן זיך. אָבער צו אַ גרעסערער נאָענטקייט, ווי למשל אין
שידוכים איינער מיטן צווייטן, האָט דאָס פּאַסירט גאַנץ זעלטן. נאָך מער:
אַפילו דאָס לערנען תורה אין די שבתים און אין די לאַנגע ווינטער־נעכט
איז אויך געווען איין גרופּע באַזונדער פון דער צווייטער. די ליטווישע
יידן האָבן זייער „חברה־ש״ס״ געהאַט אויף די נאַלעווקעס און די פּוי־
לישע „חברה־ש״ס״ איז געווען אויף דער טוואַרדע גאַס.

דער דאָזיקער טייל מאַנופאַקטור־סוחרים איז ספּעציעל מעכטיק גע־
ווען אויף גענשע־גאַס, וואָס איז געווען דער „לינקער אַרבל״ פון די נאַ־
לעווקעס. ווי באַקאַנט, איז נאָך דעם ווי דער גרויספירשט סערגיי, דער
דעמאָלטיקער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון מאָסקווע, האָט אַרויסגעגעבן זיי־
נע ביטערע גזירות אויף מאָסקווער יידן, האָבן פיל יידישע מאַנופאַקטור־
סוחרים איבערגעטראָגן זיך פון מאָסקווע קיין וואַרשע און אויף דער גענ־
שע־גאַס האָבן זיי אויפגעעפנט זייערע קראָמען. האָט נישט לאַנג גע־
דויערט ווי די רוסישע פאַבריקאַנטן פון מאָסקווע האָבן זיך אויך פאַר־
אינטערעסירט מיט דער וואַרשעווער גענשע־גאַס און האָבן דאָרטן אויפ־
געעפנט זייערע פיליאַלעס. אַזוי איז די גענשע־גאַס באַהאַנגען געוואָרן
מיט ריזיקע רוסישע שילדן מיט ברייט־צעפליגלטע רוסישע אָדלערס. אַנ־
דערע מאָסקווער פאַבריקאַנטן האָבן זייערע פיליאַלעס איבערגעגעבן צו

וואַרשעווער פּאַרטרויאונגספּולע יידישע סוחרים. ביספּעלסווייז איז ביי די מאָסקווער קאַצאַפּעס געוואָרן ממש אַ פּרעסטיזש־פראַגע צו האָבן אַ פּי־ליאַלע ביי וועמען אויף דער גענשע־גאַס. אַזוי למשל נאָך דעם ווי דער מאַגנאַט סאַוואַ מאַראָזאָוו האָט זיין פּיליאַלע אויפגעעפנט אויף דער גענ־שע־גאַס ביי הערץ הופנאַגעל (אַגב: אַ גרויסער תלמיד־חכם און משכיל), האָבן זיינע קאָנקורענטן זאַכאַר מאַראָזאָוו און וויקולאַ מאַראָזאָוו אויך דאָס זעלבע געטאָן (דעם ערשטנס פּאַרטרעטער איז געווען נאָווינסקי, דער איידעם פונעם מאָסקווער סוחר ט. ד. גורלאַנד, און דעם צווייטנס פּאַר־טרעטער איז געווען יוסף לעוויטע).

אויסער די מאָסקווער סחורות איז די גענשע־גאַס אויך געוואָרן דער צענטער פאַר דער ברייט־אַנטוויקלטער פּוילישער מאַנופאַקטור־פאַבריקאַ־ציע, ווי היינצעל און קוניצער, שייבלער, זשיראַרדאָוו און אַנדערע פאַ־בריקאַנטן, יידישע און פּוילישע, און אויך דייטשע גרעסערע און קלענערע פון לאָדזש, זגערזש, פּאַביאַניץ, אָזאָרקאָוו און זאַוויערטשע. אַזוי איז די וואַרשעווער גענשע־גאַס געוואָרן אַ וויכטיקער האַנדלס־צענטער פון מאַ־נופאַקטור, און יידישע סוחרים פון מאַנופאַקטור, און יידישע סוחרים פון גאַנץ פּוילן, ליטע, וואָלין, פּאָדאָל און אַ שטיק ווייסרוסלאַנד איז אַהער־געקומען קויפן מאַנופאַקטור־סחורה.

די פאַרמיטלער צווישן די קונים פון די ווייטע געגנטן און די פאַ־בריק־סקלאַדן אויף דער גענשע־גאַס זענען געווען די קאָמיסיאָנערן. אַ מאַ־נופאַקטור־סוחר פון אַ מאָהילעוו־פּאָדאָלסק, אָדער ראָוונע, לוצק, אָדער וואָלקאָוויסק און קאָוונע, האָט אָן אַ קאָמיסיאָנער נישט געקאָנט זיין גע־העריק סאָרטירט. ווען עס האָט איינעם אויסגעפעלט סחורה פון איין פאַ־בריקאַנט, און עטלעכע שטיקלעך פונעם צווייטן פאַבריקאַנט, און פונעם דריטן, און פונעם צענטן, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריוועלע צו זיין קאָמיסיאָנער אין וואַרשע. און יענער האָט אים שוין אויסגעזוכט אַלע מינים סחורה וואָס פעלן אים. דערנאָך האָט דער סוחר אָפּגעשיקט צום קאָמיסיאָנער אַ טשעק אָדער אַ וועקסל־דעקונג.

פון די קאָמיסיאָנערן זענען געווען קלענערע, אַזעלכע וואָס די וועקס־לען וואָס דער קונה האָט געשיקט זענען געווען אויסגעשריבן אויפן פאַ־

בריקאַנטס נאָמען און די קאָמיסיאָנערן האָבן באַקומען פון פאַבריקאַנט נאָר די עטלעכע פּראָצענט פּראָוויזיע. דאַקעגן די גרויסע קאָמיסיאָנערן האָבן געהאַנדלט מיט די פאַבריקאַנטן אויף אייגענער אַבליגאַ, דאָס הייסט וואָס עס זאָל נישט האָבן פאַרגעקומען מיט זייערס אַ קונה, איז עס נישט געווען דער שאָדן פונעם פאַבריקאַנט, נאָר דער קאָמיסיאָנער האָט פּאָר אַ פּראָטעסטירטן וועקסל פון זיינס אַ קונה גלייך אָוועקגעטראָגן דאָס געלט צום פאַבריקאַנט.

דער גרעסטער און רייכסטער פון אַלע וואַרשעווער קאָמיסיאָנערן איז געווען ישראל־נחום מאַלקין. ער איז געווען דער וואָס האָט זיך גע־קענט אונטערנעמען ביי אַ פאַבריקאַנט, אַז במשך אַ יאָר צייט וועט ער ביי אים קויפן סחורה אויף אַזויפיל און אַזויפיל טויזנט רובל. דערפאַר האָט ער אַרויסגעקוועטשט ביים פאַבריקאַנט אַזאַ קאָנדיציע, אַז ער האָט געקענט אויספירן דאָס וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען. אין יענעם יאָר, אויסער אַלע אַנדערע ריזיקע טראַנזאַקציעס, אַלס איינקויפער פאַר זיינע רייכע קונים פון וואָלין און פּאָדאָליע, האָט ער אויך אָפּגעשלאָסן מיט דער זשיראַרדאָווער פאַבריק צו קויפן איבערן יאָר אַן אויסטערליש־ריזיקן קוואַנטום פון זייערע סחורות אין דער ראַדאָמער און אין דער לובלינער גובערניעס, און דערויף האָט ער געקריגן פון דער פאַבריק דעם „אַליין־פאַרקויף". האָט ער דעריבער אַרויסגעשיקט זיין „מענטש", איטשע־מאיר פרידמאַן, צו די שטעט און שטעטלעך פון די דערמאָנטע צוויי גובער־ניעס, כדי צו מאַכן דאָרטן אַלע מעגלעכע טראַנזאַקציעס מיט די זשי־ראַרדאָווער סחורות.

פערטער קאַפּיטל

## ישראל-נחום מאַלקין

אינעם ערשטן טאָג פון עטלס אָנקומען קיין וואַרשע, האָט זי אַוועק־געשיקט צו דער מאַמען אַ פּאָסטקאַרטל, אין וועלכן זי האָט איר מודיע געווען, אַז זי איז ברוך השם געזונט און אַז ראובן דער מלמד מיט זיין ווייב

האָבן איר זייער גוט אויפגענומען. זי איז דערוויל טאַקע ביי זיי, ווע־מענס אַדרעס די מאַמע ווייסט גאַנץ גוט, ווייל זי האָט אים געגומען ביי ראובנס שוואָגער ר׳ יחיאל־מאירן אין אשלאָכענטש. און צום סוף האָט זי געבעטן, אַז די מאַמע זאָל איר למען השם באַלד שיקן דריי רובל, מחמת דעם וואָס זי האָט פאַרלוירן דאָס בייטעלע מיטן געלט און זי ווייסט נישט ווו.

מאַכט זיך גאָר, אַז באַלד אויף צו מאָרגנס, דינסטיק אין דער פרי, קומט אָן אַ בריוול פון דער מאַמען, מיט אַריינגעלייגטע דריי רובל אין קאָנווערט. אינעם בריוול שרייבט די מאַמע, אַז זי שיקט איר דריי רובל, היות אז צוויי מינוט נאָכדעם ווי זי איז געהאַט אַוועקגעפאָרן מיט דער באַן, האָט די מוטער באַמערקט ליגן אויף דער ערד לעבן די אייזערנע שינעס דאָס בייטעלע מיט די דריי רובל און אויך דעם בילעט. זי איז דע־ריבער זייער אומרואיק געוואָרן וועגן דעם, ווי אַזוי עטל נעבעך האָט זיך געקאָנט אַן עצה געבן מיט איר ווייטערן פאָרן. אַלזאָ שרייבט זי „למען השם״, טייער קינד מיינס, שרייב מיר תיכף באַלד פון אַלצדינג וואָס עס האָט מיט דיר פּאַסירט ביז צום אָנקומען קיין וואַרשע און ווי אַזוי האָט מען דיך אויפגענומען דאָרטן ביי ר׳ יחיאל־מאירס שוואָגער אין הויז.

עטל מאַכט אַ חשבון, אַז אַרום דאָנערשטיק וועט די מאַמע שוין זי־כער האָבן דערהאַלטן דעם בריוו וואָס זי האָט צו איר נעכטן אַרויסגעשיקט. ובנוגע דעם בייטעלע ווייסט זי נישט צי דאָס האָט טאַקע זי אַליין, ביים קושן זיך מיט דער מאַמען, עס אַרויסגעלאָזט, אָדער — ווי זי געדענקט עס געַנוי — אַז ביים צעקושן זיך האָט נישט זי געהאַט דאָס בייטעלע אין האַנט, נאָר גיכער האָט די מאַמע עס געהאַלטן און פאַרלוירן. מילא, ווי אַזוי עס איז געוועזן — אַבי עס איז געפונען געוואָרן.

נאָך דער וועטשערע האָט זיך די טיר געעפנט און איטשע־מאיר פרידמאַן איז דאָ. לויפט אים עטל אַנטקעגן מיט די דריי רובל אין האַנט. זי גייט אים שוין באַצאָלן דעם חוב, וואָס ער האָט אויסגעלייגט פאַר איר, מיט אַ האַרציקן דאַנק דערצו. וואַרפט צפורהלע צו אַ וואָרט, אַז נישט בחינם זאָגט מען, אַז „דינסטיק״ איז אַ מזלדיקער טאָג. והא ראיה, האָט דאָך דאָס מיידל נעבעך, געהאַט אַזוי פיל עגמת־נפש פונעם פאַרלוירענעם

בייטעלע, איז היינט, דינסטיק, אָנגעקומען פון דער מוטער אַ בריוול מיט דער בשורה, אַז דאָס בייטעלע מיטן געלט איז געפונען געוואָרן. זאָגט דערויף איטשע־מאיר, אַז אויב שוין יאָ אַ מזלדיקער טאָג, האָט ער פאַר עטלעכן נאָך אַ בשורה: ער האָט געקריגן פאַר איר אַ גוטע שטעלע. ס'איז אַ נגידיש הויז, ווו זי וועט האָבן צו עסן און צו טרינקען פונעם שענסטן און פונעם בעסטן, און שלאָפן וועט זי דאָרטן אין אַ מאַגנאַטישער קיך־צימער. די שכירות איז פון גאַנצע פופציק רובל אַ „זמן", און דער פּלאַץ איז טאַקע ביי זיין „באַלעבאָס" אַליין, דאָס הייסט ביים מאַנופאַקטור־קאָמיסיאָנער און גביר, ישראל־נחום מאַלקין. און געשען איז עס דערפאַר, ווייל ערשט נעכטן איז דאָס דינסט־מיידל פון זיי אַוועקגעגאַנגען.

עטל דערשפּירט זיך אויסטערליש דערהויבן פוןביידע גוטע בשורות, וואָס זי האָט היינט, אינעם גליקלעכן דינסטיק דערהאַלטן, ובכלל האַלט זי, אַז איר אַהערקומען קיין וואַרשע, כאָטש עס איז אין אָנהייב געווען מיט אַביסל עגמת־נפש, אָבער ווי שיין און איידל איז עס דער דאָזיקער ר' איטשע־מאיר פרידמאַן. אַ ייד אַ פרעמדער גייט און נעמט איר פשוט אונטער זיין שוץ דעם גאַנצן וועג פון דער נסיעה, און נאָך דערצו איצט האָט ער איר אין זינען, און ווי נאָר ער הערט אַז ביי זיינע באַקאַנטע איז דאָס דינסט־מיידל אַוועקגעגאַנגען, שטעלט ער זיך איין פאַר איר, און פון מאָרגן אָן האָט זי שוין אַרבעט און זי וועט ערלעך און שיין פאַרדינען אויף איר ברויט.

צו גיין זאָגן, אַז מען איז ביי צפורהלען שלעכט מיט איר זיך באַגאַנגען, וואָלט עס געווען נישט ריכטיק. וואָרעם סיי צפורהלע און סיי איר מאַן, ראובן דער מלמד, האָבן ביידע איר באַהאַנדלט ווי אַן אייגן קינד. זי אַליין האָט נישט איינמאָל באַמערקט, ווי ביידע האָבן פאַר זיך אַליין נישט פאַרגינען קיין קריש פּוטער אָנצושמירן זיך דאָס ברויט ביים אָנבייסן און פאַר איר, אַ פרעמד מיידל פון אשלאכענטש, „נישט קיין קרוב און נישט קיין גואל", האָבן זיי ביי יעדן אָנבייסן אַ כאַפּ געטאָן און אָנגעשמירט פאַר איר די פרישע בייגל מיט פּוטער, און איר צוגעווונטשן, אַז זי זאָל עס עסן געזונטערהייט. מילא, דאָס אַלץ איז טאַקע נישט נאָר שיין, נאָר בפירוש נאָך מער פון שיין, מחמת זי האָט עס דאָך נישט גע־

וואָלט און נישט פאַרלאַנגט, ובאמת איז עס איר כמעט נישט ניחא גע־
ווען דאָס זיצן ביי זיי אויף בחנמדיקע קעסט. מילא, אַז מען האָט נישט
קיין ברירה — מוז מען דאָך אויף אַלץ באַשטיין, נאָר היינט אין דער פרי,
ווען זי האָט דערהאַלטן דעם בריוו פון דער מאַמען, האָט זי באַצאָלט ר׳
איטשע־מאירן וואָס זי איז אים שולדיק געווען. און נאָך צוויי רובל האָט
זי צוגעטראָגן צו צפורהלען; האָט יענע נישט אָנגעהויבן צו ווען דאָס
צו נעמען; „חלילה וחלילה" — האָט זי געטענהט, ווען דאָס פנים איז
ביי איר אַזש בלאָס געוואָרן — „חלילה וחלילה" — וואָס הייסט עס
עפּעס? טאָמער האָט זיי השם יתברך צוגעשיקט אַ שטיקל מצוה, זאָל מען
עס איר נישט וועלן דערלאָזן? אי וואָס? ס׳זענען שווערע צייטן? מילא,
פּטור. ברוך השם אַז קיין שטיינער עסט מען נישט, מען קומט אַדורך,
גאָרנישט צום זינדיקן. ווייס איך וואָס דאָרטן...

אַזוי האָט צפורהלע גערעדט מיטן גאַנצן האַרץ צו עטלען, און איר
נאָך אַרומגענומען און אויסגעקושט, אַזוי ווי מען קושט אַן אייגענער בת־
יחידה. היינט זשע די שמחה פון אַלע „שטאָם־געסט" פון דער גוטער
שטעלע, וואָס ר׳ איטשע־מאיר האָט פאַר עטלען געבראַכט, אַזש ביים
רייכן מאַלקין אין הויז. זיי האָבן איר געווונטשן, אַז הלוואי זאָל זי מיטן
רעכטן פוס האָבן דאָרטן אַריינגעקומען. צפורהלע האָט איר נישט אָפּגע־
לאָזן, נאָר אַז זי זאָל צוזאָגן, אַז כאָטש יעדן שבת וועט זי קומען צו זיי
אַביסל צו גאַסט.

צומאָרגנס אין דער פרי איז עטל מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ צוגעגאַנ־
גען צו דער גרויסער „קאַמעניצע" אויף דער פּאַווע־גאַס, דאָרטן ווו די
מאַלקינס האָבן געוווינט. זי איז אַרויפגעגאַנגען מיט די הינטער־טרעפּ
ביז צום צווייטן שטאָק און שטיל אָנגעקלאַפּט ביי דער טיר פונעם הינ־
טערשטן אַריינגאַנג. מאַדאַם מאַלקין האָט איר געעפנט און אַריינגעפירט
איר אין קיך. עטל איז דערפון באַלד געוואָרן צופרידן, ווייל אין אירע
אויגן האָט די קיך אויסגעזען שענער פון דער „סאַליע" ביי דער רייכער
מומע אירער, גאָלדעלע, אין אַשלאַכטענטש. מאַדאַם מאַלקין האָט איר גע־
וויזן ווו זי האָט אָוועקצושטעלן איר קוישעלע מיט די זאַכן. דערנאָך האָט
זי איר צוריק אַריינגעפירט צום קיך־קאָרידאָר און פון דאָרטן האָט זי איר

געפירט איבער אַלע זעקס צימערן פון דער פּראַכטפולער דירה. צוקומענ־דיק צום פּראַנט־אַריינגאַנג, האָט זי איר אָנגעזאָגט, למען השם צו גע־דענקען, אַז טאָמער קלינגט עמיץ פון יענער זייט טיר, זאָל זי עפענען נישט מער ווי נאָר אויפן מעשענעם קייטעלע, און דורכן שפּאַלט זיך אי־בערפרעגן דעם נאָמען און צו וועמען מען דאַרף. דאָס אַלץ זאָל זי גענוי הערן און קומען צו איר און איבערגעבן, וועט זי, די מאַדאַם הייסט עס, שוין זאָגן וועמען יאָ אַריינצולאָזן און וועמען אַנדערש צו זאָגן אַז מ׳ען איז נישטאָ אין דער היים.

די מאַדאַם מאַלקין, אַן עלטערע פרוי מיט אַ זויערן און שטאַרק־פּאַר־וויאַנעטן פּנים, און מיט אַ מיאוסן וואָרצל ביי דער רעכטער זייט נאָז, האָט גערעדט שטיל. איר שטוב־קלייד איז געווען זייער איינפאַך, נישט רייכער פון דער קליידונג וואָס עס טראָגט צפורהלע די מלמדקע, און לגמרי נישט ווי די אויסגעצאַצקעטע נגידותטע, איר מומע גאָלדעלע פו־נעם קליינעם שטעטעלע אשלאַכענטש. און דעריבער איז די מאַדאַם מאַל־קין איר זייער געפעלן געוואָרן.

צום מיטאָג איז פון גאַס אַהיימגעקומען דער אַלמעכטיקער ישראל־נחום מאַלקין. דאָס איז געווען אַ הויכער און ברייט־פּלייציקער ייד מ׳ט אַ שיינעם זילבער־גרויען קאָפּ האָר און גליענדיקע אויגן וואָס שפּריצן מיט ענערגיע. אַ מענטש וואָס תמיד שפּילט אַ גוטמוטיק שמייכעלע אויף זיין מאַסיוון פּנים. און דאָס שמייכעלע איז אויף אַ האָר ביי אים נישט גע־קינסטלט, נאָר גאַנץ נאַטירלעך, פּונקט אַזוי נאַטירלעך ווי ס׳איז דאָס גיין מיט די פיס און ריידן מיטן מויל. עס איז דאָס שמייכעלע פונעם אי־בערגעטריבענעם צופרידן־זיין מיט זיך אַליין. אַ מענטש וואָס מיט אַ פערציק יאָר צוריק איז ער אין אַן אביונישן צושטאַנד אַהערגעקומען פון אַ פּיצעלע פּאָדאָליער שטעטעלע, און דאָ אין „וואַרשעווי" (אַזוי הייסט ביי אים „וואַרזע") איז ער געוואָרן דער „קעניג פון אַלע מאַנופאַקטור־קאָמיסיאָנערן". אַ מענטש וואָס די גרעסטע פאַבריקאַנטן זוכן צו האָבן מיט אים געשעפטן. מען זוכט פשוט מיט אים זיך צו באַגעגענען, כדי דורך אַ שמועס וועגן מסחר־ענינים זאָל אַרויסקומען עפּעס אַ האַנדלס־טראַנזאַקציע. דער עולם פאַבריקאַנטן ווייסט, אַז בנוגע קרעדיט־פעאיקייט,

איז מאַלקין „אַן אייזערנע בריק" אַפילו אויף דער גרעסטער סומע. דערצו נאָך ווייסט מען, אַז דער מענטש נודעט נישט און אַמפּערט זיך נישט מיט קיינעם. קוים קומט מען מיט אים דורך וועגן דעם עצם ענין, איז ביי אים „אַ רענדל אַרויף און אַ רענדל אַראָפּ", צוגעשמייכלט גוט־ברודעריש און אָפּגעשלאָסן אַ קאָנטראַקט אויף אַזאַ און אַזאַ קוואַנטום סחורה, צו קויפן במשך אַזאַ און אַזאַ צייט און מיט אַזאַ און אַזאַ קאָנדיציע. און מיט דער גרעסטער ענערגיע גיט ער זיך אַ נעם צו דער אַרבעט.

די זעלבע לייכטע און גוטמוטיקע שיטה האָט ער געהאַט אויך בנוגע זיינע קונים. ווען עמעץ פון זיינע גרויסע קונים — און קונים האָט ער געהאַט די גרעסטע און די וויכטיקסטע — אַלזאָ ווען עמעץ פון זיי פלעגט קומען צו אים ערב אַ סעזאָן, האָט ער אים אויפגענומען מיט אַן אמתדי־קער האַרציקייט און מיט אַ שמייכעלע וואָס האָט געהאַט א יום־טובדיקן קאָליר. דער קונה האָט מיט רעכט געוווּסט, אַז ער קויפט זיך איין דורך אים דעם בעסטן און נייטיקסטן אויסוואַל פון סחורה און צו די צוגענג־לעכסטע פּרייזן. עס האָט אויך אַמאָל פּאַסירט, אַז אַזאַ קונה האָט זיך אַביסל פאַרגאַלאָפּירט און האָט איינגעקויפט אַביסל מער ווי מען באַ־דאַרף, און צום שלימזל איז דאָסמאָל אויסגעפאַלן אַ „שטילער סעזאָן", און דאָ האָט זיך אונטערגערוקט דער טערמין פון אַ וועקסל אויף אַזאַ סו־מע וואָס דעם קונה איז עס געווען זייער שווער. האָט דער קונה נאָר באַ־דאַרפט אַרויסשיקן צו מאַלקינען אַ בריוו מיט אַ וועקסעלע אויף דער האַלבער סומע און יענער האָט אים גלייך אַרויסגעשיקט אַ באַנק־טשעק צום אויסקויפן דעם וועקסל אין טערמין.

פאַרשטענדלעך אַז ביי זיינע פאַרפליכטונגען צו קויפן און פאַרקויפן גרויסע קוואַנטומס סחורה, האָט מאַלקין געמוזט האָבן צו טאָן אויך מיט קלענערע קונים. האָט נישט איינמאָל פּאַסירט אַז דער אָדער יענער פון זיי האָט געמוזט זיך „אָפּשטעלן". די סיבה איז נישט געווען ווייל מען האָט געוואָלט פאַרכאַפּן פרעמדע געלטער, נאָר פּשוט ווייל מען איז דער־שטיקט געוואָרן צוליב אַ שלעכטן סעזאָן, אָדער צוליב דער קאָנקורענץ פון צופיל סוחרים אויף אַ קליינעם פּלאַץ, האָט עס גאַנץ זעלטן פּאַסירט, אַז ביי עמיצן פון זיי זאָל מאַלקין האָבן פאַרלוירן געלט. וואָרעם על פּי

רוב האָט צו מאַלקינס מזל פּאַסירט, אַז דעם קונה האָט עמיץ אַנדערש „געהאַט אויסגעכאַפּט״ גראד דעמאָלט, ווען יענער איז שוין געווען אַ האַלב־דערשטיקטער. אַן אַנדער מאָל איז דאָס געשען דערפאַר, ווייל דער קונה האָט אַליין נישט געוואָלט דאָס מאָל קויפן ביי מאַלקינען, ווייל ער האָט מאַלקינען געוואָלט האָבן צום צווייטן סעזאָן. אַזאַ קליינשטעטלדי־קער סוחר, ווען ער האָט געהאַט געמאַכט „רעמאַנענט״ און דערזען זיין בראָך, אַז דאָס וואָס ער איז שולדיק איז גרעסער פון דעם וואָס ער פאַר־מאָגט, האָט ער אַזוי מאַנעווורירט, אַז ביים „גיין פליטה״ זאָל ער ישראל־נחומען נישט זיין שולדיק. דער חשבון זיינער איז געווען אַזוי: נאָך אַלע־מען מוז ער דאָך ווייטער בלייבן סוחר (וואָרעם ווי קאָן דען זיין אַנדערש? ער וועט דען אַנטלויפן מיטן ווייב און קינדער קיין אַמעריקע און ביי זיי־נע יאָרן — אַוועקשטעלן זיך דאָרטן אין אַ שאָפּ און פּרעסן הויזן?) איז זשע נאָכן אַדורכקומען מיט די בעלי־חובות, וויכטיק פאַר אים צו האָבן „אָפּענע אויגן״ ביים מעכטיקן ישראל־נחום מאַלקין, אַ מענטש וואָס קאָן אים צושטעלן אַלע מינים שניט־סחורות צו די בעסטע קאָנדיציעס, און בכלל איז דאָך אַ מחיה צו האַנדלען מיטן דאָזיקן ייד, אַ צוגעלאָזטער מענטש, פּשוט אַ „גוטער ברודער״...

ישראל־נחום האָט נישט געהאַלטן קיין געלערנטע בוכהאַלטערן. אין יענער צייט, ס'הייסט ביי דער צאַרישער רעגירונג, האָט מען נישט גע־ווּוסט פון „הכנסה־שטייערן״. טאָ וואָס זשע דאַרף ער, סתם אַזוי, אַריינ־פירן אַ פרעמדן מענטש אין די סודות פון זיינע געשעפטן? צו־וואָס טויג עס אים, אַז יענער זאָל וויסן גענוי וויפל ער האָט פאַרדינט ביי דעם מין סחורה און וויפל ביי יענעם מין סחורה? ער וויל בפירוש אויך נישט, אַז מען זאָל וויסן וויפל ער פאַרמאָגט, און ביי וועלכע אַרטיקלען ער האָט געמאַכט די „גראָבע געלטער״. פאַר אים איז דעריבער גענוג געווען צו האַלטן אַ יונגן בחור מיט אַ שיינער האַנטשריפט, אַ בחורל וועמען מ'ען האָט אויך געקאָנט שיקן אַ גאַנג צו אַ פאַבריקאַנט אָדער צו דער פּאָסט, אָדער גאָר שיקן אים מיט וועמען פון די קלענערע קונים, ווען יענער וויל אויסקלייבן זיך, אויף זיין חשבון, עטלעכע מינים סחורה. אַזאַ בחור האָט געהאַט במשך דעם גאַנצן טאָג גענוג וואָס צו טאָן און אין אָוונט האָט

מאַלקין נאָך דעם בחור אָוועקגעזעצט אויף אַ שעה אָדער צוויי ביים שרייבטיש און האָט אים דיקטירט ביים איינשרייבן אין בוך די חשבו־נות פאַר די קונים.

בנוגע די חשבונות צווישן אים און די פאַבריקאַנטן, האָט דער בחור נישט געטאָרט אַפילו אַ קוק טאָן אויף זיי. דער בחור האָט נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג וויפל למשל עס קאָסט מאַלקינען דאָס ביסל סחורה, פאַר וועלכער מען האָט אים דיקטירט אַ חשבון פאַרן קונה. די חשבונות פון די פאַבריקאַנטן האָט ישראל־נחום אָפּגענומען פערזענלעך; און יעדער חשבון איז געלעגן אין אַ פאַרמאַכטן גרויסן קאָנווערט. דאָס האָט קיינער נישט אָנגעקוקט און נישט געזען. אַפילו דאָס אייגענע ווייב זיינס האָט אויך נישט געוואַגט צו עפענען אַמאָל אַ פאַרמאַכטן בריוו פונעם פאַברי־קאַנט. די „ספּעציעלע ראַבאַטן" פון סחורות וואָס ער האָט אָפּגעמאַכט מיט די פאַבריקאַנטן ביי אַזאַ און אַזאַ יערלעכן אומזאַץ, האָט ער זיך אַליין פאַרשריבן אויף יידיש אין אַ קליין ביכעלע, וואָס איז געלעגן פאַר־שלאָסן ביי אים אין קאַסע. אין אמתן אָבער איז גאַנץ זעלטן אים אויס־געקומען אַרויסצונעמען דאָס ביכעלע פון דער קאַסע און נאָכקוקן עפּעס, מחמת ער האָט געדענקט אויסנווייניק אַלע אָפּגעמאַכטע ראַבאַטן און קאָנדיציעס.

מאַלקין האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט פּאָליטיק און נישט מיט קיין שום אַנדערן געזעלשאַפטלעכן ענין. טאָמער איז אַמאָל פאָרגעקומען עפּעס אַ דיסקוסיע צווישן צווייערליי פּאַרטייען, האָט מאַלקין צו ביידע גלייך געשמייכלט מיט זיין גוטמוטיק שמייכעלע, דערקלערנדיק צו ביידן, אַז זיין מוח איז אַ פאַרנומענער מיט די מסחרים וואָס ער פירט, און אַז ער איז נישט תופס ביי די אַלע ענינים געגעוי אין וואָס עס גייט. ובאמת איז דאָס נישט געווען קיין ליגן. מאַלקין האָט געאָטעמט מיטן שטיק מאַ־נופאַקטור־סחורה, און מער האָט אים קיין זאַך נישט אינטערעסירט אויף גאָטס וועלט.

דער דאָזיקער ייד איז קיינמאָל נישט געגאַנגען אין אַ טעאַטער אַריין, אָדער אויף אַ קאָנצערט. דאָס איז נישט געווען ביי אים צוליב קאַרג־שאַפט, נאָר ווייל ער האָט פאַר די דאָזיקע זאַכן נישט געהאַט קיין חוש,

אָבער איין מאָל אין זיין לעבן איז ער געווען פּשוט געצוווּנגען צו גיין אויף אַן אָפּערע־פאָרשטעלונג. האָט ער דערביי נעבעך געהאַט אַ מיאוסן אָפּשניט.

וועגן יענעם אָפּשניט זיינעם האָט מען אין די מאַנופאַקטור־קרייזן נאָכדערציילט פאָלגנדע פּרטים:

דאָס האָט פּאַסירט ווען זיין בת־יחידה איז אַ כלה געוואָרן פאַר אַ זון פון אַ רייכן לאָדזשער פאַבריקאַנט. אַלזאָ, צומאָרגנס נאָך די תנאים האָט דער חתן געגומען בילעטן פאַר זיך און פאַר דער כלה, און אויך פאַר דער כלהס עלטערן. די בילעטן זענען געווען אין דער דריטער ריי פון דער וואַרשעווער אָפּערע, וווּ ס'איז אין יענעם אָוונט געגאַנגען די באַרימטע „אאידאַ". האָט זיך אָבער גראד געמאַכט, אַז יענער אָוונט איז געווען אַ גוואַלדיק־פראָסטיקער און מיט אַ גרויסן שניי. און מאַלקין האָט אויף להכעיס געהאַט אַ לויפּעניש מיט די קונים דעם גאַנצן טאָג, און שפּעטער נאָכן אָפּרעכענען זיך מיט זיי ביי זיך אין קאַבינעטל, אַזוי אַז ער איז געווען פאַרנומען ביז אַזייגער ניין ביינאַכט. עס זענען געווען אַזעלכע פאַרפלאָנטערטע ענינים, וואָס ער האָט בשום אופן זיי נישט געקאָנט אָפּלייגן אויף מאָרגן אין דער פרי. האָט ער געבעטן ביי דער טאָכטער, אַז מען זאָל אים לאָזן צורו. זאָלן זיי ביידע גיין צוזאַמען מיט דער מוטער אין טעאַטער דערווייל אָן אים און ער וועט קומען אַהין אַביסל שפּעטער.

האָט די טאָכטער דאָך געמוזט דערויף מסכים זיין.

ישראל־נחום, אַריינקומענדיק מיט אַ קנאַפּער שעה שפּעטער, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אַזוי ווי ער שטייט און גייט, אינעם פעלץ מיט די קאַלאָשן, אויף זיין פּלאַץ אין דער דריטער ריי. האָט דאָס וואַרעמקייט אינעם טעאַטער אַרומגענומען זיין מידן און געפרוירענעם קערפּער און באַלד האָט זיין הויכער שנאָרכען זיך געלאָזט הערן אַרום און אַרום. פון די נאָענטע בענק האָבן מענטשן זיך גענומען אומקוקן מיט בייזע בליקן, און פלוצים האָט דער גרויסער פּויק אינעם אָרקעסטער געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ און די טאַצן האָבן זיך הויך צעקלונגען, האָט ישראל־נחום זיך אויפגעכאַפּט פונעם שלאָף און אַ דערשראָקענער האָט ער אַ געשריי גע־

טאָן: „גוואַלד! סע ברענט!". מענטשן האָבן גענומען לויפן צו די טירן. און ווען עס האָט זיך אַלץ באַרואיקט, האָט מען ישראל־נחומען אָפּגעפירט מיט גרויס פּאַראַד אינעם נאָענטן פּאָליציי־צירקל...

פינפטער קאַפּיטל

## הערש־יאַנקל עפנט אויף דאָס האַרץ פאַר ראובנען

איינמאָל אין אַ שבת, איז ראובן דער מלמד אַהיימגעקומען נאָכן דאַווענען פונעם „ראַדזינער חסידים־שטיבל" און האָט מיט זיך מיטגע־בראַכט אויף „קידוש" ר' הערש־יאַנקלען.

— הער נאָר, הער נאָר — שמייכלט צפּורהלע — ר' הערש־יאַנקלען אויף קידוש? בהדרת הכבוד, און באַלד לויפט זי אַריין אינעם צווייטן צימער און ברענגט אַריין אַן אויסגעוואַשן זילבערן בעכערל, און טראָגט עס צו צום טיש צוזאַמען מיט אַן אייער־קיכל, פון איר אייגן געבעקס. אגב — זאָגט זי — כ'לעבן ר' הערש־יאַנקל, אַז איר זענט שוין יאָ דאָ, וואָלט גלייך געווען, אַז איר זאָלט זיך אויך וואַשן צום עסן. ס'איז ברוך השם דאָ גענוג חלות, פיש און פלייש, און פון טשאָלנט און קוגל וועט אויך חלילה נישט אויספעלן.

הערש־יאַנקל לאָזט זיך נישט לאַנג בעטן און מיט אַ שמייכעלע גיט ער צו, אַז אַגב האָט ער טאַקע וועגן אַ וויכטיקן ענין זיך אַדורכצורעדן מיט ראובנען.

נאָכן ענדיקן די „סעודת שבת" מיט די „זמירות לשבת" און „ברכת המזון", זענען ראובן מיט הערש־יאַנקלען נאָך לאַנג געבליבן זיצן ביים טיש. הערש־יאַנקל דערקלערט ראובנען, אַז ער איז אַן איבערגעגעבענער ציוניסט. אַלס רב — זאָגט ער — האָט ער נאָכגעקוקט אַלע ערטער אין „ש"ס ופוסקים" און ער האָט אין ערגעץ נישט געפונען מצד התורה אַן איסור צו געהערן צו אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע פון יידן, וואָס באַמיט זיך מיט פּאָליטישע וועגן, אַז די טערקיי זאָל דערלויבן יידן אַריינצוקומען קיין ארץ־ישראל „געזעצלעך און רעכטלעך" און צו באַזעצן זיך דאָרט ביי ערד־

אַרבעט. ער וויל אַז ראובן זאָל אויך וויסן, אַז ס׳זענען דאָ געגוג וויכטי־קע רבנים און אויך סתם גרויסע לומדים, וואָס זענען בפרהסיא שוין צו־געשטאַנען צום ציוניזם: דער סאָפּאָצקינער רב, דער לידער רב, דער טראָ־קער רב, דער זאַקראָטשינער רב און נאָך פיל אַנדערע רבנים, וואָס ווער פון זיי איז שוין בפרהסיא צוגעשטאַנען צום ציוניזם און ווער עס איז נאָך דערווייל אַ באַהאַלטענער ציוניסט, מחמת דער מורא פאַר רדיפות פון די קעגנער, אָבער עס וועט שוין נישט לאַנג געדויערן און מיטן נאָ־מען „ציוניסט״ איז נישט נאָר אַז מען וועט זיך נישט באַדאַרפן צו באַ־האַלטן, נאָר עס וועט זיין אַ נאָמען פון כבוד.

און איצטער — זאָגט ער ווייטער — וויל ער צוטרעטן צום הויפּט־פּונקט. און דאָס איז וועגן דעם ענין פון זיין ווייב. אַן ענין וואָס איז דערווייל נאָך בסוד־סודות און למען השם אַז ראובן זאָל עס נישט אַרויס־לאָזן פון זיינע ליפּן אַרויס. דער ענין איז אַזוי: דאָס וואָס ער איז אַהער־געקומען קיין וואַרשע זיך לערנען דאָ די רוסישע גראַמאַטיקע צום עקזאַ־מען אויף „קאַזיאָנע רב״, האָט ער עס באמת געקאָנט מאַכן אויך אינעם שטעטל זיינעם. ער איז אָבער אַוועק פון דער היים און געקומען קיין וואַרשע כדי דאַדורך אָנצולערנען דאָס ווייב זיינס פאַרן מאַכן קעגן אים „אַ ברוטאַלע זאַך״.

ראובן ציט מיט די אַקסלען און צעשפּרייט אַזש ביידע הענט פון גרויס חידוש: וואָס אַזוינס קאָן עס אַ יידענע אָפּטאָן אַ מאַן פאַר אַ ברו־טאַלע זאַך?

— הער זשע ראובן — ענטפערט הערש־יאַנקל, און ריידנדיק ווערט דאָס פּנים ביי אים אַלע קאָלירן פון אויפרעגונג. — אין אונדזער שטעטל, ביאַלע, זענען פאַראַן בלויז דריי יידן וואָס רופן זיך אָן „ציוניסטן״. איי־נער איז אַ רוסישער לערער, אַ ייד וואָס קומט נישט אין קיין „מקום קדוש״ אַריין, אַפילו צו „מזכיר נשמות״. און נאָך צוויי לייט זענען דאָ, איז איינער אַ שוסטער־יונג און דער צווייטער איז אַ דאַמסקע שניידער. אַלזאָ, ביים דאָזיקן רוסישן לערער האָט ער זיך געלערנט די רוסישע גראַ־מאַטיקע און יענער האָט עס אים דערציילט וועגן דעם באַרימטן ציו־ניסטישן „מטיף״ נח קאַראַטקין, אַז ער קומט דעם צווייטן דינסטיק קיין

מעזריטש צו אַ פאַרזאַמלונג פון די דאָרטיקע ציוניסטן. אַזוי ווי פון ביאַ־לע קיין מעזריטש איז נאָענט, האָט ער געוואָלט אַהינפאָרן כדי צו הערן וואָס דער קאַראַטקין וועט דערציילן אויף דער פאַרזאַמלונג. אָבער זיין ווייב, ברכה הייסט זי, האָט געשריגן אַז זי וועט אים נישט לאָזן פאָרן קיין מעזריטש צו די ציוניסטן. און כדי צו זיין זיכער דערמיט האָט זי פאַרשלאָסן אין שאַנק אַריין זיין שבתדיקע קאַפּאָטע. האָט ער זיך מיישב געווען, אַז צו אַ ציוניסטישער פאַרזאַמלונג קאָן ער קומען אַפילו אין דער פּראָסטער וואָכנדיקער קאַפּאָטע, יענע וואָס ער האָט אויף זיך. און פּלוצים איז זיין ברכה געוואָרן גאָט גוט צו אים. זי האָט צוריק אַרויס־גענומען פון שאַנק די שבתדיקע קאַפּאָטע און אים צוריקגעגעבן. מילא — האָט זי צו אים געזאָגט — אַז דו ווילסט דווקא פאָרן אַהין צו דער ציו־ניסטישער פאַרזאַמלונג, טאָ פאָר כאָטש אַהין ווי אַ „רב", אין דער אַט־לאַסענער קאַפּאָטע, און נישט אַז אַלע זאָלן מיינען אַז דו ביסט אַן „אַבי־וואָר". איז דאָס אים זייער געפעלן געוואָרן, נאָר פאַרנאַכט־צו האָט זי אים געבעטן, אַז איידער ער גייט פאָרן קיין מעזריטש זאָל ער אַרויסנעע־מען פאַר איר פונעם קעלער דאָס פלעשל מאַלינע־זאַפט, מחמת דעם וואָס זי פילט זיך נישט מיט אַלעמען. איז ער אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער אַריין, אָבער איידער ער האָט באַוויזן צו נעמען די מאַלינע־זאַפט אין האַנט אַריין, האָט ער דערהערט פון דער הויך דעם קלאַפּ פונעם קעלער־טירל. דאָס האָט זיין ווייב ברכה אים פאַרמאַכט אינעם קעלער און פאַרשלאָסן מיט אַ שלעסל. ער האָט אַרויפגעשריגן צו איר, אַז זי זאָל אויפשליסן דעם קעלער, אָבער זי האָט נישט געענטפערט. הקיצור, זי האָט אים געהאַלטן פאַרשלאָסן אינעם קעלער ביז אַזייגער צוועלף ביינאַכט. צומאָרגנס אין דער פרי, ווען דאָס ווייב איז אַוועקגעגאַנגען צום איינקויפן אויפן מאַרק, האָט ער שטילערהייט איינגעפּאַקט די בייטיקע מלבושים און איז אַוועק קיין וואַרשע. שפּעטער מיט צוויי טעג האָט ער איר אַרויסגעשיקט אַ „גט" אין אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט, כדי אַז ווען זי וועט אַרויסנעמען דעם גט פונעם קאָנווערט, וועט זי ווערן אויס זיין ווייב.

אויסהערנדיק די דאָזיקע ווערטער, ווערט דער איידעלער ייד, ראובן, אַזש פאַרצאַפּלט. אַזאַ זאַך — זאָגט ער — דאַרף מען נישט טאָן. די וועלט

איז געשטעלט געווארן אויף שלום און נישט אויף וועלן אפצאלן א ווייב מיט א שפיצל פאר א שפיצל, און אויף חרוב מאכן א יידישע משפחה. אבער הערש־יאנקל האט זיך זיינע טענות: ער איז א ציוניסט און אן דעם האט זיין לעבן ביי אים קיין שום ווערט. אלזא האט ער מיט דער זאך אזוי געטראכט: „ממה נפשך": וועט דאס ווייב, נאכן דערהאלטן דעם בריוו מיטן גט, זיך גארנישט וויסן מאכן, הייסט עס דאך אז זי באַ־שטייט אויפן גט. אלא, אז זי וועט קומען צו לויפן מיט א גוואלד, אז זי וויל עס נישט — וועט מען דעמאלט הערן און זען. אבער היות אז ער האט איר נישט אנגעגעבן אינעם בריוו דעם אדרעס זיינעם, בעט ער דע־ריבער ביי ראובנען איר צושיקן א פאסטקארטל אין וועלכן ער זאל איר מודיע זיין דעם אדרעס זיינעם.

ראובן ענטפערט, אז ער וועט עס נאך טאן היינט ביינאכט נאך „הבדלה", און אגב וויל ער נאך הערן פון הערש־יאנקלען, צי עס איז אמת דאס וואס מענטשן דערציילן, אז אויף די ציוניסטישע קאנצערטן, טאנצן „ווילע יונגען" מיט נאקעטע נקבות, השם ישמרנו.

— פאר וועמען האלטסטו מיך, ראובן? — קאכט זיך אזש הערש־יאנקל. — ווען אזא זאך זאל זיין אמת, וואלט איך דארטן אהינגעגאנגען? דו מוזט דאך וויסן, ראובן, אז זייט איך בין דא אין ווארשע האב איך נישט פארפעלט קיין איין ציוניסטישן קאנצערט, זאג איך דיר, און איך בין גרייט צו שווערן אין טלית ותפילין, אז דאס וואס מען האט דיר געזאגט אין „שקר וכזב". דארטן האט קיינער בכלל נישט געטאנצט. עס זינגט דארטן א כאר פון בלויז מאנסלייט. און זייער וויכטיקע לייט האלטן די רעדעס. מען רעדט אויף העברעיש אדער אויף יידיש. מען רעדט אויך אויף פויליש.

ראובן וויל אבער נאך וויסן, ווער זענען עס די מענטשן וואס קומען דארטן אהין צו די קאנצערטן. ער מיינט נישט די גרויסע געבילדעטע, ער מיינט צי עס קומען אהין אויך די מענטשן פון אונדזער שטייגער, באלע־באטישע יידן. אזעלכע וואס דאווענען און וואס זאגן אמאל אויך א קאַ־פיטל תהילים.

— ווי נאך באלעבאטישע יידן — ענטפערט הערש־יאנקל — ר'

אַנשל שאַפּיראָ איז אַ פרומער ייד? און ר׳ מרדכי אַשכנזי קאָנסטו דאָך אויך, און שאַ! אונדזער סאנע באַרענשטיין, דער בעל־תפילה פון אונדזער חסידים־שטיבל, מיינסטו האָב איך דאָרטן נישט געטראָפן? און הער אַ מעשה, אפשר געדענקסטו אַז פאַר דריי וואָכן איז סאנע נישט געווען ביי אונדז אין שטיבל צו „קבלת שבת". דער עולם האָט געמיינט, אַז אפשר איז ער עפּעס נישט מיט אַלעמען, אָבער צומאָרגנס האָט ער אים געטראָפן אין גאַס, האָט יענער אים דערציילט בסוד, אַז ער האָט „מקבל שבת" געווען אין אַהרן סאַרדינערס שול, און אַז דערביי האָט ער דעם „והיה למשיח" געזונגען מיטן ניגון פון „התקוה". — צו וואָס ער האָט דאָס געטאָן? — ער האָלט עס פאַר אַ „נצחון" פונעם ציוניסטישן געדאַנק.

ראובן שמייכלט פונעם דאַזיקן „נצחון". אויב אָבער מען רעדט שוין יאָ וועגן נצחונות, וויל ער וויסן ווי אַזוי באַקומט מען די פּאָליציי־דער־לויבעניש פאַר די ציוניסטישע קאָנצערטן? וואָרעם די רעגירונג איז דאָך נישט אַזוי גוואַלדיק צופרידן מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג.

הערש־יאַנקלען טוט הנאה דאָס וואָס מען שטעלט אים פראַגן, גיט ער אַ צי מיט דער ברייט פון די פינגער איבער דער באָרד, און דער פאַר־גאַפטער ראובן הערט פון אים פּלאַי־פּלאַימדיקע זאַכן. קודם־כל דאַרף מען צו וויסן, אַז די פּאָליציי האָט נישט קיין אַנונג פון דעם וואָס עס קומט פאַר אויף אַ ציוניסטישן קאָנצערט אין דער סאַליע אויף דער נאַ־ווינאַרסקע־גאַס אָדער אין דער ווינער סאַליע פאַרן אייזערנעם טויער. די דערלויבעניש וואָס ווערט געבעטן פון דער פּאָליציי הייסט, אַז דאָס איז אַן ענין עפּעס וועגן אַ „תנאים" צווישן חתן־כלה, און אַז דער עולם באַ־שטייט בלויז פון קרובים און גוטע־פריינט. פאַרשטייט זיך אַז דער „רע־ווירקאָווי" (פּאָליציי־אָפיציר) באַקומט אַ „צענער רובל" אין דער האַנט אַריין, און אין יענעם אָוונט זיצט ער אין דער היים. אַי, טאָמער כאַפּט זיך דאָרטן אַריין אַ אומגעוווּנטשענער גאַסט, אַ שפּיאָן למשל, אָדער גאָר דער פּריסטאַוו אַליין, איז דערויף דאָ אַ נחמיה פּערלמאַן, און ער גיט שוין אַכטונג, אַז ס׳זאָל זיין אין אָרדענונג. דער דאָזיקער פּערלמאַן איז אַ „זשאַנדצע" און ער איז אויסגעקאָכט מיט דער גאַנצער פּאָליציי פון וואַרשע. איז דעריבער טאָמער דאַרף אַ היימישער ייד עפּעס צו דערליי־

דיקן אין אַ צירקל, קומט מען צו פּערלמאַנען און ער האָט שוין זיינע דרכים ווי אַזוי צו מאַכן עס אין אָרדענונג. עס קאָסט עטלעכע רובל — אָבער עס איז ווערט. אַלזאָ, דער דאָזיקער פּערלמאַן איז אַ הייסער ציוניסט און אויך ביי דער דאָזיקער זאַך האָט ער זיינע ספּעציעלע דרכים.

אויף ראובנס פראַגע צי דער פּערלמאַן איז אַ פאַרמעגלעכער מענטש, דערקלערט אים הערש־יאַנקל, אַז ניין. אָבער דער דאָזיקער ייד האַלט, אַז אַפילו ביי אַ באַגרענעצטער פּרנסה קאָן מען אויך זיין צופרידן, אויב מען האָט נאָר שכל ווי אַזוי מיט וואָס אָנצופירן דאָס לעבן. איז דעריבער גייט ער יעדן שבת אין דער פרי אין אַן אַנדער ציוניסטישער שול, כדי צו הערן דעם „מטיף״. איין שבת הערט ער ר׳ יצחק ניסענבוימס פלאַמפייערדיקע ציוניסטישע רעדע אין דער שול „מוריה״; אַ צווייטן שבת הערט ער דעם באַוווסטן למדן און געלערנטן ר׳ מענדל וואָלמאַן אין דער „תפארת־ציון״; אַ דריטן שבת הערט ער דעם באַגאַבטן „מטיף״ אריה חזן אין דער „שערי־ציון״, און אַזוי כסדר. פּערלמאַן האַלט עס אָבער פאַר זיין חוב ווי ווייט מעגלעך אַריינצוטראָגן דעם ציוניזם אין די פּריוואַטע שטובן אַריין. זיין וואָלונטיר־אַרבעט באַשטייט אין דעם, וואָס ביי יעדער געלעגנהייט פון פאַרברענגען עטלעכע מינוט אין אַ שטוב, ברומט ער שטילערהייט אַ פאָלקס־ליד פון אַ ציוניסטישן אָדער סתם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, דאָס רופט אַרויס אַ געוויסע פראַגע מיט אַ דיסקוסיע, ווערט שוין דערפון עפּעס.

ראובן ווערט פון די אַלע זאַכן זייער פאַראינטערעסירט, אָבער אויף הערש־יאַנקלס פראַגע, צי ער וואָלט נישט געוואָלט אַמאָל מיטגיין מיט אים צו אַ ציוניסטישן קאָנצערט, ענטפערט ער, אַז ער וואָלט באמת יאָ געוואָלט עס טאָן, אָבער זיין פּרנסה דערלויבט עס אים נישט. הערש־יאַנקל אַליין ווייסט אויך גאַנץ גוט, אַז אין ראובנס „חדר״ לערנען די קינדער פון כמעט אַלע חסידישע גבירים, די פּריוועַסעס מיט די גראַהמאַנס, די עלבינגערס מיט די עלבלינגערס, די וואַגמייסטערס מיט די ווײַדענפעלדס, און אַז אַלע זיי זענען שטאַרק פאַרביסן קעגן ציוניזם. ביי אַזאַ לאַגע ווי קאָן ער גיין צו אַ ציוניסטישן קאָנצערט? אַז אויף צו מאָרגנס וואָלט מען ביי אים אָפּגענומען אַלע תלמידים.

זעקסטער קאַפּיטל

## וואָלאָדיאַ דער בונדיסט

ביי ישראל־נחום מאַלקין זענען געווען צוויי זין מיט איין טאָכטער, און היות אַז ער אַליין האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט זיך אָפּצו־געבן מיט זייער דערציאונג, האָט די דאָזיקע אויפגאַבע גענומען אויף זיך דאָס ווייב, די שוואַכע און זויער־פּנימדיקע סאָניאַ. זי האָט די קינ־דער געבוירן און געזויגן, און אָפּגעגעבן זיי אין די שקאָלעס, און זי האָט מיט דער טאָכטער און מיטן עלטערן זון געטאָן גאַנץ לייטישע שידוכים. איצטער זענען זיי ביידע, דער איידעם און דער זון, שותפים צו אַ גרוי־סער טעקסטיל־פאַבריק אין לאָדזש, מיט אַ גוט איינגעריכטעטער שפּי־נעריי און וועבעריי. די צרות האָט סאָניאַ מאַלקין בלויז נאָר פונעם מיז־זינעק, חיים־וואָלף, וועלכער הייסט איצטער מיטן נאָמען „וואָלאָדיאַ".

דעם דאָזיקן וואָלאָדיאַ האָט מען מיט צוויי יאָר צוריק אַרויסגע־וואָרפן פון דער רעאַל־שולע, מחמת דעם וואָס איינער פון די לערער זיינע האָט באַמערקט, אַז אינעם „ראַניעץ" פון די לער־ביכער האָט דער בחור ליגן עטלעכע ביכער מיט אַ סאָציאַליסטישן אינהאַלט. די מוטער האָט אים געוואָלט אַריינגעבן אין אַן אַנדער שולע, אָבער וואָלאָדיאַ האָט פייער־לעך דערקלערט, אַז מער וועט ער אין אַ בורזשואַזער שולע נישט לערנען. ער האָט זיך פאַרלאָזט אַ לאַנגע טשופּרינע האָר און אָנגעטאָן אַ שוואַרצע בלוזע און דערקלערט זיך אַלס „בונדיסט". די מוטער האָט אים געמוסרט, סטייטש, אַזאַ ווויל יינגל זאָל אַרומגיין „פּוסט און פּאַס", האָט ער איר גע־וויזן, אַז ער האָט אין זיין צימער ליגן גענוג ביכער, אין וועלכע ער לערנט און שטודירט די סאָציאַליסטישע וויסנשאַפט, און בכלל — זאָגט ער — וועט שוין לאַנג נישט דויערן מיטן בורזשואַזן שול־וועזן, מחמת די רע־וואָלוציע פאַרברייטערט זיך און זי גייט מיט ריזיקע שריט. און דאַן וועט ער אָנקומען אין אַ שולע וואָס וועט זיין לויט זיינע איבערצייגונגען.

עטלס באַגעגעניש מיט וואָלאָדיאַן איז פאָרגעקומען באַלד אינעם

ערשטן טאָג. ווען זי האָט דערלאַנגט ביים מיטאָג די טעלער מיטן עסן, האָט זי אויפגעכאַפּט אַ קורצן געשפּרעך צווישן אירע באַלעבאַטים: די מאַדאַם האָט אַ ברוגז געטאָן, אַז זי איז זייער אומרואיק דערפון, וואָס חיים־וועלוועלע איז נאָך אַלץ נישט אַהיימגעקומען. דערויף האָט דער מאַן געענטפערט, אַז ער האָט געגנוג צו טראַכטן וועגן זיינע געשעפטן, און ער וויל בפירוש נישט הערן צי דער „פּוסטע־פּאַסניק" איז שוין יאָ דאָ אין דער היים, אָדער ער איז נאָך נישט געקומען. געזאָגט געוואָרן זענען די דאָזיקע ווערטער מיטן אייביקן שמייכעלע זיינעם אויפן פּנים, און די מאַ־דאַם האָט דערויף אַ טיפן זיפץ געטאָן, מיט אַ „ווייַ איז מיר נעבעך".

ישראל־נחום איז באַלד אַוועק צו „זיינע פאַבריקאַנטן" און עטל האָט זיך גענומען צום אָראָפּרוימען דאָס געשיר פונעם טיש און אַריינטראָגן עס אין קיך. באַלד האָט זיך דערהערט פון דער דרויסנדיקער זייט אַ שליסעניש ביי דער פראָנט־טיר, און מיט שלאַבערדיקע צעקראַכענע טריט איז אַריינגעקומען אַ דאַרער בחור פון אַ יאָר 18־19, מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע. מאַדאַם מאַלקין איז אויפגעשפּרונגען פון איר שטול, און אַ זאָג געטאָן עטלען, אַז זי זאָל אָנוואַרעמען די זופּ און גרייטן צום טיש פאַרן זונס וועגן.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט עטל געהערט ווי די מאַדאַם טענהט איין מיטן זון, הלמאַי ער קומט אַהיים אַזוי שפּעט און אַז יעדעס מאָל וואָס ער פאַרשפּעטיקט זיך אין גאַס, אַנטפּאַלט ביי איר דאָס האַרץ פון מורא, צי מען האָט אים חלילה נישט אַרעסטירט. און דערויף האָט וואָ־לאָדיאַ זיך צעלאַכט, — מעשה גרויסער העלד — אַז מן־הסתם וועט מען אים באמת היינט־מאָרגן אַרעסטירן. וואָרעם ער איז נישט בעסער פון אַלע אַנדערע גרויסע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע ליידן אָן אויפהער דער־פאַר, וואָס זיי קאָנען נישט פאַרשווייגן דעם טיראַנישן ווילקיר פון „ני־קאָלקעס סאַטראַפּן".

די אומוויסנדע און אייביק־זויערע מאַדאַם מאַלקין, האָט נישט גע־קאָנט צעקייען די ווערטער „טיראַנישער ווילקיר" און „סאַטראַפּן", וואָס איר געבילדעטער זון האָט אַזוי שיין אויסגערעדט. דערפאַר אָבער איז דאָס

וואָרט „ניקאָלקע“ יאָ אויסגעקומען איר אַביסל באַקאַנט, האָט זי אים געפרעגט, ווער אַזוינס איז עס דער ניקאָלקע?

— ווער אַזוינס עס איז ניקאָלקע — האָט וואָלאָדיע איר ווילעריש איבערגעפרעגט — הער זשע מאַמע ווי ביי אונדז רעוואָלוציאָנערן זינגט מען אויף אים: „פאָי, ניקאָלושקאַ פאָי, פאָרט אַרטור אוזשע ניע טוואָי, מאַנדזשורי זאַבראַלי, טעביאַ פראָגנאַלי, פאָי, ניקאָלושקאַ, פאָי“.

די ווערטער פונעם לידל האָט זי נישט פאַרשטאַנען, נאָר די מעלאָדיע האָט זי זיך דערמאָנט, אַז אַלס אַ קליין מיידל האָט זי געהערט די גימנאַזיסטקעס עס זינגען אינעם פאָדאָליער שטעטל, נאָר דוכט זיך, אַז יענע ווערטער זענען געווען עפּעס ווי וועגן אַ „לאַסטאָטשקאַ“ און נישט „ניקאָלושקאַ“, נאָר מילא, גוט איז — האָט זי ביי זיך געטראַכט — וואָס דאָס יינגל אירס זינגט כאָטש אַמאָל עפּעס אַ לידל. און הלוואי וואָלט ער כאָטש געגעסן עפּעס מער און וואָלט אויסגעזען „אַביסל מער מענערשער“, וואָלט זיך אפשר אין אים פאַרליבט עפּעס אַ לייטיש מיידל. וועגן אַ שידוך טאָן מיט אים דורך אַ שדכן, ווי עס איז געווען מיט די עלטערע צוויי קינדער, האָט זי געוווסט, אַז וועגן דעם איז נישטאָ וואָס צו ריידן. ער האָט איר בפירוש געזאָגט, אַז ער וויל נישט הערן פון די בורזשואַזע מינהגים, און אַז ער וועט חתונה האָבן נאָר דורך אַ פאַרליבעניש, מיט אַ מיידל וואָס וועט אים געפעלן. פאַרטראַכט אין די דאָזיקע מחשבות איז זי אַוועקגעגאַנגען אין אַ צווייט צימער און האָט זיך צוגעלייגט דאָרטן אויף אַ ווייכער סאָפע.

עטל, וואָס האָט פון דער קיך זיך צוגעהערט צום געשפּרעך פון דער מאַמע מיטן זון, האָט ערשטנס אָפּגעפּסקנט ביי זיך, אַז דער דאָזיקער בחור איז מיטן אויסזען און מיטן שוואַכן קערפּער־געבוי הונדערט פּראָצענט געראָטן אין דער מאַמען זיינער. און צווייטנס — האָט זי ביי זיך געטראַכט — אַז אויב אַזוי ווייט האַלט עס ייִוין מיט דער רעוואָלוציע, אַז מען מאַכט שוין אַזש „חוזק־טארעס“ אַפילו פונעם סאַמעראָדנעם קייסער, גייט עס דאָך באמת ווי געשמירט...

איר געדאַנקען־לויף איז גלייך אַריבער צום אָנגעווייטיקטן ענין אירן, ווען אין יענעם פורים האָט די רייכע מומע גאָלדעלע אָפּן איר פאַר־

שעמט, און זי האָט נישט געקאָנט אַרויסגיין און הערן און זען דאָרטן די ליפּאָווע פּורים־שפּילער, ווי זיי האָבן געזונגען דאָס ליד „עונג לשבת". טראַכטנדיק וועגן דעם, גיט זי אַ כאַפּ די באַרשט אין דער הויך, און גיט זיך אַ צעזונג מיט יענע פּורים־שפּילערס רעפריין:

אוי, עונג לשבת — בים־בים־בים־באַם
אוי עונג ליום־טוב — אַך־אַך־אַך־אַך.

פּלוצים דערזעט עטל, אַז וואָלאָדיאַ שטייט אויף דער שוועל פון דער אויפגעעפנטער קיך־טיר, און איידער זי האָט באַוויזן אַוועקצושטעלן די באַרשט אין ווינקל, האָט וואָלאָדיאַ אַ זאָג געטאָן צו איר: איך בעט אייך, חברה עטל, צו וואָס טויגן אייך די בורזשואַזע קלעריקאַלע לידער, איך מיין לידער ווי אויף דער טעמע פון „עונג שבת" אָדער „עונג יום־טוב", דאַן ווי איר ווייסט עס אַליין, האָט דער פּראָלעטאַריער נישט אום שבת קיין תענוג און נישט אום יום־טוב. איך פרעג אייך אַלזאָ, צי איז נישט בעסער פאַר אייך צו זינגען אַ פּראָלעטאַריש ליד?

דערהערנדיק אַזעלכע ווערטער האָט עטל דערשפּירט, אַז דאָס גאַנצע בלוט האָט איר אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין. הער אַ מעשה — רעדט זי צו זיך — מען רופט מיך דאָ גאָר אָן „חברה" און אַנשטאָט „דו" זאָגט מען מיר „איר", און דערצו נאָך וואָס איך הער אַזעלכע ווערטער פון אַ בחור אַ וויל־געלערנטן און אַ זון פונעם באַלעבאָס.

וואָלאָדיאַ, זעענדיק דאָס צעמישטקייט פונעם מיידל, האָט ער זיך באַמיט צו דערקלערן איר מיט ווייכע ווערטער, הלמאי ער האָט איר גע־מאַכט אַזאַ נישט־טאַקטישע באַמערקונג: איר פאַרשטייט, חברה עטל — זאָגט ער צו איר ליבלעך־שטיל — די לידער און געזאַנגען וואָס האָבן אַ רעליגיעזן אינהאַלט, העלפן בלויז צו פאַרשטאַרקן די בורזשואַזע רעאַק־ציע, דאַן ווען די רעוואָלוציע פאַרמאָגט שוין אַ היפּש ביסל שיינע פּראָ־לעטאַרישע לידער.

וואָס אַזוינס עס מיינט „בורזשואַזע רעאַקציע" און וואָס אַזוינס עס מיינט „פּראָלעטאַרישע לידער", האָט עטל אינגאַנצן נישט פאַרשטאַנען, זי האָט אָבער זיך געשעמט איבערצופרעגן, האָט זי פּשוט אַ זאָג געטאָן, אַז דער „הער" זאָל איר וויבאַטשען (מוחל זיין), מחמת זי איז ערשט

נישט לאַנג אַהערגעקומען קיין וואַרשע, און זי האָט נישט געהאַט ביי וועמען זיך אויסצולערנען די לידער וואָס דער „הער" מיינט.

ווען עטל האָט צום ערשטן מאָל געזאָגט „הער", האָט וואָלאָדיאַ גע־מאַכט אַ נערוועאישן דריי מיט דער נאָז, אָבער ביים צווייטן מאָל זאָגן „הער", האָט ער אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען: „וואָס פאַר אַ „הער" בין איך? איך בין אייערס אַ חבר און נישט קיין „הער". איר הערט חברה עטל? איך בין נישט קיינעמס קיין הער און איבערהויפט בין איך אַ שאַר־פער קעגנער פון הערשאַפט מיט קנעכטשאַפט. איר הערט?"

— איך פאַרשטיי נישט — האָט עטל שטיל אויסגעמורמלט — ווי אַזוי קאָנט איר זיין מיינס אַ חבר, אַז איך בין נישט אייערס גלייכן. איך בין דאָך נישט מער ווי אַ דינסטמיידל ביי אייער טאַטע־מאַמע.

וואָלאָדיאַ ווערט פון די דאָזיקע ווערטער ווי אַנגעצונדן: מען דאַרף אים נישט פאַרוואַרפן דאָס וואָס דער טאַטע זיינער איז אַ רייכער בור־זשוי. אין מאָסקווע, ווייסט ער, איז אַ זון פונעם מולטימיליאָנער מאָראָ־זאָוו, איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע רעוואָלוציאָנערן.

הערנדיק די דאָזיקע ווערטער, לויפן ביי עטלען דורך איבערן געדאַנק אירע פאַרהאַסטע רייכע קרובים אין אלשאכענטש, דער פעטער בערישל און די מומע גאָלדעלע. עס איז איר נאָר אַ שאָד, וואָס זייער בן־זקונים יאָסעלע, איז אַוועק קיין אַמעריקע, כ׳לעבן, ווען ער וואָלט נישט געהאַט אַוועק פון די עלטערנס הויז, וואָלט ער גאַנץ שיין געקאָנט דאָ אויס־וואַקסן אַ שטיקל רעוואָלוציאָנער. אוי, וואָלט עס ביי דער מומע גאָלדעלע געפלאַצט די גאַל! אוי, אַ שאָד, אוי אַ שאָד...

וואָלאָדיאַ רייסט איבער איר טראַכטן, ער האָט אַ געדאַנק — זאָגט ער — עס איז אים די מינוט איינגעפאַלן אַ פיינער געדאַנק פאַר איר. נאָך היינטיקן שבת נאָכמיטאָג וועט ער איר מיטנעמען צום אַרבעטער־כאָר, וווּ זי וועט הערן זינגען שיינע פּראָלעטאַרישע לידער, און היות אַז זי האָט אויך אַ שיינע שטימע, וועט ער זען, אַז מען זאָל איר אויך אַריינ־נעמען דאָרטן אינעם כאָר...

## זיבעטער קאַפּיטל

## וווהין גייט זי שבת?

אויף דער נאַכט, נאָכן אַפּוואַשן דאָס געפּעס נאָך דער וועטשערע, האָט עטל זיך אַרויסגעכאַפּט אויף אַ האַלבע שעה, און איז צוגעלאָפן צו צפּורהלען, צו דערציילן איר פון דער שטעלע וואָס דער „גוטער מלאך״ אירער, איטשע־מאיר פרידמאַן, האָט איר געשאַפן. האָט צפּורהלע ווידער איר דערציילט, אַז ערשט מיט אַ פערטל שעה צוריק, איז זי מיטן ראובנען געווען „צוגאַסט״ טאַקע ביי ר׳ איטשע־מאירן, מחמת דעם וואָס זיי האָבן זיך געוואָלט באַקענען מיט זיין ווייב און זון, וואָס זענען אַהערגעקומען פון מעזריטש. הקיצור: דאָס ווייב ר׳ איטשע־מאירס, איז אַ זייער פיינע פרוי, אָבער דער זון זייערער, אברהמלע הייסט ער, איז ער אַ לייטישער בחור וואָס ס׳איז נישטאָ אַ סך אַזעלכע: אַ בחור וואָס ראובן האָט מיט אים געשמועסט אין תורה־זאַכן — איז ער אומעטום „פול״; שיין איז ער — גאָרנישט נאָכצוזאָגן; היינט זשע אַ „קענער״ איז ער — זאָגט ראובן אויף אים — גאָר אַ גרויסער. רוסיש — רוסיש, פויליש איז פויליש, דייטש איז דייטש, און לשון־קודש — זאָגט ראובן אויף אים — אַז ער איז אַ האַלבער סאָקאָלאָוו, דער „דידאַקטער״ (רעדאַקטאָר) פון דער „הצפירה״... און דער עיקר איז וואָס דער אברהמלע האָט קענטיק אַ טייערן גוטן כאַראַקטער, פונקט אַזוי ווי דער טאַטע זיינער.

ראובן קומט אַריין, דערציילט ער אויך „ניסים ונפלאות״ פון אברהמעלען. ער איז נאָך מודיע, אַז גייענדיק אַהיים פון זלמן מאָרגנשטערן, אַ ייד צו וועמען ער איז אַריינגעגאַנגען אויף עטלעכע מינוט וועגן אַ געוויסן ענין, האָט ער אויף דער גאַס פונקט ווידעראַמאָל זיך געטראָפן מיט אברהמעלען. האָט ער מיט אים אָפּגערעדט, אַז אם ירצה השם, שבת נאָך מיטאָג, וועט ער צוזאַמען מיט די עלטערן אַהערקומען צו אונדז. הכלל, צפּורהלע, דו וועסט מוזן אָנגרייטן אויף שבת גאָר אַ פיינעם קוגל. און אפשר גאָר אַ „ציוניסטישן קוגל״ — זאָגט ער מיט אַ וויץ — וואָרעם

דער אברהמעלע איז אַ פּלאַם־פייערדיקער ציוניסט. דו הערסט? אַ האַל־בער סאָקאָלאָוו...

— נו, דו הערסט עטל, וואָס פאַר אַ בחור עס וועט זיין ביי אונדז שבת נאָך מיטאָג? — זאָגט צפורהלע צו איר — כ׳לעבן עטלשי, כאַפּ זיך אויף אַריין צו אונדז שבת.

— אַז כ׳וועל נאָר קענען, וועל איך אַהערקומען. איך מ׳יין ס׳איז דאָך דער ערשטער שבת קוים פאַר מיר אויף דער שטעל, ווייס איך נאָך נישט ווי אַזוי ס׳וועט אויסזען — ענטפערט עטל, און דערווייל כאַפּט זי זיך אַז זי זיצט שוין דאָ זיכער אַ האַלבע שעה, זאָגט זי אַ „גוטע נאַכט״ און לויפט שנעל אַהיים.

אויפן וועג טראַכט זי, אַז זי איז געווען נישט גענוג ערלעך מיט די רייד לגבי דער האַרציק־גוטער צפורהלען. זי האָט איר צוגעזאָגט, אַז „אויב זי וועט נאָר קענען קומען שבת נאָך מיטאָג — וועט זי קומען״, דאַן ווען זי ווייסט, אַז שבת נאָך מיטאָג וועט זי גיין מיט וואָלאָדיאַן צום אַרבעטער־כאָר. אַוודאי איז צפורהלע אויסן איר טובה, די גוטע צפורהלע וויל איר שאַפן אַ גוטע באַקאַנטשאַפט. אָבער קוים איז דער דאָזיקער אברהמעלע באמת אַזאַ פייערדיקער ציוניסט, אַזוי ווי ראובן זאָגט, טאָ מעג ער שוין זיין אַפילו פון ריינעם גאָלד, איז ער פאַר איר נישט קיין באַקאַנטשאַפט. אויב עס איז אַ זאַך וואָס ס׳איז איר יאָ באמת אַ שאָד, איז עס דאָס, וואָס היינט איז ערשט זונטיק, און ביז שבת, דער טאָג וואָס וואָלאָדיאַ נעמט איר צום אַרבעטער־כאָר, איז נאָך גאַנצע זעקס טעג. אוי, וואָלט זי געוואָלט, אַז כאָטש מאָרגן זאָל שוין זיין שבת. און באַלד נאָך מיטאָג זאָל איר וואָלאָדיאַ אַריינפירן צום אַרבעטער־כאָר.

איבער דער וואָך האָט וואָלאָדיאַ איר געגעבן צו לייענען עטלעכע בונדיסטישע בראָשורן און פּראָקלאַמאַציעס אויף יידיש און איר געזאָגט, אַז אויף די ווערטער דאָרטן אין די בראָשורן, וואָס וועלן זיין פאַר איר אומבאַקאַנט, זאָל זי ביים לייענען מאַכן אַ פּינטעלע מיט אַ בלייפעדער, און ער וועט שוין געפינען צייט איר צו דערקלערן די באַדייטונג פון זיי. אָבער עטל האָט דאָס נישט געטאָן, ווייל ערשטנס האָט זי זיך געשעמ׳ט אַרויסצווייזן פאַר אים וואָס פאַר אַן אומווויסנדע זי איז, און צווייטנס

האָט זי מורא געהאַט צו האָבן מיט אים צו פיל צו טאָן, טאָמער וועט די מאַדאַם מאַלקין דאָס באַמערקן און דערפאַר איר אָפּזאָגן פון דער שטעל.

דאַנערשטיק בייִנאַכט נאָכן אויפרוימען די קיך, האָט זי גענומען דאָס שבת און יום־טובדיקע קליידל, וואָס זי האָט געהאַט מיטגעבראַכט פון דער היים און האָט עס אויסגעפּוצט און איבערגעפּרעסט. אויך די שבתדיקע קאַמאַשעלעך האָט זי אויסגעפּוצט, אַז זיי האָבן געשפּיגלט. און דאָס ווייסע באַטיסטענע בלוזקעלע האָט זי אויסגעפּרעסט, אַז ס׳האָט געפּעכלט. היינט־זשע איר אויפגעלעבטקייט וואָס איז געווען דעמאָלט, איז דען נאָכצוזאָגן? דער טריט איז ביי איר אַזוי לייכט געוואָרן, אַז נישט געגאַנגען איז זי נאָר געשוועבט. גראָד איז אין יענעם אָוונט דער באַלע־באָס ביז שפּעט בייִנאַכט נישט געווען אין דער היים. ווייל ער איז געזעסן אין אַ האָטעל ביי אַ זייער וויכטיקן קונה, מיט עפּעס אַ פאַרפּלאָנטערטן חשבון, און די באַלעבאָסטע איז געזעסן אַ שטיק צייט ביי אַ קוזינע אי־רער, וואָס האָט געוווינט אין פּראַגע, האָט עטל ביים אויפרוימען די קיך מיטן קאָרידאָר אויסגעזונגען אַלע לידער, וואָס זי האָט געקאָנט פון דער אַלטער היים.

פרייטיק אין דער פרי האָט די באַלעבאָסטע אַ זאָג געטאָן צו איר, אַז אַזוי ווי ס׳איז היינט פרייטיק און מעגלעך אַז ס׳וועלן אויך קומען שבת געסט צום מיטאָג, זאָל זי געדענקען גוט אויפצורוימען די שטובן. האָט עטל קוים זיך איינגעהאַלטן כדי נישט צו מאַכן אַ פריילעכן שמייכל דער באַלעבאָסטע אין פּנים אַריין: יענע דאַרף איר צו דערמאָנען, אַז היינט איז שוין פרייטיק און מאָרגן וועט זיין שבת — האָט זי צו זיך גערעדט — דאַן ווען דער מאָרגנדיקער „שבת“ איז דער טאָג פונעם גרעסטן גליק וואָס זי האָט ווען ס׳איז געהאַט. ס׳איז דער טאָג ווען זי וועט גיין מיט וואָלאָדיאַן צום אַרבעטער־כאָר. זי וועט דאָרטן הערן זינ־גען, און ווי וואָלאָדיאַ זאָגט, וועט ער דאָרטן פאָרלייגן, אַז מען זאָל איר אויך אַריינגעמען אין כאָר. ער וועט זאָגן אויף איר, אַז זי האָט אַ שיינע שטימע, אַז זי איז נאָך „מי יודע וואָס“. האָט זי, נאָך דער באַלעבאָסטעס אַרויסגיין פון שטוב, אַ כאַפּ געטאָן די צוויי פּראַטיער־בערשט און אַריינ־געשטעקט די באָרוועסע פיס אונטער זייערע לעדערנע לעצלעך, און מיט

אַ פריילעך געזאַנג אַ לאָז געטאָן זיך איבער דער אָנגעוואַקסטער פּאָדלאָגע. דאָס מאָל האָט זי געזונגען דאָס ליד פון די פּיראַמידן:

איין דעם לאַנד פון די פּיראַמידן
געווען אַ קעניג — בייז און שלעכט.
און ביי אים — אַלע יידן
זיינע דינער — זיינע קנעכט.

יידישע קינדער איינגעמויערט
ווען אַ ציגל האָט געפעלט
און ווער ווייסט — ווי לאַנג עס דויערט
ווען נישט משה — דער גרויסער העלד...

אין מיטן איבערזינגען דעם רעפריין האָט זי דערהערט אַ שטאַרקן ריס ביים קיך־גלעקל, און אַן אַריינגעלאָפענער יונג מיט שוואַרצע פינגער פון שוסטער־אַרבעט, האָט אַ זאָג געטאָן: — הער נאָר מיידל, דיינע באַלעבאַטימס זונדל, וואָלאָדיאַן, האָט מען נאָר־וואָס אַרעסטירט און אַוועקגעפירט אינעם פערטן צירקל אויף דער מוראַנאָווסקאַ גאַס.

אַביסל שפּעטער זענען פאַרסאַפּעט אָנגעקומען ישראל־נחום מיט סאָניאַן. נאָך זיי זענען געקומען נאָך יידן מיט יידענעס, ווער פון גוטפריינדשאַפט און ווער פון באַהאַלטענער פרייד, האָבן זיי אַלע דערציילט די פּרטים פון וואָלאָדיאַס אַרעסט.

די סאַמע גענויע פּרטים האָט דערציילט אַ באַרעדעוודיק יידל, מיט אַ צוגעשווירן בערדל ווי אַ קיילעכדיק בערשטל. דער ייד איז געווען אַן אַגענט פון לעבנס־אַסעקוראַציעס.

— די מעשה — זאָגט דער ייד — איז געווען אַזוי: עפּעס אַן אָרעמע יידענע איז פון באַלד אין דער פרי אַרויסגעקומען אויפן „מוראַנאָוו" מיט אַ טישל און האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי די סטראַגאַנעס מיט אַ קוישעלע מאָן־קיכלעך. דער עולם פאַרבייגייער האָט געקויפט די סחורה און די יידענע איז געווען גליקלעך וואָס זי וועט האָבן פאַרוואָס „צו מאַכן שבת". האָט אָבער דער וויסטער רוח פלוצים אָנגעטראָגן דעם ווילדן קאָמיסאַר פונעם פערטל צירקל, קאַפּיטאַן יורין, האָט ער נאָך פון דער ווייטנס

אָנגעהויבן צו קוויטשען אויף זײַן שטײַגער: „זשידי און זשידי“, מיט נאָך אַלערליי זידלערײַען. די ייִדענע וואָס גלײַך מיט אַלע מענטשן פֿון יענעם געגנט ווייסט גוט ווער ס'איז דער יורין, האָט זי שנעל זיך געלאָזט אַנטלויפֿן, אָבער דער ווילדער יורין האָט אַ כאַפּ געטאָן און איבערגעדרייט דאָס קוישעלע מיט די מאָן־קיכלעך אין דער בלאָטע אַרײַן, און טאָמער איז נאָך נישט גענוג, האָט ער די קיכלעך וואָס זענען געפֿאַלן אויף אַ טרוקן אָרט נאָך נישט געלאָזט קיין מנוחה, נאָר מיט די גלאַנציקע שטיוול זײַנע האָט ער זיי אײַנס בײַ אײַנס צוגעטראָטעוועט.

גראָד איז דער יונגערמאַן, אייער זון הייסט עס, דאָרטן פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָט עס אים נעבעך אָנגענומען ביים האַרץ, האָט ער אַ זאָג געטאָן, אויף רוסיש, נישט צום ווילדן און משוגענעם קאַפּיטאַן יורין, נאָר פּשוט צו זיך אַליין: „עטאָ דיקאַר“, וואָס מיינט אויף ייִדיש, אַז דאָס איז אַ ווילדער מענטש. האָט אָבער אויף שלימזל דאָס דערהערט אַ פּאָליציאַנט, וועלכער איז גראָד געשטאַנען הינטער אייער זונס פּלייצעס, האָט ער אַ געשריי געטאָן: „טי סוקין סין“, און אַ כאַפּ געטאָן אייער זון, דעם טײַערן יונגנמאַן מיט אַ ייִדיש האַרץ, פֿאַרן קאָלנער, און געהאַלטן אים פֿעסט, ביז ס'זענען צוגעקומען נאָך צוויי פּאָליציאַנטן, און זיי האָבן אים אַוועקגעפֿירט אין פֿערטן צירקל.

נאָך איינער פֿון עולם, אַ בלייכער ייִד מיט שטיקלעך ברודיקער וואַטע אין ביידע אויערן, האָט זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן, האָט ער נאָך צוגעגעבן, אַז די דרײַ פּאָליציאַנטן האָבן אויפֿן וועג געשלאָגן דעם יונגנמאַן „מכות רצח“, אָבער דער יונגערמאַן האָט זיך געהאַלטן מיט ווירדע. ער האָט נישט געוויינט און נישט געשריגן.

— מײַן חיים־וועלוועלען האָבן זיי אַזוי געשלאָגן! — האָט פֿרוי מאַלקין אַ ביטערן געשריי געטאָן, און זיך גענומען ברעכן די הענט. האָט ישׂראל־נחום צו די איבעריקע פֿון עולם, מענטשן וואָס זענען געווען גרייט נאָך עפּעס צו דערציילן, אַ זאָג געטאָן: „נו, ייִדן, גענוג, גענוג!“ און אַ פּאַך געטאָן מיט ביידע הענט צו דער זײַט פֿון דער טיר.

ווען דער עולם איז אַוועק, האָט ישׂראל־נחום אַ מינוט צוויי זיך שטיל אַרומגעדרייט איבערן צימער, און דאַן אַ זאָג געטאָן צום ווײַב, אַז מיטן

וויינען און מיט ברעכן די הענט וועט גאָרנישט אַרויסקומען. ער מיינט, אַז מען דאַרף שוין אַהעררופן איטשע־מאירן, אפשר וועט ער וויסן וואָס מען זאָל איצטער טאָן.

פרוי מאַלקין האָט אַ רוף געטאָן עטלען און אין אַ האַלבער מינוט אַרום איז עטל מיט אַ פאַרוויינט פנים אַוועקגעלאָפן ברענגען איטשע־מאירן.

— מיר געפעלט נישט דעם דינסטמיידלס פאַרוויינט פנים — האָט ישראל־נחום שאַרף אַ זאָג געטאָן צום ווייב. — דו הערסט? וואָס פאַר אַ „שמעלקע" איז זי מיט וואָלאָדיאַן, אַז זי וויינט אַזש?...

— וואָס ווילסטו, ישראל־נחום? — האָט סאָניאַ מיט טרערן אָפּ־געענטפערט — ווען אַ שטיין וואָלט דאָ געווען, וואָלט ער אויך געלאָזט טרערן אויפן אומגליק פון מיין קינד.

— דיין קינד? — שרייט ישראל־נחום אויס מיט כעס — איך זאָג דיר סאָניאַ, אַז דיין קינד איז אַ פוסטעפּאַסניק. אַ ליידיקגייער. וואָס פאַר־ברענגט די טעג מיט נאַרישע שטיק. און נאָך מער, מיט געפערלעכע שטיק. דו הערסט, סאָניאַ? איך זאָג דיר, אַז ער קאָן חלילה אונדז אַלע אומגליק־לעך מאַכן. איך פרעג דיך, מאַמע זיינע, ווער איז ער אַזוינס, וואָס ער גייט פאַרזאָרגן די וועלט? זאָל ער בעסער זיך צוקוקן ווי זיין טאַטע האָ־רעוועט, און זאָל ער אַליין אויך האָרעווען און פאַרדינען געלט און נישט גיין און פאַרטשעפּען זיך מיט אַ רוסישן קאָמיסאַר. אַ קלייניקייט צו זאָגן, אַ קאָמיסאַר? דערצו נאָך דער קאָמיסאַר יורין, וואָס גאַנץ „וואַרשעווע" ציטערט פאַר אים? גייט אַזאַ פוסטער וואָלאָדקע און דערלויבט זיך צו זאָגן אים הויך אויף רוסיש: „עטאָ דיקאַר". דערויף דאַרף מען דאָך זיין אַ בהמה. דו הערסט? ערגער פון אַ פערד דאַרף מען צו זיין דערויף.

ישראל־נחום האָט נאָך און נאָך גערעדט און געשריגן, ער האָט זיך וואָס אַמאָל מער צעהיצט און אויפגעהערט שרייען האָט ער ערשט דע־מאָלט, ווען עטל איז צוריקגעקומען צוזאַמען מיט איטשע־מאירן.

איטשע־מאירס עצה איז געווען, אַז מען דאַרף שוין אַהערצו רופן פערלמאַנען. ווייל קיינער נישט אין וואַרשע איז אויסגעקאָכט מיט דער פּאָליציי פון אַלע צירקלען ווי פערלמאַן. און איבערהויפּט ווען עס איז

דער פּערטער צירקל, איז פּערלמאַן דאָרטן פּשוט אַ „בן־בית". דער פּערל־מאַן ווינט גראָד אינעם זעלבן הויז ווו ער, איטשע־מאיר, ווינט. יענער איז טאַקע דער „זשאַנדצע" פונעם הויז. הקיצור: ער גלייבט אַז מיט עטלעכע צענדליק רובל וועט דער פּערלמאַן קענען דאָרטן „פאַררייבן די דיעלאָ" און וואָלאָדיאַן אַהיימברענגען פונעם צירקל. דער פּערלמאַן — זאָגט איטשע־מאיר — איז אַ הויפּט־ערלעכער מאַן, און אויסער דעם האָנאָראַר וועט ער קיין איבעריקע פּרוטה נישט פאַרלאַנגען פון קיינעמען. ער קען אים זייער גוט. ענטפערט ישראל־נחום, אַז וויפל עס זאָל קאָסטן איז נישט וויכטיק און אדרבא, זאָל מען דעם פּערלמאַנען טאַקע באַלד אַהעררופן.

פּערלמאַן איז געקומען צו גיין מיט אַ קנאַפּע שעה שפּעטער, ווייל איטשע־מאיר האָט אים געמוזט זוכן אויף עטלעכע ערטער ביז ער האָט אים געפונען. און דערווייל איז ישראל־נחום אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, ווייל עמיץ פון זיינע פאַבריקאַנטן איז געהאַט געקומען פון אָזערקאָוו, און האָט צו אים טעלעפאָנירט פון אַ האָטעל, אַז ער דאַרף אים זען וועגן אַ וויכטיקן ענין; האָט ער געמוזט אַהינלויפן צו אים אין האָטעל אַריין.

ווען פּערלמאַן איז אַריינגעקומען, האָט ער געטראָפן די מאַדאַם מאַל־קין מיט אַ פאַרוויינט פּנים און מיט אַן אומאויפהערלעכן ברעכן זיך די הענט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און האָט אים געבעטן זיצן, אָבער צו זיך אַליין האָט זי געזאָגט, אַז אָך און ווי איז צו איר נעבעך, ווען מ'ען האָט, משטיינס געזאָגט, דאָ אַהערגעבראַכט צו ראַטעווען איר קינד. עס זענען איר מוראדיק נישט געפעלן פּערלמאַנס גרויסע קיילעכדיקע אויגן מיטן קאָפּ שוואַרץ־גרוילעכע האָר, הייבט־זשע דאָס פּנים זיינס, וואָס שוין דעם דריטן אָדער פערטן טאָג איז עס נישט געווען ראַזירט. דאָס גאַנצע אויסזען זיינס, די דיקע באַקן מיט דער געפּאַקטער פיגור האָט זי אָפּגעשאַצט, אַז דאָס איז נישט פון שפּייזן זיך מיט געבראָטענע גענדז און אינדיקעס, נאָר גיכער פון אָנשטאָפּן דעם בויך מיט שיסלען קאַרטאָפל און מיט אַ סך ברויט. הייבט־זשע זיינע אַלטע און נישט־אויסגעפּוצטע שיך, מיט דעם אויסגעריבענעם שוואַרצן קאַפּעליש און אָפּגעטראָגענעם פּאַלטאָ, נאָר וואָס קאָן זי טאָן, ווען איר קינד געפינט זיך נעבעך אין אַזאַ

אומגליק און איטשע־מאיר — דער מאַן וואָס האָט זיין ברויט ביי זיי — זאָגט, אַז דער דאָזיקער פּערלמאַן וועט העלפן. מילא, אפשר וועט ער טאַקע העלפן. האָט זי אַ רוף געטאָן אין קיך אַריין, אַז מען זאָל פאַר דעם פּערלמאַן אַריינברענגען אַ גלעזל טיי.

זיצנדיק ביים גלעזל טיי אין דער רייכער שטוב פון די מאַלקינס, האָט פּערלמאַן שטיל אָנגעהויבן אונטערצוברומען אליקום צונזערס ליד: „וואָס זע איך דורך די שויבן, ווי עס פליען ווי די טויבן. מיין יוסף, מיין בנימין, זיי קלאַפּן ביי מיין טיר״. די מאַדאַם מאַלקין, וועלכע איז געווען פאַרטיפט אין איר עגמת־נפש, האָט דאָך געמוזט כאַפּן אַ בליק צו אירע שויבן, וואָס אָט דער פּערלמאַן זעט דאָרטן אַריינפליען טויבן. נאָר היות אַז נאָך פריער האָט זי שוין אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז טאָמער וועט דער דאָזיקער ייד יאָ אַרויסנעמען וואָלאָדיאַן פונעם צירקל אַרויס, האָט זי נישט געוואָלט אים דערצערנען מיט עפּעס אַ קרום וואָרט. איז זי ווייטער געזעסן און רואיק זיך צוגעהערט צו דעם וואָס ער ברומט און פּויקט זיך צו מיט אַ פינגער איבערן טיש. נאָר פון צייט צו צייט האָט זי געמוזט אַ זיפץ טאָן מיט אַ „וויי איז מיר נעבעך״...

גאַנץ אַנדערש האָט זיך עטל צוגעהערט צו פּערלמאַנס אונטערברומען. זי איז געשטאַנען ביי דער האַלב־אָפענער קיך־טיר און נישט כאַפּנדיק דעם אינהאַלט פונעם לידל, איז זי אָבער, אַלס אַ באַגאַבטע זינגערין, געוואָרן מיטגעריסן מיטן שטילן ברוסטיקן ברומען פון אָט דעם פּראָלעטאַרישן ייד, וועמען די רייכע באַלעבאַטים האָבן דאָ אַהערגערופן.

ענדלעך איז ישראל־נחום אַהיימגעקומען, און אַריינרופנדיק פּערלמאַנען אין אַ באַזונדערן צימער, האָט ער אים דערלאַנגט הונדערט רובל אין האַנט אַריין און געבעטן אים צו טאָן אַלץ וואָס נאָר מעגלעך און באַפרייען שנעל דעם זון זיינעם.

— דער זון מיינער — האָט ער נאָך צוגעלייגט — איז נישט קיין גאַנץ געזונטער, און אויב ער זאָל דאַרפן נעכטיקן דאָרטן אין צירקל אפילו איין נאַכט, קאָן עס האָבן אויף זיין געזונט אַ שלעכטן איינפלוס.

— איך האָף, פּאַניע מאַלקין — האָט פּערלמאַן געענטפערט — אַז אייער זון וועט נאָך היינט נעכטיקן אויף זיין געלעגער.

אין אַנדערטהאַלבן שעה שפּעטער, איז פּערלמאַן געקומען אָנצופאָרן אין אַ דראָשקע צוזאַמען מיטן צעשלאָגענעם וואָלאָדיאַ, און אַרייַנקומענדיק צו מאַלקינען אין קאַבינעט־צימער, האָט ער אַנידערגעלייגט אויפן טיש איין און זיבעציק רובל מיט אַכציק קאָפּיקעס. דעם דעזשורנעם „רעוויראָווי" — זאָגט ער — האָט ער געמוזט געבן אַ גאַנצן פינף און צוואַנציקער. און דעם פּאָליציאַנט האָט ער געגעבן דריי רובל און דערפאַר האָט יענער געטענהט ביים צוזאַמענשטעלן דעם פּראָטאָקאָל, אַזוי ווי פּערלמאַן האָט אים געלערנט, אַז ער איז נישט גאַנץ זיכער, אַז דער אַרעסטירטער האָט טאַקע געזאָגט „עטאָ דיקאַר" אָדער „עטאָ רבקה", ווי עס איז געוועזן דער נאָמען פון דער ייִדענע מיט די מאָן־קיכלעך. אַלזאָ נאָך צוואַנציק קאָפּיקעס האָט געקאָסט די דראָשקע אין וועלכער ער האָט וואָלאָדיאַן אַהיימגעבראַכט און מער גאָרנישט.

ישראל־נחום האָט פונעם צוריקגעבראַכטן רעשט געלט אַרויסגענומען אַ צענער רובל און דערלאַנגט פּערלמאַנען אַלס זיין האָנאָראַר, אָבער פּערלמאַן האָט דאָס געלט נישט געוואָלט נעמען. מיר ציוניסטן — האָט ער טריאומפאַל דערקלערט — נעמען נישט קיין געלט פאַרן העלפן באַפרייען אַ ייִדן פון גוייִשע הענט. מיר האַלטן אַז די ייִדן אין אַלע גלות־לענדער געפינען זיך אין אַ פּאָליציייִשן צירקל, און דאָס איז טאַקע וועגן וואָס עס באַמיט זיך איצט דער גרויסער ציוניסטישער מנהיג, ד"ר הערצל. ער באַמיט זיך אַרויסצונעמען דאָס ייִדישע פאָלק פונעם פּאָליציייִשן גלות און צוריקברענגען זיי צו זייער היים. און מן־הסתם ווייסט איר, פּאַניע מאַלקין, אַז אויך הערצל נעמט נישט דערפאַר קיין פּרוטה — אַלס האָנאָראַר...

— הייסט עס — זאָגט ישראל־נחום מיט זיין אייביקן שמייכעלע — אַז איר, פּאַניע פּערלמאַן, זענט אַ ציוניסט? נו, מילא, פאַרוואָס נישט? אָבער זאָגט מיר, כ'בעט אייך, איר ווילט טאַקע באמת נישט נעמען די צען רובל? איר זענט באמת אַ „שונא בצע"? נו, טאָ קומט זשע כאָטש אַרויף אַמאָל צו מיר אויף אַ גלעזל טיי. זעט איר אָבער פּאַניע פּערלמאַן, אין מיטן וואָך בין איך תמיד זייער פאַרנומען, אַלזאָ קומט אַרויף צו מיר אין אַ שבת נאָך מיטאָג. אַזוי אַזייגער פיר־פינף. קומט אַרויף, איך וויל

טאָקע הערן פון אייך מיט וואָס די ציוניסטן ווילן אונדז אַלע גליקלעך מאַכן, כע, כע, כע!...

פּערלמאַן האָט צוגעזאָגט צו קומען אין אַ דריי־פיר וואָכן אַרום, אין אַ שבת נאָך מיטאָג, און דערמיט איז ער אין אַ גליקלעכער שטימונג אַוועקגעגאַנגען.

— אַ מאָדנער „טשודאַק" איז דאָס דער פּערלמאַן — האָט ישׂראל־נחום אַ הייב געטאָן מיט דער פּלייצע, אַריינלייגנדיק דעם צענער־רובל צוריק צו זיך אין בייטל אַריין.

דער דאָקטער, וועלכן מען האָט גערופן צום צעשלאָגענעם וואָלאָדיאַ, האָט אויסגעפונען אַז מינדסטנס דאַרף ער אַ פינף־זעקס וואָכן ליגן אין בעט, מחמת דעם וואָס די רעכטע זייט לונגען איז נישט אין אָרדענונג. אַחוץ די דריי ביילן אויפן קאָפּ און אַ שאַרפן בלויען צייכן אונטערן לינקן אויג. ישׂראל־נחומען האָט מען מורא געהאַט געבוי צו דערציילן וואָס דער דאָקטער האָט געזאָגט, ווייל אין אַ שעה שפּעטער האָט ער געדאַרפט אַוועקפאָרן קיין לאָדזש, צו שייבלערן אין דער פאַבריק אַריין, וועגן אָפּ־שליסן אַ וויכטיקן אָפּמאַך, האָט מ'ען אים בלויז געזאָגט, אַז וואָלאָדיאַ וועט מאָרגן־איבערמאָרגן שוין זיין אינגאַנצן געזונט. די מאַדאַם מאַלקין האָט אַליין זיך אַוועקגעזעצט ביים זונס בעט, האָט זאָרגפעליק אים איינ־געגעבן די מעדיצינען און אכטונג געגעבן אַז ער זאָל זיך נישט אָפּלאָזן פונעם עסן. זי האָט אויך געמוזט זיין דערביי, ווען דער דאָקטער האָט געטוישט די באַנדאַזשן ביים זונס צעקלאַפּטע ערטער.

וואָס אַנבאַלאַנגט עטלען, איז זי פול געווען מיט עגמת־נפש פון דעם וואָס ס'האָט פּאַסירט מיט וואָלאָדיאַן. זי איז געווען ממש געקרענקט, הלמאַי אַזאַ ווילער בחור ווי וואָלאָדיאַ, אַ בחור וואָס האָט געהאַט דעם מוט זיך אַקעגנשטעלן אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר, זאָל ליגן אַצינד אַ צעקייל־טער און צעביילטער אין בעט. אגב האָט זי דאָך נאָך איר אייגענעם עגמת־נפש, ווייל אין וואָלאָדיאַס איצטיקן צושטאַנד, וועט איר קומען צום אַר־בעטער־כאָר מוזן אָפּגעלייגט ווערן אויף שיינע עטלעכע שבתים. נישט האָבנדיק וואָס מיט זיך צו טאָן דעם היינטיקן שבת נאָך מ'טאָג, האָט זי

באַשלאָסן, אַז נאָכן אָפּוואַשן דאָס געפּעס נאָכן שבתדיקן מיטאָג, וועט זי אַהינגיין צו צפּורהלע און ראובנען.

## אַכטער קאַפּיטל

# הערש־יאַנקל מיט זיין פּלוניתטע

עס איז געווען פרייטיק איבער גאָטס וועלט. אַ טאָג וואָס אין יענע יאָרן איז ער געווען ביי יידן אַ טאָג פון אַן אומאויפהערלעכער איילעניש. דערצו נאָך ווען עס איז אַ קורצער ווינטערדיקער פרייטיק. דעמאָלט ווען עס דוכט זיך, אַז די שעהן לויפן געשווינדער פון געשווינד, און אַז אָט־אָט וועט שוין צופאַלן דער שבת און מען וועט קיין האַלבן שבת נישט האָבן צוגעגרייט. מילא, צפּורהלע איז ברוך השם אַ בריהדיקע יידענע, האָט זי שוין ב״ה ליגן די חלות אין שטוב נאָך פון באַגינען און די שטי־קער פיש ליגן שוין אויסגעלייגט ביי איר אויף צוויי גרויסע פלאַכע טע־לער, צוזאַמען מיט די דינע גילדענע מייערן־רענדלעך, אַז זיי פאַרשמעקן די שטוב מיטן שבתדיקן ריח. אָבער דאָס מעגעלע ליגט נאָך אַלץ אין קיך, נישט אָנגעפילטערהייט, און דעם טשאָלנט מיטן קוגל האָט מען אויך נאָך נישט געהאַט קיין צייט אָוועקצוטראָגן צום בעקער. נאָך מער: אַפילו דאָס שבתדיקע געפּעס מיטן טיש־געשיר דאַרף מען נאָך אויך אַביסל איבער־רייבן און איבערוואַשן. היינט־זשע דאַרף מען דאָך זיך אַליין אויך אַרומ־וואַשן און פרישע וועש אויף שבת נאָך אַרויסנעמען. הקיצור: מען יאָגט זיך און מען איילט זיך צו פאַרענדיקן אַלע הכנות איידער עס פאַלט צו דער שבת.

אין יענער הייסער מינוט, איז אַן אומבאַקאַנטע פּראָווינצער יידע־נע אַריינגעפאַלן מיט אַ גוואַלד צו צפּורהלען אין שטוב אַריין: „גוואַלד, און גוואַלד, ווו איז ערגעץ מיין הערש־יאַנקל?״

אויף צפּורהלעס פראַגע: ווער זי איז און וואָס אַזוינס איז ר׳ הערש־יאַנקל אירס, האָט די יידענע מיט אַ גרויס געוויין געענטפערט, אַז איר נאָמען איז ברכה און זי איז הערש־יאַנקלס ווייב; אָבער איר מאַן, הערש־

יאַנקל, האָט איר געענטפערט מיט אַ „גט". ער האָט איר — וויינט זי און ברעכט זיך די הענט — צוגעשיקט אַ בריוו פון וואַרשע, איז אינעם בריוו געלעגן אַ „גט". און אַז דער ביאַלער רב, טאַקע דער רב פון זייער שטאָט זאָגט, אַז על פּי דין איז זי אָפּגעגט פון הערש־יאַנקלען. סיידן אַז יענער וועט איר ווען נאָכאַמאָל צוריק „מקדש זיין" פאַר צוויי עדות. אַז נישט איז זי אויס הערש־יאַנקלס ווייב.

צפּורהלע האָט דער פאַרווינטער יידענע צוגערוקט אַ שטול און גע־בעטן איר זיצן אַ מינוט, אָבער די יידענע וויל נישט זיצן און זי קאָן נישט זיצן. זי שטייט און טרייסלט זיך אין אַ ביטער געוויין און אין אַ שלוכצן, אַז מען זאָל אויף איר רחמנות האָבן און צוריקקערן דעם מאַנס האַרץ צו איר.

— יידישע קינדער — שרייט זי אַ פאַרצווייפלטע, באַגיסנדיק זיך מיט טייכן טרערן — יידישע קינדער, ראַטעוועט מיך! וואָרעם ווו וועל איך זיך קענען אַהינטאָן מיט מיינע צוויי שוואַלבן, מיין הענעלע און מיין רבקהלע? העלפט מיר, גילדענע מענטשן, און זעט, אַז מיינע פּיצלעך קינ־דער זאָלן נישט פאַרבלייבן קיין לעבעדיקע יתומים.

דער גוטהאַרציקער צפּורהלען קומען אַזש די טרערן אין די אויגן. זי נעמט אויף ראובנען צו הילף, און ביידע זאָגן זיי צו, אַז זיי וועלן זיך נעמען צו דער זאַך מיט אַלע כוחות און וועלן משפּיע זיין אויף הערש־יאַנקלען. ראובן פון זיין זייט, נעמט עס אויף זיך גאָר שטאַרק. ער זאָגט אַז ער וועט אַזאַ זאַך נישט דערלאָזן. ער וועט דאָרטן — אין ראַדזינער שטיבל — ביי קבלת־שבת זיך אַ נעם טאָן צו הערש־יאַנקלען און וועט אים נישט אָפּלאָזן. צפּורהלע טענהט, אַז קודם־כל בלייבט דאָך די יידע־נע ביי זיי אויף שבת, מילא וועט מען שוין זען צו מאַכן אַ שטיקל שלום, מחמת אויף שלום שטייט די גאַנצע וועלט.

די יידענע האָט זיך ווי עס איז באַרואיקט און זעענדיק ווי צפּורהלע האָט זיך אַ נעם גענומען צו די שבתדיקע הכנות, האָט זי זיך געכאַפּט איר צו העלפן, און דער שבת איז פאַרטיק געוואָרן. נאָכן ליכט־צינדן (צפּורה־לע האָט פאַר דער יידענע אָוועקגעשטעלט ספּעציעלע צוויי לייכטער מיט ליכט צום בענטשן) און ראובן איז אַוועקגעגאַנגען אין ראַדזינער שטיבל

אַרייַן, האָט די יידענע דערציילט צפורהלען, וואָס אַזוינס ס׳איז פאַרגע־קומען צווישן איר און דעם מאַן. זי האָט דערציילט און געוויינט מיט אַן אַ שיעור חרטות אויף דעם, וואָס זי האָט אין יענעם אָוונט פאַרשלאָסן דעם מאַן אויף אַ גאַנצער נאַכט אין קעלער. זי האָט — זאָגט זי — דע־מאָלט באמת נישט געוווּסט וואָס אַזוינס ס׳איז דער ציוניזם. אָבער היינט ווייסט זי עס שוין יאָ. זי אַליין איז איצטער אַ פייערדיקע ציוניסטקע, און זאָל נאָר דער מאַן צוריק גוט ווערן צו איר, וועט ער שוין זען וואָס פאַר אַ ציוניסטקע זי איז. און ווי אַזוי זי וועט אים מיטהעלפן אין זיינע ציוניסטישע דרכים...

צומאָרגנס, שבת נאָך מיטאָג, איז צו צפורהלען אין שטוב אַריינ־געקומען עטל. האָט צפורהלע איר אָקעגנגעטראָגן אַ פריילעכן „סקאַצל קומט״, און האָט איר נישט אָפּגעלאָזט, נאָר זי מוז שוין נעמען אַ גלעזל בייעריש ביר, מיט אַביסל אויסגעקאָכטע בובער אין די שאָלן. די פרעמדע יידענע איז אין שטוב נישט געווען, ווייל הערש־יאַנקל האָט זיך נאָך אַלץ נישט געלאָזט איבערריידן. פרייטיק צו נאַכט איז ער אַפילו צום דאַוונען אינעם ראַדזינער שטיבל נישט געקומען. ער האָט אָפּנים שוין געהאַט אַ ידיעה, אַז דאָס ווייב איז געקומען, האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן פון איר. נאָר שבת אין דער פרי האָט ראובן אים געטראָפן אַרויסגיין פון מקווה, איז ער צו אים צוגעלאָפן מיט אַ „סטייטש״, ווי מעג עס אַ ייד ווערן אַזוי אין כעס? און אַז די יידענע וויינט און חלשט, און אַז זי שווערט זיך, אַז זי וועט זיך אַ „מעשה אָנטאָן״. אגב, דערציילט ער אים, אַז די יידענע איז גרייט צו געבן „תקיעת כף״, אַז זי איז אַצינד אַליין אַ ציוי־ניסטקע נאָך מער פון אים. אויף די לעצטע צוויי טענות איז הערש־יאַנקל אָפּנים אַביסל ווייכער געוואָרן, ווייל ער האָט געזאָגט אַז ער וועט זיין צו „סעודת שבת״ ביי שמואל־שמערלען, וועט ער זיך מיט אים נאָכאַמאָל מיישב זיין. ראובן האָט די דאָזיקע תשובה איבערגעגעבן דער יידענע, איז זי עס אַהינגעלאָפן צו שמואל־שמערלען.

ווען עטל האָט אויסגעטרונקען דאָס גלעזל ביר, לאָזט איר צפורהלע נישט אָפּ, נאָר אַז זי מוז נעמען נאָך אַ גלעזל ביר. עטל אָמפּערט זיך, אַז ס׳איז פאַר איר גענוג דאָס איינע. און דערווייל עפנט זיך אויף די טיר

און עס קומט אַריין איטשע־מאירס זון, אברהמעלע, אַ בחור אַ לעבעדי־קער און שמייכלענדיקער. ווען מען שטעלט אים פּאָר פּאַר עטלען, צע־שמייכלט ער זיך נאָך מער. פריילין עטל איז דאָך זיכער נישט קיין אַנ־דערע ווי נאָר דאָס זעלבע מיידל, וועמען דער טאַטע זיינער האָט געהאָלפן ביים אָנקומען קיין וואַרשע? נישט אַזוי?

— פאַרוואָס עפּעס „נישט אַזוי"? — ענטפערט עטל מיט אַ געמאַכ־טער בראַוווּר, און דאָס פּנים צעפלאַמט זיך ביי איר ווי אַ שטיק פייער. ביסלעכווייז שטאַרקט זי זיך צום באַרואיקן זיך, און מיט אַ טרער אין אויג רעדט זי קוים אויס, אַז דאָס וואָס זיין פאָטער האָט פאַר איר גע־טאָן, וועט זי נישט פאַרגעסן במשך איר גאַנץ לעבן. ערשטנס האָט ער איר אָפּגעראַטעוועט דערמיט, וואָס ער האָט איר געבאָרגט דאָס געלט צו קענען אַריינפאָרן קיין וואַרשע. צווייטנס האָט ער איר ווי אַ גוטער מלאך צוגעפירט צו צפּורהלען אין שטוב אַריין, און דריטנס האָט ער איר דאָך געשאַפן די שטעלע ביי די מאַלקינס.

— אַך, יאָ! — כאַפּט זיך אָן דער פריילעכער אברהמעלע — וואָס־זשע הערט זיך טאַקע דאָרטן ביי די מאַלקינס? ער האַלט פאַר אַ נס וואָס דער זון זייערער, דער וואָלאָדיאַ, איז אָפּגעקומען דאָרטן אינעם צירקל בלויז מיט טרוקענע קלעפּ און נישט מיט עפּעס ערגערס...

— פון די קלעפּ — זאָגט עטל — איז וואָלאָדיאַ נאָך גענוג קראַנק. דער דאָקטער הייסט אים האַלטן אין בעט נישט ווייניקער פון זעקס וואָכן. ער זאָגט, אַז עס וועט גוט זיין ווען ער וועט נישט האָבן צו טאָן מיט אַ שאַרפער אָנצינדונג ביי דער לינקער זייט לונגען.

— עה! — זאָגט אברהמעלע — מאַלע וואָס אַ דאָקטער זאָגט. דער וואָלאָדיאַ איז דאָך ווי איך הער אַ יונגער בחור. וועט ער זיך איבערליגן צו בעט די עטלעכע וואָכן און וועט זיין געזונט, און — און וועט אויך זיין אויסגעהיילטער פון זיינע בונדיסטישע חלומות.

עטל שפּרינגט אויף פון די דאָזיקע ווערטער. ווען נישט דאָס וואָס די דאָזיקע ווערטער גייען אַרויס פון אברהמעלעס מויל, דעם זון פון איר גוטן מלאך, ר' איטשע־מאיר, ווייסט זי נישט, צי זי וואָלט זיך געקאָנט איינהאַלטן פון צו געבן אים דעם שטאַרקסטן ענטפער. אָבער אַזוי, באַ־

מיט זי זיך צו באַהערשן און זיין געלאַסן. זי פרעגט נאָר, פאַרוואָס איז לויט אברהמעלעס מיינונג דער „בונד" נישט מער ווי אַ חלום? לאָמיר זאָגן אַפילו וועגן דעם פאַקט גופא מיט יורינען: צי זשע איז דער קאָמי־סאַר יורין געווען גערעכט מיט זיין ברוטאַלער האַנדלונג קעגן דער אָרע־מער יידישער פרוי. און צי האָט ער באַדאַרפט אַזוי צעטרעטן אין דער בלאָטע דער יידענעס מאַן־קיכלעך, וואָס זענען געווען — משטיינס גע־זאָגט — איר גאַנצער פאַרמעגן?

— עס איז נישט די פראַגע — ענטפערט אברהמעלע — צי דער יורין איז גערעכט געווען, נאָר וועגן דעם אַז וואָלאָדיאַס טאַט איז געווען אַ מוראדיקע נאַרישקייט. ווער עס איז דער קאָמיסאַר יורין — ווייסן דאָך אַלע, אַז ער איז אַ ווילדער אָקס און דערצו אַ גרויסער אַנטיסעמיט. טאָ וואָס פאַר אַ זין איז דאָס געווען אַרויסצולאָזן פון מויל אַן אומפאַר־זיכטיק זידל־וואָרט צווישן אַן עולם פאָליציאַנטן? פאַר אַזאַ זידל־וואָרט האָט מען דאָך אים געקאָנט אַוועקשיקן אין דער ווייטער סיביר, אַחוץ די מכות רצח אין די פאָליציי־צירקלען.

עטל לאָזט זיך נישט: אויב אַזוי — קומט דאָך אויס, אַז אַ מענטש וואָס וויל זיך אויסלעבן מיט זיין אידעאַל, דאַרף ער ליגן תמיד אונטערן וואַרעמען איבערבעט און מורא האָבן אַרויסצוריידן אַ וואָרט?

אויף אברהמעלעס פנים פאַרשפרייט זיך אַ צו־להכעיסדיק שמייכע־לע. קענטיק, אַז ער וויל דווקא וואָס מער אויפרייצן דאָס שיינע מיידל, גיט ער אַ זאָג, אַז איידער אָפּצוטאָן אַזאַ נאַרישקייט ווי דאָס וואָס וואָ־לאָדיאַ האָט געטאָן, וואָלט גלייכער געווען פאַר אים אין יענער מינוט צו ליגן אַפילו אונטער אַן איבערבעט.

— וואָס רעדט איר? וואָס רעדט איר? — צעהיצט זיך שוין עטל, און דערמאָנענדיק זיך אין אַ שטעלע פון אַ געלייענטן שטיקל פון דער בונדישער ליטעראַטור, זאָגט זי, אַז איבערהויפּט איצטער דאַרף מען נישט ריידן אַזעלכע ווערטער, איצטער ווען ס'איז שוין אַזוי נאָענט דער סוף פון דער פאַרשימלטער רעאַקציע. איצטער ווען די ווענט פון דער אַלטער וועלט וואַקלען זיך שוין אָט־אָט נאָר צום אומפאַלן.

— הערט זשע פריילין עטל — ווערט אברהמעלע אַביסל ערנסטער

— געדענקט וואָס איך זאָג אייך. ווי איר קוקט מיך אָן בין איך לגמרי נישט קיין גרויסער אָנהענגער פון דער פאַרשימלטער רעאַקציע, אַזוי ווי איר רופט עס אָן, אָדער אָנהענגער פון דער אַלטער וועלט, פון וועלכער ווי איר זאָגט, אַז עס טרייסלען זיך שוין די ווענט, און אַז מיט נאָך איין שטאַרקן שטויס קאָן מען זיי איינוואַרפן. און דאָך האַלט איך, אַז דער ענין פון אומוואַרפן די אַלטע וועלט זאָלן מיר איבערלאָזן פאַר די גויים. דאַקעגן אונדזער זאַך איז צו העלפן אויפבויען די נייע יידישע וועלט, דורכן ציוניזם.

— דער בונד — ענטפערט עטל צושאָקלענדיק חנעוודיק מיטן שיי־נעם קעפל — דער בונד, צוזאַמען מיט אַלע נישט־יידישע סאָציאַליסטן, זיי וועלן באַפרייען די יידן פון די ווילדע יוריגנס און פון אַלע אַנדערע אַנטיסעמיטן. אין דער נייער וועלט וואָס דער סאָציאַליזם גייט שאַפן, וועט דער ייד האָבן אַלע רעכט צוגלייך מיטן קריסט. דאַן ווען דער ציו־ניזם וויל דווקא אָפּרייסן דעם ייד פון דער נישט־יידישער וועלט. דער ציוניזם בענקט אַפנים זייער שטאַרק צו דער אַמאָליקער געטאָ, מיט דער געלער לאַטע, אפשר נישט אַזוי?

— אָה, פריילין עטל! — גייט אברהמעלע שוין אַריין אין אַזאַרט.

— איך שטוין פשוט צו זען ווי שנעל וואָלאָדיאַ האָט געמאַכט פון אייך אַזאַ הייסע בונדיסטקע. ווי איך פאַרשטיי, האָט ער אייך מסתמא צוגע־שטעלט אַ היפש פעקל פון דער בונדיסטישער ליטעראַטור. נישט אַזוי? און מערקווירדיק, ווי געשיקט איר האָט איבערגענומען אַלע יענע אויס־געדראָשענע פראַזן. ער האָט פון אייך געמאַכט ממש אַ פאַנאַטיקערין פונעם בונד...

— איר וועט מיר מוחל זיין — גיט עטל אים אַ רעשט — דער בונד דענקט לאָגיש, אָן יעדן פאַנאַטיזם. דאַן ווען אינעם ציוניזם איז נישטאָ אַפילו קיין ברעקעלע לאָגישקייט. וואָס? דער טערקישער סולטאַן וועט מיר־נישט, דיר־נישט פלוצים אייך אָוועקגעבן פאַלעסטינע? הייגט־זשע דעם פאַנאַטיזם וואָס אייער אידעע האָט, איז עס דאָך פשוט אַ שרעק נאָכ־צוזאָגן. אָט למשל האָט מען מיר דאָ אין דער שטוב דערציילט, ווי אַזוי אַ הייסער ציוניסט, אַ מענטש וואָס אַלע דאָ קענען אים, וויל אָפּגטן דאָס

ווייב, ווייל זי האָט אים עפּעס נישט געלאָזט גיין צו אַ ציוניסטישער פֿאַרזאַמלונג. נו? וואָס זאָגט איר איצט?

— וואָס איך זאָג איצט — ציט אברהמעלע די ווערטער, ווייל דער־ווייל טראַכט ער, אַז דאָס שיינע מיידל איז קענטיק גאָרנישט קיין נאַר — אַלזאָ, איר פֿרעגט מיך, וואָס איך זאָג איצט? הערט זשע, ערשטנס זאָג איך, אַז אין דער זאַך פֿונעם גט וואָס איר האָט דערמאָנט, איז דאָס ווייב מער שולדיק פֿונעם מאַן. הערט אַ מעשה! אַ יידענע דערלויבט זיך צו פֿאַרשליסן אַ מאַן אויף זעקס שעה אין אַ פֿינצטערן קעלער, באשר איר פֿרומקייט דיקטירט איר, אַז דער ציוניזם איז אַ טריפֿהנע זאַך. דאָס איז איינס. און צווייטנס בין איך גאַנץ זיכער, אַז דער מאַן אירער וועט זיך מן־הסתם לאָזן איבערבעטן, און וועט מאַכן צוריק שלום מיט זיין ווילד־פֿרומער יידענע, אָבער אייגנטלעך, פֿריילין עטל, צי זענען מיר דאָ, אין אונדזער דיסקוסיע, נישט צופֿיל אַראָפּ פֿון די רעלסן? איך מיין צו זאָגן, צי באמת גלייבט איר, אַז די קריסטלעכע סאָציאַליסטן גייט עס פּשוט אין לעבן צו מאַכן אונדז יידן גליקלעך? וואָס?

— נישט נאָר איך גלייב — שפּרינגט עטל אויף — נאָר איך בין פֿולשטענדיק זיכער דעריין. ביי דעם סאָציאַליסט איז נישט פֿאַראַן קיין אונטערשייד צווישן פֿאָלק און פֿאָלק, נאָר צווישן דעם בורזשוי און דעם פּראָלעטאַריער. אגב: אפשר האָט איר געהערט וועגן דעם קריסטלעכן סאָ־ציאַליסט מעדעם? דער דאָזיקער מעדעם איז דאָך אַ קריסט און אַ גענע־ראַלס אַ זון. האָט ער מיט אַ צייט צוריק זיך אָנגעהויבן אַריינצולאָזן אין אונדזערע יידישע ענינים, און שפּעטער האָט ער זיך צוגענומען אַ לערער פֿון דער יידישער שפּראַך. הקיצור, דער דאָזיקער קריסטלעכער סאָציאַליסט רעדט שוין גאָר פֿיין יידיש. ער איז געוואָרן אַ גאַנצער ייד...

ראובן דער מלמד, וואָס איז געזעסן ביים טיש, און ביים געשפּרעך צווישן די צוויי לייט האָט ער אַריינגעקוקט פֿאַרטיפֿט אין אַ מדרש, האָט דאָ אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און געשמייכלט: וואָס הייסט עס, אַז דער גע־נעראַלסקי זון איז געוואָרן אַ גאַנצער ייד? האָט ער זיך דען שוין גע־לאָזט מל זיין?

פֿון דער דאָזיקער „הלצה" ווערט ביים טיש אַ גרויס געלעכטער,

נאָר דערווייל עפּנט זיך אויף ברייט די טיר, און עס קומען אַריין הערש־יאַנקל מיט זיין ווייב, און פון זייערביידנס שמייכלען זעט מען, אַז מאַן און ווייב האָבן זיך שוין איבערגעבעטן. די הערש־יאַנקלטע ווייזט דעם עולם אויף דעם זילבערנעם „מגן־דוד", וואָס איז צוגעשפּילעט אויף איר גראַנאַטענער בלוזע און אין שטוב ווערט אַ פריידּ מיט אַ גדולה. און דאָ כאַפּט זיך עטל, אַז זי מוז שוין אַהיימלויפן, מחמת דעם וואָס אירע באַלעבאַטים דאַרפן אין נאָך צען מינוט אַרום אַוועקגיין אויף אַ נויטיקן וויזיט. עס איז אַ וויזיט ביי אַ נאָענטן פריינד, וועלכער האָט מיטוואָך ביינאַכט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, האָבן די באַלעבאַטים איר אָנגעזאָגט, צו קומען אַהיים אין דער צייט, ווייל זי וועט מוזן אויפפּאַסן, אַז דער קראַנקער וואָלאָדיאַ זאָל איינגעמען רעגלמעסיק די מעדיצינען. זאָגט אברהמעלע, אַז ער איז גרייט מיטצוגיין מיט איר אויף עטלעכע מינוט, מחמת ער וויל מבקר־חולה זיין דעם זון פון זיין טאַטנס פּרינציפּאַל, וועלכער איז דאָך יעדנפאַלס אַ פיינער יונגערמאַן. הקיצור: ער גייט צוזאַמען מיט עטלען אַהין צו זען וואָלאָדיאַן...

נײַנטער קאַפּיטל

## עטלעכע בריוו צווישן פייגעלען און עטלען

אַכט וואָכן שפּעטער האָט עטל דערהאַלטן פון דער מוטער פאָלגנדן בריוו:

ברוך השם יום ג׳ פּרשת „תרומה־תצוה", פּה ליפּאָווע.

צו מיין טייערער טאָכטער, זאָל לעבן, מיין אויג אין קאָפּ און מיין האַרץ, חיה־עטל שתחיה. ראשית בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם געזונט. דאָס נעמלעכע צו הערן פון דיר, בשורות טובות, ישועות ונחמות, אמן.

והשנית, זיי וויסן, אַז דער פעטער בערישל איז שוין נישטאָ מער אויף דער וועלט. צוריק מיט זעקסטהאַלבן וואָכן איז ער געווען אין דאַנציק וועגן זיינע גרויסע וואַלד־מסחרים. ער האָט דאָרטן געוווינט אין אַ

גרויסאַרטיקן האָטעל. בקיצור: ער האָט זיך ביינאַכט געלייגט אין בעט אַריין געזונט און פריש, און נישט דאָ געדאַכט איז ער שוין מער נישט אויפגעשטאַנען. פונעם האָטעל האָט מען באַלד אין דער פרי גערופן די פּאָליציי און יענע זענען געקומען צוזאַמען מיט דאָקטוירים און מען איז אים גענאַנגען פּאַלמעסן, כדי צו וויסן פון וואָס דער ייד בעריש מינץ פון ליפּאָווע, איז פּלוצים געשטאָרבן. איז נפתלי שטיינבערג, דער עלטס־טער איידעם דעם פּעטערס, אַהינגעפאָרן און ער האָט דאָרטן „געשמירט" (איך זאָל עס פאַרמאָגן וואָס דאָס האָט אָפּגעקאָסט) און מען האָט דעם פּעטער נישט געפּאַלמעסט.

פון גרויס עגמת־נפש איז גאָלדעלע, נישט דאָ געדאַכט, קראַנק גע־וואָרן אויפן האַרץ, און דאָ האָט זיך געמאַכט צווישן אַלע דריי איידעמס אַ מחלוקת, וואָס ברענט און פלאַקערט ווי אַ גהינום. אַנגעהויבן האָט עס זיך פון בערישלס טייסטער. ווען נפתלי שטיינבערג איז אַהיימגעקומען און דעם נפטר האָט ער געבראַכט אַהיים אין אַ פאַרקלאַפּטן קאַסטן קיין ליפּאָווע, האָט מען זיך גענומען צו גרייטן צו דער „לוויה", און פלוצים האָט „קהל" פאַרלאַנגט, אַז די יורשים זאָלן געבן אַ „התחייבות", אויפ־צושטעלן אין שטאָט אַ נייע גרויסע שול, אַז נישט וועט מען נישט לאָזן טאָן דעם „נפטר" זיין „רעכט" (קבורה). ברוך השם — אַזוי האָט מען געטענהט — אַז ליפּאָווע האָט זיך צעוואַקסן און געוואָרן אַ גרויסע שטאָט מיט טראָטואַרן אַפילו, און דאָס קליינע שולעכל איז נישט מער גענוג פאַר דער שטאָט. האָבן ביידע ייִנגערע איידעמס, קלמן זיידענבערג און אשר־זעליק רובינשטיין זיך אַ נעם געטאָן צום שוואָגער נפתלי שטיינ־בערג, אַז היות ער האָט אין דאַנציק גענומען אין זיינע הענט אַריין דעם שווערס טייסטער מיטן געלט, זאָל ער דעריבער געבן דער שטאָט די פאַר־לאַנגטע התחייבות, און נישט לאָזן האַלטן דעם נפטר אינעם קאַסטן אָן קבורה. טענהט אָבער נפתלי שטיינבערג, אַז אינעם שווערס טייסטער האָט ער געפונען נישט מער ווי פופצן הונדערט דייטשע מאַרקן, און רוי־סיש געלט איז דאָרטן געווען עפּעס אַ צוועלף רובל מיט קאָפּיקעס. האָט ער דאָס אַלץ אויסגעגעבן כדי נישט צו לאָזן פּאַלמעסן דעם שווער עליו השלום און אויף אָהערצוברענגען אים אינעם קאַסטן. אפשר — זאָגט

ער — איז געבליבן נאָך עטלעכע רובל און עטלעכע דייטשע מאַרקן, וועט ער זיי נאָך דער קבורה אַוועקגעבן וועמען מען וועט הייסן. האָבן אָבער יענעביידע דערויף נישט באַשטאַנען און אַזוי האָט מען זיך אַרומגעריסן גאַנצע צוויי טעג, אַזש פונעם קאָסטן האָט מען אָנגעהויבן שאַרף צו שפּירן, האָט זיך אַריינגעמישט דער מחותן ר׳ שמעלקע רובינשטיין, וועלכער איז לעצטנס ווידער געוואָרן אַ גרויסער גביר, האָט ער גענומען ביי אַלע דריי איידעמס און אויך ביי דער אלמנה אַן „אוויקציע" אויפן הויז. און ער האָט עס געגעבן די „התחייבות" אויף אַ שול, און קהל האָט געלאָזט מאַכן די „לוויה".

און איצטער קינד מיינס, עטל, וויפל עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ וואָס דו ביסט אַזוי ווייט פון מיר, און איך קאָן דיך נישט זען און קוקן אויף דיר יעדן טאָג און יעדער שעה. מילא, מן־הסתם איז עס פאַר דיין טובה, וואָרעם וואָס וואָלסטו געקאָנט דערלעבן אין דעם קליינעם אָרט. און ערשט אַנומלט האָט מיר פעסעלע יחיאל־מאירס דערציילט, אַז זי האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון וואַרשע, פון איר שוועגערין צפורהלע, איז צווישן אַנדערע זאַכן שרייבט זי אויך עפּעס וועגן דיר. מיין קינד, אַז דו ביסט זייער אַן אָרנטלעך מיידל און אַ קלוג מיידל. דו האָסט — שרייבט זי — ביי איר אין שטוב זיך אויסגעטענהט מיט עפּעס אַ וואַזשנעם יונגנמאַן, און יענער איז געוואָרן פון דיר עפּעס גאָר אַנטציקט. און אַז אפילו יעדער איינער וואָס איז געזעסן ביים טיש, האָבן זיי אַלע פון דיר גאָר־גאָר אָנגעקוואָלן. מילא, זאָל השם יתברך מיר העלפן, אַז דו זאָלסט אומעטום האָבן אסתר המלכהס חן, מיט אַ סך מזל צו, אָמן. דיין מאַמע, וואָס האָפט צו הערן פון דיר בשורות טובות. פייגעלע.

עיקר שכחתי: שרייב מיר עטל, ווער אַזוינס עס איז יענער יונגערמאַן, דו ווייסט דאָך, אַז אַ מאַמעס האַרץ טראַכט תמיד וועגן איר קינד און וויל האָבן נחת פונעם קינד. דו ווייסט גאַנץ גוט ווי איך האָב אַ גאַנץ לעבן אָפּגעפּינצטעטערט און אָפּגעביטערט, נישט פאַר מיינע קינדער גוטדאַכט. מילא, זאָל שוין מיין ביטער לעבן זיין אַן אָפּקומעניש פאַר מיינע צוויי קינדער. וויל איך דיר טאַכטערשי זאָגן, אַז אייביק אַרבעטן ביי יענעם קאָן מען אויך נישט. דו וועסט אם ירצה השם אין צוויי וואָכן אַרום

זיבעצן יאָר אַלט, אויף לאַנגע געבענטשטע יאָרן. דעריבער זאָלסטו נישט האָבן קיין פּאַראיבל אויף דיין מאַמען דערפאַר, וואָס זי וואָלט שוין גע־וואָלט האָבן אַ שטיקל נחת פון דיר און אויך פון דיין ברודער הערשעלע. הלוואי זאָל השם יתברך מיר העלפן, אַז איך זאָל עס זען מיט מיינע אויגן, אָמן.

זיי זשע מיר, טאָכטערשי, געגריסט און געקושט, פון מיר דיין מאַ־מע, פייגעלע.

## עטלם בריוו צו דער מאַמען

טייערע מאַמעניו, מיינע!

כ׳האָב דערהאַלטן דיין זיסן בריוו און איך שיק דיר דאָ איבער מיין פאָטאָגראַפיע. איך האָב זיך געלאָזט פאָטאָגראַפירן און כ׳האָב באַצאָלט דערפאַר פינף און זעכציק קאָפּיקעס. איך האָב עס געטאָן כדי אַז דו, מאַ־מעניו טייערע, זאָלסט קענען קוקן אויף מיר און אָנקוועלן. נו, זאָג אַליין, ווי האָב איך אויסגעזען אין דער היים, און ווי זע איך איצטער אויס?

פון דער ידיעה וועגן פלוצלינגן טויט פונעם פעטער בערישל, בין איך אַזש געוואָרן צעמישט. דער פעטער בערישל, כאָטש ער איז געווען אַ בורזשוי, אָבער ער איז נישט געווען קיין שונא פונעם פּראָלעטאַריאַט, אַזוי ווי די מומע גאָלדעלע. איך בין אייןמאָל געווען דערביי, ווען ברוך דער שניידער האָט אים אָפּגעבראַכט עטלעכע אויפגעניייטע מלבושים, האָט די מומע גאָלדעלע אַ דריי געטאָן מיטן נעזל, און אָנגעוויזן אויף אַלערליי חסרונות. און געוואָלט האָט זי דווקא עפּעס אָפּדינגען פונעם פּרייז. אָבער דער פעטער האָט נישט געוואָלט הערן דערפון און ער האָט באַצאָלט דעם שניידער אַזויפיל וויפל יענער האָט געוואָלט. ווען דער שניי־דער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט דער פעטער אַזוי געזאָגט צו דער מומען: „ווייסטו גאָלדע, אַ בעל־מלאכה טאָר מען נישט קריוודען. דער בעל־מלאכה ווייסט מער וויפל מי און מאַטערניש ער האָט אַריינגעלייגט אי־נעם שטיקל אַרבעט, ווי עס קאָן אָפּשאַצן יענער וואָס באַצאָלט פאַר דער אַרבעט".

דאָס ווידער וואָס דו, מאַמע טייערע, דערמאָנס אין דיין בריוול, אַז מען האָט דעם טויטן קערפּער פונעם פעטער בערישל אָפּגעהאַלטן גאַנצע צוויי טעג און נישט געלאָזט קובר זיין, ווייל ליפּאָווער קהל האָט געפאָדערט געלט אויף אויפצושטעלן אַ נייע שול, האַלט איך אַז דאָס איז געווען אַ נידערטרעכטיקייט פון זייער זייט. וואָרעם אַז אויב אַ מענטש האָט דאָס רעכט אויף זיין לעבן, האָט ער נישט ווייניקער רעכט אויף זיין טויט, און קיינעם דאַרף מען נישט פאַר זיין קבורה באַצאָלן מיט אַ שול. ווערסט זען, מאַמעניו טייערע, אַז צוזאַמען מיטן דערפאָלג פון דער רעוואָלוציע, וועלן אַזוינע זאַכן מער נישט זיין.

און אַצינד, טייערע מאַמעניו מיינע! אפשר געדענקסטו, ווען אינעם טאָג פון מיין אָפּפאָרן קיין וואַרשע האָב איך דיר געזאָגט, אַז אין וואַרשע וועל איך אַרבעטן און איך וועל זיך באַמיען צוקומען צו עפּעס. וואָס אַן אמת האָב איך אין די רייד אין זין געהאַט, אַז איך זאָל אַזוי אַרבעטן און אַרבעטן, אַז מיט דער צייט זאָל איך קענען ווערן רייך. אָבער דאָ אין וואַרשע האָב איך געזען, אַז פאַר אַ מענטש אַן אידעאַליסט איז עס נישט אַזוי גוואַלדיק וויכטיק דווקא צו זיין רייך. דאָ אין וואַרשע קאָן מען טרעפן יונגע מענטשן, קינדער פון שטיין־רייכע עלטערן, און זיי אַליין זענען גאָר פלאַם־פייערדיקע סאָציאַליסטן. און מאָל דיר מאַמעשי אַזאַ זאַך: דאָ ביי די רייכע מאַלקינס, ווו איך בין אַנגעשטעלט אַלס אַ דינסטמיידל, איז דאָ אַ זון, איז ער טאַקע, ווי געזאָגט, אַ פלאַם־פייערדיקער סאָציאַליסט, ער איז זייער אַן איידעלער בחור און אַ טייערער. ער רופט מיך נישט אַנדערש ווי נאָר „חברה עטל״, און שוין עטלעכע וואָכן ווי ער נעמט מיך יעדן שבת נאָך מיטאָג אַהין צום אַרבעטער־כאָר, און איך זינג דאָרטן. דער דיריגענט איז פון מיר זייער צופרידן. ער זאָגט מיר, אַז ווען מיר וועלן האָבן עפּעס אַ קאָנצערט, וועל איך אויפטרעטן אַלס סאָליסטין. נו, מאַמעשי, דו זעסט שוין וואָס פאַר אַ וואַזשנער לייט עס איז געוואָרן פון דיין עטל? כ׳לעבן מאַמעשי, אַז דאָס דאַרף צו זיין דיר דער אמתער נחת.

און איצטער, מאַמעשי, וויל איך דיר נאָך ענטפערן וועגן דעם יונגנמאַן, וואָס פעסעלע יחיאל־מאירס האָט דיר געשריבן, אַז „איך האָב זיך

מיט אים אזוי שיין אויסגעטעגהט", ווען מיר האָבן זיך ביידע געטראָפן ביי צפורהלען אין שטוב. אַלזאָ זיי זשע וויסן מאַמעניו, אַז דער דאָזיקער יונגערמאַן איז דער זון פון ר' איטשע־מאיר פרידמאַן, יענער טייערער ייד, וואָס האָט אומבאַקאַנטערהייט געטאָן מיט מיר אַזויפיל גוטס, דע־מאָלט ווען מען האָט מיך פון דער באַן אַראָפּגענומען, ווייל כ'האָב געהאַט פאַרלוירן דעם באַן־בילעט. אַלזאָ מוז איך דיר זאָגן דעם אמת, אַז אויך דער זון זיינער — אברהמעלע הייסט ער — איז אַ זייער ווילער בחור, אַ שיינער און אַ קלוגער, און אַ געבילדעטער, ער קען אַ סך שפּראַכן און איז אַ גוטער בוכהאַלטער. ווען מיר זענען ביידע אַראָפּגעגאַנגען צוזאַמען פון צפורהלען, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער אַרבעט ביי דער באַרימ־טער פירמע „צינדעל" און ער פאַרדינט שוין היינט פינף און זעכציק רובל אַ חודש, אָבער אידעאיש בין איך מיט אים ווי פייער מיט וואַסער. טאַקע אין יענעם שבת נאָך מיטאָג, ווען מיר זענען ביידע אַראָפּגעגאַנגען צו־זאַמען פון צפורהלעס שטוב, האָט ער נישט אויפגעהערט צו שיטן פעך און שוועבל אויפן „בונד". גאָרנישט אַנדערש זענען מיר אין זיינע אויגן, ווי נאָר די פאַראָבקעס פון דער קריסטלעכער „פּע. פּע. עס.". איצטער ווייטער: וועלכן נאָמען פון די בונד־אָנפירער וואָס איז דורך מיר דער־מאָנט געוואָרן ביי יענעם שמועס, איז ער דורך אים געוואָרן אויסגעלאַכט, אַלס פאַראָבעק פונעם פוילישן שאָוויניסטישן סאָציאַליזם, און אַלס פאַר־רעטער פון די בלוטיקע יידישע אינטערעסן, וועלכע ווערן פאַרטיידיקט בלויז דורכן ציוניזם...

איך האָב זיך מיט אַלע כוחות באַמיט צוריקצוהאַלטן דעם כעס, און אים נישט באַליידיקן. איך זאָג דיר, מאַמעשי, ווען נישט דאָס וואָס דער אברהמעלע איז דער זון פון מיין גוטן מלאך, ר' איטשע־מאיר, וואָלט איך דעם בחור גוט אויסגעזידלט פאַר די אַלע רייד זיינע.

צום סוף האָט ער מיך נאָך געבעטן, אַז דעם צווייטן שבת נאָך מי־טאָג זאָל איך ווידער אַהינקומען צו צפורהלען, וועט ער אויך דאָרטן אַהינ־קומען. אָבער איך האָב געהאַט באַשלאָסן מער זיך נישט צו טרעפן מיט אים און כדי אים נישט צו באַליידיקן, האָב איך אים געזאָגט, אַז שבת נאָך מיטאָג וועל איך מוזן זיין אויף אַ פּראָבע אין אַרבעטער־כאָר.

זיי זשע מיר, מאמעניו טייערע, געזונט און שטארק, פון מיר דיין טאכטער, עטל. יא מאמעניו! איין זאך מוז איך דיך נאך פרעגן: וואס איז די מעשה וואס דיין בריוול איז געשריבן פון ליפאווע און נישט פון אשלאכבענטש? איך שרייב מיין בריוו דערוויל קיין אשלאכבענטש, מחמת דעם וואס איך ווייס נישט ביי וועמען דו ביסט אין ליפאווע, אבער איך האף, אז מען וועט דיר מן־הסתם שוין איבערשיקן דעם בריוו צום ריכטיקן פלאץ דיינעם אין ליפאווע.

## צווייטער בריוו פון פייגעלען צו עטלען

ברוך השם, יום מוצאי שבת קודש, פרשת ויקהל פקודי, פה ליפאווע.

צו מיין געליבטער, טייערער און געראטענער טאכטער, חיה־עטל שתחיה. ראשית בין איך דיר מודיע פון מיין ליבן געזונט, דאס נעמלעכע צו הערן פון דיר, בשורות טובות, ישועות ונחמות, אמן; והשנית, עטל, טייער קינד מיינס, דו קאנסט זען ווי אזוי דיין מאמעס קאפ איז פארדרייט, אז אין אזא לאנגן בריוו וואס איך האב צו דיר פריער געשריבן, האב איך אינגאנצן פארגעסן דיר אויך מודיע זיין, אז איך בין אריבערווינען צו האדלען, מיט איר מאן אשר־זעליק רובינשטיין.

די מעשה דערפון איז דאס, וואס גאלדעלע אליין איז נעבעך שווער קראנק, נישט פאר אונדז געדאכט. איר מצב איז אזוי, דאס הלוואי והלוואי זאל זי נאך צוריק קענען געזונט ווערן. מילא, האט שפרינצל איר אריינגענומען צו זיך. דבורהלע ווידער, ווייסטו דאך, איז אליין נעבעך א שוואך מענטש, און אלע פיר וואכן באקומט זי קאפ־שווינדל, איז געקומען ר׳ שמעלקע רובינשטיין (איך האב דיר דוכט זיך שוין געשריבן אז ער איז איצטער „צוריק אין די פעדערן") הקיצור, האט ער געזאגט צו אשר־זעליקן מיט האדלען, אז זיי זאלן מיך אריינגעמען צו זיך, קיין ליפאווע. מילא, נאך גוט אז אין מיין שווערן און ביטערן מצב, האב איך ווידער באקומען א שטיקל מקום־מנוחה.

און איצטער מיין ליבהארציק קינד, עטל, זיי וויסן, אז דיין ברודער הערשעלע זאל לעבן, איז נעכטן אוועקגעפארן קיין לובלין, וווּ ער איז גע־

וואָרן אַ לערער אין עפּעס אַ גאָר וואַזשנער שקאָלע. מילא, וואָס קאָן איך זאָגן דערצו? הלוואַי אַז עס זאָל זיין גוט, און אַז ער זאָל נושא־חן זיין, און השם יתברך זאָל העלפן, אַז איך זאָל האָבן פון אים נחת. וואָרעם ווייסט איר דען ביידע, טייערע קינדערלעך מיינע, וואָס אַ מאַמע־האָרץ פילט ווען אירע צוויי אוצרות זענען פון איר ווייט, איינס אין וואַרשע און דאָס צווייטע אין לובלין? איך זאָג דיר עטלשי קרוין, אַז אם ירצה השם דו וועסט חתונה האָבן, הלוואַי אויף אַ גליקלעכן אופן, און וועסט האָבן אַ גוטן מאַן מיט טייערע גראָטענע קינדערלעך, וועסטו זען, אַז וויפל זיי אַליין וועלן זיין קלוג און פאַרשטענדיק, וועט דיין קעפּעלע אויך תמיד טראַכטן גוטע עצות פאַר זייערטוועגן. פונקט אַזוי איז די זאַך איצ־טער מיט מיר. איך ווייס, אַז ברוך השם איז מיין עטל קלוג און פאַר־שטענדיק און פון דעסטוועגן קאָן איך מיך נישט איינהאַלטן, כדי נישט צו געבן דיר אַן עצה טובה.

מיין „זדאַניע" איז, אַז דו זאָלסט זיך נישט ברוגזן מיט יענעם בחור, דעם זון פון ר׳ איטשע־מאירן, און נישט זיין „קידער־ווידער" מ׳יט אים. הער נאָר צו: אַ בחור אַ שיינער און אַ קלוגער און דערצו אַ פאַר־דינער, אַ יונגערמאַן וואָס פאַרדינט שוין פינף און זעכציק רובל אַ חודש, זאָלסט טאַקע דאַנקען גאָט דערפאַר וואָס ער וויל זיך דערנענטערן צו דיר, און נישט אַז דו זאָלסט בשום אופן נישט וועלן טרעפן זיך מיט אים. און דאָס ווייטער, וואָס דו שרייבסט, באשר בכן אַז ער איז אַ ציוניסט, וואָלט אַוודאי בעסער געווען ווען ער וואָלט עס נישט געווען. ווייל ווי איך הער פון מענטשן אין אשלאכענטש און אין ליפּאָווע, זעט מען עס נישט דאָ און נישט דאָרט, אַז עפּעס אַ לייטישער מענטש זאָל זיין אַ ציוניסט. אָבער לויט מיין אָרעמען שכל איז פאַר דיר אַ סך בעסער צו האָבן צו טאָן מיט אַזאַ פיינעם בחור ווי דער וואָס הייסט אברהמעלע, כאָטש ער איז אַ ציוי־ניסט, איידער צו האָבן צו טאָן מיטן זון פון דיינע באַלעבאַטים, יענער וואָס דו שרייבסט וועגן אים, אַז ער איז אַ בונדיסט. דו שרייבסט מיר אַז ער איז זייער גוט צו דיר, און אַז ער נעמט דיך אַהין צו די אַרבעטער, און אַז דו זינגסט דאָרטן צוזאַמען מיט זיי. אַלזאָ טאָכטערשי זאָג איך דיר, אַז פון דעם אַלעם בין איך אין גרויסע שרעק. איך בין די לעצטע

עטלעכע נעכט כמעט נישט געשלאָפן צוליב דעם. דו ווילסט וויסן פאַר־וואָס איך שרעק מיך אַזוי? וועל איך דיר דערציילן: דאָ אין ליפּאָווע האָבן צוועלף יונגען, עטלעכע פון זיי זענען שניידער־געזעלן, עטלעכע אַר־בעטן ביי שוסטערס און די איבעריקע זענען סטאָלאַרסקע געזעלן, זענען זיי פאַריקן זונטיק אין דער פרי אַרויסגעגאַנגען אין וואַלד אַריין און דאָרטן האָבן זיי אויפגעהאַנגען אַ רויטע פאָן, און האָבן געזונגען אַ לידל אַקעגן דעם רוסישן קייסער, באשר בכן אַז דער קייסער געפעלט זיי נישט, און אַז זיי ווילן אים מאַכן „אויס־קייסער". וואָס קלערסטו? מן־הסתם האָט שוין דערפון דערשנאַפּט דער היגער „וואַכמײַסטער", וואַשילעוו, איז ער אָנגעקומען מיט סטראַזשניקעס און מען האָט די צוועלף יונגען אַזוי צעקאַטעוועט און אַזוי צעממיתט, אַז אַ שטיק וואַלד איז געוואָרן רויט פון זייער בלוט.

און איצטער טאַכטערשי קרוין, נאָך איין זאַך: דו שרייבסט מיר אין דיין בריוו וועגן עפּעס אַ כאָר, און נאָך וועגן איינעם מיטן אויסטערלישן נאָמען „דיריגענט", און אַז זיי ביידע ווילן דיך מאַכן פאַר עפּעס אַ „סאָ־ליסטער", שרייב איך דיר, אַז איך פאַרשטיי נישט וואָס דאָס אַלץ מיינט. אָבער דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז פון די אַלע זאַכן וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען. און אפשר קינד מיינס „לאַקאָמענסטו" זיך אויף דעם זון פון דיינע באַלעבאַטים צוליב זיין טאַטנס עשירות, איז ערשטנס זעען מיר דאָך שוין וואָס עס איז געוואָרן פון דיין פעטער בערישלס גרויסן עשירות. איך מיין, אַז פון איין זייט האָט דער גנב נפתלי שטיינבערג גוט זיך דאָרטן אָנגעגנבעט, און פון דער צווייטער זייט איז דער „גילדענער" מחותן שמעלקע רובינשטיין אַריינגעקראָכן דאָרטן מיט פיס און הענט, אַזוי אַז גאָלדעלען אַליין איז נאָך אַ גליק, וואָס זי קאָן האָבן אַ ווינקעלע ביי שפּרינצלען. איז דעריבער טאָכטערשי טייערע, זאָלסטו זיך נישט לאַ־קאָמען אויף קיין רייכקייט, און ווי מען זאָגט אויף פּראָסט יידיש: „מען טאָר זיך נישט לאָשצען אויף אַ „שמאַלץ־גרוב", וואָרעם על פּי רוב רינט דאָס שמאַלץ אויס און עס בלייבט איבער בלויז דער גרוב"...

פון מיר, דיין געטרייע מוטער, פייגעלע.

צענטער קאַפּיטל

## אַ גאַסט ביי די מאַלקינס

ביי דער פראָנט־טיר פון מאַלקינס וווינונג האָט זיך דערהערט אַ קלונג. וואָלאַדיאַ מיטן פאַרלאָטעטן פּנים פון די פּלאַסטערס האָט געעפנט די טיר און מיט אַ היימלעכן „גוט־שבת" איז אַריינגעקומען פּערלמאַן.

— איך בין געקומען — דערקלערט פּערלמאַן שמייכלענדיק — ווייל אייער פאָטער האָט מיך אַנומלט געבעטן, אַז איך זאָל אַ וועלכן שבת נאָך מיטאָג אַריינקומען צו אים.

ישראל־נחום איז דעמאָלט געזעסן אינעם קליינעם קאָנטאָר־שטיבל און האָט דורכגעקוקט דאָס פּעקל בריוו וואָס איז געהאַט אָנגעקומען במשך דעם פרייטיק און אויך שבת ביז נאָך מיטאָג. דערהערנדיק פונעם זון אַז פּערלמאַן איז צו אים געקומען, האָט ער אַראָפּגענומען די ברילן פון דער נאָז און אַ מורמל געטאָן: „וועגן וואָס איז ער געקומען צו מיר, דער „אַבאַדראַניעץ"? (אַ מענטש וואָס גייט נישט שיין אָנגעטאָן).

— פאַרוואָס זאָגסטו אַזוי „טאַטע"? — האָט וואָלאַדיאַן אַ שטאָך געטאָן וואָס דער פאָטער רעדט מיט אַזאַ זלזול צו אַ מענטש, וואָס האָט אים געטאָן אַזאַ גרויסע טובה. — אַגב —זאָגט וואָלאַדיאַ ווייטער — דער פּערלמאַן זאָגט בפירוש, אַז דו אַליין האָסט אים געבעטן, אַז ער זאָל אין אַ וועלכן ס'איז שבת נאָך מיטאָג אַריינקומען צו דיר.

— אַה! יאָ, אמת! איך האָב אים טאַקע אַליין געבעטן, טאָ נעם זשע אים אַריין אינעם עסצימער. איך קום אויך באַלד אַהין.

אינעם עסצימער האָט פּערלמאַן געטראָפן זיצן די פרוי מאַלקין. האָט זי, אויפהייבנדיק זיך פון פּלאַץ, אים צוגערוקט אַ שטול און דערביי נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל אים געדאַנקט פאַר זיין דעמאָלטדיקן העלפן באַפרייען איר קינד פונעם אַרעסט און מיט אייליקע טריטלעך איז זי אַריינגעלאָפן אין קיך אַריין און האָט געבראַכט צו טראָגן אַ גלעזל טיי מיט עטלעכע קיכלעך.

באַלד איז אויך אַריינגעקומען ישראל־נחום און מיט זיין אייביקן

שמייכעלע איז ער צוגעלאָפן צום גאַסט, געדריקט אים די האַנט און אַנט־שולדיקט זיך וואָס ער האָט אים געלאָזט זיצן די עטלעכע מינוט. אָבער ער מוז זאָגן דעם גאַסט דעם גאַנצן אמת, אַז שוין עטלעכע וואָכן וואָס ער האָט אַליין געזאָגט דעם ווייב, היתכן, פאַרוואָס זעט מען עס נישט דעם „פאַן פערלמאַן״, וועלכער האָט אַזוי פייערלעך צוגעזאָגט אַרויפצו־קומען צו אים אויף אַ שטיקל שמועס. אגב איז ער גוואַלדיק נייגעריק צו הערן פון אַזאַ קלוגן יידן ווי דער פאַן פערלמאַן, וואָס אַזוינס עס ווילן די ציוניסטן. צי זשע גלייבן זיי אויף אַן אמת, אַז די יידן פון דער גאַנ־צער וועלט וועלן פלוצים איבערלאָזן דאָ זייערע געשעפטן און אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל? די פראַגע איז דאָס, ווייל לויט ווי עס הערט זיך, איז דאָך דאָס ארץ־ישראל אַן אָרט וווּ מען קאָן קיין געשעפט נישט מאַכן. נישט אַזוי? אלא וואָס דען? עס וועלן אַהינפאָרן בלויז די „געמיינע לייט״. ער מיינט צו זאָגן: די קבצנים און די אביונים, אַזעלכע וואָס האָבן מיטן אַהינפאָרן גאָרנישט וואָס צו פאַרלירן, טאָ ווו זשע — פרעגט ער — וועלן די דאָזיקע יידן נעמען אַפילו בלויז אויף די הוצאות פון דער ווייַ־טער נסיעה?

ישראל־נחום האָט נאָך קשיות: אָט האָט ער ביי זיך אין שטוב שטיין אַ צדקה־פושקעלע פון „רב מאיר בעל־הנס״. עפּעס איינער אַן אַלטער ייד האָט עס אַריינגעבראַכט אין שטוב אַריין, און די פרוי זיינע וואַרפט אַריין פון צייט צו צייט עטלעכע קאָפּיקעס, טאָ וואָס זשע מיינען די ציו־ניסטן, אַז פון יענער פושקעלע וועלן מענטשן קאָנען עקזיסטירן? און נאָך אַ פראַגע: ער האָט געהערט אַז אין דער ארץ־ישראל גייט נישט אַ גאַנצן זומער אַפילו איין טראָפּן רעגן, צי איז דאָס אמת? ער איז — זאָגט ער — נישט אויסן חלילה צו באַליידיקן ווען ס׳איז, און אַ פשיטא, אַז צום פאַן פערלמאַן האָט ער אַ באַציאונג ווי עס פּאַסט באמת פאַר אַזאַ אויס־ערגעוויינלעכן מענטש ווי ער איז, נאָר פשוט אַלס אַ ייד אַ סוחר, וואָלט ער געוואָלט — פונעם סוחרישן שטאַנדפונקט — קלאָר פאַרשטיין די רעאַלע מעגלעכקייט פונעם ציוניזם. ווארעם סוף־כל־סוף מוזן דאָך די ציוניסטן טראַכטן וועגן וועלכער עס איז מעגלעכקייט צו קאָנען לעבן אין ארץ־ישראל און האָבן דאָרטן פרנסה.

במשך ישראל־נחומס לאַנגער דרשה האָבן פּערלמאַנס גרויסע קיי־לעכדיקע אויגן זיך אָנגעצונדן מיט אַ ליכט פון צופרידנקייט, וואָרעם וואָכנלאַנג זוכט ער דאָך אַרום עמיצן, וואָס זאָל אים שטעלן אַ פראַגע וועגן ציוניזם, און ער זאָל אים קענען אָפּענטפערן. ער איז דעריבער גע־זעסן געשפּאַנט און שטיל ביז ישראל־נחום האָט דאָס זייניקע געענדיקט, און דאַן האָט ער גענומען דערציילן אים געלאַסן און זאַכלעך וועגן דער „ביל"ו־באַוועגונג", ווי אַזוי יונגע סטודענטן אין מאָסקווע און אין כאַר־קאָוו און אין אַנדערע שטעט, האָבן מיט יאָרן צוריק פאַרלאָזט זייערע אוניווערזיטעטן און זענען אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, כדי צו ווערן דאָרטן איינפאַכע ערדאַרבעטער. פּערלמאַן דערמאָנט אויך עטלעכע שי'אָג־ווערטער פון הערצלס און נאָרדויס רעדעס. דאָסגלייכן דערמאָנט ער אויך עפּעס פון י. ל. פּינסקערס „אויטאָעמאַנסיפּאַציע", אָבער די הויפּטזאַך, פּאַניע מאַלקין — אַזוי פירט ער אויס — דאַרף מען צו וויסן, אַז צום ציוניזם קאָן מען נישט צוגיין מיט אַ סוחרישער בוכהאַלטעריע, נאָר מיטן אידעאַל פון אַ פאָלק, וואָס וויל אויפהערן מיט דער היימלאָזיקייט און נאָך די העכער אַכצן הונדערט יאָר פון אַלערליי גלותן וויל עס צוריק־קערן צום לאַנד פון אבות אבותינו.

— ער מוז אַליין נאָך מודה זיין — זאָגט פּערלמאַן ווייטער, נאָך דעם ווי ער זעט, אַז ישראל־נחום זיצט שטיל פאַרטראַכטערהייט — אַז לײדער איז ער אַליין נישט אומשטאַנד געווי צו אינפאָרמירן דעם פּאַן מאַלקין איבער די רעאַלע וועגן פונעם ציוניזם, וואָרעם דערויף זענען דאָ מענטשן וואָס זענען מער געבילדעט פון אים, מענטשן וואָס פאָרן אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן און ווייסן אַלע פּרטים. דעריבער וואָלט ער געראָטן דעם פּאַן מאַלקין צו קומען צום „ציוניסטישן קאָנצערט", וואָס וועט פאָרקומען איבער פיר וואָכן שבת צו נאַכט אין דער „ווינער חתונה־סאַליע".

— אַה! די ווינער חתונה־סאַליע — כאַפּט אונטער ישראל־נחום — דאָס איז דאָך דאָרטן ביים „אייזערנעם טויער", נישט ווייט פון דער „פּזשעכאָדניע גאַס". דאָס איז דאָך די סאַליע וואָס ווערט פאַרדונגען אויף אַלערליי חתונות. טאָ וואָס זשע האָט דאָס צו טאָן מיטן ציוניזם?

— פאַרשטייט איר מיך, פאַניע מאַלקין — שמייכלט פּערלמאַן — די מעשה דערפון איז אַזוי: געוויינלעך איז די „ווינער סאַליע" אַ פּלאַץ פאַר חתונות און אויך פאַר רייכע תנאים. אָבער איבער פיר וואָכן שבת צו נאַכט מאַכן דאָרטן די היגע ציוניסטן אַ ציוניסטישן קאָנצערט. דאָס איז אַ קאָנצערט אָן באַצאָלטע בילעטן, מענטשן ווייסן שוין ווען אַזאַ קאָנ־צערט קומט פאָר, קומט מען אַהין אין די יום־טובדיקע מלבושים. מען קומט אַהין, כדי צו הערן אַ פיינעם כאָר ווי זיי זינגען העברעישע לידער, און מען הערט אויך שיינע ציוניסטישע רעדעס.

ישראל־נחום בעט מען זאָל אים דערקלערן, הלמאַי פאַרקויפט מען טאַקע נישט צום דאָזיקן קאָנצערט קיין אייַנטריטס־בילעטן. ובכלל — זאָגט ער — איז ער זיכער אַז ס׳זענען דאָ ביי אַזאַ זאַך גענוג אויסגאַבן. די „ווינער סאַליע" קריגט מען נישט בחינם, דאָסגלייכן איז נישט בחינם דער כאָר וואָס קומט אַהין זינגען די העברעישע לידער, טאָ פון וואַנען זשע נעמען זיי צו באַצאָלן פאַר די אַלע זאַכן וואָס קאָסטן גאַנץ שיין געלט, דאַן ווען מען פאַרקויפט נישט קיין אייַנטריטס־בילעטן?

— אַי, פאַניע מאַלקין — שמייכלט פּערלמאַן מיט זיינע גרויסע אויגן — ווי איך זע, האַלט איר אונדז אַלע פאַר קבצנים־דליתים, און כ׳לעבן, אַז מיר האָבן צווישן אונדזערע חברים דאָ אין וואַרשע גענוג רייכע מענטשן. אָט למשל אַ משה פעלדשטיין, אַ לעוויטע, אַ פּאַדלי־שעווסקי און נאָך און נאָך. זיי באַצאָלן פאַר אַלץ וואָס אַזאַ קאָנצערט דאַרף צו קאָסטן. הקיצור, פאַניע מאַלקין, איך זאָג אייך, אַז איר מעגט קומען צו דעם קאָנצערט. איך פאַרזיכער אייך, אַז איר וועט האָבן אַ גרויסע הנאה.

ישראל־נחום פאַרציט מחשבותדיק די גרוילעכע ברעמען, ער טראַכט, אַז אפשר זענען דעריבער די בילעטן צו אַזאַ קאָנצערט נישט קיין באַצאָל־טע, ווייל דער קאָנצערט קומט פאָר אָן דעם וויסן פון דער פּאָליציי. פרעגט ער דעריבער פּערלמאַנען, צי אויף אייַנצואָרדענען די ציוניסטישע קאָנצערטן ווערט פריער געמאָלדן צו דער פּאָליציי. ער וויל פשוט וויסן, צי צום קאָנצערט פון איבער פיר וואָכן שבת צו נאַכט איז שוין אָרויס־געגומען געוואָרן אַ „ראַזרעשעניע" פון דער פּאָליציי?

פערלמאַן שאָקלט דערויף מיטן קאָפּ אויף ניין. די פּאָליציי — זאָגט ער — דאַרף נישט וויסן, אַז דאָ קומט פאָר אַ זאַך וואָס האָט אַ שייכות צום ציוניזם. די פּאָליציי — מוזט איר וויסן — וועט ביים היינטיקן טאָג נישט געבן קיין „ראַזרעשעניע" אויף אַ ציוניסטישן אָוונט. טאָ וואָס זשע טוען מיר מיט דער זאַך? מיר מעלדן דער פּאָליציי, אַז דאָס וועט זיין אַ פאַרזאַמלונג פון אַ „תנאים". און אַז קומען וועלן דער חתן און די כלה, מיט די משפחות פון ביידע צדדים, מיט זייערע שכנים, קרובים און גוטע פריינד.

ישראל־נחום קוועטשט מיט די פּלייצעס: — וואָס הייסט אַז איר מעלדעט אַ תנאים פון אַ חתן־כלה? און זיי גלייבן עס אייך?

— הערט זשע פּאַניע מאַלקין, — ענטפערט פערלמאַן מיט אַ שמייכעלע — מיר מאַכן עס אַזוי: ביי אַ פיין־געדעקטן טיש מיט אָנגעצונדענע פיר זילבערנע לייכטער, זיצן אַ בחור מיט אַ מיידל, עלעהיי זיי זענען „חתן־כלה". לעבן זיי זיצט איינער אַ רב, אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און ער האַלט אין דער האַנט די „געשריבענע תנאים". אַלזאָ וואָס דען? טאָמער קומט פּונקט אַריין עמיצער פון דער פּאָליציי אָדער גאָר אַ „שפּיצל" (געהיים־פּאָליציאַנט) איז איידער יענער האָט שוין אַריינגעשטעלט דעם פוס פון דער צווייטער זייט טיר, האָט מען שוין, דורך אַן אָפּגערעדטן צייכן, געלאָזן וויסן דערפון דעם ציוניסטישן רעדנער און יענער אין מיטן זיין דרשה הייבט ער אָן מיט אַ גראַטולאַציע צום „חתן" און צו דער „כלה"...

— זעט איר, פּאַניע פערלמאַן, — שמייכלט ישראל־נחום מיט זיין אייביק שמייכעלע און שאָקלט צו מיטן ווייזפינגער פון דער לינקער האַנט — צו אַזאַ קאָנצערט וועל איך נישט גיין. ווען מען צאָלט מיר צו אַפילו טויזנט רובל. עס איז מיר אויך אַ חידוש וואָס אַזאַ פיינער סוחר ווי פּאָדלישעווסקי האָט נישט קיין מורא אַהינצוגיין דאָרטן.

— וואָס פאַר אַ מורא און ווען אַ מורא — צעקאָכט זיך פערלמאַן — איר זאָלט זען, פּאַניע מאַלקין, וועלכע איידעלע יונגעלייט קומען אַהין צו דעם קאָנצערט. עס קומען אַהין סטודענטן און דאָקטוירים, אינזשע־

ניערן און אַדוואָקאַטן. איר פאַרשטייט, פאַניע מאַלקין? איר פאַרשטייט? הויך־געבילדעטע מענטשן קומען אויך אַהין...

— זעט איר, פאַניע פערלמאַן, איך וואָלט אין דער היינטיקער צייט נישט געוואָלט זיין אין דער הויט פון אַ סטודענט. איך זאָג אייך, אַז צווישן די פּאַרטיעס אַרעסטאַנטן וואָס זיצן פאַרשפּאַרט הינטער די קראַטעס אינעם „צענטן פּאַוויליאָן" דאָ אין וואַרשע, זענען פאַראַן אַ היפּש ביסל סטודענטן. היינט זשע צווישן די פאַרשיקטע קיין סיביר, וויפל סטודענטן זענען דאָ צווישן זיי? יאָ, יאָ, פאַניע פערלמאַן, אַזוי איז עס. מאָלט אייך אַזאַ געשיכטע: מיט צוויי שעה פריער האָב איך אַראָפּגעשיקט דעם זון פון מיין רזשאָנדצע צום סטרוזש פון מיין הויז, אַז איך דאַרף אים עפּעס צו זאָגן, קומט צוריק דער רזשאָנדצע און זאָגט, אַז ווען דער סטרוזש האָט אָנגעהויבן צו גיין מיט אים צו מיר אַרויף, איז אַ סטודענט צוגעקומען צו מיין אַנטעקן און האָט אים אָוועקגעשלעפּט אויף אַ „וויעץ" פון די סטרוזשעס.

— יאָ, איך ווייס — זאָגט פערלמאַן — אַז היינט פאַרנאַכט קומט טאַקע פאַר אַזאַ „וויעץ".

— פרעג איך אייך — רעדט ישראל־נחום שוין גאַרנישט מיט קיין שמייכעלע — איך פרעג אייך באמת, ווי אַזוי קאָן מען אויסהאַלטן ביי אַזאַ וועלט? דער טאַטע און די מאַמע שטרענגען זיך גענוג אָן איידער מען דערציט אַ זון פאַר אַ סטודענט. גייט אַזאַ זון, אַ יונגערמאַן אַ געבילדעטער, און גיט זיך אָפּ מיט אַ פּראָסטן כאַם. אַז אַנטעק, וואָס קאָן זיין אייגענעם נאָמען נישט אונטערשרייבן, דאָס ערגסטע פּעבל זענען דאָך די סטרוזשעס, דאַרפן סטודענטן צוהעלפן מאַכן דעם „וויעץ" פון די סטרוזשעס? איך זאָג אייך, עס איז פּע! חלשות! עס איז אַ חרפּה און אַ שאַנד...

פערלמאַן האָט געזען, אַז ישראל־נחום האָט אַרויפגעפירט דעם שמועס אויף אַ צווייטן עניך, האָט ער אַ נעם געטאָן דעם קאַפּעלוש, געזאָגט „אַ גוטן שבת" און איז אַוועקגעגאַנגען.

אויפן וועג אַהיים האָט ער אינעם געדאַנק איבערגעחזרט זיך אַליין, יעדעס וואָרט וואָס ער האָט ישראל־נחומען געזאָגט, און אַלץ וואָס יענער האָט אים צוריקגעזאָגט, און אין דער לעצטער שורה איז ער געקומען צום

באַשלוס, אַז נאָך אַלעם איז אים דאָך כּדאַי געווען דער וויזיט ביי ישׂראל־נחומען, וואָרעם אין יענער שטוב איז זיכער קיינמאָל נאָך נישט געהערט געוואָרן דאָס וואָס ער, פּערלמאַן, האָט דאָרטן געלאָזט הערן וועגן דער ציוניסטישער באַוועגונג. אַזוי האָט ער ביי זיך באַשלאָסן, און דערפון איז ער געבליבן מיט זיך צופרידן.

נאָך פּערלמאַנס אַוועקגיין איז ישׂראל־נחום געבליבן זיצן פאַרטראַכט שיינע עטלעכע מינוט: דער דאָזיקער פּערלמאַן — האָט ער צו זיך גערעדט — איז דאָך נאָך אַלעם אַ לייטישער מענטש. אַ קבצן זעט ער אויס צו זיין „אין זיבן פּאָלעס", אָבער אַ לייטישער מענטש איז ער. און אויב אַזוי, טאָ ווי קומט עס וואָס ער רעדט אַזוי פאַרקאָכט וועגן דעם ציוניסטישן קאָנצערט, דאָן ווען דאָרטן מאַכט מען זיך „חכמות" מיט דער פּאָליציי? געהערט אַ זאַך? אַ שפּילעכל איז ביי זיי די פּאָליציי געוואָרן... איך בין זיכער, אַז איינמאָל ביי אַזאַ קאָנצערט וועט די פּאָליציי זיך כאַפּן, אַז מען מאַכט מיט איר „חכמות", און מען וועט די אַלע לייט אָפּפירן אינעם „צירקל" אַריין. דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג...

אָבער איין זאַך איז ביי אים דאָך נישט צו פאַרשטיין: ווי אַזוי דערלויבט זיך אַזאַ אָנגעזעענער סוחר ווי פּאָדלישעווסקי צו שפּילן זיך מיט פייער, צוזאַמען מיט אַזאַ פּערלמאַן און מיט די אַנדערע „פּענטאקעס"? דאָס איז, לויט זיין מיינונג, אַ געפערלעכער אַזאַרט. אַזאַ „אַזאַרט" קאָן זיך ענדיקן זייער טרויעריק, אויסער אַרעסט קאָן מען נאָך דערפאַר אַוועקשיקן, קיין — — קיין — — —

ישׂראל־נחום האָט נישט געענדיקט אין דער מחשבה „ווו אַהין מען קאָן דערפאַר אַוועקשיקן", ווייל וואָלאָדיאַ איז אַריינגעקומען און האָט געזאָגט, אַז דער סטרוזש אַנטעק איז אַרויפגעקומען און שטייט אין קיך. ישׂראל־נחום האָט געהייסן אים אַריינרופן צו זיך אינעם קליינעם קאַבינעטל. אַנטעק איז אַריינגעאַנגען מיט הכנעהדיקע שטילע טריט, האַלטנדיק אין האַנט דאָס גראַנאַטענע סטרוזשאַווסקע היטל מיטן בלעכל „דוואָרניק".

— וואָס אַזוינס האָט מען דאָרטן גערעדט אויפן „וויעץ"? — פרעגט

ישראל־נחום מיט אַ ווייכן טאָן — קעגן וועמען האָט מען ענק דאָרטן געהעצט?

— „כיבא ניע טאַק, פּאַניע גאָספּאָדאַרזשו" — שאָקלט אַנטעק מיטן קאָפּ — מען האָט אונדז קעגן קיינעם נישט געהעצט, אַזוי ווי גאָט איז מיר ליב, אַז נישט געהעצט.

— נאָר וואָס דען, וואָס דען?

— זיי האָבן דאָרטן געזאָגט, פּאַניע גאָספּאָדאַרזשו, — אַז זיי וועלן אַליין עס מאַכן... זיי אַליין און נישט קיינער. זיי האָבן געזאָגט אַז עה, עה, זיי האָבן געזאָגט, עה, עה. — אַזוי קראַצט זיך אַנטעק הינטערן אויער און זאָגט נאָכאַמאָל „עה און עה".

— זאָג שוין אַנטעק — גיט אים ישראל־נחום צו מיט זיין שמיי־כעלע אַביסל קוראַזש — זאָג, זאָג, אַנטעק, דו זאָגסט עס דאָך נישט פון דיר אַליין, נאָר דאָס וואָס דו האָסט דאָרטן געהערט.

— „אַ יאַק זשע, פּאַניע גאָספּאָדאַרזשו", איך האָב געהערט ווי זיי האָבן עס געזאָגט, נישט מיר, נאָר זיי. איך האָב נישט געזאָגט אַז מען זאָל אָוועקנעמען די הייזער פון די גאָספּאָדאַרזשעס, נאָר זיי האָבן עס געזאָגט. זיי ווילן, הייסט עס, אָוועקנעמען פון די גאָספּאָדאַרזשעס די היי־זער און אָוועקגעבן זיי צו די אָרעמע סטרוזשעס. דאָס האָבן געזאָגט יענע וואָס זענען געזעסן און געשטאַנעןביים טיש, וואָס איז מיט אַ רויטן טוך געווען געדעקט. זיי, זיי האָבן דאָס געזאָגט.

— טאָ וואָס זשע, אַנטעק, זאָגסטו דערויף?

— איך, פּאַניע גאָספּאָדאַרזשו, זאָג גאָרנישט, איך וויל נאָר בעטן דעם פּאַן גאָספּאָדאַרזש; בעטן וויל איך, אַ גרויסע טובה וויל איך בעטן פונעם פּאַן גאָספּאָדאַרזש.

— לאָמיר שוין הערן, אַנטעק, וואָס אַזוינס ווילסטו בעטן? זאָג, רעד!

— איך, איך וויל בעטן דעם גאָספּאָדאַרזש — הוסט אַנטעק זיך אָפּ און רעדט מיט אַ טאָן פון געבעט — איך וויל זאָגן, הייסט עס, אַז איך וואָלט נישט געוואָלט זיך שיידן מיטן דאָזיקן הויז. דער פּאַן גאָספּאָ־דאַרזש ווייסט גאַנץ גוט ווי אַזוי איך וואַש יעדן טאָג די טרעפּ מיט וואַ־

סער און מיט חייף, און מיט דער האַרטער באַרשט רייב איך און רייב אַזוי לאַנג, ביז די טרעפּ שפּיגלען. נישט אַזוי, פּאַניע גאָספּאָדאַרזשו?

— אמת אַנטעק — שמייכלט ישראל־נחום, — אָבער קוים וועט מען ביי אונדז ווערטסלייט אַוועקנעמען די הייזער, טאָ וואָס זשע?

— פּאַניע גאָספּאָדאַרזשו — שטאַרקט זיך שוין אַנטעק — אָבער פאַרוואָס זאָל דאָס הויז אַוועקגעגעבן ווערן צו אַן אַנדערן סטרוזש? פאַר־וואָס זאָל עס געהערן צו עפּעס אַ פרעמדן טייוול און נישט מיר?

ישראל־נחום בייזערט זיך נישט אויף דעם תמעוואַטן גוי, נעמט ער בעסער מיטשפּילן מיט אים ווייטער דעם געשפּרעך.

— זאָג זשע מיר אַנטעק — גיט ער אים אַ פרעג — ווען מען וועט דאָס הויז דיר איבערגעבן, וועסטו כאַטש מיך צונעמען פאַר אַ סטרוזש?

— כאַ, כאַ, כאַ — צעלאַכט זיך הויך אַנטעק. ער וויל צוריקהאַלטן דאָס לאַכן, כאַפּט ער די האַנט צום מויל, אָבער דאָס העלפט נישט — כאַ, כאַ, און כאַ, כאַ!... אַ ייד פאַר אַ סטרוזש? אַ ייד פאַר אַ — כאַ, כאַ, כאַ. ווו האָסטו אַמאָל עס געזען, פּאַני גאָספּאָדאַרזשו? אַ ייד פאַר אַ סטרוזש?...

ענדלעך דערשרעקט זיך דאָך אַנטעק פאַר זיין הויכן לאַכן אין פאַן גאָספּאָדאַרזשס אַנוועזנהייט, ווערט ער שטיל, און מיט אַ הכנעדיק קול פרעגט ער, ווענן וואָס האָט דער פאַן גאָספּאָדאַרזש אים געשיקט רופן?

ישראל־נחומען איז קענטיק די סצענע מיט אַנטעקן געוואָרן גענוג אויפרעגנד, זאָגט ער אים, אַז וועגן דעם וואָס ער האָט אים געשיקט רופן — איז שוין צו שפּעט, נאָר מאָנטיק פאַרנאַכט זאָל ער אַרויפקומען, וועט ער אים שוין זאָגן וואָס ער וויל.

דער סטרוזש גייט אַרויס און ישראל־נחום בלייבט זיצן אין שווערע מחשבות און צו זיך אַליין גיט ער אַ זאָג: „אַפּנים אַז שווערע, שווערע וואָלקנס גייען אויף איבער אונדזערע קעפּ... מען וועט דעריבער דאַרפן זייער פאַרזיכטיק צו זיין מיט קרעדיטן...

י. ל. וואָלמאַן

## עלפטער קאַפּיטל

# אהרעלע זייגערמאַכער און זיין טאָכטער צירעלע

צווישן אַלע חברטאָרנס וואָס עטל האָט אין וואַרשע און צווישן אַלע מיידלעך וואָס זינגען צוזאַמען מיט איר אינעם כאָר, איז די סאַמע באַליבטסטע ביי איר נאָר צירעלע, די טאָכטער פון אַהרעלע זייגערמאַכער. צירעלע — האָט עטל ביי זיך באַשלאָסן — איז אַ מיידל, איינס אין דער גאַנצער וועלט.

די ליבשאַפט צווישןביידע מיידלעך איז געשלאָסן געוואָרן איינמאָל ביי אַ רעפּעטיציע פונעם כאָר, ווען דער דיריגענט האָט אין קעגנוואַרט פון אַלע זינגערינס געריימט עטלען און געזאָגט, אַז אויסער איר פיינעם מעצאָ־סאָפּראַן, איז זי אויך באַשאָנקען פון דער נאַטור מיט אַ זעלטן מוזיקאַלישן געהער. האָט עטל דעמאָלט באַמערקט צווישן אַלע מיידלעך אַ קנאהדיקע געקרומעריי מיט די נעזלעך, דאַקעגן צירעלע איז נאָכן זינגען צוגעגאַנגען צו איר און האָט איר געזאָגט, אַז דאָס וואָס דער דיריגענט האָט איר אַזוי געלויבט, איז עס פאַלקאָם אמת, און אַז זי איז זיכער, אַז עטל וועט נאָך אַמאָל ווערן מי יודע וואָס פאַר אַ באַרימטע זינגערין איבער דער גאַנצער וועלט. עס איז אַלזאָ קיין חידוש נישט וואָס נאָך די דאָזיקע ווערטער, זענען ביידע מיידלעך געוואָרן נאָענט צווישן זיך, גאָרנישט אַנדערש ווי נאָר צוויי שוועסטער. עטל פלעגט עטלעכע מאָל אין וואָך זיך אַריינכאַפּן צו צירעלען אין שטוב, ווו זי איז געוואָרן היימיש אויפן בעסטן אופן, און זי מיט צירעלען פלעגן זיך איינע דער אַנדערער אויסדערציילן אַלע מיידלשע סודות.

אַהרעלע זייגערמאַכער, צירעלעס פאָטער, איז אין דער חסידישער וואַרשע געווען באַקאַנט אַלס אַ גאָר פיינער מענטש. מען האָט געוווּסט אַז דאָס איז אַ ייד אַ למדן און אַ שטיק „מושלם". אין די יונגע יאָרן זיינע, ווען ער האָט נאָך געוווינט ביי טאַטע־מאַמע אינעם קליינעם שטעטל וואָנוואָליץ, האָט מען וועגן אים גערעדט, אַז דאָס וואָס זיינע אויגן זעען — דאָס קאָנען נאָכמאַכן זיינע הענט. ער האָט דעם שענסטן „שויתי"

אויסגעמאָלט פאַרן „עמוד" פון בית־המדרש. און איינמאָל האָט ער אויס־געשניצט אַ גרעגער אויף פורים, איז מען געלאָפן אויף „חידושים". דאָס־גלייכן ווען ביי אַ בחור אין בית־המדרש איז געבליבן שטיין דאָס זייגערל, וואָס ער האָט באַקומען פונעם מחותן ביי די תנאים, איז מען געקומען צו אַהרעלען, און ער האָט מיטן פען־מעסערל צענומען דאָס זייגערל ביזן לעצטן רעדעלע, אַ קראַץ אַהין און אַ קראַץ אַהער, און ווידער צוריק עס צוזאַמענגעשטעלט, און דאָס זייגערל גייט. נאַטירלעך אַז קיין געלט פאַר דער אַרבעט האָט ער נישט גענומען. עס איז גענוג געווען ביי אים דער הילכיקער „יישר־כוח" וואָס מען האָט אים געזאָגט, און דער נאָמען „מושלם", וואָס ער האָט באַקומען אין שטעטל ביי יונג און אַלט.

ווען אהרעלע האָט חתונה געהאַט, איז דער שווער זיינער געווען אַ רייכער וואַלד־סוחר. עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, און דעם שווערס מסחרים האָבן זיך אויסגעגליטשט און אהרעלעס נדן־געלט איז פאַר־שלונגען געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע אָנפאַרטרויטע געלטער, וואָס אַ טייל דערפון איז געווען פון אַלמנות און יתומים. פון גרויס עגמת־נפש איז דער שווער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן, און אַהרעלע מיטן ווייב און פיצל קינד און אויך די שוויגער זענען געבליבן ווי אויפן וואַסער. הקיצור: אהרעלע האָט פון אַ שטיקל בלעך געמאַכט אַ פיינעם שילד פון אַ זייגער און אים אויפגעקלעפּט פאַר זיין טיר, און אַזוי איז ער געוואָרן דער זייגערמאַכער פון וואַנוואָליק.

אַנשטאָט זיין פען־מעסערל, מיט וועלכן ער פלעגט מייסטרעווען ביי די תנאים־זייגערלעך פון חתנים, האָט ער איצטער שוין געאַרבעט מיט אַ שרויפּנציער און מיט אַ דין קאָרן־צווענגעלע און אַ בייס־צווענגעלע, און נאָך אַנדערע זייגערמאַכערשע מכשירים, וועלכע ער האָט זיך איינגעקויפט אויף דער פּזשעכאָדניאַ־גאַס אין וואַרשע. און דאָך איז נישט אַלעמאָל אים געלונגען דאָס שטיקל אַרבעט. עס פלעגט טרעפן, אַז ביים פּאַרטיק־מאַכן אַ ניי שפּינדל ביי אַ טאַשן־זייגערל, האָט ער געמוזט אַרבעטן אָן אַ שיעור, נאָכאַמאָל צוריק צענעמען און ווידער עס צוזאַמענשטעלן, און דאָס זייגערל איז אַלץ געבליבן ביים אַלטן עקשנות: „עס וויל נישט גיין". ביי אַזאַ פאַל איז נישט נאָר, אַז די נערוון זענען אויפגערעגט געוואָרן ביזן

העכסטן גראַד, נאָר — דער עיקר — וואָס די רעפּוטאַציע אַלס „מושלם" האָט געגומען אַראָפּגיין אַראָפּ און אַראָפּ, ביז ס'איז געקומען דערצו, אַז מען האָט אָנגעהויבן צו מורמלען אויף אים: „ווייס איך וואָס, אַ פּאַר־טאַטש פון אַ זייגערמאַכער". און דערווייל האָט עמיץ פון די וואַנוואָלי־צער יידן חתונה געמאַכט אַ טאָכטער פאַר אַ פּעאיקן יונג, אַ זייגערמאַ־כער־געזעל פון לאָדזש, האָט זיך יענער דאָ באַזעצט און צוגענומען אַלע אַהרעלעס קליענטן.

אָבער יידן זענען דאָך יידן, זענען געקומען עטלעכע גוטע פריינד, מענטשן פון „איין חסידות" מיט אַהרעלען, און האָבן ווי עס איז צוזאַ־מענגעשטעלט עטלעכע צענדליק רובל, איז אַהרעלע מיט זיין משפּחה אַריבער קיין וואַרשע און דאָרטן איז געוואָרן „משנה מקום — משנה מזל". אַהרעלע האָט געדונגען אַ ביליק דירהלע אויף דער וואָלינסקע־גאַס, און ביי דער טיר האָט ער אויפגעקלאַפּט דעם וואַנוואָליצער שילד, און יידן מיט זייגערס און זייגערלעך פון דער גאַנצער געגנט, פון דער וואָ־לינסקע און פון דער אָסטראָווסקע, און אַפילו פון שמאָלער־מילע, און פון דער הויכער זייט דזשיקע, זענען געוואָרן די קליענטן פונעם זייגערמאַכער אהרן גרינבערג. אי, טאָמער האָט זיך ווידער געמאַכט אַן אַרבעט מ'יט אַן עקשנותדיק שפּינדל, האָט אַהרעלע עס אַליין אַוועקגעטראָגן צו אַ רענאָ־מירטן ספּעציאַליסט, און פאַרטיק.

אין יענער צייט איז צירעלע שוין געווען אַ מיידל פון איבער זעכצן יאָר, האָט זי צוגעהאָלפן דעם טאַטן ביי לייכטערער אַרבעט. זי האָט גאַנץ געשיקט צעגומען אַ וואַנט־זייגער און אויסגערייניקט דעם קאַסטן. די ציין פון יעדער רעדעלע האָט זי אויסגעפּוצט מיט אַ בערשטל און אויס־פּאָלירט מיט אַ דין שטריקעלע. און טאָמער איז עס געווען אַן אַלטמאָ־דישער זייגער, האָט זי די וואָגעס גרינטלעך אויסגעוואַשן און מיט גע־מאָלט קרייד אויסגעפּוצט צוזאַמען מיט די קייטעלעך, אַז זיי האָבן גע־בלאַנקט ווי גאָלד.

צירעלע האָט געהאַט אַ שיין אָלט־שטימעלע, ביי דער אַרבעט האָט זי ליב געהאַט שטיל צוצוברומען די געזאַנגען, וועלכע זי האָט געזונגען מיטן אַרבעטער־כאָר, פלעגן פיל באַווייבטע און נישט־באַווייבטע חסידי־

שע יונגעלייטלעך אַריינקומען מיט זייערע זייגערלעך צו איר פּאַטער און אין איין וועגס זיך צוהערן צום שיינעם מיידלס שטילן געזאַנג. צווישן אַנדערע האָט איינמאָל פּאַסירט, אַז אויך אַברהמעלע פרידמאַן איז דאָרטן אַריינגעקומען וועגן עפּעס אַ וויזערל, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון אָרט. גראָד איז דער זייגערמאַכער נישט געווען פּונקט אין דער היים, און צי־רעלע האָט אַליין אַרויפגעזעצט אַ ניי וויזערל אויפן ציפערבלאַט פונעם זייגערל. אַ וואָרט צו אַ וואָרט, האָט אברהמעלע זיך דערמאָנט, אַז דאָס מיידל וואָס פלעגט זיין די „פיקטיווע כלה" ביי די „ציוניסטישע קאָנ־צערטן" איז גראָד אַוועקגעפאָרן קיין לאָמזשע, וווּ ס'האָט געוואָרט אויף איר אַ גוטער שידוך. האָט ער אַ רייד געטאָן מיט צירעלען און זי האָט מסכים געווען אָנצונעמען דעם „אמת" פון אַ „פיקטיווער כלה" ביי די „ציוניסטישע קאָנצערטן".

ווי עס איז אויבן געזאָגט געוואָרן, איז צווישן צירעלען מיט עטלען געווען אַ זייער הייסע פריינדשאַפט, און אַז ביידע מיידלעך האָבן איינע דער אַנדערער אויסדערציילט אַלע מיידלשע סודות. אַלזאָ למען האמת מוז דאָך געזאָגט ווערן, אַז איין זאַך האָט צירעלע דאָך געהאַלטן בסוד פון עטלען. צירעלע האָט פאַר עטלען קיינמאָל נישט דערציילט וועגן איר זיין די „פיקטיווע כלה" ביי די ציוניסטן. פאַרוואָס זי האָט דאָס געטאָן — איז עס דערפאַר, ווייל צירעלע איז געווען פשוט פאַרקאָכט אינעם שיינעם און לעבנספולן אברהמעלען, וועלכער איז געזעסן אויף די ציו־ניסטישע קאָנצערט־אָוונטן קעגנאיבער איר ביים טיש.

ביינאַכט אויפן געלעגער פלעגט צירעלע אַליין זיך זאָגן דעם אמת, אַז די גאַנצע עטלעכע שעה פונעם ציוניסטישן קאָנצערט, האָט זי קיין אַנדערן פאַר זיך נישט געזען ווי נאָר אַברהמעלען, און קיינעמס נגינה האָט זי נישט געהערט ווי נאָר אברהמעלעס. אָבער וואָס אברהמעלע טראַכט וועגן איר, דאָס איז פאַר איר געווען אַ רעטעניש. פון איין זייט נעמט זי אָן, אַז דאָס וואָס ער אינטערעסירט זיך נישט מיט איר דאָרטן ביים טיש אין דער ווינער סאַליע, איז עס ווייל ער איז פאַרקאָכט אין דער ציוניסטישער זאַך. אָדער ווייל ער מוז זיצן מיט אַן אָנגעשפּיזטן בליק צו דער טיר, פון וואַנען ער שאָקלט מיטן קאָפּ צו דעם און צו יענעם. און

ווייטער ביי די רעדעס פון די פּראָמינענטע רעדנער זיצט ער דאָך אַ צע־פּלאָנטער און שלינגט יעדעס געהערטע וואָרט. אָבער טײַלמאָל ווידער טראַכט זי, אַז ווען דער אברהמעלע וואָלט יאָ עפּעס געדענקט וועגן איר, וואָלט ער שוין מיט אַ וואָרט, אָדער אַפילו מיט אַ שמייכל, מיט אַ בליק, איר געמאַכט פילן, אַז ער איז נישט גלייכגילטיק צו איר. און נישט סתם אַזוי אָפּזיצן מיט אים אַ גאַנצן אָוונט ווי אַ נאַרישע פּורים־שפּילערקע און גאָרנישט. — און ווידעראַמאָל טראַכט זי ביי זיך, אַז דער אברהמעלע קאָן זיין אַפילו אַ היפּש ביסל פאַרליבט אין איר, און דאָס וואָס ער גיט נישט איר דעם מינדסטן צייכן פון עפּעס, איז עס אפשר צוליב דעם, ווייל ער קאָן דאָס נישט טאָן, ווען אַלעמענס אויגן זענען געווענדט אויף אים.

אַזוי פלעגט צירעלע אַלעמאָל מאַכן ביי זיך דעם חשבון אַהין און אַהער, ביז איינמאָל אין אַ געוויינלעכן געשפּרעך מיט עטלען, האָט יענע איר דערציילט, אַז „איין בחור, אַ שיינער און אַ קלוגער, קומט אָפט אַריין צו די מענטשן ביי וועמען זי איז אַ דינסטמיידל. זעט זי אַז דער בחור „עסט איר אויף מיט די אויגן", נאָר צום אומגליק איז דער דאָזיקער בחור אַ פינצטערער רעאַקציאָנער". ווער ס'איז דער בחור, האָט עטל נישט גע־זאָגט, און איר האָט נישט געפּאַסט זיך צו פרעגן, מאַכט זיך אָבער מיט דריי טעג שפּעטער אין אַ שבתדיקן נאָך מיטאָג, ווען זי מיט עטלען זענען צוזאַמען געגאַנגען אַהין צום אַרבעטער־כאָר, איז זיי פּונקט אַקעגנגעקו־מען טאַקע דער אברהמעלע, און האָט צו זיי הויך געזאָגט: „שבת שלום!" האָט עטל דערויף געענטפערט: „איר קאָנט זאָגן פּראָסט אויף יידיש: „גוט־שבת", און נישט אויף אייער ציוניסטיש לשון, די שפּראַך פון דער פינצטערער רעאַקציע". פון דעמאָלט אָן איז צירעלע שוין נישט רואיק געשלאָפן איבער די נעכט. דאָס ווייבלעכע אין איר האָט געבויט קאָמפּס־פּלענער, געבויט און אָפּגעלאָזט, און ווידער געבויט...

מיט דריי וואָכן שפּעטער איז אברהמעלען אויסגעקומען ווידער אַריינצוגיין צו אַהרעלע זייגערמאַכער. ער האָט באַדאַרפט פאַררעכטן דאָס שלעסל פון זיין זילבערן פּאַפּיראָסן־טעשל. דער זייגערמאַכער איז דאָן געזעסן ביי זיין אַרבעט־טישל, מיטן רונדן שפּאַקטיוול ביים רעכטן אויג, און מיט אַ דין קאָרנצווענגל האָט ער אָנגעשטרענגטערהייט געגראַבלט

אינעם אינגעווייד פון אַ גילדן דאַמען־זייגערל. אין אברהמעלע צוגעגאַנ־גען צו צירעלען און איר איבערגעגעבן דאָס פּאַפּיראָסן־טעשל. האָט צירע־לע צו אים געזאָגט, אַז ליידער קאָן זי מער נישט קומען, אַלס „פיקטיווע כלה״ צו די ציוניסטישע קאָנצערטן, ווייל דער געלער יאָסקע, יענער וואָס איז דער „מ׳ייסטער״ אינעם פאַבריקל פון בלעכענע לעפל, אינעם הויף ווו זיי וווינען, האָט איר פאַרמסרט פאַר זלמנען, דעם „גאָספּאָדאַרזש״ פונעם אַרבעטער־כאָר, אַז זי איז די „כלה״ ביי די ציוניסטישע קאָנצערטן, האָט מען דערפאַר איר געוואָלט אַרויסוואַרפן פונעם כאָר. און קוים מיט צרות האָט מען עס נישט געטאָן, זי האָט אָבער געמוזט שווערן ביי איר לעבן, אַז זי וועט מער שוין נישט זיין דאָרט. איז זי געבליבן אין כאָר. אָבער דער געלער יאָסקע האָט זיך דערמיט נאָך נישט באַרויאיקט, און יענע וואָך איז ער אַריינגעקומען צו איר פאָטער און האָט צו אים אַזוי געזאָגט: „אויב אייער טאָכטער, ר׳ אהרן, וועט נאָך איינמאָל אַריינקומען דאָרטן צו די יידישע שוואַרץ־מאהניקעס, די ציוניסטן, וועלן מיר אַרויפשטעלן אייער נאָמען ביי אונדז אויף דער „שוואַרצער ליסטע״, און קיין שום אַר־בעטער וועט מער נישט איבערטרעטן אייער שוועל״.

ווען צירעלע האָט דאָס דערציילט, האָט דער פאָטער אירער אויס־געדרייט צו זיי ביידע דאָס פּנים און אַראָפּגעמענדיק דאָס שפּאַקטיוול פונעם רעכטן אויג, האָט ער געבעטן אברהמעלען נישט צו האָבן קיין פאַר־איבל, וואָס ער אַלס זייגערמאַכער טאָר זיך נישט איינרייסן מיט קיי־נעמ׳ען. און איבערהויפּט אַלס זייגערמאַכער אויף דער וואָלינסקע־גאַס, וואָס זיין גאַנצע קליענטעלע באַשטייט בלויז פונעם אַרבעטער־קלאַס, מוז ער זיין זייער פאָרזיכטיק און אָפּהיטן זיך אַז קיינער זאָל אויף אים נישט בייז זיין. און נאָך אַ זאַך וויל ער צוגעבן: ווי ער האָט געהערט, דאַרף אין די נאָענטסטע טעג אַראָפּקומען קיין וואַרשע דער באַרימטער ביאַליסטאָקער „מגיד״, ר׳ אליקים געצל. ער וועט האַלטן אַ „דרשה״ אין דער שול אויף דער סאַפּיעזשינסקע־גאַס, און ווי מען זאָגט וועט מען נאָך דער „דרשה״ אויסרופן אַ „חרם״ אויף די ציוניסטן און אויף יעדן איי־נעם וואָס וועט האָבן אַ שטיקל „מגע־ומשא״ מיט זיי. אוי גוואַלד! — האָט דער זייגערמאַכער פאַרבראָכן די הענט — אַזאַ אַרומרייסעניש צווישן יידן. גוואַלד, גוואַלד!

דאָס הערנדיק האָט אברהמעלע שנעל געזאָגט אַ „גוטן טאָג“, און איז גלייך אַהינגעלאָפן צו פערלמאַנען.

צוועלפטער קאַפּיטל

## „דער שוואַרצער מגיד“

דער ביאַליסטאָקער „מגיד“, ר׳ אליקים געצל, אַ הויכער און דאַרער ייד אין די מיטעלע פערציקער, איז נישט געווען קיין רב און נישט קיין רבי, און אין די עניִנים פון לומדות איז ער אַפילו נישט דערגאַנגען צום גראַד פון אַ מיטלמעסיקן ישיבה־בחור. צוליב זיין פּעך־שוואַרצער באָרד און פּיאות האָבן טייל מענטשן אין ביאַליסטאָק אים גערופן „דער שוואַר־צער מגיד“, אַנדערע האָבן אים אָנגערופן: דער „בעל־דרשן פון די פּיאַס־קעס“ (אַ פאַרוואָרפענער געגנט אין ביאַליסטאָק). ווען דער קאַמף קעגן ציוניזם האָט זיך אונטער דער השפעה פון פּאָלטאַווער רב, עקיבא ראַבי־נאָוויטש, צעפלאַקערט אין די פרומע קרייזן, האָט אליקים געצל אַוועק־געשיקט קיין פּאָלטאַווע אַ בריוו, אַז „היות ער איז, ברוך השם, איינער פון די „מקנאי קנאת ד׳ צבאות“, דעריבער בעט ער פונעם גאון און צדיק, חריף ובקי וירא שמים, גילדענער העגגלייכטער און מנהיג פון פאָלק ישראל, וכו׳ וכו׳, דער „כבוד פון זיין שיינעם נאָמען“ רבי עקיבא ראבי־נאָוויטש שליט״א, אַז ער זאָל מוחל זיין און אַזוי גוט זיין, און שיקן צו אים אָן געלט יעדן חודש, די אויסגאַבע וואָס אירס גלייכן איז נישטאָ אין דער וועלט, דעם חודש־זשורנאַל „הפלס“. און דערפאַר וועט ער פון זיין זייט, גרייט און פאַרטיק זיין אַרומצופאָרן בכל תפוצות ישראל, און מיט דער הילף פון דעם וואָס צו יעדן מידן גיט ער כוח, וועט ער האַלטן דרשות אין די שולן און אין די בתי־מדרשים, אַזוי לאַנג ביז די וויסטע קליפּה רחמנא ליצלן, וואָס הייסט ציוניזם, וועט פאַרטריבן ווערן פון די געצעלטן פון יעקב, און קיין ציון וועט גיך און אין אונדזערע טעג קומען דער גערעכטער אויסלייזער, און לאָמיר דערויף זאָגן: אָמן.“

צום סוף בריוו איז געווען אַן „עיקר שכחתי“: „היות אַז ער איז לא

עליכם אַ גרויסער „נצרך״, דערום בעט ער מיט גרויס אונטערטעניקייט, אַז פון די געלטער וואָס גאָטספאָרכטיקע יידן שיקן אַריין קיין פּאַלטאַווע, מיטן צוועק צו שטיצן יענע וועלכע העלפן לעשן דאָס ציוניסטישע פייער, וואָס איז פול מיט אַפּיקורסות און זינד, על כן דעריבער בעט ער, אַז מ'זאָל אים אָנהייבן צו צאָלן כאָטש דרייסיק רובל אַ וואָך. דערביי איז ער מודיע, אַז אם ירצה השם, וועט ער האַלטן די צווייטע וואָך זיין ערשטע דרשה אין אַ „וואַרשעווער מקום קדוש״, וואָס פרומע יידן גרייטן צו פאַר אים אויף דעם און דעם טאָג״.

אין יענעם טאָג זענען אַלע שפּייז־געוועלבלעך פון די באַניפּראַטן־גאַס מיט דער סאַפּיעזשינסקאַ (מען האָט עס אָנגערופן „דאָס שוואַרצע געסל״) און נאָך עטלעכע אַנדערע נאָענטע געסלעך, פאַרפּלייצט געוואָרן מיט געדרוקטע אויפרופן אויף יידיש, אין וועלכע דער עולם „תורה־טרייע יידן״ איז גערופן געוואָרן צו קומען אין די טויזנטער און אין די צענער טויזנטער, אין דער שול פונעם סאַפּיעזשינסקאַ געסל, כדי צו הערן די דרשה פונעם באַרימטן ביאַליסטאָקער מגיד, ר׳ אליקים געצל. די דרשה וועט זיין וועגן אַן ענין וואָס איז נוגע אַלע יידן, דער ענין פון אָפּשטויסן די כוואַליע פונעם נייעם „שבתי צבי״, וועלכער הייסט „ד״ר הערצל, וכח דיליה״, אַ זאַך וואָס בעוונותינו הרבים, האָט עס זיך אָנגעהויבן צו פאַר־שפּרייטן אין פיל יידישע הייזער, ובעיקר ווערן לעצטנס פיל יונגע קינ־דער אַריינגעשלעפּט אין דער נעץ פון דער „כפירה״, רחמנא ליצלן.

פון די גערופענע „טויזנטער און צענער טויזנטער״ זענען געקומען נישט מער ווי נאָר אַ צוויי הונדערט מענטשן. אַ טייל פון זיי איז באַ־שטאַנען פון עלטערע בעלי־מלאכות. יידן פון יענער געגנט וואָס האָבן בכלל ליב צו הערן אַן אַהערגעקומענעם „בעל־דרשן״. דאָס רעשט איז באַשטאַנען פון פרום־געשטימטע גראָבע־יונגען. סטאָלאַרעס און קצבים. יענע האָבן דערהערט, אַז מען רופט אַ מלחמה פאַר פרומקייט, איז אויב יאָ אַ מלחמה — טאָ ווער זשע קאָן דערלאַנגען אַ קלאַפּ בעסער פון זיי?

און דערווייל האָבן זיך צווישן דעם איינקאָלירדיקן עולם אַריינגע־רוקט עטלעכע פרעמדע פּנימער. עס זענען אַריינגעקומען די דריי „הויכ־געוויקסיקע״ פון דעם „ציוניסטישן צד״: דער הויכער דוד פעלס, דער

לאַנגיעריקער גבאי פון דער גרויסער נאַוואָליפיע־שול, אַ ייד וואָס איז געווען באַקאַנט צום גוטן אַפילו ביי די פרומסטע יידן מחמת זיין פיינער אויפפירונג (אגב: ער האָט געהערט צו דעם סאָרט מענטשן וואָס בלויז געציילטע האָבן געוווסט פון זייער ציוניזם). דער צווייטער „הויכוויקסי־קער" איז געווען שמואל לוריע, אַ ליטווישער ייד, אַ משכיל וואָס האָט זיך צוגעגרייט צו די לעצטע עקזאַמענס אויף צו ווערן אַ דענטיסט (אין די שפּעטערע יאָרן האָט ער אין פעטערבורג רעדאַגירט און אַרויסגעגעבן דעם הומאָריסטישן זשורנאַל „דער שייגעץ"), און דער דריטער פון די „הויכגעוויקסיקע" איז געווען דער אַלטער „בחור" לעדערער, אַ ייד אַ קראַנקער מיט אַ האַלבן טוץ „מיחושים", און ווען ס׳האָט געהאַלטן ביי עפּעס אַ פעולה פאַרן ציוניזם איז ער גלייך געוואָרן „געזונט־אייזן". (אין די שפּעטערע יאָרן איז ער אַוועק קיין תל־אביב, ווו ער האָט באַקומען אַרבעט אין דער „גמנסיה הרצליה"). די לעצטע צוויי זענען אריינגעקו־מען אברהמעלע מיט פערלמאַנען.

לויטן פּלאַן וואָס אַלע פינף האָבן אָנגענומען צווישן זיך, האָבן זיי זיך צעשטעלט יעדער איינער אויף אַ באַזונדערן פּלאַץ אין שול, און אָפּ־גערעדט איז געווען, אַז בישט צו רעאַגירן אַפילו אויף די ערגסטע ביל־בולים פונעם שוואַרצן מגיד. זיי קומען אַהער כדי אויפמערקזאַם זיך צוצו־הערן צו אַלץ וואָס ער וועט זאָגן, און נאָך דער דרשה זאָל מען זיך צו־זאַמענקומען ביי לוריען און דאָרטן צונויפשטעלן אויפן פּאַפּיר די דרשה פונעם פינצטערן מגיד, כדי דערפון זאָלן ווערן אָוועקגעשיקט גענויע ראַפּאָרטן צו פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם קיין קיעוו און צו ד״ר טשלענאָוו קיין מאָסקווע. יענע ביידע וועלן שוין וויסן ווי אַזוי צו רעאַגירן אויף די ליגנערישע רייד פונעם שוואַרצן מגיד.

דער עולם האָט אָפּגעדאַוונט מעריב, און דער אַלטער שול־שמש האָט אַ הילכיקן זעץ געטאָן אויפן באַלעמער. באַלד האָט אליקים געצל אָנגעע־טאָן אַ טלית און איז אַרויף אויפן באַלעמער.

— „זכור ימות עולם" — האָט זיך דער מגיד הויך צעזונגען — גע־דענקט טייערע יידן די טעג און די יאָרן פון פריער. „בינו שנות דור ודור", און פאַרשטייט אַראָפּצולערנען פון יענער ביטערער צרה, וואָס האָט אונדז

צוריק מיט עטלעכע דורות נעבעך געטראָפן. איך מיין וועגן יענער בי־טערער צרה, רחמנא ליצלן, ווען עס איז אויפגעשטאַנען דער מסית ומדיח, שבתי צבי, ימח שמו וזכרו.

— אין יענער צייט זענען יידן איבער דער וועלט אויך געווען גוט און פרום. יידן האָבן געדאַוונט. יידן האָבן געלערנט. אָבער די קליפּה, רחמנא ליצלן, האָט אַ כוח, און צו שבתי צבי, ימח שמו, זענען צוגעשטאַנען צענדליקער טויזנטער יידן. און ווייסן מיר דאָך פונעם ביטערן און וויסטן סוף זייערן. נאָך דעם ווי זיי האָבן שוין אַליין געזען, אַז דער פאַל־שער משיח זייערער האָט זיך געשמדט, האָבן זיי נאָך אַלץ נישט צוריק־געקערט צום גלייכן וועג. אוי ווי, וויי, עס איז „כל בואיה לא ישובון", די קליפּה „רחמנא ליצלן" לאָזט נישט אויף צוריק, אַזוי האָבן פון בי־טערן יאוש טויזנטער טויזנטער פון זיי זיך געשמדט...

— על כן טייערע יידן, עם קדושים ישראל, טאָר מען איצטער נישט שווייגן ווען מען זעט די צרה פונעם „עם תועי לבב". אַז אַ טייל פונעם יידישן פאָלק האָט פאַרבלאָנדזשעט צום ד"ר הערצל. דאָס וואָרט „לבב" איז דער טייטש אַ האַרץ, און דאָס מיינט דער הייליקער תהילים, „עם תועי לבב", אַז דאָס פאָלק ווערט פאַרבלאָנדזשעט צו הערצלען. צו ד"ר הערצלען. איך ווייס נישט, אָבער איך הער: מען זאָגט אַז דער ד"ר הערצל איז אַ גרויסער דאָקטאָר, און אַז ער קאָן שיין ריידן, זייער שיין ריידן. איז עס נישט קיין חידוש, מיינע טייערע יידן. וואָרים דער „כוח הטומאה" רעדט אַרויס פון זיין מויל. פאַרגעסט נישט יידן, אַז דער דאָזיקער ד"ר הערצל האָט אויף זיין לעבן קיין ציצית נישט אָנגעטאָן אויף זיך, קיין תפילין נישט געלייגט, קיין מזוזה נישט געהאַט ביי זיין טיר, און דאָס וויל עס זיין דער גואל ישראל?... אַ מענטש פון „והם לא ידעו דרכי", וואָס וויל נישט וויסן כביכולס וועגן, און איז פרעמד מיט דער גרויסער און אייביקער האָפנונג פון יידן אויף משיח צדקנו, קומט ער און זאָגט, אַז ער וועט זיין דער „גואל". ער וועט מנצח זיין די טערקישע מלוכה, ער וועט אַריינפירן אונדז אַלע אין דער הייליקער שטאָט ירושלים ער? — ער?...

— אוי גוואַלד, גוואַלד! — צעשרייט ער זיך — מיט וועלכע דרכים

וועט ער עס מאַכן? אפשר דערמיט וואָס ער פאַרגיפטעט די נשמות פון אונדזערע קינדער? אפשר דערמיט וואָס זיינע שליחים פאַרנאַרן יידישע בחורים, תורה־בחורים, צו זייערע קאָנצערטן און אַסיפות? און דאָרטן טאַנצן זיי מיט האַלב־נאַקעטע נקבות...

— יידן! ס׳איז אַ ליגן! — האָט זיך פון ערגעץ דערהערט אַ הויכער אויסגעשריי — דער מגיד איז אַ מיאוסער ליגנער!

אַ מאַסע פון צעפלאַמטע פנימער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו יענעם ווינקל, פון וואַנען ס׳האָט זיך געטראָגן דער אויסגעשריי, און באַלד האָט מען געהערט שרייען: אָט איז ער! אָט איז ער! שלאָגט אים דעם יונגאַטש! טרעט אים מיט די פיס, דעם עוכר ישראל!

צווישן דער צעיושעטער און צעפלאַמטער מאַסע האָבן זיך דורכגעפאַקט לוריע מיט פעלסן, און זיי האָבן אָפּגעשטעלט די אויפגעהויבענע פויסטן איבערן צעבלוטיקטן אברהמעלען.

— יידן! — האָט לוריע אַ געשריי געטאָן צו זיי — איר וועט דאָך אים דערהרגענען אויף טויט. טאָ וואָס זשע מיינט איר? די פאָליציי וועט שווייגן? מען וועט דאָך אונדז אַלע אַוועקשיקן אויף קאַטאָרגע.

דוד פעלס האָט אויסגעשטרעקט זיינע ביידע הענט מיט די ווערטער: „נאָר געלאַסן". מען טאָר קיינמאָל נישט אָפּטאָן קיין זאַך ווען מען איז צופיל צעהיצט. מען דאַרף געלאַסן אויסטראַכטן אַ וועג, ווי אַזוי דער יונגאַטש זאָל זיין אָנגעלערנט און וויסן נישט צו זיין קיין עזות פנים צווישן אַן עדה יידן. אָבער פון דער אַנדערער זייט, מוז מען זיין זייער געלאַסן. נאָר געלאַסן, יידן!

— גיט איבער דעם מחוצף אין מיינע הענט! — האָט אויסגעשריגן פערלמאַן, צוקומענדיק צום רעדל שלעגערס — איך וועל אים נעמען אויף אַ דראָזשקע און וועל אים אַוועקפירן גלייך צום קאַפּיטאַן פונעם פערטן צירקל, און פאַרשטייט זיך, אַז פאַר די קלעפּ וואָס ער וועט אַריינכאַפּן פון דער פּאָליציי, וועט קיינער פון אונדז נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך...

אין דער דראָזשקע וואָס פערלמאַן האָט זיך אַריינגעזעצט מיטן צעבלוטיקטן אברהמעלען, זענען מיטגעפאָרן „אַלס עדות" לוריע מיט פעלסן, און די צעיושעטע שלעגער זענען געבליבן צעפרידן.

די דראָזשקע איז פאַרשטענדלעך נישט צוגעפירט געוואָרן צום פאָליציי־צירקל אויף דער מוראַנאָווסקע גאַס, נאָר צו דער פאַוויאַ גאַס, צום איבערגעגעבענעם ציוניסט און אויסגעצייכנטן מעדיצין־דאָקטער טוביה הינדעס. יענער האָט אויסגענוצט אַלע מיטלען אויף אויסצוהיילן אברהמעלען וואָס שנעלער. און ווירקלעך איז ער נאָך עטלעכע טעג ליגן אין בעט, אויסגעפלאַסטערט מיט באַנדאַזשן אויפן קאָפּ און נאָכן אַריינשלינגען אַ היפּש ביסל מעדיקאַמענטן, איז ער שוין פּעאיק געווען צוריקצוקערן זיך צו זיין אַרבעט ביי דער רוסישער פירמע, און אין דער פרייער צייט ווידער צו זיין פאַרנומען מיט ציוניסטישע ענינים.

אין איינעם פון די טעג, וואָס אברהמעלע איז געלעגן אין בעט, איז וואָלאָדיאַ געקומען אים „מבקר־חולה" זיין. אַלס אַ גוואַלדיקער קעגנער פון באַנוצן רויער־קראַפט — דריקט ער אויס אברהמעלען זיין מיטגעפיל. דאָסגלייכן איז ער ווייט פון וועלן לאָזן הערן, אַז צוליב די באַקומענע קלעפּ דאַרף אברהמעלע פאַרלאָזן זיין ציוניסטישע אידייע. אין קעגנטייל, יעדער בראַווער אידעאַליסט איז נאָך באַקומענע קלעפּ אָדער אַנדערע פּיזישע ליידן, ווערט ער נאָך מער געשטאַרקט אין דעם, צוליב וואָס עס איז אים אויסגעקומען צו ליידן. נאָר גלאַט אַזוי, אַלס אַן ערלעכער אידעאַליסט מעג זיין פון אַ צווייטער ריכטונג, אַפילו פון אַ קעגנערישער ריכטונג, וויל ער אים איבערגעבן אַ שטיקל אינפאָרמאַציע. די רוסישע רעוואָלוציע — זאָגט ער — האָט זיך צעגאָסן ווי אַ ברייטער טייך; דער צאַר מיט זיינע סאַטראַפּן וועלן נישט בלייבן מיט זייערע קעפּ; און עס איז נישט בלויז רוסלאַנד, נאָר איבער דער גאַנצער וועלט וועט אָנהייבן צו גיין די רעוואָלוציע, און אומעטום וועט דער קאַפּיטאַל מוזן אָפּטרעטן זיין אויבנאָן דעם פּראָלעטאַריאַט. ער וויל דעריבער שטעלן אברהמעלען אַ פריינדלעכע פראַגע: ביי אַזאַ געענדערטער סיטואַציע, ווי אַזוי וועט זיין פּלאַץ צו ריידן דעמאָלט וועגן דער אידייע־פיקס. פּאַרדאָן! ער וויל זאָגן איינפאַך: ווי אַזוי קען זיין דעמאָלט פּלאַץ פאַר אַ ציוניסטישער אידייע? ער וויל נישט באַלד אַן ענטפער, נאָר ער וויל, אַז אברהמעלע פאַר זיך זאָל אַ טראַכט געבן וועגן דעם וואָס ער האָט אים געפרעגט. אגב, צו דער מאַניפעסטאַציע וואָס וועט פּאָרקומען אין וואַרשע אין דער נאָענטסטער

צייט גרייט דער „בונד“ צו רויטע פענער, מיט וועלכע ער וועט מאַר־שירן איבער די וואַרשעווער גאַסן.

ווען וואָלאָדיאַ איז אַוועקגעגאַנגען האָט אברהמעלע ווירקלעך זיך פאַרטראַכט, און דווקא גאַנץ ערנסט פאַרטראַכט. נאָר זיין מחשבות־גאַנג איז נישט געגאַנגען אין דער ליניע וואָס וואָלאָדיאַ האָט אים אַנגעצייכנט. אברהמעלע האָט צו זיך אַזוי גערעדט: הייסט עס, אַז מיר, ציוניסטן, דאַרפן איצטער זיך גוט־גוט אונטערגאַרטלען. מיר זענען ווי אַ קליינער אינדזל אין מיטן פון אַ גרויסן שטורעמדיקן ים. פון איין זייט די קעגנערשאַפט פון דער גרויסער אַרטאָדאָקסישער וועלט מיט זייערע „אליקים־געצלעך“; פון דער צווייטער זייט — דער בונד; און פון דער נישט־יידישער וועלט — די ברויזנדע כוואַליעס פון שנאה מצד אַלערליי גוים. מיר מוזן — הייסט עס — זיין שטאַלץ דערויף, וואָס אונדז איז צוגעטיילט געוואָרן די זכיה, צו זיין די אויסטערעטער און אויסגלייכער דעם וועג פאַר דער גאולת ישראל, ווי עס איז באמת דער ציוניזם.

וואָס איז נוגע וואָלאָדיאַן אַליין — האָט אברהמעלע גאָרנישט אויס־צוזעצן. דער דאָזיקער יונגערמאַן מיינט זיין זאַך גאַנץ ערלעך, און דערי־בער איז ער שוין ווערט אַנערקענונג.

## דרייצנטער קאַפיטל

# די ערב־רעוואָלוציע

וואָלאָדיאַס ווערטער צו אברהמעלען, אַז „די רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך שוין צעגאָסן ווי אַ ברייטער טייך“, איז פאַר יענעם מאָמענט געווען געוויס איבערגעטריבן, אָבער וואָס ס׳איז יאָ געווען ריכטיק פאַר יענער צייט איז צו זאָגן, אַז די פאַרזשאַווערטע מאַשין פונעם רוסישן צאַר און סאַמאָדערזשעץ ניקאָלאַי דעם צווייטן, האָט אונטער די קלעפּ פון די רעוואָלוציאָניזירטע מאַסן, שוין גענומען קראַכן צו ביסלעך. די דאָזיקע קלעפּ זענען געווען די פאַרזאָגער פון דעם וואָס עטלעכע יאָר שפּעטער

איז עס צייטיק געוואָרן, און געשען דאָס וואָס ס׳איז געשען, אין דער צייט פון קערענסקין מיט זיינע חברים.

אין יענע טעג ווען וואָלאָדיאַ און נאָך אַנדערע אָפּטימיסטן האָבן געריידט וועגן דער רעוואָלוציע, האָט מען אין וואַרשע געזען אַ זאַך, פון וואָס די שטאָט איז נתפעל געוואָרן. אין דער רואיקער און גוט־איינגע־צוימטער וואַרשע, האָט מען פּלוצים דערזען ווי יונגע שקצים פון דער פּוילישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי (פּע. פּע. עס.) האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די גאַסן, און מיט דיקע שטעקנס האָבן זיי הויז ביי הויז צעקנאַקט די הויז־לאַמטערן מיט די פּאָליציייאישע הויז־נומערן. אַנדערע שקצים האָט מען געזען לויפן צו די פאַרבייפאָרנדיקע דראָזשקעס און פונעם דראָזשקאַזש אויף די קאָזלעס האָבן זיי אַראָפּגעשלעפּט די „אוני־פאָרם" וואָס די פּאָליציי האָט זיי פאַרגעשריבן צום טראָגן.

באַלעבאַטישע יידן האָבן ביי די דאָזיקע געשעענישן זיך באַמיט וואָס ווייניקער זיך צו דרייען אויף דער גאַס, און אַריינכאַפּנדיק זיך וואָס שנעלער צוריק אין שטוב אַריין, האָט מען צו ווייב און קינד איינגעטענהט, אַז די זאַך בלייבט נאָך נישט אַזוי, און אַז מסתמא וועט מען די אַלע הפקרדיקע שקצים נאָך גוט „אָנפּיצקען אין די הינטנס", און הלוואי נאָר אַז דאָס אַלץ זאָל נישט אויסגיין צו יידישע קעפּ און צום יידישן האָב־און־גוטס. דאָס וואָס ס׳האָט יאָ געוווּנדערט דעם עולם איז געווען, הלמאַי מען זעט נישט קיין פּאָליציי אויף דער גאַס. מילא, די יידן האָט עס סתם געוווּנדערט, דערפאַר האָט עס דעם צעלאָזענעם עולם שקצים צוגעגעבן דרייסטקייט. האָט מען זיך דערלויבט אַריינצולויפן אין אַ יידישער קראָם, אָנקויפן זיך דאָרט מי יודע וויפל סחורה און נישט באַצאָלטערהייט אַרויס־לויפן, האָבן די קרעמער געכאַפּט און אָנגעהויבן צו פאַרמאַכן די קראָמען. נאָר באַלד זענען אָנגעקומען פּאַטרולן פון יונגע „פּע־פּע־עס־לייט", מיט רעוואָלווערן אין די גאַרטלען און האָבן געהייסן צוריק עפענען די קראָמען אויף זייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. עטלעכע הפקר־שקצים האָבן באַקומען גוט אָנגעבראָכן די ביינער, און מיט אַן „אוי יעזוס" זענען זיי שנעל אַנטלאָפן.

— „פרייהייט — מיינט נישט אויף צו קענען ראַבירן", — האָבן די „פּ.פּ.ס.־לייט" געזאָגט, ציענדיק זיך ביי די וואָנסעס.

עטל איז געווען איינע פון די דרייסטע מיידלעך, וואָס האָבן אין יענע טעג נישט מורא געהאַט אַרויסצוגיין אויף דער גאַס. דאָס אויסטאָן די „אוניפאָרמס" פון די דראָזשקאָזשעס האָט זי אויסגעטייטשט פאַר אַ גוואַלדיקן אויפטו פאַר דער רעוואָלוציע. אָבער נישט צום פאַרשטיין איז געווען פאַר איר „הלמאַי דער בונד טוט אויך נישט דאָס זעלבע?" גראָד איז צו איר צוגעקומען די שוואַרצע בריינדעלע, אַ דיקלעך און קורץ־גע־וויקסיק מיידל, מיט וועלכער זי האָט זיך שוין עטלעכע מאָל געטראָפן אויף די בונד־פאַרזאַמלונגען. אַ וואָרט צו אַ וואָרט, האָבן ביידע מיידלעך באַשלאָסן אָנצוהייבן „אויף אייגענער האַנט" צו טאָן דאָס זעלבע. גראָד האָבן זיי דערזען, אַז אויף דער שוויענטאָיערסקאַ גאַס שטייט אַ דיקער דראָזשקאַזש און פאַקט אַריין צוויי שווערע וואַליזעס אויפן צווייטן גע־זעס, לעבן אַ פּאַסאַזשיר, וואָס איז געזעסן אין דער דראָזשקע. דער דראָזש־קאַזש אַליין איז נאָך געשטאַנען און געווישט זיך פונעם פּנים דאָס שווייס נאָך דער שווערער אַרבעט פון אַריינטראָגן די שווערע וואַליזעס, זענען ביידע מיידלעך צו אים צוגעלאָפן און „אין נאָמען פון דער רעוואָ־לוציע" — אַזוי האָבן זיי דערקלערט — דאַרף דער דראָזשקאַזש שוין אַראָפּנעמען פון זיך די „פאַרהאַסטע אוניפאָרם, אַ מלבוש מיט וועלכער די פּאָליציי האָט אים פאַרשקלאַפט צום קאַפּיטאַל".

— טאָ מי זשידאָווסקיע וועסעליע, דאָ כאָלערי! (האָסטו מיר אַ יידי־שע חתונה, צו אַלע כאָלערעס) האָט דער אויפגערעגטער דראָזשקאַרזש געגעבן אַ געשריי און אַ שמיץ געטאָן די מיידלעך מיט דער בייטש אי־בערן פּנים.

עטל האָט זיך שנעלער אַרויסגעדרייט פון דער בייטש, האָט זי בלויז אַ לייכטן שמיץ געשפּירט אויפן אַקסל, אָבער די קורצע דיקע בריינדעלע האָט באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ אויף אַן אויער, פון וואָס זי האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג זיך איינגעהאַלטן פון וויינען. און היות אַז גראָד איז ביי די נאַלעווקעס שטיין געבליבן אַ טראַמוויי, איז זי שנעל אַהיימגע־פאָרן מיט אַן אויער וואָס האָט געבלוטיקט. עטל דאַקעגן איז שטיין גע־בליבן אויף דער שוויענטאָיערסקאַ גאַס, פאַרטאָן אין אַלערליי מחשבות, און פּלוצים האָט זי דערזען, אַז אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר שטייט

אברהמעלע און ער לאָזט נישט אַראָפּ דעם בליק פון איר. זי האָט נישט געקענט תופס זיין צי אברהמעלע האָט אַ מינוט פריער געזען איר דורכ־פאַל מיטן דיקן דראַזשקאַזש, אָדער ניין. יעדנפאַלס האָט זיך „געמאַכט הארץ" און איז צו אים אַריבערגעגאַנגען.

— נו, פאַניע פרידמאַן, איצטער זעט איר שוין, אַז מיר האָבן גע־האַט רעכט, און נישט איר מיט אייערע ציוניסטישע חלומות. כאַ! כאַ! כאַ!

פאַרן „כאַ, כאַ, כאַ" אירן וואָלט עטל שפּעטער געוואָלט אַ שטיק צונג זיך אָפּבייסן, מחמת אברהמעלע האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט, נאָר דאָס פּנים זיינס האָט זיך אָנגעצונדן ווי מיט פייער, גיט זי זיך שנעל אַן עצה, מאַכנדיק צו אים אַ גוטמוטיק ווייבעריש שמייכעלע:

— צוריקגעשמועסט, אברהמעלע (שוין נישט „פאַניע פרידמאַן"), איז דאָך דער אָנהייב פון יעדער אידייע נישט מער ווי אַ חלום. וואָרעם וואָס איז דען דער „בונד" אַליין געווען אינעם אָנהייב, אויב נישט דער חלום פון אַ הייפעלע אידעאַליסטן. איך מיין יענע גרויסע אידעאַליסטן אונדזערע, יענע וואָס זייער גאַנץ לעבן איז געווען דער הערלעכער חלום פון אַ פרייער וועלט. נאַטירלעך, אַז מיר האָבן טיילמאָל אויך געהאַט אַ דורכפאַל, אָבער דאָס מאַכט גאָרנישט אויס. וואָרעם יעדער דורכפאַל שטאַרקט דעם מוט צום ווייטערן שטרעבן אויף נצחונות.

— הערט זשע, עטל — רופט זיך אָן צו איר אברהמעלע — איר רעדט עפּעס וועגן אַ דורכפאַל, ווייס איך נישט וואָס איר מיינט דערמיט. אָבער בנוגע דעם גרויסן און הערלעכן חלום פון אַ פרייער וועלט, וועגן דעם וויל איך גאַנץ אָפנהאַרציק אייך אַ פרעג טאָן: איר, עטל, זייט דאָך אַ יידישע טאָכטער, נישט אַזוי? אָה, איר שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ — איז גוט, און איצטער — ווייטער...

דער „ווייטער" האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע מינוט, מחמת דעם וואָס צוקומענדיק — מיטן שמועס — צום אָפענעם טויער פון קראַ־שינסקיס גאָרטן, זענען זיי ביידע אַהין אַריינגעגאַנגען, און אַוועקזעצנדיק זיך אויף אַ באַנק אין אַ זייטיקער אַלייע, האָבן זיי פאָרגעזעצט דעם גע־שפּרעך:

— אַלזאָ, אַלס פאַקט אַז איך רעד צו אַ יידישער טאָכטער, וויל איך

אייך פרעגן, וואָס פאַר אַ גוטס וועט פאַר אונדז יידן אַרויסקומען פון דער רעוואָלוציע אין דער גרויסער רוסלאַנד, אָדער אַפילו פון אַ רעוואָלוציע איבער גאָר דער וועלט?

— ביי דער רעוואָלוציע — ענטפערט עטל — איז נישטאָ קיין אונטערשייד צי אַ ייד, צי אַ נישט־ייד. ביי דער רעוואָלוציע זענען דאָ בורזשויען און פּראָלעטאַריער.

— די רעוואָלוציע — פרעגט ווייטער אברהמעלע — ווי איך ווייס, האָט אין איר פּראָגראַם אַ פּונקט פון אַוועקנעמען ביי די פּריצים די ריזיקע ערד־שטחים און צעטיילן זיי צווישן די פּויערים. אַלזאָ, ווי מיינט איר עטל, וועט ביי דער דאָזיקער זאַך עפּעס אָנקומען צו אַ ייד?

— יידן קענען דאָך נישט די ערדאַרבעט — ענטפערט עטל — די יידישע פּראָלעטאַריער וועלן אַריינגענומען ווערן אין די פאַבריקן.

— אַזוי גלייבט איר, עטל? נו, למשל הייגט, פאַרוואָס היינט זעט מען נישט קיין איין ייד אין די אַלע גרויסע פּוילישע פאַבריקן? און צי ווייסט איר נישט, עטל, אַז די יעניקע וואָס דערלאָזן עס נישט, זענען דווקא די פּוילישע אַרבעטער? יאָ! די פּוילישע פּראָלעטאַריער, זיי ווילן נישט דערלאָזן, אַז דער ייד זאָל צוזאַמען מיט זיי פאַרדינען זיין שטיקל ברויט. ער ווייסט פון עטלעכע פּוילישע פאַבריקן, וואָס די אייגנטימער האָבן געוואָלט אַריינגעמען עטלעכע יידן, האָבן די פּוילישע אַרבעטער דערקלערט, אַז זיי וועלן אַרויס מיט אַ שטרייק.

— דאָס איז טאַקע זייער שלעכט — ענטפערט עטל — אָבער די רעוואָלוציע וועט גאַנץ זיכער דאָס פאַרריכטן. איר ווייסט דאָך אברהמל אונדזער לאָזונג: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך".

— הייסט עס, עטל, אַז דער לאָזונג וועגן אַ פאַראייניקונג פון אַלע פּראָלעטאַריער, באַציט זיך דערויף, אַז אויך מיט די יידישע פּראָלעטאַריער וועט מען זיין פאַראייניקט?

— יאָ! זיכער אַזוי!

— אויב איר זייט טאַקע אַזוי זיכער, וויל איך אייך ווידער אַ פרעג טאָן: דער „בונד" האָב איך געהערט, גרייט זיך שוין צו דער „ערשטן־מאַי מאַניפעסטאַציע", אַ יאָ, עטל?

— יאָ! יאָ! — זאָגט עטל, — עס איז אמת! — און מיט אַ געוויסן שטאָלץ גיט זי נאָך צו, אַז ערשט נעכטן ביינאַכט האָט בייניש מיכאַלע־וויטש אַליין איר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, אַז די רויטע פּאַן וואָס זי האָט אויפגעניית צו דער מאַי־מאַניפעסטאַציע, איז שענער פון אַלע איבעריקע.

— זייער פיין, — זאָגט אברהמעלע, — אָבער צי איז עס נישט אמת, אַז די מאַניפעסטאַציע פון די פּוילישע פּראָלעטאַריער וועט נישט גיין צוזאַמען מיט דער מאַניפעסטאַציע פונעם „בונד“? איז דאָס אַזוי, צי ניין?

— ס׳איז לײדער אַזוי. די פּוילישע „כאַמעס“ ווילן נישט — זאָגט עטל מיט אַן אַראָפּגעלאָזט קעפּל.

— הייסט עס — זאָגט אברהמעלע ווייטער — אַז אויף דער „יידי־שער חתונה“ פונעם „בונד“ ווילן די פּוילישע פּראָלעטאַריער נישט זיין קיין מחותנים? האַ, עטל?

די ווערטער „יידישע חתונה“ גיבן עטלען אַזאַ שטאָך אין האַרץ, אַז זי קאָן קוים דעם אָטעם אָפּכאַפּן. צי זשע — טראַכט זי — האָט אברהמע־לע אויפגעכאַפּט די סצענע מיטן דיקן דראָזשקאַזש, ווען ער האָט בייז געשריגן: „טאַ מי זשידאָווסקע וועסעליע“ און אַ שמייץ געטאָן מיט דער בייטש? זי שפּירט אַז הייסע טרערן לויפן ביי איר פונעם קוואַל אַרויף צו די אויגן, אָט־אָט נאָר צום אַרויסשפּריצן. בייסט זי איין פעסט די ליפּע־לעך און מיטן טאַשנטיכל ווישט זי אַביסל לענגער דאָס שיינע נעזל, אַזוי אַז די טרערן ווערן ווי נישט געווען.

אברהמעלע דערזעט, אַז ער האָט איר מיט עפּעס וויי־געטאָן, נעמט ער איר פאַרזיכערן, אַז חלילה וחס איז ער נישט אויסן געווען מיט עפּעס איר וויי צו טאָן. אגב, וואָלט ער געוואָלט וויסן, צי זי ווייסט עפּעס וועגן דער באַוועגונג פון די „נאַראָדאָוואָלצעס“ אין רוסלאַנד, אַ באַוועגונג וואָס איז געווען מיט יאָרן צוריק און וואָס האָט דעם יידישן פאָלק געקאָסט זייער פיל קרבנות. עטל זאָגט, אַז זי ווייסט דערפון.

— אויב אַזוי, — וויל אברהמעלע איר פרעגן — צי זי ווייסט אויך, אַז ענדלעך איז אַ געוויסע גרופּע יידן פון דער העכסטער אינטעליגענץ געקומען צום פעסטן באַשלוס, אַז די יידישע קרבנות פאַר דער רוסישער

רעוואָלוציע זענען אומזיסט געווען, און אַזוי איז דעמאָלט אַנטשטאַנען די „בילו״־באַוועגונג. צי ווייסט עטל עפּעס דערפון?

עטל צעשמייכלט זיך באַרואיקט. זייער פיל וועגן די רוסישע „נאַ־ראָדאָוואָלצעס״ האָט זי נישט געלייענט, און וועגן דעם לעבן פון יידן־„נאַראָדאָוואָלצעס״ — נאָך ווייניקער, אָבער איין עפּיזאָד דערפון האָט זיך דאָך אַריינגעקריצט אין איר זכרון, און גראָד דאָס, מיינט זי, אַז עס וועט זיין אין קאָנפליקט מיט דעם, וואָס אברהמעלע האָט איצט צום שמועס אַריינגעבראַכט.

אברהמעלע וויל עס יעדנפאַלס הערן, און עטל דערציילט, אַז גע־לייענט האָט זי וועגן אַ יידישן נאַראָדאָוואָלעץ מיטן נאָמען קאַגאַן, וועל־כער איז אַרעסטירט געוואָרן און ביים משפט איז ער פאַראורטיילט גע־וואָרן צום טויט. איידער מען האָט אים געפירט צום הענגען, האָט ער פאַרלאַנגט אַז מען זאָל אַריינרופן אַ רב צו אים אין דער צעל, וועלכער זאָל זאָגן מיט אים „ווידוי״. ווען דער רב איז אַריינגעקומען צו אים אין צעל, האָט קאַגאַן אים דערקלערט, אַז קיין בוכשטעבלעכן ווידוי וועט ער נישט זאָגן, ווייל ער גלייבט, אַז ער איז נישט קיין זינדיקער, אָבער דאָס וואָס ער בעט יאָ דעם רב איז, אַז דער רב זאָל שבת אין שול איבערגעבן פאַר אַלע מתפללים, אַז ער אַרבעטנדיק דאָס גאַנצע לעבן אין דער רוסי־שער רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי, האָט ער נישט פאַרגעסן זיין יידיש פאָלק. ווייל ער האָט שטענדיק אין זינען געהאַט די יידישע מאַסע, אינעם גלויבן אַז איר גורל איז ענג פאַרבונדן מיטן גורל פון אַלע פעלקער וואָס לעבן אין רוסלאַנד, און אַז די באַפרייאונג פונעם יידישן פאָלק פונעם אומע־מענטשלעכן צאַרישן דרוק, איז מעגלעך נאָר צוזאַמען מיט דער באַפריי־אונג פון גאַנץ רוסלאַנד.

— דאָס וואָס איר האָט אַזוי שיין איבערגעגעבן — ענטפערט אברה־מעלע — ווייזט קודם־כל, אַז איר האָט אַ גוטן זכרון, אָבער מיטן מינדסטן קאָנפליקט איז עס נישט מיט מיין אידייע. אַזעלכע קאַגאַנס זענען ליידער געווען זייער אַ סך אין רוסלאַנד, אָבער די „בילו״־גרופּע וואָס איך האָב פריער דערמאָנט, האָט פאַרשטאַנען, אַז דער וועג פון הילף פאַרן יידישן פאָלק איז נישט צו וואַרטן ביז צו לאָזן ערב תליה עטלעכע וואַרעמע ווער־

טער פאַרן יידישן פאָלק. דעריבער האָבן זיי געשאַפן די „בילו"־באַוועגונג. „בילו" מיינט די העברעישע ווערטער „בית יעקב לכו ונלכה", וואָס הייסט אויף יידיש: „לאָמיר בעסער גיין אינעם הויז פון יעקב". איר, עטל, האָט פריער מ'יר געענטפערט, אַז אויב די רעוואָלוציע וועט אָפּנעמען די גרויסע באָדן־שטחים, וועט זי די יידן נישט געבן קיין באָדן, ווייל יידן קענען נישט אַרבעטן ביי באָדן, זאָלט איר זשע וויסן ווי די „בילו"־גרופּע האָט געאַר־בעט געשמאַק אין פּאַלעסטינע ביי פעלד און גאָרטן־אַרבעט. די דאָזיקע מוטיקע גרופּע האָט זיך באַצייטנס געכאַפּט, אַז נאָך אַלעם וועט דער „פּאָניע", פאַר וועמענס פרייהייט יידן זענען מקריב אַזוי פיל קרבנות, בלייבן אויך אויף ווייטער דער אייביקער שונא פונעם „זשיד". און דאָס זעלבע, עטל, זאָג איך אייך, איז אויך מיטן פּאָלאַק, און מיט וועמען נישט? איצטער, אַז זיי, דאָרטן אין פּאַלעסטינע, אַרבעטן שווער, און דווקא זייער שווער אויפן באָדן פון אונדזער אַמאָליק לאַנד, איז דאָ די האָפענונג, אַז עס וועט קומען דער טאָג, ווען זיי אַליין אָדער לאָמ'יר זאָגן, ערשט זייע־רע קינדס־קינדער, וועלן זיין די באַלעבאַטים פונעם דאָזיקן לאַנד.

עטל לאָזט זיך אַלץ נישט. אמת טאַקע, אברהמעלע רעדט אַזוי שיין, אַז ס'איז אַ מחיה אים צו הערן. זי וואָלט דעריבער געוואָלט, אַז ער זאָל אַמאָל אויך הערן אַ רעדע פון אַ ביניש מיכאַלעוויטש, אָדער אַ בראָניס־לאַוו גראָסער, אַ מעדעם. כ'לעבן, — זאָגט זי — אפשר וואָלט ער גע־וואָלט מיטגיין מיט דער בונדיסטישער מאַניפעסטאַציע, וואָלט ער געזען און געהערט אָט די אַלע בונדיסטישע פירער.

— מיטגיין מיט דער בונדיסטישער מאַניפעסטאַציע — שמייכלט אברהמעלע — צו דעם האָט ער נישט דעם מינדסטן פאַרלאַנג. דאַקעגן צו זען די מאַניפעסטאַציע פון אַ באַלקאָן אַראָפּ, דאָס איז אים יאָ אינטערע־סאַנט. און ער האָט זיך טאַקע שוין באַזאָרגט מיט אַ פּלאַץ.

— יאָ? — פרעגט איבער עטל — ווי אַזוי?

— איך האָב זיך אָפּגערעדט מיט צירעלען, אַז מ'יר וועלן ביידע זיצן ביי אירס אַ קוזינע אויפן באַלקאָן. דאָרטן וועט מען זייער גוט קענען זען די מאַניפעסטאַציע פונעם בונד.

ווען עס רייסט אויף לעבן עטלען אַ באָמבע, וואָלט זי וויניקער גע־

וואָרן דערפון אויפגעטרייסלט ווי זי איז איצט געוואָרן, הערנדיק אַז אברהמעלע האָט זיך שוין אָפּגערעדט מיט צירעלען. אין דער איינער רגע האָט זיך איר געדוכט, אַז שוואַרצע פּאָסן פליען איר פאַר די אויגן. נישט קענענדיק זיך מער באַהערשן, האָט זי אויסגעמורמלט עטלעכע אָפּגעהאַקטע ווערטער: אַזוי גאָר? איר האָט זיך אָפּגערעדט מיט צירעלען?... טאַקע מיט צירעלען?... אַה, פאַרוואָס נישט?... צירעלע איז אַ גאַנץ ווויל מיידל... נו, גוט... אַ גוטן טאָג אברהמעלע, אַ גוטן טאָג...

אברהמעלע האָט איר געוואָלט צוריקהאַלטן, אָבער זי איז שנעל אַרויס פונעם פּאַרק. ווען ער איז אויך אַרויס, האָט ער דייטלעך געזען, ווי עטל, אָפּלויפנדיק אַביסל ווייטער, האָט זי זיך געווישט מיטן טיכל די אויגן. דערנאָך האָט זי זיך אַנידערגעשטעלט, אויסגעדרייט זיך צוריק אויף אַ רגע, און ווייטער געלאָפן.

פערצנטער קאַפּיטל

## ווען ס'הייבט אָן צו גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ

אַהיימקומענדיק האָט עטל געטראָפן אין קיך אויף דער פּליטע טעפּלעך, וואָס די „מאַדאַם" האָט אַליין צוגעשטעלט פאַר דער וועטשערע. אַ פאַרביטערטע פון די לעצטע ווערטער אינעם געשפּרעך מיט אברהמעלען, האָט זי פון די צוגעשטעלטע טעפּלעך אויך אָנגעשמעקט, אַז עס גייט אויף איר אַ נייע כמאַרע, האָט זי צו זיך אַ זאָג געטאָן: „אַה, ס'הייבט מיר אָן צו גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ". אָבער באַלד האָט זי זיך אַ נעם געטאָן אין די הענט אַריין. זי בייסט איין די ליפּן: „וואָס עס זאָל מיט איר נישט פּאַסירן, וועט זי זיך האַלטן מיט ווירדע". אַזוי האָט זי ביי זיך באַשלאָסן, אָבער ווען זי זאָל האָבן געוועזן אַפילו מיט צען קעפּ, וואָלט זי אַלץ נישט געקענט פאָראויסזען, וואָס אַלץ עס וועט שפּעטער פאָרקומען אין דער דאָזיקער קיך־שטוב.

מאַדאַם מאַלקין, ווען זי האָט דערהערט דאָס עפענען די קיך־טיר, איז זי אַריינגעלאָפן אַהין אַ בייזע און אויפגערעגטע און גאַרנישט אויף

איר שטייגער האָט זי אָנגעהויבן צו שרייען: „היינטיקע צייטן לוינט אײַנ־גאַנצן נישט צו האַלטן אַ דינסטמיידל אין שטוב. וואָרעם ווי איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אין אַ פּראָסטן וואָכנדיקן טאָג זאָל מען זיך דער־לויבן אַרומצולויפן גאַנצע פינף שעה? איך זאָג דיר עטל, אַ מיידל ווי דו דאַרף צו האָבן כאָטש אַביסל בושה...״

עטל האָט נאָך שטאַרקער איינגעביסן די ליפּן און האָט געשוויגן, אָבער באַלד האָט די מאַדאַם זיך נאָך העכער צעיאַכמערט: „וואָס מיינסטו דאָס מיט זיך, איך וועל דיר דאָס שווייגן? די טעפּלעך פונעם מיטאָג זע־נען שטיין געבליבן נישט אויסגעוואַשן, און איך, אַ קראַנקער מענטש, האָב געמוזט אַליין אַלץ אויסקראַצן און אויסוואַשן, און צושטעלן צו דער וועט־טשערע. איך פרעג דיך, ווו ביסטו דאָס אַזוי אַרומגעלאָפן, און מיט וועמען ביסטו אַרומגעלאָפן, דו „גאָרנישט״... דו הערסט? אַזאַ גאָרנישט ווי דו ביסט, אַזאַ „גאָרנישט״...

ביי די לעצטע ווערטער איז זי אַרויסגעלאָפן פון דער קיך צום שלאָף־צימער, און אין די מלבושים האָט זי זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט אַדויּף. אין דער זעלבער צייט איז וואָלאָדיאַ אַרויפגעלאָפן פון גאַס, און הערנדיק אויף די טרעפּ דער מאַמעס געשרייען און זידלערייען, איז ער צוגעלאָפן צו דער מוטער.

— מאַמע! מאַמע! ווי וואַגסטו צו שרייען אויף עטלען, אַז זי איז אַ „גאָרנישט״? איך זאָג דיר, אַז דו טאָרסט איר נישט באַליידיקן. דו הערסט מאַמע? איך זאָג דיר, אַז עטל איז פּונקט אַזאַ מענטש ווי דו, ווי איך און ווי דער טאַטע. דו הערסט, מאַמע?

— שעם זיך כאָטש, וואָלאָדיאַ, — האָט די צעבייזערטע פרוי מאַלקין זיך אויסגעדרייט צום זון. — די דינסטמויד איז שוין ביי דיר געוואָרן גלייך מיט מיר, דיין מאַמען, און גלייך מיט דיין טאַטן? ווי שעמסטו זיך נישט, וואָלאָדיאַ? דו, זון מיינער, וויי צו מיינע יאָרן!

— יאָ, מאַמע! — האָט דער יונג נאָך העכער זיך צעשריגן — עטל איז מיט אַ האָר נישט קלענער פאַר דיר און נישט פון אונדז אַלע. דעם ערשטן מאַי וועל איך מאַרשירן אין דער מאַניפעסטאַציע פונעם „בונד״ צוזאַמען מיט אַלע „גרעסטע קעפּ״ אונדזערע. איך וועל צוזאַמען מיט נאָך

אַ חבר טראָגן אַ רויטן טראַנספּאַרענט מיטן אויפשריפט: „דער אַרבעטער איז קיין האָר נישט קלענער פונעם אַרבעט־געבער“. אַזוי אומגעפער וועט זיין דער אויפשריפט. דו הערסט מאַמע? איך זאָג דיר, אַז אויב דו וועסט נאָכאַמאָל באַליידיקן עטלען, וועט עס דיר נישט זיין געשענקט... דו הערסט, מאַמע? איך אַליין וועל דיך אָנקלאָגן צום „בונד“...

הערנדיק די דאָזיקע ווערטער, איז פרוי מאַלקין אַראָפּגעלאָפן פון בעט מיט אַן „אוי ווי איז מיר, און ווינד איז מיר“. מיט מי און מאַטער אַזאַ יונג אויפגעצויגן און אין שקאָלעס געהאַלטן, אַז ער זאָל איצטער מיך פאַרגלייכן מיטן פאַרכעוואַטן דינסטמיידל. זי — מיין דינסטמיידל, פאַרגלייכט ער צו מיר...

פון דער גרויסער אויפרעגונג קריגט זי אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק. גייט זי צו צום קליינעם שענקל און וויל אַרויסנעמען די מיגרענע־טראָפּנס. דערזעט זי אַז דאָס פלעשעלע מיט די טראָפּנס ליגט אומגעוואָרפן. פון וואַנען איז עס אומגעוואָרפן? זיכער האָט די מוידטשינע עס געטאָן. נאָך אין דער פרי האָט זי דאָך באַמערקט, אַז די עטל האָט זיך דאָרטן אַרומגעפּאָרעט, איז מסתמא האָט זי אומגעוואָרפן דאָס פלעשעלע, און אויסגעגאָסן די טראָפּנס. וויל זי אַ רוף טאָן וואָלאָדיאַן, אַז ער זאָל אַרויפברענגען פון דער אַפּטייק אַ פלעשעלע טראָפּנס, דערמאָנט זי זיך, אַז באַלד נאָך זיין אָנשרייען זיך איז ער ערגעץ אַרויסגעלאָפן. זי האָט געהערט אַז ער האָט געשריען אַז ער לויפט זיך קויפן אַ פּעקל פּאַפּיראָסן. עטלען ווידער וויל זי נישט רופן. זי וועט צו דער דאָזיקער מויד מער נישט ריידן. אַפילו אין איר פּרצוף אַריין וועט זי נישט קוקן, נאָכדעם ווי איר וואָלאָדיאַ האָט איר נידעריק געמאַכט אין יענערס אויגן. נעמט זי דעריבער אַ נאַסן האַנטוך און לייגט זיך צו צום קאָפּ, און וואַרפט זיך אַרויף אויף דער סאָפע.

ווען וואָלאָדיאַ איז צוריק אַריינגעקומען אין שטוב, האָט די מוטער זיך געמאַכט שלאָפן און אַראָפּגעגאַנגען פון דער סאָפע איז זי ערשט דעמאָלט ווען דער מאַן איז אַהיימגעקומען. ישראל־נחום איז אַהיימגעקומען דאָס מאָל זייער אַן אויפגערעגטער, מחמת דעם וואָס פון איין פאַבריקאַנט האָט מען אים צוגעשיקט צום באַצאָלן דריי וועקסלען פון זיינע קונים, וואָס זענען אָנגעקומען מיט אַ „פּראָטעסט“. גראָד איז דאָס נאָך געווען

אַ פּלאַץ מיט וועלכן ער האָט ערשט נישט לאַנג אָנגעהויבן צו האַנדלען.
און דאָס באַקומען אויף אַמאָל דריי פּראָטעסטירטע וועקסלען פון זיינע
קונים, האָט עס דאָרטן זיכער געמאַכט נישט קיין גוטן איינדרוק.

אַריינקומענדיק האָט ער מיטן וויב וועגן דעם נישט גערעדט. אַזוי
ווי בכלל האָט ער נישט ליב געהאַט אַריינצומישן איר אין זיינע מסחר־
ענינים, איז ער אַריינגעלאָפן אינעם קליינעם קאַבינעטל און אַרויסנעמענ־
דיק פונעם שופלאַד דאָס בוך פון די קונים, האָט ער אויפגעמישט די קאָנ־
טאָ פון יענע לייט וואָס האָבן געלאָזט פּראָטעסטירן די וועקסלען, און דאָ
איז דאָס וויב אַריינגעקומען צו אים און מיט אַ געוויין האָט זי גענומען
דערציילן, ווי אַזוי דאָס דינסטמיידל האָט איבערגעלאָזט די טעפּלעך נישט
אויסגעוואַשענערהייט, און דער עיקר — ווי עס ברענט איר אַ פייער אויפן
אייגענעם זון, אויף וואָלאָדיאַן, וועלכער האָט צו איר געשריגן, אַז דאָס
דינסטמיידל, עטל, איז נישט קיין קלענערע מיוחסת פון זיין אייגענער
מאַמע, און פון זיין אייגענעם טאַטן. האָט זי דעריבער שטאַרק מורא,
ווער ווייסט צי דער משוגענער יונג האָט זיך נישט אַמאָל „פאַרליאַפּעט"
(פאַרליבט) גאַר אין דער „קוכטע" עטל. היינט־זשע האָט ער אויך גע־
שריגן, אַז געצנוי וועט — גערעכנעט זי שוין נישט אַקוראַט — וועט ער
עפּעס אַרומטראָגן גאַנצע טראַנספּאָרטן פאַרן בונד.

— נו, ישראל־נחום — פאַרענדיקט זי מיט געוויין — הערסטו שוין
דעם נחת וואָס מיר האָבן דערלעבט פון אונדזער זון? ווי צו אונדז, עפּעס
רויטע טראַנספּאָרטן, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט אַרומטראָגן פאַרן
בונדס וועגן...

פון ווייבס ביטערן געוויין איז מאַלקינס פּנים רויט געוואָרן ווי קאַר־
מאַזין, און מיט די אויגן האָט ער גענומען פינטלען צו דער טיר פון וואָ־
לאָדיאַס צימער. אָבער באַלד האָט דער „סוחר" אין אים גובר געווען און
צוריקגעשטעלט אין אים די אייביקע גלייכגעוויכט. ער האָט אַ נעם גע־
טאָן דעם בלייפעדער אין האַנט אַריין מיט אַ שטיקל פּאַפּיר, און האָט
אָנגעצייכנט עטלעכע ציפערן, דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען דאָס געלט־
בייטעלע און עפּעס אָפּגעציילט. דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו דער קיך־טיר
און הויך אַ געשריי געטאָן: „הער נאָר דו, מיידל, קום אַריין אַהער". עטל

איז אַריינגעקומען מיט פאַרביסענע ליפּן און מאַלקין האָט איר דערלאַנגט דאָס געלט.

— דאָ האָסטו, מיידל, עלף רובל מיט 85 קאָפּיקעס. דאָס איז אַלץ וואָס עס קומט דיר ביי אונדז. און דו נעם דיר גלייך צוזאַמען דיינע זאַכן און אַרויס פון דאַנען! דו הערסט? שוין אַרויס!

עטל האָט שטיל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַז „יאָ". און נאָך אַ צען־עלף מינוט האָבן די מאַלקינס שוין געהערט, ווי עטל האָט געעפנט די קיך־טיר און איז אַרויס פון זייער הויז.

אַ צוויי מינוט שפּעטער איז מאַלקין צוגעלאָפן צו וואָלאָדיאָס צימער, און עפנדיק די טיר האָט ער אַ געשריי געטאָן צום זון, אַז ער זאָל אַריינגיין איבערבעטן די מאַמען, און דער עיקר אַז ער זאָל דערקלערן, וואָס פאַר אַ שווערע טראַנספּאָרטן האָט ער זיך אונטערגענומען צו שלעפּן פאַרן בונד וועגן?

וואָלאָדיאַ האָט דערדריקט דעם שמייכל וואָס איז אים אַרויפגעשווומען אויף די ליפּן, און מיט געציילטע און אָפּגעהאַקטע ווערטער האָט ער דערקלערט דער מאַמעס „טעות", אַז זיינע ווערטער וועגן די „טראַנספּעראַנטן" האָט זי איבערגעדרייט אויף „טראַנספּאָרטן".

ישראל־נחום וואָס האָט אַ מיניסטערשן קאָפּ ביי מסחר־ענינים, שעמט זיך מודה צו זיין פאַרן זון, אַז אויך ער ווייסט נישט וואָס אַזוינס עס מיינט דאָס וואָרט „טראַנספּעראַנטן". פרעגט ער דעם זון, הלמאַי פאַרלאַנגט דער „בונד" (במחשבה רופט ער אָן דאָס וואָרט „בונד" מיט די ערגסטע זידל־ווערטער), אַז דווקא דאַרף צו שלעפּן די טראַנספּעראַנטן זיין זון וואָלאָדיאַ, און נישט, אַז מען זאָל באַצאָלן אַ טרעגער וויפל עס זאָל נישט קאָסטן, און יענער זאָל עס טראָגן? און צווייטנס — זאָגט ער — וויל ער פאַרשטיין — הלמאַי האָט ער באַליידיקט דער מאַמען, פאַרגלייכנדיק איר צו דער דינסטמיידל?

— נישט איך האָב איר פאַרגלייכט, נאָר די רעוואָלוציע האָט דאָס געטאָן! — צינדט זיך וואָלאָדיאַ אָן — די רעוואָלוציע וואָס איז די אידעאַלסטע באַוועגונג פון דער מענטשהייט און וועלכע באַפרייט דעם אַרבעט־מענטש פון דער קנעכטשאַפט ביי דער בורזשואַזיע, זי האָט עס באַ־

פוילן, אַז דער אַרבעטגעבער מיטן אַרבעטנעמער זענעןביידע גלייך.

— זייער אַ שיינע דרשה — איראָניזירט ישראל־נחום — אָבער צי ווייסטו תּכשיט מיינער, אַז דיין מאַמע האָט באַקומען אַ שווערן קאָפּ־ווייטיק פון דיין פאַרשעמען איר אין די אויגן פונעם דינסטמיידל?

— וואָס עפּעס „דינסטמיידל" און „דינסטמיידל"? — קאָכט זיך וואָלאָדיאַ — איך פאַרלאַנג דורכאויס, אַז פון איצט אָן און ווייטער זאָל נישט די מאַמע און נישט קיינער, נישט אַרויסברענגען פון מויל דאָס זידל־וואָרט „דינסטמיידל", נאָר רופן איר „חברה עטל".

דאָס זאָגנדיק גיט ער אַ האָסטיקן עפן אויף די קיך־טיר, און שרייט: „חברה עטל, חברה עטל, קומט אַריין". נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, לויפט ער אַריין אין קיך, און באַלד קומט ער צוריקצולויפן מיט אַ געוואַלד, „צי האָט מען נישט באַליידיקט די חברה עטל"?

— איך האָב — ענטפערט ישראל־נחום מיט רוגזה — באַצאָלט דיין „חברה עטל" וויפל ס'איז איר געקומען און געהייסן איר גיין!

וואָלאָדיאַ כאַפּט אויף זיך דאָס רעקל מיטן הוט. זי איז זיכער — זאָגט ער — אַוועקגעגאַנגען אין אונדזער קלוב אַריין. איך לויף און ברענג איר די מינוט צוריק אַהער, דו הערסט טאַטע? געדענק, אַז דו זאָלסט איר איבערבעטן.

— וואָס? רייסט זיך דער אַלטער מיט אַ רוגזה — איך זאָג דיר, אַז דו זאָלסט נישט לויפן איר אַהערברענגען, וואָרעם איך וועל איר נישט לאָזן מער איבערטרעטן אונדזער שוועל. דו הערסט, תּכשיט מיינער, דו זאָלסט זיך די מינוט צוריק אַוועקזעצן אין שטוב.

— איך קען נישט זיך אַוועקזעצן, און איך וויל זיך נישט אַוועקזעצן, איך גיי צוריק אַהערברענגען די חברה עטל.

— קוים גייסטו איצטער אַרויס פון שטוב, כדי אַהערצוברענגען דיין „חברה עטל", זאָג איך דיר, אַז איך פאַרשליס די טיר פאַר דיר אַזוי גוט ווי פאַר איר. דו הערסט? דו ביסט נישט מער מיין זון און איך לאָז דיך מער נישט אַריין אין שטוב.

וואָלאָדיאַס בלאַסע פּנים איז געוואָרן נאָך מער בלאַס און נאָך מער פינצטער, און אָן איין וואָרט צו ריידן איז ער אַרויס פון שטוב.

די מוטער איז צוגעלאָפן צו דער אָפענער טיר און אים נאָכגעשריגן:
— ווו לויפסטו זון מייגער? קום צוריק אַהער, קום, קום. האָב רחמנות אויף מיר. — אָבער יענער האָט נאָך מער פאַרשנעלערט דאָס לויפן אי־בער די טרעפ, כדי נישט צו הערן דער מוטערס געשריי.

פופצנטער קאַפיטל

## אַ שלאָפלאָזע נאַכט

ווען וואָלאָדיאַ האָט עטלעך נישט געטראָפן אין קלוב, איז ער דער־פון נישט געווען אומצופרידן. וואָרעם צוריקגעשמועסט — האָט ער ביי זיך געטראַכט — וואָס וואָלט ער דען געקאָנט איר זאָגן ווען ער טרעפט איר יאָ דאָרטן? אַז נעמען איר צוריק אין הויז פון זיינע עלטערן קאָן ער נישט. ער ווייסט עס גאַנץ גוט, אַז דער פאָטער זיינער וואָלט איר נישט אַריינגעלאָזט איבער דער שוועל. טאָ וואָס זשע דען? מילא, דערווייל איז דאָך נאַכט, און ביז מאָרגן אין דער פרי וועט ער שוין אויסטראַכטן ווו זי אויסצוזוכן און וואָס צו טאָן וועגן איר.

וועגן זיך אַליין — ווו צו גיין היינט ביינאַכט שלאָפן — דאָס איז ביי אים קיין דאגה נישט. ער האָט גענוג פאַרטיי־חברים, וואָס צו וועלכן פון זיי ער וועט אַריינקומען, וועט ער ווערן ווי געהעריק אויפגענומען. איז ער זיך מיישב, אַז אַמבעסטן וועט זיין זיך אַריינצוכאַפן צום חבר לייזער טאָפּטשאַן, דאָרטן וועט ער — קודם־כל — איבערנעכטיקן די נאַכט, און ווידער דאָס זעלבע, ביז מאָרגן אין דער פרי וועט ער געהעריק אי־בערטראַכטן וואָס מיט זיך צו טאָן. אָבער וועגן איין זאַך — דאָס האָט ער שוין יאָ ביי זיך פעסט באַשלאָסן: צו טאַטע־מאַמע אין הויז וועט ער מער נישט צוריקגיין.

לייזער טאָפּטשאַן, אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, האָט געהאַט אין איי־נעם פון די לאַנגע נאַלעווקע־הויפן אַ קליין פאַבריקל פון ווייבערשע זו־מער־קליידער. האָט ער ווי גרויס דער טאָג איז געווען, געהאָרעוועט אָן אַ שיעור. באַלד אין דער פרי איז ער אַרויסגעלאָפן צו דער גענשע גאַס,

אַהיימכאַפּן אַביסל קרעטאַנען פון די נייסטע מוסטערן, וועלכע ער האָט איינגעקויפט פאַר מזומן געלט (ער האָט די רויע סחורה געקויפט פאַר מזומן, און זיין פּראָדוקציע האָט ער פאַרקויפט אויך נאָר פאַר מזומן געלט). אַהיימברענגענדיק די סחורה פון דער גענשע גאַס, האָט ער זי באַלד צעשניטן און צעטיילט צווישן די אַכט נייטערקעס וואָס האָבן ביי אים געאַרבעט. דער דאָזיקער ערלעכער סאָציאַליסט האָט אַליין געאַר־בעט אפשר צוועלף שעה אַ טאָג, אויך דאָס ווייב זיינס האָט געהאָרעוועט ווי אַן אייזל, ווייל צווישן קאָכן און רוימען איז זי אויך געווען אַ גוטע מיטהעלפערין ביים פאַבריקל. אָבער די נייטערקעס זיינען און די פּרעסער־קעס האָט לייזער טאָפּטשאַן נישט געלאָזט אַרבעטן אַפילו איין מינוט לענגער ווי אַכט שעה, אין דער צייט ווען אין אַנדערע פאַבריקלעך האָט מען אין יענער צייט געאַרבעט פיל לענגער.

אין אַ פרייער האַלבער שעה האָט לייזער טאָפּטשאַן ליב געהאַט צו לייענען אַ בוך. מערסטנטיילס, אַ בוך אָדער אַ בראָשור פון דער פּאַרטיי־ליטעראַטור. אויסער דעם האָט ער זייער ליב געהאַט צו לייענען שלום עליכמען, פּרצן, אַשן און רייזענען. פון דער פּאָעזיע האָט ער ליב געהאַט יענע לידער וואָס ס'איז דאָ אויף זיי מעלאָדיעס און זייער אָפט האָט ער ליב געהאַט אויסצוזינגען די פאָלקסלידער. און געטאָן האָט ער עס דע־מאָלט, ווען ער פלעגט האָבן ביי זיך די געהויבענע געסט פון די פּאַרטיי־פירער.

ווען וואָלאָדיאַ איז דאָרטן אַריינגעקומען, האָט ער נאָך הינטער דער טיר געהערט, ווי טאָפּטשאַן זינגט באַהאַרצט אברהם רייזענס „מאַי קאַ משמע לן", און נאָך עמיצער ברומט אויך אונטער דאָס ליד. האָט ער גע־וואַרט עטלעכע מינוט, און ערשט נאָכדעם ווי דאָס געזאַנג פונעם לידל איז געענדיקט געוואָרן, האָט ער אָנגעקלונגען ביי דער טיר. דער „מיט־זינגער" האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין דער באַרימטער פּאַרטיי־פירער ליטוואַק. ביידע, סיי טאָפּטשאַן און סיי ליטוואַק האָבן וואָלאָדיאַן זייער וואַרעם אויפגענומען. האָט מען נאָך אַביסל גערעדט צוזאַמען וועגן די פאָרבאַרייטונגען צו דער מאַניפעסטאַציע, און נאָך אַ האַלבער שעה איז ליטוואַק אַוועקגעגאַנגען.

וואָלאָדיאַ האָט טאַפּטשאַנען דערציילט בסוד, וועגן דעם וואָס עס איז מיט אַ שעה צוריק פאָרגעקומען צווישן אים און זיין פאָטער, האָט טאַפּטשאַן גוטברודעריש אים אַ קלאַפּ געטאָן איבערן אַקסל: „נאָר נישט געזאָרגט, חבר וואָלאָדיאַ! ווען ער זאָל זיין אַ פרומער ייד וואָלט ער גע־גלייבט, אַז דאָס איז גאָר אַ „השגחה פּרטית". וואָרעם ערשט היינט אין דער פרי האָט ער גערעדט מיט זיין פרוי, אַז ער מוז צונעמען צו זיין פאַבריקל אַ „שטיקל בוכהאַלטער". ער מיינט דערמיט צו זאָגן אַז ער דאַרף נישט קיין אויסשטודירטן בוכהאַלטער, נאָר פּשוט, אַן אינטעלי־גענטן חבר וואָס האָט אַ פּען אין האַנט, כדי אַז ער זאָל איבערקוקן די חשבונות פון זיין איינקויף אויף דער געגנשע גאַס, און דאַסגלייכן פאַר־שרייבן און באַרעכענען די חשבונות פון די קונים, וואָס קויפן ביי אים די פאַרטיקע זאַכן. הקיצור: ס'איז ביי אים אַן אַרבעט פון אַ וועלכע פינף־זעקס שעה אַ טאָג, און ער וועט זיך האַלטן פאַר אַ גליק און אַ כבוד, ווען אַזאַ וויכטיקער מענטש ווי חבר וואָלאָדיאַ זאָל דאָס אָננעמען. וואָלאָדיאַ איז דערויף גלייך מסכים.

די פרוי טאַפּטשאַן מאַכט לכבוד דעם חשובן גאַסט אַ פיינע וועטשע־רע, און שפּעטער ווערט פאַר וואָלאָדיען אויסגעבעט אַ געלעגער אויף דער ברייטער סאָפע. אויפשטייענדיק צומאָרגנס אין דער פרי, טראַכט ביי זיך וואָלאָדיאַ, אַז זיין גאַנץ לעבן — דוכט זיך — איז ער קיין נאַכט נישט אַזוי גוט געשלאָפן ווי דאָ. און איבערהויפּט — האַלט ער — איז באמת שוין געווען צייט פאַר אים אָנצוהייבן לעבן פון זיין אייגענער אַרבעט, און נישט צו זיין אַ פּאַראַזיט אין די עלטערנס שטוב.

***

דאַקעגן איז ישראל־נחום אין יענער נאַכט געלעגן ביז אין דער פרי אָן דעם מינדסטן שלאָף. ער איז געלעגן שטיל און האָט זיך באַמיט אַנ־דרימלט צו ווערן, אָבער ווי אַזוי מען מאַכט עס האָט ער נישט געוווּסט. אַ מענטש וואָס אַלע נעכט פון זיין לעבן איז ער געוווינט געווען אָנהייבן צו כראָפּען באַלד נאָכן אַריינגיין אין בעט אַריין, האָט ער זיך איצטער געשפּירט פּשוט אומבאַהאָלפן. עפּעס איז ער געוואָרן „אויס באַלעבאָס"

איבער זיין שלאָף, און אַלץ איבער דעם יונגאַטש, דעם פּוסט־און־פּאַסניק.

לויט זיין שכל נאָך, וועט דער יונגאַטש מאָרגן פרי זיכער קומען צו־לויפן צוריק אַהיים, וואָרעם וואָס דען וועט ער טאָן? טאָמער האָט ער נאָך אין קעשענע עטלעכע רובל, טאָ ווי לאַנג וועט ער קענען מיט זיי דורכקומען? ער וועט שוין קומען דער יונגאַטש, ער וועט שוין קומען, האָט ער אין דער נאַכט־פינצטערניש צו זיך אַליין געשאָקלט מיטן קאָפּ. „ער וועט שוין קומען, ער וועט שוין קומען"...

גאַנץ צעבראָכן און צעשמעטערט האָט זיך געשפּירט די פרוי מאַלקין. די דאָזיקע יידענע, אַ רואיקע און אַן אונטערטעניקע צום מאַנס ווילן און באַפעלן, האָט אין יענער שלאָפלאָזער נאַכט נישט אויפגעהערט צו פאַר־גיסן הייסע טרערן, שעפּטשענדיק אין די קנייטשן אַריין פון דער קאָלדרע: „מיין ליב קינד, מיין טייערער זון, ווו ביסטו איצטער? און ווער ווייסט צי האָסטו כאָטש געצוג געלט צו קענען אַריינגיין שלאָפן אין אַ לייטישן האָטעל אַריין, און צו גיין עפּעס עסן אין אַן אָנשטענדיקער קאַפע"...

נישט געשלאָפן אין יענער נאַכט איז אויך אברהמעלע. ליגנדיק אויפן געלעגער גיט ער זיך אָפּ אַליין אַ „דין וחשבון" וועגן זיין באַציאונג צו עטלען. ער מוז מודה זיין זיך אַליין, אַז זייט דער ערשטער באַגעגעניש מיט איר, איז ער נישט גלייכגילטיק צו איר. עפּעס האָט דאָס מיידל אויגן מיט אַ מאָדנער צוציאונגס־קראַפט, טראָץ דעם וואָס זי טוט נישט מיט קיין כוונה. גראַדע פאַרקערט, זי איז אַזוי ווייט פון קאָקעטעריע, פּונקט ווי ער איז ווייט פון עסן חזיר. היינט־זשע ווי אָנשטענדיק איז דאָס מיידל, און ווי קלוג זי איז. אַרום און אַרום איז עס אַ מיידל וואָס בעסער קאָן מען זיך נישט ווינטשן. דער איינציקער פעלער איז נאָר וואָס זי איז אַזאַ פאַרברענטע בונדיסטין, אָבער צוריקגעשמועסט: וואָס איז דער גוואַלד אַזוי גרויס? נאַטירלעך בעסער וואָלט געווען ווען זי איז נישט קיין בונדיסטין, אָבער קיין טענות צו איר קאָן מען דאָך אויך דערפאַר נישט האָבן.

אגב — אַזוי שפּינט אברהמעלע ווייטער דעם אָנגעצויגענעם פאָדעם — דעמאָלט ווען דער גוישער דראָזשקאַזש האָט אויפגעהויבן די בייטש אויף איר מיטן צווייטן מיידל, האָט ער אויף יענעם מיידלס פּנים פונעם

קלאַפּ באַמערקט אַ קורטש פון ווייטיק, אָבער אויף עטלס פּנים האָט ער באַמערקט, אַז זי איז פון דער עצם־זאַך „נשתנה צורה" געוואָרן, און געשען איז דאָס ביי איר, וואָלט ער געגאַנגען שווערן, גלייך, אַז פאַר איר איז דער קלאַפּ געווען געווענדט קעגן איר בונדישער אידעאָלאָגיע. דער קלאַפּ פונעם גוי האָט איר אויפגעוועקט צו רעווידירן איר „אַני־מאמין" פון ביז אַהער. און נאָך אַ זאַך געדענקט ער: ווען זיי ביידע זענען פאַר־בייגעגאַנגען פאַרן אָפענעם טויער פון קראַשינסקיס גאָרטן, האָט זי די ערשטע אַ שטעל געטאָן דעם טריט צוזאַמען אַריינצוגיין. דאָס איז אַלזאָ אַ וויכטיקער סימן, אַז פון איר בונדיזם איז שוין אַ סך געמינערט גע־וואָרן. און יעדנפאַלס איז דער בונד שוין נישט אַזוי הייליק און שטאַרק געווען ביי איר ווי פריער...

דער זייגער קלינגט אויס „דריי", און אברהמעלע באַשליסט ביי זיך נישט צו טראַכטן מער, נאָר צומאַכן די אויגן און שלאָפן. גיט ער אַ צי אַרויף העכער די קאָלדרע און מאַכט צו די אויגן, אָבער באַלד קומט אים אַרויף אויפן זכרון עטלס פאַרשנדער בליק אויף אים, נאָך דעם דראָזש־קאָזשס קנאַל אויף איר מיט דער בייטש. זי — הייסט עס — האָט גע־וואָלט דערגיין, צי ער האָט יענע סצענע געזען, אָדער ניין. איז ער צו־פרידן דערפון, וואָס ער האָט זיך געהאַלטן גלייך, ער האָט דאָס נישט געזען.

ביי אַ צווייטן מאָל אַרויפציען די קאָלדרע צום אַנטשלאָפן ווערן, דערמאָנט ער זיך, אַז ווען ער האָט עטלען געזאָגט, אַז ביי דער מאַניפעס־טאַציע פונעם בונד וועט ער זיצן ערגעץ אויף אַ באַלקאָן צוזאַמען מיט צירעלען, איז עטל פּלוצים געוואָרן אויפן פּנים אַלערליי קאָלירן. ער האָט דייטלעך געזען, אַז זי וויל בשום אופן נישט, אַז ער זאָל ערגעץ זיין צו־זאַמען מיט אַן אַנדער מיידל. הייַנט זשע אירע אָפּגעהאַקטע ווערטער „יאָ, יאָ". „צירעלע איז אַ גאַנץ ווויל מיידל", ווערטער וועלכע זי האָט מיט זיי געוואָלט פאַרמאַסקירן איר גוואַלדיקע אויפרעגונג. דאַן ווידער דער אויסגעשריי: „נו, אַ גוטן טאָג" מיט איר אַנטלויפן, און פון וועג זיך עטלעכע מאָל אומקוקן צוריק — דאָס אַלץ האָט דייטלעך אַרויסגעוויזן די סיבה, פון וואָס זי איז פּלוצים אַזוי צעמישט געוואָרן...

**
*

ווען עטל איז מיט איר פעקעלע זאַכן אַרויסגעגאַנגען פון מאַלקינס קיך־טרעפ, איז זי אויף עטלעכע מינוט געבליבן שטיין אונטן ביים אַרויס־גאַנג צום הויף. באַלד זענען פון דער הויך דערגאַנגען צו איר די געשרייען צווישן טאַטן און זון, מיט וואָלאָדיאַס אַרויסלויפן דורכן הויף פון די פראָנט־טרעפ. האָט זי אַביסל נאָך געוואַרט און שפעטער האָט זי געגנו־מען אַ דראָזשקע, און איז צוגעפאָרן אויף מילע גאַס 10, צו ראובן מלמד און זיין ווייב צפורהלע. פאַרוואָס זי האָט אַזוי געטאָן איז עס צוליב דעם, וואָס נאָך אַלע ביטערע איבערלעבענישן פונעם היינטיקן טאָג, איז זי נישט געווען פעאיק צו טראַכטן וועגן עפּעס מיט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד, איז דעריבער — אַזוי האָט זי געטראַכט ביי זיך — וועט צפורהלעס שטוב זיין דער בעסטער אָרט, ווו זי וועט קענען רואיק צוזאַמענגעמען די געדאַנקען, און אויך איבערשלאָפן די נאַכט. מאָרגן וועט זי באַשליסן וואָס זי האָט ווייטער צו טאָן.

זיצנדיק אין דער דראָזשקע, האָט זי באַשלאָסן ביי זיך ווי אַזוי זי וועט ריידן צו צפורהלען, און אַז קודם־כל וועט זי נישט דערציילן די געשיכטע מיט וואָלאָדיאַן. זי וועט דערציילן פשוט, אַז זי האָט נאָר וואָס פאַרלוירן איר שטעלע און אַז זי בעט מען זאָל זי לאָזן איבערנעכטיקן נישט מער ווי איין נאַכט, וואָרעם מאָרגן באַלד אין דער פרי וועט זי צו־גיין צו דער „רייפערקע“ און פרעגן אפשר וועט זי האָבן פאַר איר אַ שטעלע. אַז נישט — וועט זי זיך אויסזוכן אַ צימערל אין אַ נישט־טייערן האָטעל, ביז זי וועט קריגן ווידער אַ שטעלע.

ווען עטל איז אַהין אַריינגעקומען, איז ראובן דער מלמד נישט געווען אין דער היים. צפורהלע איז געזעסן אין קיך און אויסגעוועלגערט אַ בלעטל טייג אויף לאָקשן. ווען זי האָט דערזען אַריינקומען עטלען מיטן פעקעלע, האָט זי איר גאָרנישט געפרעגט. נאָר מיט אַ „סקאָצל קומט“ איר צוגערוקט אַ שטול צום זיצן. עטל האָט זיך נישט געוואָלט זעצן, און אין אַ אויפגערעגטן צושטאַנד האָט זי אָפּגעמורמלט דאָס, וואָס זי האָט זיך פריער געהאַט צוגעגרייט. צפורהלע האָט איר געלאָזט אויסריידן ביזן סוף, און ערשט דערנאָך האָט זי איר אַרומגענומען, געקושט און געבעטן

זיך צו באַרואיקן: וואָס מיינסטו עטלשי קרוין, אַז מען פּאַרלירט אַ שטע־לע עקט זיך די וועלט? כ׳זאָג דיר צו, אַז אַזעלכע שטעלעס וועסטו קריגן „טויזנט פאַר איינער", נאָר איבערהויפּט וואָס איז ביי דיר אַזאַ איילע־ניש? עס ברענט חלילה? אַז נישט אַנדערש ביי דיר נאָר האַטעלן צו לויפן זוכן? אוי, די יונגע מיידלעך, אַז ס׳פליט זיי אַ פליג פאַר דער נאָז ווערן זיי שוין צעקאַכט. דו הערסט עטל? צוויי וואָכן וועסטו דאָ זיין ביי אונדז, און זיך גוט אָפּרוען, און ערשט שפּעטער וועט מען ריידן מיט אַ רייפער־קע. נישקשה! מיר זענען ברוך השם יידן און מיר וועלן זיך שוין אַן עצה געבן... אַלזאָ עטלשי, קודם־כל זעץ זיך נאָר אַנידער ביים טיש. זעסט? עס שטייט אַ קאָכנדיקער סאַמאָוואַר — גיס איך דיר שוין אָן אַ גלעזל טיי און אָט איז אויך דאָ לימענע, און אָט זענען די גוט־אויסגעבאַקענע מאָן־קיכלעך. הכלל, טרינק און עס, און זאָל דיר ווויל באַקומען.

עטל ווערט פון צפּורהלעס האַרציקייט אַזוי גערירט, אַז זי קאָן קוים איינהאַלטן די טרערן, אַז זיי זאָלן זיך נישט אַ גאָס טאָן. איבערהויפּט איז זי צופרידן דערמיט, וואָס צפּורהלע פרעגט איר אַפילו נישט וועגן דער סיבה פון איר פאַרלירן די שטעלע. אך ווי שיין־מענטשלעך דאָס איז. זי דערמאָנט זיך אויך אין צפּורהלעס ווערטער: „מיר זענען ברוך השם יידן". ווערטער וועלכע זי האָט שוין איינמאָל געהערט פון איר, אָבער איצטער, אין איר גייסטיקער צעטרייסלטקייט האָט דאָס אויער ביי איר אַנדערש אויפגענומען די דאָזיקע ווערטער. הייסט עס, אַז ביי דער צפּורה־לען און מן־הסתם ביי נאָך טויזנטער, אָדער צענער טויזנטער צפּורהלעך, ראובנלעך און איטשע־מאירלעך דאַנקט מען גאָט דערפאַר וואָס מען איז אַ ייד! אַך! מערקווירדיק, באמת שיין און מערקווירדיק...

ראובן איז אַהיימגעקומען און אויך ער האָט געהאַט עטלעכע וואַרע־מע ווערטער פאַר עטלען. מען זעצט זיך צו דער וועטשערע און שפּעטער נעמט זיך ראובן צו זיין באַליבטער אַרבעט, אויסצומייסטרעווען אַ גע־לעגער פאַר עטלען. דאָס געלעגער איז געווען ווייך און וואַרעם. אָבער עטלס נערוון זענען געווען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז פון אַנטשלאָפן ווערן איז נישט געווען כמעט צו דענקען.

דריי טעג זענען ביי איר נישט אַראָפּ פונעם געדאַנק: וואָלאָדיאַ,

אברהמעלע און צירעלע. וואָלאָדיאַ שוועבט אַרום אין איר געדאַנק אין געשטאַלט פון אַ „הייליקן״. אַ מענטש וואָס זאָרגט תמיד נאָר פאַר דעם געקריוודעטן. אַ מענטש וואָס האָט איינגעשטעלט זיין לעבן דעמאָלט, ווען ער האָט געזען ווי דער צאַרישער סאַטראַפּ יורין האָט צעטראָטן דער אָרעמער יידענעס קיכלעך, הייגט זשע דאָס וואָס ער האָט איצטער באַוויזן? אַ בחור נעמט און פאַרלאָזט טאַטע־מאַמעס הויז, צוליב דעם וואָס מען האָט איר באַליידיקט — דאָס איז שוין גאָרנישט קיין קלייניקייט, אָבער ווידער צוריקגעשמועסט, דאָס אַלץ איז טאַקע שיין און טייער, און נאָך טויזנט מאָל טייער, אָבער איר האַרץ, איר מיידל־האַרץ, געהערט דאָך נישט צו אים, נאָר דווקא צו אברהמעלען. הונדערט מאָל האָט זי שוין געפּרוווט אַרויסרייסן פון האַרץ דאָס געשטאַלט פון דעם ציוניסטישן בחור, אָבער זי קאָן עס נישט. מילא, כל־זמן דער אינערלעכער געראַנגל מיט זיך אַליין האָט נאָך געהאַט צייט, האָט זי עס כסדר אָפּגעשטופּט אויף מאָרגן און אויף איבערמאָרגן, אָבער איצט, ווען די פּאַסקודסטוואָ צירעלע האָט אויף אים אָנגעהויבן אויסצושפּרייטן איר נעץ, טאָר זי אָפילו איין מינוט לענגער נישט שפּילן זיך. אַזאַ מיאוסקייט און אַזאַ אידיאָטקע ווי די צירעלע, ווי האָט זי גאָר די חוצפּה צו טראַכטן וועגן אברהמעלען, אַזאַ בילד־שיינער ווי ער איז און מיט אַלע אַנדערע מעלות. אַוודאי וואָלט אים בעסער געפּאַסט צו זיין אַ בונדיסט און נישט קיין ציוניסט, אָבער לאָמיר זאָגן, אַז ער און אַלע זיינע לייט גייען טאַקע אַרום מיט אַן אידייע־פּיקס, איז וואָס? זענען זיי דערמיט פאַרברעכער?

אַזוי האָט עטל שעהן־לאַנג זיך געדרייט אויפן געלעגער, און פּלוצים האָט זי זיך אַ זעץ־אויף געטאָן. וואָס הייסט עס עפּעס אַז צירעלע האָט אים שוין צוגעכאַפּט? דאָס קען נישט זיין. אברהמעלע איז אַ קלוגער בחור, און ער וועט אין אַזאַ „גאָרנישט״ נישט פאַרליבן זיך. בשום אופן נישט. און צווייטנס — האָט זי זיך דערמאָנט — דאָס ווען זי האָט געשטעלט דעם ערשטן טריט צום אַריינגאַנג אין קראַשינסקיס גאָרטן, האָט זי באַמערקט אויף אברהמעלעס פּנים אַ צופרידן שמייכעלע. ער איז בפירוש געווען צופרידן פונעם אַריינגיין צוזאַמען מיט איר אינעם גאָרטן און פונעם אַוועקזעצן זיך דאָרטן מיט איר אויף אַ באַנק און שמועסן.

די דאָזיקע אַלע מאַטיוון באַרואיקן איר, נעמט זי און ציט די קאָלדרע אַרויף ביז צום האַלדז, און זי זאָגט צו זיך: „שאַ, מען מוז שלאָפן!“ דער זייגער אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט פּאַרקאַטשעט זיך, און לאָזט אַרויס איין קלאַנג. טאָ זיי קלוג און ווייס צי דאָס מיינט אַ „האַלב איינס“, אָדער „איינס“, אָדער גאָר „האַלב צוויי“. מילא, יעדנפאַלס איז שוין זיכער „די צייט צום שלאָפן“. ס׳איז גוט וואָס זי האָט זיך אויסגערעכנט און דערמאָנט אַלע פּרטים פונעם שמועס מיט אברהמ׳על ען אינעם גאָרטן. און אַצינד: „שאַ! שלאָפן!...“

עס דויערט אָבער נישט קיין גאַנצע מינוט, ווי אַ געדאַנק, ווי אַ בייזער וואָרעם, הייבט ווידער אָן צו גריזשען דעם מוח: „פאַרוואָס איז זי ביז אַהער געווען אַזוי „קידער־ווידער“ מיט אברהמעלען? אַ מיידל אין אַזאַ נישט־געהויבענעם מצב ווי זי, איז טאָמער האָט זי יאָ אַ מעגלעכקייט פון אַזאַ טייערן בחור ווי אברהמעלע, גייט מען און מען האַלט אים פון דער ווייטנס אַזוי לאַנג, ביז צירעלע קומט און שפּרייט אויס אויף אים אַ נעץ?“ דער דאָזיקער געדאַנק גיט איר אַ ריס־אויף פון אונטער דער קאָלדרע. זי זעצט זיך אויף, און דער קאָפּ הייבט אָן צו וועבן אַלע מעגלעכע מיידלשע געוועבן, ווי אַזוי אָפּצוציען אברהמעלען פון צירעלען און צו האָבן אים פאַר זיך. די פראַגע פון שלאָף מוז איצטער אַוועק אָן אַ זייט. אָן שלאָפן אַ נאַכט — שטאַרבט מען נישט. אָבער אויב ס׳זאָל געשען, אַז די „פּאַסקודסטוואָ“ צירעלע, זאָל האָבן אברהמעלען שוין אַריינגעשלעפּט אין אירע „לאַפּעס“, וואָלט זי עס נישט איבערגעהאַלטן מיטן לעבן. זי וואָלט איינפאַך געלאָפן צו דער ווייסל און זיך דערטרונקען. צווישן די דעראינערונגען וואָס זי שלעפּט צוזאַמען אינעם געדאַנק, דערמאָנט זי זיך אויך, אַז עטלעכע מאָל האָט זי בפירוש געהאַט געוואָלט זיך אָנהייבן דערנענטערן מיט אברהמעלען, האָט זי אָבער מורא געהאַט, אַז פון דער פאַרטיי וועט מען איר פאַרשרייען אַלס אַ „פאַררעטערין“.

און דערווייל האָבן נישט־דרייסטע ליכט־פאַסעקלעך, באַגלייט מיט אַ געפּישטשעריי פון פייגעלעך, גענומען זיך אַדורכשטופּן דורך די שפּאַרעס פונעם לאָדן. פון דער גאַס האָט זיך דערהערט דאָס שווערע האַמעטענע געטראַסקעריי פון אַ פורגאָן מיט פרישע געבעקס. און פון דער צווייטער

שטוב האָט זיך אַריינגעגנבעט ראובנס שטילע שעפּטשעריי פונעם „דאַווי־נען פון פאַרנט״, מיט אַן אויסציענדיקן „אחד״ פון דער ערשטער „קריאת שמע״. צפּורהלע פון איר זייט איז אַריינגעקומען אויף די „שפּיץ־נעגל״, „כדי חלילה נישט איבערצוּוועקן דאָס שלאָפנדע מיידל״, און מיט די זעל־בע שטילע טריטעלעך איז זי אַריין אין קיך, כדי אויפצוקאָכן אַ טשייניק טיי. האָט עטל שטיל גענומען אַרויפציען אויף זיך די מלבושים, כדי נישט צו שטערן די שטוב.

זעכצנטער קאַפּיטל

## אינעם „בונד״ איז מען אויפגערעגט

די פירער פונעם בונד זענען די גאַנצע צייט זיכער געווען, אַז די „פּע־פּע־עס״ (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי) וועט מסכים זיין צו אַ בשותפותדיקער מאַניפעסטאַציע, די ערשטע מאַניפעסטאַציע פונעם ערשטן מאַי, וואָס די רעוואָלוציע גייט דעמאָנסטרירן איבער די גאַסן פון וואַר־שע. אָבער ווען עס האָט אָנגעהויבן צו האַלטן אַביסל נענטער מיט די פאַרבאַרייטונגען, איז מען געוווּיר געוואָרן, אַז די „פּע־פּע־עס״ האָט באַ־שלאָסן צו גיין אַליין פאַר זיך, און אַז דער „בונד״ זאָל גיין אויך פאַר זיך. געענוי דער מאַרשרוט איז באַצייכנט געוואָרן ביי דער „פּע־פּע־עס״, אַז זיי זאָלן נעמען די געגנט פון דער קראָקעווער פאָרשטאָט, קרולעווסקע און מאַרשאַלקאָווסקע, און דער מאַרשרוט פונעם „בונד״ איז דורך זיי באַ־צייכנט געוואָרן, אַז ער זאָל זיין: ביעלאַנסקע, נאַלעווקעס, מוראַנאָוו, דזשיקע און פּשעיאַזד.

די „פּע־פּע־עס״־לייט האָבן געטענהט, אַז ערשטנס זענען די גאַסן פון וואַרשע נישט גענוג ברייט, כדי אַדורכצופירן אַ דאָפּלטע מאַניפעס־טאַציע, און צווייטנס — האָבן זיי געזאָגט — איז וויכטיקער אַז אין ביי־דע גרויסע צענטערס פון שטאָט, זאָל מען זען די דעמאָנסטראַציע פונעם געמיינזאַמען פּראָלעטאַריאַט, איז דעריבער נייטיק, אַז זיי וועלן דע־מאָנסטרירן אינעם פּוילישן צענטער שטאָט, און דער „בונד״ זאָל דעמאָנ־סטרירן אינעם יידישן צענטער.

די פירער פונעם בונד איז די דאָזיקע זאַך געווען נישט לייכט צום איבערטראָגן. אין נייטראַלע קרייזן האָט מען דערציילט, אַז איינער פון די צווייטראַנגיקע לידערס פון בונד האָט געזאָלט פּרוּוון פאַרן באַרימטן הענ־ריק ערליך צו פאַרענטפערן דעם ענין, האָט הענריק ערליך (דער זון פונעם לובלינער גרויסן למדן ר׳ משהלע ערליך) געענטפערט, אַז ס׳איז אַזוי ווי עס שטייט אין חומש: „כי לא יכלו המצרים לאכול את העברים לחם״ (די מצרים האָבן נישט געקאָנט עסן צוזאַמען מיט די יידן).

וואָס אַנבאַלאַנגט עטלען, האָט זי אויך דערפירט, אַז איר פעסטער גלויבן אין דער אייזערנער אחדות פונעם גוייִשן פּראָלעטאַריאַט מיטן יידישן, האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען. וואָרעם אויב אַזוי, טאָ ווו איז דאָ כאָטש אַ פּיצל אמת אינעם „לאָזונג״ „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענ־דער פאַראייניקט אייך״. די דאָזיקע זאַך האָט געמאַכט אין איר ערלעכער נשמה אַ טיפן שניט. אָבער איין זאַך איז ביי איר דאָך געבליבן באַשלאָסן: אַז וואָס עס זאָל נישט זיין — וועט זי נישט איבעררייסן מיטן בונד, כאָטש ביז נאָך דער מאַניפעסטאַציע.

נאָכן פרישטיק איז זי אַוועקגעלאָפן צו דער רייפערקע, אָבער יענע האָט איר קיין גרויסע האָפנונג אויף אַ שטעלע נישט געגעבן. לויט דער רייפערקעס דערקלערונג, איז צוליב דער רעוואָלוציע געוואָרן די זאַך שווער אַזוי ווייט, אַז אַ סך מענטשן האָבן איצטער אַפילו אָפּגעשאַפט זייערע דינסטמיידלעך. און אַז גייט זיי נישט בלויז אינעם געלט וואָס מען זאָל וועלן איצטער איינשפּאָרן, כאָטש וואָס טראָץ אַלעם קאָן מען דאָך אין דער איצטיקער צייט נישט וויסן ווי מען וועט אויסזען מיטן צעפירן די שפּייזן־פּראָדוקטן, נאָר דער עיקר איז ביי זיי דאָס, וואָס צוליב דער רע־וואָלוציע איז אַ דינסטמיידל, צי אַ יידיש קינד און צי אַ שיקסע, באַ־טראַכט ווי אַ שטיק „שונא״ אין שטוב. מען האָט — זאָגן זיי — אַזוי פיל אַריינגערעדט דעם „פּעבל״ אין קאָפּ אַריין, אַז זיי ווייסן שוין אַליין נישט וואָס זיי ווילן. כאָטש גיב זיי אַוועק אַלץ וואָס די באַלעבאַטים פאַרמאָגן. עטל נעמט זיך דערפון נישט זייער איבער, וואָרעם קוים האָט זי אין דער „באַנק־דיסקאָנטאָווי״ ליגן עטלעכע און פופציק רובל, און אין דער קעשענע האָט מען נאָך קאַרגע ניין רובל, וואָס מען האָט אָפּגענומען פון די מאַלקינס, איז עס נאָך צו דערליידן...

שלעכט איז נאָר ביי עטלען דאָס, וואָס צפורהלע, לויט ווי זי קאָן איר, וועט זיכער נישט וועלן נעמען ביי איר קיין געלט. נו, מילא, וועט זי שוין געפינען דערויף אַן עצה. אויב עס וועט איר באמת אויסקומען צו זיין ביי צפורהלען אַ שטיקל צייט, וועט זי קויפן און אַריינברענגען אין שטוב אַריין איין מאָל אַ שיינעם טישטוך, אַ צווייט מאָל — אַ האַלב טוץ סערוועטענע האַנטעכער. זי וועט שוין אָפּהיטן, אַז די גוטהאַרציקע צפּורהלע זאָל פון איר נישט זיין געקריוודעט. דערויף הייסט זי עטל! — יעדנפאַלס האָט זי אויסגענוצט דעם מאָמענט ווען צפּורהלע איז אַרויס פון שטוב מיט אַן עוף וואָס זי האָט געטראָגן צום שוחט, האָט זי געכאַפּט די שטוב־באַרשט מיט די שצערקעס און האָט אַזוי אויפגערוימט די דירה, אַז עס האָט געבלאַנקט אין אַלע ווינקעלעך.

ווען צפּורהלע איז אַהיימגעקומען מיטן געשאָכטענעם עוף, האָט עטל זיך געכאַפּט צום אָפּפּליקן די פעדערן. צפּורהלע האָט נישט געוואָלט לאָזן, האָט אָבער עטל אַ זאָג געטאָן, אויב אַזוי — גייט זי שוין אַוועק פון דאַנען. מילא, האָט צפּורהלע געמוזט נאָכגעבן, און אַליין האָט זי זיך גענומען צוצוגרייטן באַצייטנס דעם טשאָלנט מיטן קוגל.

שבת נאָך מיטאָג זענען „געקומען צוגאַסט" פערלמאַן מיט אברהמעלען. אַביסל שפּעטער זענען אויך געקומען הערש־יאַנקל מיט זיין ווייב און דער שכן ר' עזריאל וואַטענמאַכער. אַן אַלט יידל אָבער נאָך גאָר אַ רירעוודיקס, איז אויך אַריינגעקומען. דער עולם האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און צפּורהלע מיט עטלען האָבן זיך געפּאָרעט ביים דערלאַנגען דעם „כיבוד": שבתדיקע טיי מיט אייער־קיכלעך. דער שמועס ביים טיש איז געגאַנגען וועגן דער בייזער פּאָליטישער לאַגע, וואָס איז אַנטשטאַנען אין לאַנד. ראובן דער מלמד זאָגט, אַז ער איז דערפון „איינגאַנצן צעשרויפט". וואָרעם דאָס האַרץ זאָגט אים, אַז דער קייסער וועט זיך נישט לאָזן אַזוי אַרומפירן ביי דער נאָז, און הלוואי זאָל עס נאָר מיט אונדז יידן אַדורכגיין גלאַטיק. הוסט זיך אויס פערלמאַן און גיט איבער מיט אַ שטיל קול אַ פאַרטרוילעכע ידיעה, וועלכע ער האָט ערשט נעכטן באַקומען פון זיינעם אַ גוטן פריינט, אַן עלטערער גוי וואָס אַרבעט אינעם דריטן צירקל, און געהערט האָט יענער עס פון זיין זון, וועלכער איז אַ

שטיקל מאַכער צווישן די „ענדעקעס״. אַלזאָ יענער האָט געזאָגט זיין פאָ־טער, אַז פון דער רעגירונג איז אָנגעקומען צו די ענדעקישע פירער אַ געהיימער באַפעל, אָנצופירן אַ פּאָגראָם־אַגיטאַציע קעגן יידן. דערויף ענט־פערט עטל, אַז לויט זי פאַרשטייט איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, ווארעם די ענדעקעס ווייסן גאַנץ גוט, אַז טאָמער הייבן זיי נאָר עפּעס אָן, וועלן זיי פונעם „בונד״ און אויך פון דער „פּע־פּע־עס״ כאַפּן דעם אמתן ענט־פער. ווען עטל רעדט, לאָזט נישט אברהמעלע פון איר אָפּ זיין בליק. עס טוט אים אַ הנאה, וואָס דאַסמאָל רעדט זי געלאַסן, אָן התלהבות און אָן דעם פעסטן טאָן אירן, מיט וועלכן זי פלעגט ריידן וועגן „בונד״.

הערש־יאַנקל פון זיין זייט, פירט אַריבער דעם שמועס אויף די רעלסן פון דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

— אַז אָך און וויי וואָס פאַר אַ לעבן, משטיינס געזאָגט, ס׳איז בכלל אונדזער גלות־לעבן. אַז פון איין זייט פירט אָן די רוסישע פּאָליציי אָן אַגיטאַציע, אַז די ענדעקישע שקצים זאָלן אונדז באַפאַלן, און פון דער צווייטער זייט גיט מען אונדז אַ האָפנונג, אַז די שקצים פון דער „פּע־פּע־עס״ וועלן זיך פאַר אונדז אָננעמען. בעסער וואָלטן אַלע יידן זיך אַ נעם געטאָן צום ציוניזם, וואָלטן מיר פּטור געוואָרן פון דער מורא מצד די שלעכטע שקצים, און פון די טובות פון די גוטע שקצים...

דער אַלטער ר׳ עזריאל וואַטענמאַכער, וועלכער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו דעם וואָס יעדער האָט געזאָגט, האָט נאָך הערש־יאַנקלס רייד אויסגעשפּרייט די הענט צו אים און געשריגן: דער ייד איז אַזוי גע־רעכט, וואָס מער גערעכט פון אים איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט. אָבער דאָך מוז ער פרעגן, הלמאַי מען הערט גאָרנישט וואָס די ציוניסטן האָבן שוין אויפגעטאָן? אָט ער אַליין איז אַ ייד וואָס יאָר־יערלעך קויפט ער אַ „שקל״. ער האָט ליגן אין אַ שופלאָד די שקלים פון אַלע יאָרן, זייט ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער ציוניזם. אָבער פאַרוואָס האָט מען אים נאָך קיינמאָל נישט געשיקט רופן צו אַ ציוניסטישער אַסיפה? איז דאָס אַזוי רעכט?

הערש־יאַנקלס ווייב, וועלכע האָט זיך די גאַנצע צייט געשפּילט מיטן זילבערנעם „מגן־דוד׳ל״, וואָס האָט געהאָנגען ביי איר אויפן האַלדז, ענט־

פּערט ר׳ עזריאלן, אַז אויב ער וויל זען און הערן וואָס עס טוט זיך ביי די ציוניסטן, זאָל ער קומען אם ירצה השם אין דריי וואָכן אַרום, שבת־צו־נאַכט צום ציוניסטישן קאָנצערט.

דער אַלטער ר׳ עזריאל שאָקלט מיטן קאָפּ, אַז אַליין ווייסט ער נישט ווו און ווען, טאָ אפשר וואָלט עמיץ זיך אָפּגערעדט מיט אים צו גיין צו־זאַמען, ווער מען זיך ממש קויפן אַ מצווה אָן אַן אַלטן מאַן. נעמט פּערל־מאַן אויף זיך די טרחה. ער זאָגט צו אַז ער וועט אָפּטרעטן ביי ר׳ עז־ריאלן און וועט אים מיטנעמען צום ציוניסטישן קאָנצערט, וועלכער וועט וואָרשיינלעך אויסקומען אין דריי וואָכן אַרום. ער זאָגט „וואָרשיינלעך״, ווייל גאַנץ זיכער מיטן טערמין פון „דריי וואָכן אַרום״ איז מען נאָך נישט, מחמת דעם וואָס דער זייגערמאַכער וויל מער נישט לאָזן זיין טאָכטער צו זיין דאָרטן די „כלה״.

ר׳ עזריאל פאַרשטייט נישט וואָס אַזוינס מען מיינט דאָ וועגן אַ „כלה״, אָבער ער וויל נישט צופיל אַריינקריכן אינעם שמועס פון די „גע־לערנטע מענטשן״, זאָגט ער, אַז פאַר אים איז זייער גוט, וואָס דער פּאַן פּערלמאַן האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט אים מיטנעמען אַהין.

אברהמעלע דערציילט, אַז ער האָט נעכטן זיך באַגעגנט מיט צירע־לען אויף דער גאַס. נאַטירלעך אַז זי וואָלט מסכים געווען און אַפילו דער פאָטער וואָלט אויך נישט געווען דאַקעגן, אָבער וואָס קאָנען זיי טאָן, ווען נישט בלויז דאָס וואָס דער גלעזער יאָסקע האָט דעם זייגערמאַכער גע־סטראַשעט מיט אַ באָיקאָט פון די אַרבעטער, האָט ער היינטיקע וואָך דערהאַלטן נאָך אַ סטראַשאַק. איר ווילט וויסן פון וועמען? פונעם גערער שטיבל האָט מען צוגעשיקט צום זייגערמאַכער, אַז די חסידישע יידן וועלן זיך אָפּהאַלטן פון קומען צו אים וועגן זייגערס און זייגערלעך, צוליב זיין טאָכטערס קומען צו די ציוניסטישע קאָנצערטן. אָבער צירעלע קלערט נאָך אַלץ יאָ צו קומען: זי טראַכט, אַז אפשר וועט זי אין יענעם שבת־צו־נאַכט זאָגן אין דער היים, אַז זי גייט אַוועק צו אַ חברטע, ובאמת וועט זי קומען צום קאָנצערט.

— עי! עס גייט זיך שוין אָן אַ חלשות! — האָט הערש־יאַנקל אַ פּיר געטאָן מיט דער לינקער האַנט פון זיך אַוועק. — צו וואָס זאָל מען

ברענגען דעם זייגערמאַכער צו אַן עגמת־נפש? און אַמאָל קאָן דאָך באמת זיין אַז דער דאָזיקער ייד זאָל, צוליב אונדז, האָבן אַ שאָדן אין דער פרנסה.

— ווען איך וואָלט געווען אַביסל ייִנגער — רופט זיך אָן הערש־יאַנקלס ווייב — וואָלט איך אַליין זיך אַוועקגעזעצט דאָרטן אַלס די „כלה“. וואָס איז? ס׳איז חלילה אַ מיאוסע זאַך? איך מיין, אַז מען קאָן פועלן ביי אַן אַנדער מיידל צו זיצן די עטלעכע שעה דאָרטן אין דער „סאַ־ליע“. און שאַ! שאַ! אָט זיצט דאָך דאָ מיט אונדז אַ ווויל מיידל, איך מיין די פריילין עטל. אדרבה, פרוווט ריידן מיט איר. אפשר וועט זי עס וועלן טאָן. כ׳לעבן אַז אויף איר קוקנדיק וועט יעדער איינער זיין זיכער, אַז דאָ זיצט אַן אמתדיקע „כלה“ און אַז דאָ קומען פאָר אמתדיקע תנאים.

מיט טעג און וואָכן און יאָרן שפּעטער האָט עטל נישט איין מאָל זיך דערמאָנט, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין יענער האַלבער שעה, שבת נאָך מיטאָג ביי צפּורהלען אין שטוב, זייט אברהמעלע איז דאָרטן אַהין אַריינגעקומען, ביז צום מאָמענט ווען הערש־יאַנקלס ווייב האָט פאָרגע־שלאָגן, אַז מען זאָל מיט איר ריידן צו זיצן אַלס „כלה“ ביים ציוניסטישן קאָנצערט. זי געדענקט די נאַכט פריער וואָס זי האָט נישט געקאָנט אַפילו קיין אויג צומאַכן, און ווי זי האָט זיך אַליין געפרעגט: „נו גוט, לאָמיר זאָגן אַז איך האָב באַשלאָסן מיט אַלע כוחות אָפּצוריי׳סן אברהמעלען פון דער פאַסקודסטוואָ צירעלע. אָבער ווי אַזוי מאַכט מען צו טרעפן זיך מיט אברהמעלען איידער עס ווערט שפּעט?“ איידער ער וועט נישט נאָך איבגאַנצן האָבן אַריינגעפאַלן אין יענערס נעץ? און צווייטנס, לאָמיר זאָגן אַז איך וועל אים שוין יאָ האָבן באַגעגנט, טאָ מיט וואָס וואָלט איך אָב־געהויבן דעם שמועס מיט אים? איך קאָן נישט זיך מאַכן אינגאַנצן ביליק און קומען פלוצלינג אים דערציילן, ווי הייס איך האָב אים ליב. און אָט האָט זיך געמאַכט אַז זיצנדיק ביי צפּורהלען, קומט אברהמעלע אַריין אין שטוב צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע, און ביים טיש דרייט זיך אַ שמועס אַזוי לאַנג, ביז ס׳קומט אַרויף אויפן טיש דער ענין פונעם ציוניסטישן קאָנ־צערט, מיט אַ פראַגע צי די צירעלע וועט יאָ קענען קומען אָדער נישט קענען קומען. זי דערמאָנט זיך, ווי זי איז דעמאָלט ביים טיש געזעסן ביז גאָר געשפּאַנט און אַז ס׳איז געווען אַ מאָמענט אין וועלכן זי האָט

געשפּירט, אַז לענגער וועט זי נישט קענען איינהאַלטן די טרערן, אָדער גאָר אַנידערפאַלן אין חלשות. און אפנים אַז ס׳געשען דאָך וווּנדער מיט מענטשן, איז דער טייערער ייִד הערש־יאַנקל און אויך זיין ווייב זענען זיי ביידע אַרויס מיט אמת־מענטשלעכע ווערטער, און גוט איז דאָס וואָס זי האָט ביזן סוף אַזוי גוט זיך געהאַלטן און אויסגעהאַלטן, און ווען זי האָט געענטפערט, אַז „אויב ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער קאַנדידאַטקע — איז זי גרייט עס צו טאָן״, האָבן אַלעביים טיש איר אַפּלאָדירט מיט אַ „בראַוואָ״. אויף דעם „בראַוואָ״ האָט זי צוגעגעבן, אַז כאָטש זי איז נישט קיין ציוניסטקע, איז איר יעדנפאַלס אינטערעסאַנט צו זיצן אַ אָוונט אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג און הערן די רעדעס פון אַזעלכע פּראָמינענטע לייט ווי סאָקאָלאָוו און יאַשינאָווסקי. האָט אברהמעלע, אַ צעפּלאַמטער, זיך ווידער אָנגערופן, אַז ער נעמט ביי איר אָן דערלויבעניש צו קאָרעגירן איר ווערטער, אַזוי ווי ער פאַרשטייט זיי: אַז עטל וויל זאָגן, אַז כאָטש זי איז נאָך נישט קיין ציוניסטקע, איז ביי איר רעכט, אַז הערנדיק די רייד פון יענע צוויי גרויסע פּערזענלעכקייטן, וועט זי, אַלס ערלעכע און קלוגע יידישע טאָכטער, ווערן אַ ציוניסטקע. דערויף האָט דער עולם ווידער געפּאַטשט „בראַוואָ״, און הערש־יאַנקלס פּרוי האָט געמאַכט אויפמערקזאַם דערויף וואָס אברהמעלע האָט פאַרגעסן, אַז אויסער סאָקאָלאָוון מיט יאַשינאָווסקין וועט אויך איר מאַן דאָרטן האַלטן אַ רעדע, און כ׳לעבן, אַז איר הערש־יאַנקל איז אויך אַ גרויסע ציוניסטישע פּערזענלעכקייט.

זיבעצנטער קאַפּיטל

## דער „ציוניסטישער קאָנצערט״

פּערלמאַן האָט — אַזוי ווי תמיד — געהאַלטן זיין וואָרט. נאָך מער: וויסנדיק ווי דער אַלטער וואַטענמאַכער איז נישט איבעריק געדולדיק, איז ער אַהינגעקומען צו אים מיט אַ קנאַפּער האַלבע שעה פריער ווי לויט ער האָט אים צוגעזאָגט. און דאָך האָט ער שוין דעם אַלטן געטראָפן אויסגעפּוצט אין זיינע שענסטע מלבושים, גרייט קאָמפּלעט צום פאָרן צום ציו־

ניסטישן קאָנצערט. אויפֿן וועג, פֿאָרנדיק אין טראַמוויי, האָט דער אַלטער נאָך עטלעכע מאָל געפֿרעגט פּערלמאַנען, צי ער וועט נישט אַהינקומען צו שפּעט, און גליקלעך ווי אַ קליין קינד איז ער געווען, ווען אָנקומענדיק אַהין האָט ער געטראָפֿן דאָרט בלויז די ערשטע צען־צוועלף מענטשן.

דער אַלטער האָט גלייך זיך גענומען אויספֿרעגן „ווער איז דער און ווער איז יענער". און פּערלמאַן האָט אים דערקלערט מיטן גרעסטן געדולד:

— איר זעט, ר' ירחמיאל, דער ייד וואָס שטייט ביי דער טיר הייסט חיים פּרושאַנסקי. ר' עזריאל ווייסט גאַנץ גוט ווער עס איז חיים פּרושאַנסקי. האָט ער זיך דעריבער איבערגעפֿרעגט פֿאַרוואָס טאַקע שטייט ער דאָרטן? מחמת דעם וואָס לויט זיין מיינונג, דאַרף מען נישט לאָזן חיים פּרושאַנסקין שטיין ביי דער טיר, נאָר פֿאַרבעטן אים אויבנאָן. דערקלערט אים דערויף פּערלמאַן, אַז מען האָט דעם פּרושאַנסקין שוין צען מאָל געבעטן, אַז ער זאָל נישט שטיין ביי דער טיר, אָבער יענער וויל עס אַפֿילו נישט הערן. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע — זאָגט יענער, — איז אַ דעמאָקראַטישע באַוועגונג. און מיט זיין שטיין ביי דער טיר איז ער אויסן אונטערצושטרייכן, אַז ביי אונדז איז נישטאָ קיין אויבנאָן מיט אַ אונטנאָן.

פּערלמאַן דערקלערט ווייטער: אָט די אַלע בחורים, מיט די אַהינגעטערגעמאַכטע פּיאות אונטער די אויערן, זענען די זין פֿון חסידישע עלטערן; יענער נידעריקער בחור מיט די פּעך־שוואַרצע האָר, וואָס שטייט צווישן זיי, איז בערעלע, דער „מטיף" פֿון דער שול „ציון המצוינת". און די אַלע בחורים האַלטן זיך פֿאַר זיינע תלמידים אינעם ציוניזם. זיי גנבענען זיך אַוועק פֿון די טאַטעס כמעט יעדן שבת פֿונעם דאַווענען, און לויפֿן הערן בערעלעס ציוניסטישע רעדעס אין דער שול „ציון המצוינת". די טאַטעס פּאַטשן זיי דערפֿאַר, אָבער עס העלפֿט נישט. דאָסגלייכן קומען די דאָזיקע בחורים צו יעדן ציוניסטישן קאָנצערט, און אַהיימקומענדיק שפּעט ביינאַכט זאָגן זיי, אַז זיי זענען געווען ביי אַ חבר און האָבן געשפּילט אין „אָקע". זענען די טאַטעס צופֿרידן: „זאָלן זיי שוין בעסער שפּילן אין קאָרטן, אַבי נישט צו גיין צו די ציוניסטישע קאָנצערטן".

באַלד הייבט אָן דער עולם אָנצוקומען, און פּערלמאַן באַווייזט קוים

אָנצורופן פאַרן אַלטן וואַטענמאַכער די נעמען פון די אַריינקומענדע: „מילא, אברהמעלען מיט עטלען קענט איר דאָך שוין. און פּאַרוואָס זיי זעצן זיך אַוועק אויבן־אָן ביים טיש מיטן ווייסן טישטעך און ברענעדיקע ליכט, ווייל זיי מאַכן זיך גלייך ווי „חתן־כלה“, וואָס עס קומט דאָ פּאָר זייערע „תנאים“; יענע פינף זענען ד״ר זלמן ביכאָווסקי, ד״ר טוביה הינדעס, ד״ר משה גאָטליב, ד״ר הורוויץ און ד״ר לייפּונער; יענעביידע אין די ברילן זענען אברהם פּאָדלישעווסקי און משה פּעלדשטיין; אָט די צוויי וואָס גייען אַריין שמועסנדיק, זענען ירמיהו באָרענשטיין און אברהם העניגמאַן, ביידע פון דער שול „אוהבי ציון“; יענע דריי ווידער זענען: דער באַקאַנטער געלערנטער צדוק־אשר רובינאָוו, ד״ר קלומעל און דער אַדוואָקאַט קליינערמאַן; יענע דריי הויכע זענען: פּעלס, לוריע און לעדערער; און אָט די צוויי זענען זאב גלוסקין און בצלאל יפה; פון די איצטיקע צוויי לייט איז דער ערשטער ד״ר פּאָזנאַנסקי, דער באַרימטער פּריידיקער פון דער סינאַגאָגע, און דער צווייטער איז דער היסטאָריקער מענדל וואָלמאַן; דאָ ווייטער גייען אַריין מתתיהו כהן מיט קאַפּלאַנען, ביידע פון פאַרנעם „אחיאסף“; יענע צוויי זענען עמנואל פינקל מיט אברהם שעראַטשעק, ביידע פון דער שול „נס ציונה“; און אָט גייען אַריין לוי לעווין־אָפּשטיין, נח פינקעלשטיין און הלל צייטלין; יענע צוויי פרויען זענען פּועה ראַקאָווסקאַ מיט איר טאָכטער שאַרלאָטאַ, און אָט זענען די שריפטשטעלער ש. ל. גאָרדאָן מיט בן־אביגדורן; דאָ ווידער גייען: שאול־פּנחס ראַבינאָוויטש, יצחק ניסנבוים און שלמה בערקמאַן; יענע צוויי זענען יחיאל אוגגער מיט פיינמעסערן, ביידע פון דער „תפארת ציון“; אָט די יוגנט־גרופּע איז יוסף שפּרינצאַק מיט זיינע חברים פון די „צעירי ציון“; יענע צוויי זענען שמואל יעקב יאַצקאַן מיטן באַרימטן רעדנער אריה חזן; דער איז צבי פּרילוצקי, דער צווייטער איז י. ח. זאַגאַראָדזקי, און דער דריטער איז אלעזר זילבערבערג; יענע דריי זענען משה־אהרן מאַכליס, גילמאָווסקי און ראובן לאַבענסקי, אַלע דריי פון די „שערי ציון“. אָט די צוויי זענען אברהם גרין פון פּלאָנסק און ישעיהו זיידענצייג פון שעדלעץ; די איצטיקע דריי זענען מאַגנוס קרינסקי, אַדוואָקאַט סטאַווסקי און דער באַליבטער רעדנער נתן מיליקאָווסקי; אָט דער סטודענט מיט דער

שוואַרצער טשופּרינע איז יעקב לעשטשינסקי; דאָ גייט ווייטער אַ גרופּע לערער: יצחק אַלטערמאַן, יחיאל האַלפּערן, האַנדעלזאַלץ און ראַדזיווי־לאָווסקי; יענעביידע זענען פישל לאַכאָווער מיט אהרן לאַנגזאַם; אַט דער פריילעכער יונגערמאַן מיטן בלאָנדן קאָפּ האָר איז ש. ז. פּוגאַטשאָוו, און די יונגע חברה אַרום אים זענען זיינע תלמידים די „פרחי ציון"; דאָ האָט איר ווייטער ישכר דוב פרייער מיט קאַזיבראַדסקין פון די „נזר ציון": שאַט! גיט אַ קוק אויף דער גרופּע סטודענטן: אַלשוואַנגער, ליפּיעץ, ש. לוריע, נחום ראַפּאַלקעס און האַרטגלאַס. און אַט איז אַ צווייטע גרופּע סטודענטן: יאַן קירשראַט, משה נחום סירקין, יצחק גרינבוים, משה קער־נער, לעאָן לעוויטע, זעליק ווייצמאַן, נח דאַווידזאָן, און — — —

דער „און ווער נאָך" האָט פּערלמאַן שוין נישט געקאָנט אויסרעכע־נען, ווייל ס'האָבן פּלוצים זיך אַריינגעשטופּט גאַנצע גרופּן מיט יחידים. מען האָט זיך געפּאַקט און געאיילט, ווייל מען האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט חלילה וואָס פאַרשפּעטיקן צו זען און צו הערן. פאַר דעם אַלטן אַד־וואָקאַט יאַשינאָווסקי און פאַר סאָקאָלאָוון איז געמאַכט געוואָרן אַן אויס־נאַמע, ווייל דער עולם ביים אַריינגאַנג האָט זיך צוריקגעצויגן, כדי די דאָזיקע צוויי באַליבטע און געשעצטע יידן זאָלן אַריינקומען אומגעשטערט.

דער אַלטער עזריאל וואַטענמאַכער בעט ביי פּערלמאַנען, כאָטש נאָך דאָס איינע זאָל ער אים דערקלערן: „אויף די עפּאָלעטן פון עטלעכע סטו־דענטן האָט ער געזען אַ גאָלדענעם רוסישן בוכשטאַב „ען" מיטן ציפער 2. וויל ער וויסן וואָס עס מיינט דער „ען" מיטן „2"?"

— יענע סטודענטן — דערקלערט אים פּערלמאַן — שטודירן אינעם וואַרשעווער פּאָליטעכניקום, וועלכער טראָגט דעם נאָמען פונעם רוסישן קייסער, ניקאָליי דער צווייטער.

— אָ־וואָ! אָ־וואָ! — צעסמאַצקעט זיך דער אַלטער עזריאל, — הייסט עס, אַז אַפילו פונעם קייסערס מענטשן זענען אויך דאָ ציוניסטן? הערסטו, הערסטו, דאָס איז דאָך אַ וואָזשנע זאַך. ווי כ'בין אַ ייד — אַ גאָר וואָזשנע זאַך...

פּערלמאַן האָט שוין נישט קיין צייט מער פאַרן אַלטן עזריאל, מחמת דעם וואָס עס דערהערט זיך אַ טויבער קלאַפּ אויף אַ טיש: און עס שטעלט

זיך אויף אַדוואָקאַט יאַשינאָווסקי. פון אַלע פּלעצער דערהערן זיך אַפּלאָ־דיסמענטן, מיט וועלכע דער עילם באַגריסט דעם וועטעראַן פון דער יידי־שער אויפלעבונג. יעדער פון זיין זייט, נייגט זיך אין אַלע זייטן מיטן שיינעם קאָפּ ווייס־זיידענע האָר. זיינע קלוגע אויגן אונטער דעם הויכן שטערן, דריקן אויס פרייד און אמונה איז דער זאַך, וואָס איז די האָפ־נונג און טרייסט פונעם פאַרזאַמלטן עולם. אין אַ קורצער רעדע עפנט ער אויף דעם „זאַ־געגאַנטן קאָנצערט״, און ער גיט דאָס וואָרט דעם גע־ניאַלן רעדנער, שפּראַכן־קענער און רעדאַקטאָר, נחום סאָקאָלאָוו. ווידער הערן זיך הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן. וואָס ווערן איבערגעחזרט במשך דער גאַנצער רעדע. סאָקאָלאָוו רעדט אויף אַ לייכטער שפּראַך, וואָס דערמאָנט דאָס העברעיש פונעם חומש און פונעם דאַוונען. דערצו ווערט עס נאָך באַווירצט מיט אַריינגעמישטע יידישע גלייכווערטלעך, אַזוי אַז כמעט אַלע צוהערער פאַרשטייען עס. ער רעדט וועגן דעם וואָס ביי אַלע פעל־קער, אַפילו ביי די שטאַרקסטע און די גרעסטע, ווערט געלייגט זייער גרויס געוויכט אויף דער דיפּלאָמאַטישער אַרבעט. ווייל די גרויסע וועלט שאַצט זייער שטאַרק דעם כוח פון דער דיפּלאָמאַטיע.

ער דערקלערט אַלזאָ די דיפּלאָמאַטישע שריט פון ד״ר הערצל, און איראָניזירט די בטלנישע קריטיקער, וועלכע וואָלטן געוואָלט, אַז שוין איצט זאָל מען זען, אַז דער טערקישער סולטאַן וויל אונדז אָוועקגעבן ארץ־ישראל, אַז נישט — איז ביי זיי אַ סימן, אַז די גאַנצע אַרבעט איז גאָרנישט ווערט. די דאָזיקע „חכמים״ ווייסן אָבער נישט, ווי וויכטיק עס זענען די באַציאונגען, וועלכע ד״ר הערצל האָט שוין אָנגעקניפּט. אין דער גרויסער וועלט פאַרשטייט מען אַז אַפילו נאָכן אָנקניפּן באַציאונגען, מוז מען אויך נאָך געגוג וואַרטן אויף אַ גינסטיקער קאָניונקטור. מיר פרעגן אַלזאָ אונדזערע קעגנער פון אַלע ריכטונגען: וואָס למשל וועט זיין, ווען עס וועט יאָ אָנקומען די גינסטיקע קאָניונקטור פאַר יידן צו ווערן אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק אין ארץ־ישראל. אָבער אַדאַנק יענע פון אונדזער פאָלק, וואָס שטיין פון דער ווייטנס, און ווילן אונדז נישט העלפן ביי דער גרויסער צוגרייטונגס־אַרבעט פון דער ציוניסטישער זאַך, וועלן מיר נישט זיין גרייט אויסצונוצן די קאָניונקטור, טאָ ווי וועלן מיר דעמאָלט אויסזען?...

סאָקאָלאָוו רעדט אויך וועגן דעם אומפאַרשטענדלעכן שידוך צווישן די עקסטרעמע פרומע יידן, די רביס און זייערע חסידים פון איין זייט, און די עקסטרעמע אַסימילאַטאָרן פון דער צווייטער זייט. ביידע צדדים ווילן נישט דערלאָזן, אַז די וואַרשעווער קהילה זאָל פאַרוואַלטעט ווערן ד״ה׳ אַ נאַציאָנאַלן ייד. די פייערדיקע חסידים גייען האַנט ביי האַנט מיט די בי־טערע אַסימילאַטאָרן. די בערסאָנס און די בערגסאָנס, די דיקשטיינס און די נוסבאַומס...

נאָך סאָקאָלאָווס רעדע, וועלכע האָט אַרויסגערופן שטורמישע אַפּלאָ־דיסמענטן, זינגט אַ גוט־איינשטודירטער כאָר לעוואַנדאָווסקיס „הללו־יה״.

דער פאָרזיצער יאַשינאָווסקי רופט אויס, אַז איצטער וועט רעדן דער ערנווירדיקער רב, הערש־יאַנקל דיאַמענט. די בחורים מיט די באַהאַלטענע פיאות צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע אַפּלאָדירן און אַ רוישיקע פּאַטשעריי מיט די הענט לאָזט הערן הערש־יאַנקלס ווייב. איר הויך פּאַטשן מיט די הענט רופט אַרויס ביים עולם אַ גוטמוטיקן שמייכל.

הרב הערש־יאַנקל רעדט יידיש. ער הייבט אָן מיט דעם צוזאַמענפּאַר וואָס אַ גרויס׳ער טייל חסידישע רביים מיט רבנים האָבן אָפּגעהאַלטן פריער מיט עטלעכע וואָכן, ווו מען האָט זיך באַראַטן וועגן די מיטלען פון באַ־קעמפן דעם ציוניזם. פון דער צווייטער זייט ווידער ציטירט ער אייניקע זייער אינטערעסאַנטע שטעלן פונעם גוט־באַקאַנטן הרב הגאון ר׳ שמואל מאָהילעווער, פון הרב הגאון ר׳ חיים אלעזר וואַקס (פּיעטראָקאָווער רב); הרב הגאון ר׳ אליהו גריידיצער. און פון נאָך אַנדערע גרויסע רבנים. דאָס זענען ציטאַטן וואָס צעקלאַפּן אַלע טענות פון די קעגנער פונעם ציוניזם. און היות אַז די הויפּט־טענה פון די קעגנער פונעם ציוניזם איז, אַז די גאולה פון יידן מוז געמאַכט ווערן בלויז דורכן הימל, און נישט אַז יידן זאָלן אויך עפּעס טאָן, ציטירט ער פונעם ספר „תולדות יעקב יוסף״ אַ מאמר, וועלכער קאָן צעשמעטערן אויך די דאָזיקע טענה.

דער עולם אין דער גרויסער „ווינער סאַליע״ שפּיצט אויס דאָס גע־הער און ר׳ הערש־יאַנקל הייבט אויף העכער זיין שטים, בזה הלשון:

„אַלזאָ מיינע טייערע יידן, אויפן פסוק „כי תראה את חמור אחיך או שורו נופלים בדרך והתעלמת מהם, הקם תקם עמו״, זאָגט דערויף דער

„תולדות יעקב יוסף“ אַזוי: „כי תראה את חמור אחיך“, אַז דו וועסט זען ווי משיח בן דוד, וועלכער ווערט באַצייכנט מיט די ווערטער „עני ורוכב על חמור“, „או שור“ אָדער נאָך פריער, דער „משיח בן יוסף“, וועלכער ווערט באַצייכנט מיט די ווערטער „בכור שורו הדר לו“, „נופלים בדרך“ — אַז זיי זענען אויפן וועג פון דער גאולת ישראל. וואָרעם וועגן זיי ווערט באַצייכנט מיטן רמז: „והוא יקים את סוכת דוד הנופלת“, איז טאָמער „והתעלמת מהם“? טאָמער וועסטו חלילה וועלן זיך אַוועקשטעלן אין דער זייט און נישט וועלן העלפן? דערויף זאָגט די תורה „הקם תקים עמו“. אַז צוגלייך מיט זיין וועלן אויפשטעלן די „סוכת דויד הנופלת“, פונקט אַזוי איז אויך דיין חוב צו העלפן אים ביים אויפשטעלן, וואָס מיינט צוהעלפן ביי דער גאולה.

דער דאָזיקער קנאַל קעגן דער האַלטונג פון יענע רביים און רבנים האָט אַרויסגערופן די שטאַרקסטע אַפּלאָדיסמענטן. פיל פון די פאַרזאַמל־טע זענען אַרומגעלאָפן זיך באָרגן אַ בלייפעדער מיט אַ שטיקל ווייס פּאַ־פּיר, צו פאַרשרייבן זיך גענוי די ווערטער פון דער וווּנדערבאַרער ציטאַ־טע, פונעם ספר „תולדות יעקב יוסף“.

דער דריטער רעדנער — אַדוואָקאַט קליינערמאַן — האָט גערעדט אויף פּויליש. ער האָט אָבער נישט באַוויזן רעכט צו אַנטוויקלען זיין גע־דאַנק, ווי פּערלמאַן האָט באַמערקט, אַז עס שלייכט זיך אַריין אין דער סאַליע דער געהיים־פּאָליציאַנט פּאַוועל קרעדאַ. האָט פּערלמאַן, לויטן אָפּ־גערעדטן צייכן, אַ דריי געטאָן מיטן לינקן גראָבן פינגער, און דער בחור לעבן אים איז שנעל צוגעלאָפן צום רעדנער און האָט אים דערלאַנגט דאָס גרייטע צעטעלע, אַז ער זאָל אָנהייבן רעדן וועגן די „חתן־כלה“. האָט אַדוואָקאַט קליינערמאַן גלייך אַ דריי געטאָן זיין „מענה לשון“ פון די ציוניסטישע ענינים, אַוועק צו אַ „חתן־כלה מזל־טוב“...

מיט אַ געהעריקער פייערלעכקייט אין טאָן האָט קליינערמאַן זיך אַ נעם געטאָן צו אברהמעלען מיט עטלען, און זיי באַרעגנט מיט אָן אַ שיעור ברכות צו זייערע „תנאים“ און ערשט נאָכדעם ווי דער געהיים־פּאָליציאַנט איז אַרויסגעגאַנגען, האָט קליינערמאַן פאַרענדיקט זיין ציוניסטישע רעדע.

דער כאָר זינגט י. ל. גאָרדאָנס „עם אחד היינו“, און דערמיט ווערט דער ציוניסטישער קאָנצערט געשלאָסן.

### י. ל. וואַלמאַן

## אכצנטער קאַפּיטל

# עטלס זון שיינט אויף

דינסטיק אין דער פרי, ס׳הייסט דריי טעג שפּעטער נאָך יענעם ציוניסטישן קאָנצערט, איז דער אַלטער עזריאל ווידער אַריינגעקומען אין הויז פון ראובן דעם מלמד, און דאָס מאָל — זאָגט ער — איז ער געקו־מען ספּעציעל צו דער „טייערע כלה״. ער מיינט די פריילין עטל, יענע וואָס האָט געשפּילט די ראָליע פון אַ „כלה ביי די תנאים״ אויפן ציוניס־טישן קאָנצערט. אַלזאָ האָט ער איצט פאַר איר אַ וויכטיקע בשורה.

די זאַך דערפון — זאָגט ער — איז אַזוי: זיין שוועסטער, צעשאַ זשעפּאַק, וואָס האָט אויף דער ביעלאַנסקע גאַס אַ געשעפט פון צודאַטן צו דאַמען־היטעלעך, האָט נעכטן געכאַפּט ביי אַ שטיקל גנבה איר סוביעקטין, אַ מיידל צו וועלכער זי האָט געהאַט דעם גרעסטן צוטרוי. זי האָט דאָס מיידל באַהאַנדלט גלייך זי וואָלט געווען אירס אַן אייגן קינד, און דאָ איז זי געוווּיר געוואָרן, אַז יענע האָט נאָך מיט עטלעכע וואָכן צוריק אָפּ־גענומען געלט ביי אַ רייכער קונהטע, און האָט עס געלייגט אין דער איי־גענער קעשענע אַריין. די שוועסטער זיינע — זאָגט ווייטער דער אַלטער עזריאל — איז אַן אלמנה, און די צוויי זין אירע וווינען אין אַמעריקע, און דאָ אין וואַרשע האָט זי נישט קיינעם, נאָר בלויז אים, דעם ברודער. האָט זי געשיקט אים רופן און האָט פאַר אים דערציילט וואָס ס׳האָט גע־טראָפן. די שוועסטער ווייסט איצט אַליין נישט וואָס צו טאָן מיטן גע־שעפט, וואָרעם גאַנץ אַליין עס צו פירן — איז איר אוממעגלעך, און צו־נעמען אַן אַנדער מיידל — איז זי שוין איבערגעשראָקן. הקיצור, ער האָט דער שוועסטער געזאָגט, אַז דאָ, ביי זיינע שכנים, איז דאָ אַ מיידל, הייסט זי עטל, איז דאָס אַ וווּיל מיידל וואָס אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ אירס גלייכעניש, און פאַר איר ערלעכקייט גיט ער אַ גאַראַנטיע. ער פאַרזיכערט, אַז זי וועט זיין אַזוי ערלעך, אַז קיין פּאַדעם אַפילו וועט נישט פעלן. האָט די שוועסטער אים געזאָגט, אַז אויב אַזוי, זאָל ער גלייך אַהערשיקן דאָס מיידל צו איר.

ווען עטל איז אַרייַנגעקומען, האָט דער אַלטער עזריאל איר נאָכאַמאָל איבערדערציילט דאָס זעלבע, און האָט איר פאַרזיכערט, אַז עס וועט אַזוי גוט זיין ביי זיין שוועסטער, בעסער ווי זי וואָלט זיך אַליין געקאָנט ווינטשן. ער פרעגט איר דעריבער, צי זי וויל אַליין גיין אַהין, וועט ער איר געבן דעם אַדרעס פון דער שוועסטער זיינער: צעשאַ זשעפּאַק, ביעלאַנסקע גאַס נומער 19, אָבער טאָמער וויל זי שוין איצט גיין, איז ער גרייט מיטצוגיין מיט איר. עטל זאָגט, אַז זי איז גרייט שוין צו גיין; און צפּורהלע ווינטשט עטלען, אַז זי זאָל מצליח זיין. צום אַלטן עזריאלן זאָגט צפּורהלע, אַז זי זאָגט אים נישט קיין דאַנק, ווייל זי וויל נישט קלענער מאַכן מיטן „דאַנק" זיין „שכר" אויף יענער וועלט, פאַר דער גרויסער „מצווה", וואָס ער טוט מיט אַ מיידל אַ יתומה.

אַ האַלבע שעה שפּעטער קומט עטל צוריק מיט אַ צעשטראַלט פּנים פון גליק. די מאַדאַם זשעפּאַק האָט איר געהייסן באַלד צוריקקומען אַהין מיט איר פּעקעלע זאַכן. יענע וווינט אויפן צווייטן שטאָק, אינעם זעלבן הויז ווו אונטן צום פראָנט געפינט זיך דאָס געשעפט. די מאַדאַם זשעפּאַק גיט איר אַ צימערל אין איר אייגן וווינונג. ס׳הייסט, אַז זי וועט וווינען צוזאַמען מיט דער באַלעבאָסטע און וועט דאָרטן אויך עסן און טרינקען. די שכירות איז דערווייל פופצן רובל אַ חודש, און שפּעטער, ווען יענע וועט זען אַז זי טויג געהעריק אין געשעפט, וועט זי איר העכערן די שכירות.

צפּורהלע הערט און זי שיינט פון נחת: „נו, וואָס דען? דער רבונו של עולם, דער טאַטע פון יתומים, האָט אויך אין דער יתומה עטל נישט פאַרגעסן". זי צעקושט זיך מיט איר און העלפט איר איינפּאַקן די זאַכן, און זאָגט איר אָן, אַז „למען השם עטלשי קרוין, נאָר נישט פאַרגעסן יעדן שבת נאָך מיטאָג אַהערצוקומען אויף אַ שבתדיק גלעזל טיי".

ווען עטל איז שבת נאָך מיטאָג אַרייַנגעקומען צו צפּורהלען מיט ראובנען, האָט זי זיי דערציילט גאַנצע „ניסים ונפלאות" וועגן איר אַרבעט־פּלאַץ. די מאַדאַם זשעפּאַק איז צו איר גוט ווי אַן אייגענע מאַמע. צו דער שטוב־אַרבעט לאָזט מען איר נישט צוטרעטן, וואָרעם דערצו איז דאָ אַ מיטליעריקע פרוי, עפּעס אַ יידענע אַ גרושה. יענע רוימט אויף די

גאַנצע דירה, דער מאַדאַמס צוויי צימערן און אויך איר צימער, און קאָכן קאָכט יענע יידענע אויסגעצייכנט. הקיצור: מיט דער שטוב־אַרבעט האָט זי גאָרנישט צו טאָן, ווייל איר אַרבעט איז בלויז אין געשעפט. אין די ערשטע צוויי טעג האָט די מאַדאַם איר כסדר אָנגעוויזן די סחורה, אַרטיקל ביי אַרטיקל, און געזאָגט די פּרייזן וואָס עס איז צום פּאַרקויפן. אָבער איצטער קוועלט די באַלעבאָסטע אָן דערפון, וואָס איר נייע „סקלעפּאַ־ווע״ „סאַבינאַ״ (פון איר נאָמען שרה־עטל האָט יענעם געמאַכט אַ „סאַ־בינאַ״) אָריענטירט זיך שוין גענוג גוט אין אַלע מינים סחורות פונעם געשעפט.

ראובן גלעט זיך די באָרד פון גרויס הנאה, און צפורהלע איז אַזוי גליקלעך, וואָס קיין גליקלעכערס פון איר איז נישטאָ. אגב — זאָגט זי — האָט זי עפּעס וואָס עטלען איבערצוגעבן. ערשט מיט צוויי טעג צוריק, יאָ, טאַקע דאָנערשטיק אין אָוונט, איז עס געווען, ווי וואָלאָדיאַ, מאַלקינס זון, דער סטודענט, האָט זיך געפרעגט אויף עטלען. ער דאַרף איר זייער נייטיק זען. ער האָט אויך דערציילט, אַז ער ווינט שוין נישט ביי די עלטערן זיינע, נאָר ביי איינעם אַ חבר זיינעם. ווען מען האָט אים געזאָגט אַז דו אַרבעטסט ערגעץ, און אַז דו וועסט דאָ זיין שבת נאָך מיטאָג, האָט ער געבעטן צו זאָגן, אַז דו זאָלסט אויף אים וואַרטן, און נישט אַוועקגיין, ביז וואַנען ער וועט דאָ אַהערקומען.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי אַ קלונג ביי דער טיר האָט זיך דערהערט, און וואָלאָדיאַ איז טאַקע אַריינגעקומען. ער באַגריסט זיך מיט ראובנען און מיט צפורהלען. ער וויל זיך דווקא אָפּזאָגן פונעם אַוועקגע־שטעלטן פאַר זיינעטוועגן אַ גלעזל שבתדיקער טיי מיט אַן אייער־קיכל. אָבער צפורהלע לאָזט נישט אָפּ. און ער מוז זיך לאָזן מכבד זיין. נאָכן „כיבוד״ בעט ער, אַז מען זאָל אים אַנטשולדיקן, וואָס ער מיט דער חברה עטל וועלן איבערלאָזן די זייער געערטע געזעלשאַפט, אָבער ער זאָגט צו, אַז מער פון אַ האַלבער שעה וועט עס נישט דויערן, און די חברה עטל וועט זיין צוריק.

נאָך דעם ווי עטל גייט אַרויס מיט וואָלאָדיאַן, נעמט זיך ראובן צום פרייטיקדיקן נומער „הצפירה״, און צפורהלע זעצט זיך אַוועק ביי איר

באַליבטער „צאינה וראינה“. „אוי, איז דאָס אַ טייערע זאַך דאָס דאָזיקע „ווייבערישע חומש“ — אַזוי קוועלט זי אָן אין דער מחשבה — ווי גוט וואָס דאָס טייטשט אויס וואָס רש״י מאַכט, און וואָס דער מדרש זאָגט, און וואָס דער קלוגער „רבנו בחיי“ פרעגט און ענטפערט. אָבער מער ווי צען מינוט האָבן ראובן מיט צפּורהלען נישט געקאָנט שטילן זייער דורשט צום געדרוקטן וואָרט, וואָרעם אַ נייער קלאַפּ אין דער טיר האָט זיך געלאָזט הערן און אַריינגעקומען איז אברהמעלע.

אברהמעלע איז באַגעגנט געוואָרן מיט אַ האַרציקן „סקאָצל קומט“, און צפּורהלע הייבט אָן מיט אַ פרייליכער נאָכדערציילונג פונעם אַלטן עזריאלס מויל, וואָס אַלץ ער האָט געזען און געהערט פאַראַכטאָגן שבת־צו־נאַכט, אויפן „ציוניסטישן קאָנצערט“ אין דער „ווינער סאַליע“. די גרעסטע מענטשן פון שטאָט האָט דער אַלטער דאָרטן געזען. הײנט־זשע די רעדעס וואָס ער האָט דאָרטן געהערט און דאָס געזאַנג פונעם כאָר. וואָס זייט ער לעבט האָט ער דאָס נישט געהערט. נאָר דער עיקר איז ער אַנטציקט מיט „דעם קייסערס סטודענטן“, יענע מיט די גילדענע שלייפעס אויף די אַקסלען. דער אַלטער שווערט זיך, אַז ער האָט קוים זיך איינגעהאַלטן אַז ער זאָל נישט אָנהייבן צו טאַנצן. און טיילמאָל — אַזוי האָט ער געזאָגט — איז די פרייד געווען ביי אים אַזוי גרויס. אַז דערפון האָבן אים טרערן אַזש אָנגעהויבן צו שטיקן, און עס האָט נישט אַ סך געפעלט אַז ער זאָל זיך נישט צעוויינען ווי אַ קליין קינד.

ראובן פרעגט אברהמעלען, צי ווייסט ער שוין פון דער גוטער שטעלע וואָס דער אַלטער עזריאל האָט געשאַפן פאַר עטלען? ניין? ער ווייסט נישט? נו, מילא. באַלד וועט עטל זיין דאָ צוריק, וועט זי אים שוין אַליין אַלץ דערציילן. אברהמעלע וועט הערן אין וואָס פאַר אַ שמאַלץ־גרוב זי איז דאָרטן אַריינגעקומען. ווו זי איז, עטל? דער סטודענט וואָלאָדיאַ, דער זון פון די מאַלקינס, איז נישט לאַנג צוריק דאָ געוועזן, האָט ער געבעטן איר, אַז זי זאָל זיך איבערגיין מיט אים אַביסל. ער האָט געזאָגט, אַז ער נעמט איר אַרויס אויף אַ קנאַפּער האַלבער שעה. מילא, מן־הסתם האָט ער מיט איר וועגן וואָס איבערצוריידן.

די גאַנצע צייט וואָס ראובן האָט צו אים גערעדט. האָט אים אברהמע־

לע אויסגעהערט שטיל און געדולדיק. נאָר אויף די לעצטע עטלעכע ווער־טער, אַז „מן־הסתם האָט וואָלאָדיאַ מיט איר וועגן וואָס איבערצוריידן", האָט ער אַ קנייטש געטאָן מיט דער נאָז, גלייך ווי ער וואָלט געקריגן אַ ביס פון אַ זלידנער פליג.

ראובן האָט אָפּגים עס באַמערקט, האָט ער מיט אַ האַסטיק קול אַ פרעג געטאָן ביים ווייב, הלמאי זי האָט גאָר פאַרגעסן מכבד צו זיין דעם ליבן גאַסט מיט כיבוד.

— שוין, שוין! — האָט די יידענע זיך אויפגעכאַפּט פונעם פּלאַץ — כ'האָב דאָך נישט געקאָנט שטערן, ווען דו האָסט מיט אים גערעדט וועגן דער שטעלע וואָס עטל האָט געקריגן. נו. שוין. נו שוין. — אַזוי האָט די יידענע זיך פאַרענטפערט, און באַלד איז אַ גלאָז שבתדיקע טיי מיט אַ פּענעץ לימענע געשטאַנען אויפן טיש, און אַ אייער־קיכל איז אויף אַ בלוי טעצעלע אויך אַריינגעבראַכט געוואָרן.

עטל איז פונעם שפּאַציר מיט וואָלאָדיאַן צוריקגעקומען אַ צעבראָ־כענע. דערזעענדיק אברהמעלען, האָט זי צו אים אַ שמייכל געטאָן, אָבער דער שמייכל האָט זי אויף איר פּנים אויסגעגאָסן אַזוי ווי אַ קוים־קוים איינגעהאַלטענער געוויין. ראובן האָט באַלד דערשמעקט, אַז די צוויי יונ־גע קינדער וואָלטן געוואָלט, אַז מען זאָל זיי אויף אַ שטיקל צייט איבער־לאָזן אַליין, האָט ראובן געזאָגט. אַז מען זאָל אים אַנטשולדיקן, וואָרעם ער מוז אַוועקלויפן אין שטיבל אַריין דאַווענען מנחה, און צפּורהלע איז אַוועקגעגאַנגען מיטן תירוץ, אַז זי מוז אַריבערלויפן צו איר קרובהטע, די אַלטע זלאַטע־געלע, וועגן וועלכער זי האָט געהערט, אַז זי איז עפּעס נישט מיט אַלעמען.

— כ'בין געווען אויף דער גאַס מיט וואָלאָדיאַן — האָט עטל שטיל געזאָגט — ער האָט מיך געבעטן אַרויסצוגיין מיט אים.

— פאַרוואָס נישט? — האָט אברהמעלע געענטפערט — וואָלאָדיאַ איז אַ זייער ערנסטער בחור און אַ זייער עדלעכער. ער גייט זיך מיט זיין וועג, און איך גיי מיר מיט מיין וועג. אָבער איינס צום צווייטן האָט עס גאָרנישט.

— אוי, — לאָזט עטל אַרויס אַ טיפן זיפץ — אוי, ווי איך וואָלט איצט געוואָלט האָבן מיין אָרעמע מאַמע לעבן זיך...

אברהמעלע האָט געקוקט אויף איר מיט אַ רחמנותדיקן בליק און געשוויגן. אינעם איצטיקן מאָמענט האָט ער נישט געקאָנט געפינען פאַר איר דאָס נייטיקע וואָרט.

— ער האָט מיך געפרעגט — האָט עטל ווידער אָנגעהויבן — פאַרוואָס איך בין פאַריקן שבת־צו־נאַכט געווען די „כלה" אויפן ציוניסטישן קאָנצערט, און צי דערפון קאָן ער טראַכטן, אַז איך האָב איבערגעריסן יעדע אָנגעהעריקייט צום בונד? טאָ וואָס האָב איך אים געקאָנט ענטפערן? אויף וויפל איך האָב אים נישט געוואָלט וויי־טאָן, האָב איך אים געמוזט זאָגן דעם ביטערן אמת, אַז איך בין לעצטנס אַנטוישט געוואָרן פון מיין פריערדיקן פעסטן גלויבן, אַז אונדזער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט איז אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד מיטן קריסטלעכן פּראָלעטאַריאַט פון גאָר דער וועלט. הערנדיק די דאָזיקע רייד מיינע, איז וואָלאָדיאַ אַזוי בלייך געוואָרן אויפן פּנים, אַז כ'האָב מורא געהאַט, דאָס אָט־אָט פאַלט ער אַוועק אין מיטן גאַס. האָב איך אַזש אָנגעהויבן צו וויינען פאַר אים: טייערער וואָלאָדיאַ, שטאַרקט אייך, איך בין דאָך נישט אויסן געווען אייך וויי צו טאָן, האָט ער מיך אָנגענומען ביי די שפּיץ פינגער פון דער האַנט, און אַריינגעפירט ערגעץ אין אַ טויער. דאָרטן האָט ער צו מיר שטיל אָנגעהויבן צו ריידן, אַז ס'איז זייער גוט וואָס איך האָב אים געזאָגט דעם גאַנצן אמת מיינעם, וואָרעם ער איז געווען גרייט מיר צו זאָגן עפּעס אַ זייער וויכטיקס, אָבער איצטער האָט ער דערפון מער נישט צו ריידן. אַזוי האָט ער צו מיר גערעדט, איך האָב אויף אים געקוקט און געזען ווי די ליפּן האָבן ביי אים ווי אין אַ קאָנוווּלסיע זיך געטרייסלט. האָט ער ענדלעך ווי עס איז זיך געשטאַרקט און מיט אַן אַנטשלאָסענעם און פעסטן „אַדיע" אַ דריי זיך אויס געטאָן און איז אַוועק.

אברהמעלע האָט געבומען מורמלען, אַז ס'טוט אים אויסטערליש וויי, וואָס ער איז געווען אַ שטיק גורם צו דער זאַך. דערויף האָט עטל אים געענטפערט, אַז דאָס וואָס איר טוט וויי אין דער זאַך, איז עס דאָס וואָס וואָלאָדיאַ, וועלכער איז איר פאַקטישער ווילטעטער געווען, האָט זיך

דערפון אַזוי שטאַרק איבערגענומען. אָבער וואָס האָט זי דען געקאָנט אָנ־דערש אים זאָגן, אַנדערש צו אים ריידן? ובנוגע דער עצם־זאַך מוז זי דאָך מודה זיין, דאָס זי האָט נישט קיין חרטה דערויף וואָס זי איז געווען די „כלה" ביים ציוניסטישן קאָנצערט. דאָס איז געווען פאַר איר אַ גענוג אינטערעסאַנטע זאַך. נאַטירלעך, אַז זי איז נישט דערפון צעפלאַמט גע־וואָרן אין דער מאָס ווי דער אַלטער עזריאל, אָבער אַלס אַ יידישע טאָכ־טער איז פאַר איר געווען אינטערעסאַנט צו זען אַזאַ ערלעכן עולם וואָס עס איז דאָרטן געווען, און צו הערן די פיינע רעדעס, וועלכע זי האָט גע־הערט דאָרטן אין דער „ווינער סאַליע".

נײַנצנטער קאַפּיטל

## ווי אַ וועלט דרייט זיך

דער הימל איבער עטלס קאָפּ האָט זיך שוין געהאַט שיין אויסגע־לייטערט. אברהמעלע האָט נאָך עטלעכע צוגרייטונגען אין שטוב, ענדלעך אַריינגעבראַכט עטלען, אין אַ שבתדיקן נאָך מיטאָג אין דער שטוב פון זיי־נע טאַטע־מאַמע, און איר פאָרגעשטעלט אַלס זיין האַרץ־געליבטע כלה. אברהמעלעס מאַמע האָט זיך הייס געקושט מיט „איר בן־יחידס כלה", און איר מכבד געווען מיט די בעסטע איינגעמאַכטסן פון אירע גאַנשערס. „דרך אַגב" האָט זי דערציילט, אַז שוין יאָרן, יאָרן, האָט זי איר מוטער עליה השלום נישט געזען אין חלום, און דאָ האָט זיך איר — ערשט היינ־טיקן דאָנערשטיק ביינאַכט — געחלומט, אַז די מוטער אירע איז אַריינ־געקומען אין שטוב אַריין און האָט צו איר געזאָגט: „מזל־טוב דיר, יוכבד! דו מעגסט שוין אָנהייבן צוצוגרייטן געשליסענעם פּוך צו דיין אברהמע־לעס אויסשטייער".

אונדזער גוט־באַקאַנטער ר' איטשע־מאיר האָט דעם זונס האַנט גע־נומען אין זיין רעכטע האַנט, און עטלס האַנט — אין זיין לינקער, און געוווּנטשן זיי ביידע אַ האַרציקן מזל־טוב. אויסדרייענדיק זיך צום ווייב, האָט ער אַ הייב געטאָן מיט ביידע אַקסלען און אַ זאָג געטאָן: פּכע!

ביסט אַ מבין יוכבד, די גאַנצע זאַך קומט ביי מיר אויס „פּלאַי־פּלאַים". הער אַ מעשה. אַ מענטש נעמט און פאַרט אַרויס פונעם שטעטל ריקע ביז צו דער באַן־סטאַציע גאַריי, מאַכט זיך, אַז מען פאַרשפּעטיקט דעם צוג אפשר מיט אַ האַלבער מינוט. און דאָ איז געקומען אַנצופאָרן פון ערגעץ עפּעס אַ בויד, און דער בעל־עגלה דערציילט, אַז מען האָט פון דער באַן אַראָפּגענומען אַ יונג מיידל, באשר זי האָט — ווי זי זאָגט — פאַרלוירן דעם באַן־בילעט וואָס איז געלעגן אין אַ בייטעלע. טאַ גיי זשע דו בן אדם און זיי אַ נביא, אַז דאָס מיידל ווען דו העלפסט איר צו קענען קומען קיין וואַרשע, איז נישט קיין פּראָסט מיידל, ווען דו טוסט אַ שטיקל טובה לשם מצווה, נאָר אַז דו ברענגסט אַריין קיין וואַרשע די כלה פון דיין זון. נו, ביסטו אַ מבין, יוכבד, מיט וואָס פאַר אַ רעדעלעך די וועלט דרייט זיך?

ווען עטל האָט דער מאַדאַם זשעפּאַק דערציילט פון איר גליק, האָט יענע איר אָפּגעגעבן אַ ברייטן מזל־טוב, און פייערלעך דערקלערט, אַז זי נעמט אויף זיך צו מאַכן פאַר איר דעם גאַנצן אויסשטייער, און אם ירצה השם אויף דער חתונה וועט זי זיין די הויפּט־מחותנתטע פון דער כלהס צד.

האָט אָבער גאָרנישט לאַנג געדויערט, ווי פינצטערע וואָלקנס האָבן זיך אָנגעהויבן שפּרייטן אויף עטלס קאָפּ. פינצטערע און טעמפּע זענען זיי געווען, און זיי האָבן אויף עטלס באַקן אַרויסגערופן טרערן און טרערן, און צוזאַמען דערמיט איז די חתונה אויף אַ לאַנגער צייט אָפּגערוקט געוואָרן.

דער ערשטער קנאַל איז געשען אינעם טאָג פונעם ערשטן מאַי. אין יענעם טאָג זענען אברהמעלע מיט עטלען געווען פאַרבעטן אויף אַ „ברית" ביי אברהמלעס אַ געשעפט־קאָלעגע.ביים „ברית" האָט דער קאָלעגע מכבד געווען אברהמעלען מיט זיין כלה מיט „קוואַטערשאַפט". דער עולם ביים „ברית" איז באַשטאַנען פון די משפּחה־לייט און פון אַ סך יונגעלייט, געשעפט־קאָלעגן פונעם בעל־ברית. איז שוין קיין חידוש נישט וואָס ס'איז דאָרטן געווען זייער פריילעך. מען האָט געגעסן און געטרונקען און געזונגען. מען האָט געזונגען חסידישע ניגונים און יידישע פאָלקסלידער, און פלוצים האָט מען דורכן פענצטער באַמערקט עפּעס אַן אויפגערעגטע

לויפעניש אויף דער גאַס. עמיץ איז אַרויסגעלאָפן געוויר צו ווערן וואָס אַזוינס ס׳האָט פּאַסירט, און נאָך עטלעכע מינוט איז ער צוריקגעקומען מיט אַ טרויעריקער בשורה: „אַ וואָגן מיט ענדעקישע כוליגאַנעס האָט זיך דורכגעריסן דורך דער בונדיסטישער מאַניפעסטאַציע, צעטרעטנדיק יונג און אַלט, און ווי ס׳הערט זיך, זענען דאָ טויטע מיט פאַרוווּנדעטע״.

צומאָרגנס אין דער פרי איז אין די צייטונגען געדרוקט געווען די אויספירלעכע אינפאָרמאַציע: „די מאַניפעסטאַציע פונעם „בונד״ וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון דער רימאַרסקע גאַס, איז אין דער שענסטער אָר־דענונג דורכגעגאַנגען די גאַסן סענאַטאָרסקע, ביעלאַנסקע, מוראַנאָווסקע און דזיקע. אין דער שפּיץ פון דער פּראָצעסיע האָט מען געזען אַלע וויכ־טיקסטע אָנפירער פונעם בונד, ווי ביניש מיכאַלעוויטש, מעדעם, א. ליט־וואַק, אסתר פרומקין, ב. זילבערפאַרב, בראָניסלאַוו גראָסער און נאָך אַנ־דערע. ווען די פּראָצעסיע האָט אָנגעהויבן אַריבערצוגיין די ברייט פון דער גענשע גאַס, איז פון יענעם עק גענשע אָנגעלאָפן מיט דער גרעסטער שנעלקייט אַ לאַסטוואָגן מיט ענדעקישע כוליגאַנעס, און איז אַרויף אויף די מיטעלע רייען פון דער מאַניפעסטאַציע. אין דער גוואַלדיקער בהלה איז נישט געלונגען צו פאַרהאַלטן דעם כוליגאַנישן וואָגן, דאַסגלייכן איז אין ערגעץ נאָענט נישט געווען אַפילו קיין איין פּאָליציאַנט, און אַזוי איז געלונגען די כוליגאַנעס שנעל צו אַנטלויפן.

„די נעמען פון די קרבנות זענען: סטודענט וואָלף (אָדער וואָלאָדיאַ) מאַלקין — טויט, און לייזער טאַפּטשאַן — שווער פאַרוווּנדעט. נאָך דריי — איין עלטערער מאַן און צוויי מיטליעריקע פרויען — לייכט פאַרוווּנ־דעט.

פון דער דאָזיקער געשעעניש איז עטל געוואָרן בוכשטעבלעך צע־בראָכן. טאָג און נאַכט האָט זי געוויינט. נישט אַנדערש ווי נאָר אַז זי איז די שולדיקע אין דעם אומגליק, וואָרעם צוליב איר איז דאָך וואָלאָ־דיאַ אַנטלאָפן פון שטוב און איז אַריין צו לייזער טאַפּטשאַן. אברהמעלע האָט מיט אַלערליי מיטלען זיך באַמיט איר צו באַרויקן. ער האָט איר פאַרגעלייגט צו גיין אויף אַלערליי פאַרשטעלונגען, אָבער זי האָט נישט געוואָלט אַפילו דערפון הערן. איינמאָל, און געווען איז דאָס מיט אַ צען

וואָכן שפּעטער נאָכן אומגליק מיט וואָלאָדיאַן. האָט אברהמעלע מיט איר אַ רעד געטאָן וועגן באַשטימען אַ טאָג פון דער חתונה, האָט זי אים דערקלערט, אַז פריער פון אַ יאָר נאָכן אומגליק מיט וואָלאָדיאַן, וועט די חתונה נישט קענען זיין. וואָרום כאָטש אַ יאָר מוז זי טרויערן נאָך דעם מענטשן וואָס איז גוט געווען צו איר מער ווי אַ געבוירענער ברודער.

שפּעטער, ווען עס האָט שוין געהאַלטן נאָענט צום יאָרטאָג פון וואָלאָדיאַס טויט, איז ווידער צו עטלען אָנגעקומען אַ בריוול פון אַשלאַכענטש, אַז די מאַמע אירע איז געשטאָרבן. געשריבן דאָס בריוול האָט שפּרינצל, די מומע גאָלדעלעס טאָכטער, און געשריבן האָט זי, אַז די „צדקניותדיקע" מומע פייגעלע, האָט מיט דריטהאַלבן וואָכן צוריק זיך געלייגט שלאָפן פרייטיק-צו-נאַכט, און איז מער שוין נישט אויפגעשטאַנען. זי איז געבעך אַנטשלאָפן געוואָרן ווי אַ הון. דאָס וואָס דאָס דאָזיקע בריוול פאַרשפּעטיקט זיך — האָט שפּרינצל געשריבן — איז עס דערייבער, ווייל קיינער פון דער משפחה האָט נישט געוווסט עטלס אַדרעס. נאָר ערשט איצטער ביינאַכט האָט זי, שפּרינצל, אַ נעם געטאָן אין האַנט אַריין דער מומע פייגעלעס „מנורת המאור", איז פון צווישן די בלעטער אַרויסגעפאַלן עטלס אַ בריוול, מיטן אַדרעס פון ראובן האָזענשפּרונג. האָט זי זיך צוגעאיילט און אָנגעשריבן איר, כדי זי זאָל וויסן דערפון. דאָסגלייכן האָט זי דערפון אָוועקגעשיקט אַ בריוול אויך צו איר ברודער, הערשעלען, קיין לובלין.

נאָכן דאָזיקן נייעם אומגליק, האָט זיך ביי עטלען ווידער געעפנט דער קוואַל טרערן, און די חתונה איז ווידער אָפּגעלייגט געוואָרן.

בינו לבינו איז די וועלט נישט געבליבן שטיין אַזוי רואיק ווי ביז אַהער. אין רוסלאַנד האָט די רעגירונג זיך אַ נעם געטאָן, און מיט די גרעסטע אכזריות האָט זי דערטרונקען אין בלוט דעם אָנהייב פון דער רעוואָלוציע. ס'איז געווען אַ טרעפּאָוו, שפּעטער — אַ גאָרעמיקין, און נאָך שפּעטער — אַ סטאָליפּין, און דורך זיי זענען אַלע טורמעס געוואָרן איבערפולט. עס האָבן אויך נישט גערוט די וועגן קיין סיביר, וווהין פּאָליטישע פאַרברעכער האָבן מאַרשירט „עטאַפּנאָם פּאָריאַדקאָם", קלינגענדיק מיט אייזערנע קייטן און באַוואַכטע מיט באַוואָפנטע סאָלדאַטן. דאָ

און דאָרטן האָט מען אויך געהערט פון תליות. אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער פרילינג פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ווער פון די פירער האָט נאָר געקאָנט זיך ראַטעווען, איז ער שנעל אַרויסגעפאָרן איבערן גרענעץ און אינעם האַרצן האָט ער געטראָגן די האָפנונג, אַז דערמיט איז די זאַך נאָך נישט געענדיקט, און אַז עס וועט נאָך קומען אַ טאָג, אין וועלכן די ממשלה פון די ראָמאַנאָווס וועט צעשטערט ווערן, און די אַלע געשמידטע אין קייטן וועלן געבראַכט ווערן צוריק פון די סיבירער טייגעס קיין מאָסקווע און פעטערבורג, ווו זיי וועלן דיקטירן זייערע פרייהייט־לאָזונגען.

אינמיטן דעם אַלעם — צווישן דער דערדריקטער אָנהייב־רעוואָלוציע און דעם אָנהייב פונעם קאָמוניזם — האָט די גרויסע וועלט זיך אויפגעשטורעמט אונטערן שאָס פון גאַווריל̈אָ פרינציפּ, אינעם שטעטל סאַראַיעווע, דער שאָס וואָס האָט אַרויסגערופן די ערשטע וועלט־מלחמה. צווישן די ערשטע טויזנטער מאָביליזירטע סאָלדאַטן פון דער שטאָט וואַרשע האָט זיך געפונען אויך אַברהמעלע, און צוזאַמען מיט זיי איז ער אַוועקגעשיקט געוואָרן צום פראָנט.

ביי דער שלאַכט אונטער קראַשניק האָבן די רוסן צעשמעטערט דעם עסטרייכישן גענעראַל דאַנקלס אַרמיי. שפּעטער מיט עטלעכע וואָכן האָבן ווידער די עסטרייכער געהאַט אַ שטיקל נצחון, און דאָרטן איז אברהמעלע, אַ לייכט־פאַרוווּנדעטער — גענומען געוואָרן אין געפאַנגשאַפט, דורך אַן אונגאַרישן פּאַטרול. צוויי און אַ פערטל יאָר האָט נישט עטל און נישט זיינע טאַטע־מאַמע געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט אים, און ענדלעך איז דורכן „רויטן קרייץ" אָנגעקומען פון אים אַ קורץ בריוול. פונעם בריוו איז מען געוווּיר געוואָרן, אַז ער געפינט זיך אין אַן אונגאַרישן געפאַנגענלאַגער, און אַז ער איז געזונט. האָט אברהמעלעס פאָטער, איטשע־מאיר, אָנגענומען ביי איין האַנט דאָס ווייב און ביי דער צווייטער האַנט —עטלען, און האָט מיט זיי געמאַכט אַ טענצל. ביים טאַנצן האָט ער צוגעזונגען דעם פּסוק פון הלל: „יסור יסרני יה ולמות לא נתנני", און פאַרטייטשט האָט ער זיי דעם פּסוק אויף יידיש: אַז ער דאַנקט דעם הימל, וואָס אין דער גרויסער שטראָף וואָס זיין קינד געפינט זיך אין אַ ביטערער מלחמה, הערט ער ברוך השם די גוטע בשורה, אַז ער לעבט און איז

ברוך השם געזונט. און הלוואי זאָל ער אויך אויף ווייטער אָפּגעהיט ווערן פון שלעכטס. און אם ירצה השם אַהיימקומ׳ען אַ געזונטער אויף אַלע גלי־דער, און אם ירצה השם וועט מען מאַכן אַ פריילעכע חתונה, אָמן.

עטלעכע חדשים שפּעטער איז באַקאַנט געוואָרן די באַלפור־דעקלאַ־ראַציע, און יידן פון אַלע עקן וועלט האָבן געטאַנצט אין די גאַסן. ביי איטשע־מאירן אין שטוב האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ צענדליק מענטשן. צווישן זיי איז געווען ראובן מיט צפורהלען, הערש־יאַנקל מיט זיין ווייב און פערלמאַן. באַלד איז מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אויך אַריינגעלאָפן עזריאל וואַטענמאַכער. מיטן ערשטן גלעזל כרמל־וויין האָט מען מכבד געווען טאַ־קע דעם אַלטן עזריאל. ערשטנס ווייל ער איז געווען דער עלטסטער פון אַלע, און צווייטנס ווייל ער פלעגט כמעט יעדע וואָך אַריינקומען פרעגן וואָס מען הערט פון אברהמעלען. איצטער האָט דער אַלטער ביי זיין „לחיים" געווונטשן, אַז אים ירצה השם וועט אברהמעלע וועט אַהיימקו־מען, וועט ער אויף זיין חתונה שטעלן צום טיש גאַנצע פינף פלעשער כרמל־וויין...

צוואַנציקסטער קאַפּיטל

## אוי חברים, ווי איך בין אייך מקנא!

ענדלעך האָט די וועלט־מלחמה זיך פאַרענדיקט. און אין דער לעצ־טער שורה האָט דאָס פוילישע פאָלק געוווּנען פון דער מלחמה מער פון וועלכן ס׳איז פון די אַנדערע פעלקער. דאָס לאַנד פוילן, וואָס צוריק מיט אַ הונדערט און פופציק יאָר איז עס צעשניטן געוואָרן אויף דריי חלקים, כדי פאַרטיילט צו ווערן צווישן אירע בלוטיקסטע שונאים: רוסלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך, איז עס צוריק אויפגעשטאַנען צום לעבן נאָך דער באַלשעוויזירונג פון רוסלאַנד, און נאָך דער פאַרשפּילטער מלחמה פון די דייטשן און עסטרייכער. אַלע דריי אירע טיילן זענען דעמאָלט צו־ריק פאַראייניקט געוואָרן אַלס אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה מיטן נאָמען: „די גאַנצע און נישט־צעטיילטע פּוילישע רעפּובליק".

אַזוי האָט פּאַסירט, אַז די יידן פון גרויס־פּוילן, פון גאַליציע און פון שלעזיע, זענען אין איין פרימאָרגן אויפגעשטאַנען פון די גלעגערס און דערהערט די נייעס, אַז זיי האָבן אַ „נייעם באַלעבאָס" איבער זיך...

זייער דערפרייט פון דער דאָזיקער ידיעה זענען געוואָרן די רייכע יידישע אַסימילאַטאָרן. די דאָזיקע לייט, וואָס אין זייערע הייזער האָט מען שוין לאַנג קיין יידיש וואָרט נישט געהערט ריידן, און קיין יידישער ספר איז נישט אַריינגעבראַכט געוואָרן, איז נאָך דער צוריק־אויפלעבונג פון פּוילן האָבן זיי זיך באַמיט וואָס מער אויסצוזען ווי אמתע פּאַלאַקן. דעם פּאַלטאָ מיט דעם פּעלץ האָט מען אויסגעביטן אויף אַלט־פּוילישע „קאַנטושן", און די וואָנצעס האָט מען געפּלעגט. אַז זיי זאָלן זיין דיקע און מיט אַרויפגעדרייטע שפּיצן...

וואַרשעווער יידן, יענע וואָס פלעגן האַנדלען מיט די מאָסקווער פאַבריקאַנטן, אָדער יענע וואָס פלעגן די סחורות פון די וואַרשעווער נאַלעווקעס אַרויסשיקן אַזש קיין סיביר אָדער קיין טורקעסטאַן, האָבן איצטער גענומען קנייטשן דעם שטערן, צו וועלכער נייער פּרנסה קאָן מען איצטער זיך נעמען. עס זענען אויך געווען יידן, וואָס זייער האַנדל האָט געקאָנט אויסקומען פאַר פּוילן אַליין, און אַפילו בלויז פאַר וואַרשע אַליין, אָבער ווער ווייסט — האָט מען געטראַכט — ווי מען וועט אויסזען מיטן שטיקל פּרנסה ביים „פּאַלאַק". צי יענע וועלן נישט אַמאָל מאַכן, אַז דאָס שטיקל פּרנסה פונעם ייד זאָל אויף אַ העלפט אָדער אויף נאָך ווייניקער ווערן אַוועקגענומען.

— אוי גוואַלד, — האָבן יידן גערעדט — נישט בחינם זאָגט מען, „אַז מען טאָר נישט בעטן גאָט פאַר אַ ניי מלכות"...

דאַקעגן דער ציוניסטישער עולם, וועלכער איז זייט דער באַלפור־דעקלאַראַציע געוואָרן פּילפּאַך פאַרגרעסערט, האָט נאָך דער מלחמה אָנגעהויבן ערנסט טראַכטן וועגן פאָרן קיין ארץ־ישראל. האָט מען דעריבער גענומען אויספאָרשן די מעגלעכקייטן פון קענען זיך אין ארץ־ישראל איינאָרדענען מיט אַ שטיקל פּרנסה. אין יענע וואָכן און חדשים האָבן די טירן פונעם „פּאַלעסטינאַ־אַמט" כמעט זיך נישט פאַרמאַכט. מען איז אַהינגעקומען און אָפּגעשטאַנען גאַנצע שעהן און נאָכגעפרעגט זיך. איי־

נער ביים צווייטן האָט זיך נאָכגעפרעגט שטייענדיק אין דער ריי. שפּע־טער ווען מען איז שוין צוגעקומען צום באַאַמטנס טיש. האָט מען זיך ווי־דער איבערגעפרעגט, אַזוי צי אַזוי. אַוועקגייענדיק פונעם באַאַמטנס טיש, האָט מען זיך ווידער צוגעהערט צו די מענטשן־רעדלעך און מען האָט אויסגעהערט אַלערליי אַרויסגעזאָגטע מיינונגען, סיי דאָס וואָס יענע האָבן געהאַט פון די צייטונגען, און סיי וואָס זיי האָבן אַליין געהערט פון מענטשן קאָמפּעטענטע אין דער דאָזיקער פראַגע.

און אָט איז מען אין גאַס געוויר געוואָרן וועגן צוויי גרעסערע אָר־גאַניזירטע גרופּעס, וואָס פאָרן „אַ לאַדע וואָך" אַוועק מיט „האַק און פּאַק" קיין ארץ־ישראל. און אַז יעדע פון די צוויי גרופּעס וועט אויפ־שטעלן אין ארץ־ישראל אַן אייגענע קאָלאָניע. די דאָזיקע ידיעה האָט ממש אויפגעשטורעמט דאָס וואַרשעווער יידנטום, ווייל די צוויי מענטשן וואָס האָבן אָרגאַניזירט די גרופּעס, זענען געווען גענוג באַקאַנט אין שטאָט.

איינער פון די צוויי איז געווען שמואל זשוכאָוויצקי, דער פּאָרזיצער פונעם קרן־היסוד אין פּוילן. אויסער דעם איז ער אויך געווען אַ רייכער מאַן, און דער אייגנטימער פונעם באַוווסטן „מלאָווערס הויף", וואָס עס האָט געמיינט דאָס הויז אויף נאַלעווקע נומער 11, אַ הויז וואָס איז באַ־שטאַנען פון דריי גרויסע הויפן, מיטן לעצטן הויף אַרויס אויף דער דזשי־קע גאַס. האָט דער דאָזיקער ייד פאַרקויפט די דאָזיקע דריי הויפן, כדי דערמיט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. באַלד זענען צו אים צוגעשטאַנען אַ סך אַנדערע פאַרמעגלעכע יידן. מערסטנס סוחרים פון די נאַלעווקעס, און דאָס איז געווען די גרופּע, וואָס קומענדיק קיין ארץ־ישראל, האָבן זיי אויפגעבויט די קאָלאָניע „מגדיאל".

יצחק גערשטנקאָרן איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער צווייטער גרופּע. אויך דער ייד איז געווען אין וואַרשע אַ גענוג באַקאַנטע פּערזענ־לעכקייט. אַליין אַן אַנגעזעענער סוחר געווען אויף די נאַלעווקעס, פלעגט ער אָבער אויך געפינען גענוג צייט צו לערנען תורה אויפן גרויסן שטיי־גער, אַלזאָ צוזאַמען מיט זיין גרופּע וואָס איז באַשטאַנען אין מערסטנ־טייל פון יידן שאַרפע „בני תורה", זענען זיי אַוועק קיין ארץ־ישראל. ווו זיי האָבן אויפגעבויט די רעליגיעזע קאָלאָניע „בני־ברק".

אויסער זיי זענען פון ווארשע, און בכלל פון גאנץ פוילן, ארויסגע־פארן דעמאלט א סך יידן, אין מערסטנטייל זענען דאס געווען מענטשן וואס האבן נישט געוואלט געהערן צו א גרופע, מחמת דעם וואס זיי האלטן אז זיי קאנען זיך אליין בעסער אן עצה געבן, ווי זיין צוגעבונדן צו וועמען אנדערס מיינונג. אין דער לעצטער שורה פלעגט דער „ווינער וואקזאל" אין ווארשע זיין, אין אן אוונט ווען יידן זענען אוועקגעפארן קיין ארץ־ישראל, אזוי אנגעפאקט און אזוי רוישיק. וואס מען האט עס קיינמאל פריער נישט געזען און נישט געהערט. ווייל אויסער די „עולים" אליין מיט זייערע משפחות און קרובים, זענען דארטן אויך אהינגעקומען הונדערטער יידן, באקאנטע און פרעמדע, און צו די ברכות און ווינטשע־וואניעס האט קיין סוף נישט גענומען. על פי רוב האט נאך אזא איינער געהאט א „הייסע בקשה" צו דעם אדער יענעם „עולה": למען השם אז באלד נאכן אהינקומען קיין ארץ־ישראל, זאל מען צו אים תיכף ומיד שיקן א פאסטקארטל און ארויסשרייבן „כל דבר שורש", וואס עס הערט זיך אין ארץ־ישראל, און ביי וואס מען קאן האבן דארטן א שטיקל פרנסה". נאכן אפרעדן און נאכן צעקושן זיך, האט דער גאנצער עולם זיך אויסגע־שטעלט און מען האט אפגעקנאקט א „עוד לא אבדה תקותנו" אויף דער העכסטער אקטאווע...

ביי איינער אזא באגלייטונג פון „עולים" אין א „שבת־צו־נאכט" ביים ווינער וואקזאל, זענען צווישן אנדערע דארט אויך געווען אברהמעלע מיט עטלען און אויך פערלמאן מיט צען־צוועלף אנדערע פריינט־ציונים. איז נאכן אפזינגען די „התקוה", צוגעגאנגען פערלמאן צו אברהמעלען און עטלען, און מיט טרערן אין די אויגן האט ער אזוי צו זיי געזאגט: „איך האב געהערט אז גאר אין קורצן פארט איר ביידע אויך אוועק קיין ארץ־ישראל, זאג איך אייך חברים: גוואלד, ווי איך בין אייך מקנא!... דו הערסט, אברהמעלע? איך, פערלמאן, א מענטש וואס האט אויף זיין גאנץ לעבן קיינמאל נישט מקנא געווען, זאג איך אייך בפירוש, מיינע טייערע און ליבע, אז איך בין אייך מקנא. איך ווינטש אייך אלע דאס בעסטע, אבער איך בין מקנא...

— הער זשע פערלמאן ידידי — האט אברהמעלע אים געענטפערט

— איך בין זיכער אַז עס וועט לאַנג נישט דויערן און דו וועסט אויך זיין אין ארץ־ישראל. דיין זון פּנחסל וועלער לערנט אין דער „קבוצת הכשרה" אין גראַכאָוו, ער וועט דיך אַהינבעמען צו זיך, נאָך זיין אייגן אַהינקומען קיין ארץ־ישראל, וו ער וועט ווערן אַריינגענומען אַלס חבר אין אַ קבוצה. דו וועסט זען, פּערלמאַן, אַז מיר וועלן דאָרטן, אם ירצה השם, נאָך אַלע צוזאַמען טאַנצן אַ פריילעכן „האָראַ"...

מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער איז פאָרגעקומען די חתונה פון אברהמע־לען מיט עטלען. די חתונה איז געווען נישט קיין רוישיקע, ווייל ווי אברהמעלעס פאָטער, איטשע־מאיר. האָט דערקלערט, איז אַ שאָד אויס־צוגעבן איצט איבעריק געלט, אין דער צייט ווען „די קינדער" גרייטן זיך שוין סיי־ווי־סיי אָוועקצופאָרן קיין ארץ־ישראל.

***

שטיל און געלאַסן האָט מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער די איטאַליע־נישע שיף „קאַרניאַלאַ" זיך געגליטשט איבער די בלויע וואַסערן פונעם מיטללענדישן ים.

דער ים פון זייט זייט האָט אַפּנים זיך געשפּירט אין גרויסער חשי־בות דערמיט, וואָס אויף אים גייט איצט אַ שיף מיט „עולים" קיין ארץ־ישראל. וואָרעם ווייסן ווייסט דער דאָזיקער ים, אַז נאָר צוליב ארץישראל איז ער געקרוינט געוואָרן מיטן טיטל: „ים הגדול", וואָס מיינט „דער גרויסער ים". ווייסט עס דער ים און איז דערמיט זייער שטאָלץ.

אויפן דעק פון דער דריטער קלאַס האָבן זיך אין אַ ווינקל אויסגע־זעצט אברהמעלע מיט זיין ווייב עטל; הערש־יאַנקל מיט זיין ווייב ברכה, און זייערע צוויי קינדער הענעלע און רבקהלע, מיט נאָך עטלעכע וואַר־שעווער יידן. דער שמועס איז געווען וועגן די שטורמישע אָוואַציעס, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן פאַר זיי און פאַר די אַנדערע „עולים" ביים ווינער וואָקזאַל פאַרן אָפּפאָרן. הערש־יאַנקלס ווייב, ברכה, קאָן נישט פאַרשטיין, הלמאַי האָט דער פּאַלעסטינע־אַמט נישט מסכים געווען צו העלפן פּערל־מאַנען, אַז ער זאָל אויך קענען פאָרן קיין ארץ־ישראל. טאַקע אַזוי — זאָגט זי — אַזאַ טייערן ייד און אַזאַ הייסן ציוניסט, האָט מען פאַר אים

דאָס באַדאַרפט צו טאָן, און נישט ווי איינער עפּעס. אַ גאָר יונגער באַ־אַמטער דאָרטן, האָט צו אים געזאָגט: „לײדער חבר פּערלמאַן, אין ארץ־ישראל איז איצטער נאָך נישטאָ די פּרנסה־מעגלעכקייט פאַר אַ זשאַנ־דצע".

דערציילט הערש־יאַנקל, אַז פּערלמאַנס ייִנגל, פּנחסל, לערנט שוין ס׳צווייטע יאָר אין דער „הכשרה חקלאית" אין גראָכאָוו. און אַז עס וועט נעמען נאָך אַ צוויי יאָר ביז דער פּנחסל וועט אַהינגעשיקט ווערן קיין ארץ־ישראל ערגעץ אין אַ קבוצה אַריין, דעמאָלט וועט פּערלמאַן אַליין אויך האָבן אַ פרייען וועג אַהין צו קומען צום זון.

עטל פון איר זייט בעט ביי איר מאַן אברהמעלען, אַז ער זאָל דער־ציילן ווי אַזוי פּערלמאַן האָט זיך ספּעציעל מיט אים געזעגנט דאָרטן ביים וואָקזאַל. וואָרעם אויף איר — זאָגט זי — האָט דאָס געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. לאָזט זיך אברהמעלע נישט לאַנג בעטן, און ער דערציילט פאָלגנדעס: נאָך דעם ווי פּערלמאַן האָט זיך שוין מיט אים געהאַט אָפּגעזעגנט און צעקושט, איז ער נאָך שטיין געבליבן און געקוקט אים עטלעכע מינוט אין די אויגן אַריין. דאַן האָט ער אים נאָכאַמאָל אַרומגענומען און געגעבן אים נאָך אַ קוש. און מיט אַ ציטערדיקער שטי־מע האָט ער צו אים אַזוי געזאָגט: „זעסטו, אָט דעם לעצטן קוש, אברהמע־לע, האָב איך געגעבן פאַר ארץ־ישראל. ווען דו, אברהמעלע, וועסט אָנ־קומען צוזאַמען מיט דיין ווייב עטל דאָרטן אַהין, און מיט אייערע פיס וועט איר באַטרעטן דעם ערשטן שפּאַן ערד פונעם הייליקן לאַנד, זאָלסטו אברהמעלע זיך אַראָפּבייגן און אַ קוש טאָן די ערד און זאָגן: „דו, היי־ליקע ערד פונעם פאָלק ישראל, דאָס האָב איך דיר איבערגעגעבן דעם קוש פון מיין פריינד נחמיה בן אלימלך פּערלמאַן פון וואַרשע". אַזוי האָט ער געזאָגט ווען זיינע גליענדע אויגן האָבן געפלייצט מיט הייסע טרערן".

צום רעדל קומט צו בערעלע, דער יונגער „מטיף" פון דער „ציון המצוינת". ער האָט — זאָגט ער — אַ וואָזשנע בשורה. דער קאַפּיטאַן פון דער שיף האָט אים געלאָזט רופן צו זיך, און האָט אים דערציילט, אַז ער וויל ביים אַריינקומען מיט דער שיף צום חיפהער פּאָרט, זאָל ער האָבן פּלאַטערן אויפן העכסטן זעגלבוים אַ בלוי־ווייסע פאָן. דער קאַפּיטאַן וויל

געבן צוויי ווייַסע ליילעכער, און ער בעט, אַז מען זאָל אויסגעפינען ביי וועמען פון די פּאַסאַזשירן אַ גרעסער שטיק בלויען שטאָף, ווייל מען פון ביידערליי שטאָפן אויפנייען די בלוי־ווייסע ציוניסטישע פאָן.

— שאַט, שאַט! — האָט הערש־יאַנקל ווייב, ברכה, אויסגעשריגן.

— וואַרט נאָר איין מינוט און איר וועט באַלד האָבן דעם נייטיקן בלויען שטאָף. — זי לויפט אַראָפּ צו זיך אין דער קאַבינע און קומט אַרויף מיט אַ גרויס שטיק בלויען וואָל־שטאָף. — דאָס — זאָגט זי — האָט זי געקויפט אין טריעסט, כדי אויפצונייען זיך אַ קלייד. גיט זי עס בעסער אַוועק פאַר דער ציוניסטישער פאָן.

— אָבער ווער וועט עס קענען אויפנייען? — פרעגט זיך בערעלע

— אויפנייען אַזאַ פאָן דאַרף מען דאָך קענען. מען קאָן עס נישט געבן קיין מענטשן, וועלכער האָט נאָך קיין פאָן קיינמאָל נישט אויפגענייט.

— איך בין אַ ספּעציאַליסטקע פון אויפנייען פענער! — רופט עטל אויס פריילעך — גיט עס מיר איבער און איר וועט שוין זען וואָס פאַר אַ שיינע פאָן דאָס וועט זיין.

איינער אַ יונגער בחור קומט צו מיט אַ פאָרשלאָג, אַז היות ער איז אַ מאָלער, איז ער גרייט אויפצושרייבן אויף דער פאָן: „דגל מחנה וואַרשע", אָבער דער „יונגער מטיף" בערעלע דערלויבט עס נישט. די בלוי־ווייסע פאָן — זאָגט ער — איז אָנגענומען געוואָרן אַלס פאָן פונעם גאַנצן יידישן פאָלק און נישט בלויז פאַר אַ שטאָט אָדער פאַר אַ גרופּע. און ווייל וועט זיין צו יענעם דור, ווען דאָס יידנטום פון אַלע גלות־לענדער און שטעט וועלן נישט צו לאַנג וואַרטן, נאָר באַצייטנס זיך פאַרזאַמלען אַרום דער בלוי־ווייסער פאָן. דעמאָלט וועט אין זייער קומען קיין ארץ־ישראל זיך הערן די פרייד פון דער גאולה. עס וועט הייסן, אַז פונעם אייגענעם ווילן איז מען אויסגעלייזט געוואָרן פונעם גלות. און הלוואי אַז דאָס זאָל אַזוי געשען. דאַקעגן האָב איך שטאַרק מורא — אַזוי האָט ער געזאָגט — אַז יענע וואָס וועלן יאָ לאַנג וואַרטן, זאָלן נישט דאַרפן לויפן קיין ארץ־ישראל ווי געיאָגטע דורך דער בייטש פונעם שונא. דעריבער איז הלוואי אַז יידן זאָלן שכל האָבן און באַצייטנס אַהער קומען. הלוואי!

— הלוואי, הלוואי! — איז געווען דער אויסרוף פון דער פאַרזאַמלטער וואַרשעווער גרופּע, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע, וועלכע זענען געקומען אַהערצולויפן, צו הערן דעם באַקאַנטן מטיף, בערעלע.

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

## ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאַנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) **ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ**

31) **שמחה פאַליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט
33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...
36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פאַוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) **ד״ר ח. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) **שלמה וואָגאָ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגעניש̈ן (זכרונות)
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (ראָמאַן)
55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) **שלום אַש** — פּעטערבורג־וואַרשע־מאָסקווע
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61־62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64—65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע״
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)
66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) **י. י. טרונק** — סימכע פּלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופערנע הימלען (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראטור־פאנד אין סאן פאולא, בראזיל, 1952)
74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאנד
75) זיגמונט טורקאוו — פראגמענטן פון מיין לעבן
76) יהושע פערלע — יידן פון א גאנץ יאר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראטור־־פרעמיע פון „בונד״ אין פוילן, ווארשע 1937)
77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן
78) דניאל טשארני — ווילנע
79) ז. סעגאלאוויטש — דער לעצטער לאדזשער ראמאן (אויספארקויפט)
80) יזכר־בוך — בעלכאטאוו (אויספארקויפט)
81) מ. י. שעליובסקי — אויף א פולער וואך
82—83) יצחק פערלאוו — דער צוריקגעקומענער (ראמאן)
84) יוסף אקרוטני — דאס בוך פון די עלנטע
85—86) מרדכי שטריגלער — גורלות
87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאליציע — מיין אלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פארטאג
89) משה דוד גיסער — דאס געזאנג פון א לעבן (אויספארקויפט)
90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אנדערע כתבים
91—92) ד״ר עמנואל רינגעלבלום — קאפיטלען געשיכטע
93) שמעון הארענטשיק — אין געריש פון מאשינען (ראמאן)
94) גרשם באדער — מיינע זכרונות (קראקע)
95—96) יאנאס טורקאוו — פארלאשענע שטערן
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל־פאנד, מעקסיקע 1954).
97—98) אלטער קאציזנע — שטארקע און שוואכע (ראמאן)
99) פועה ראקאווסקי — זכרונות פון א יידישער רעוואלוציאנערן
100) מארק טורקאוו — די לעצטע פון א גרויסן דור
101) י. הירשהויט — יידישע נאפט־מאגנאטן
(פרעמירט מיט דער מרדכי סטאליאר־פרעמיע ביי „די אידישע צייטונג״,
בוענאס־איירעס 1955).
102) משה זאנשיין — יידיש ווארשע
103) פ. מינץ — די געשיכטע פון א פאלשער אילוזיע
104) י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראמאן)
105—106—107) מיכאל בארוויטש — ארישע פאפירן
108—109) מרדכי שטריגלער — געארעמט מיטן ווינט (היסטארישער ראמאן)
110—111) ד״ר א. מוקדוני — אין ווארשע און אין לאדזש
(פרעמירט מיט דער האפער־לייב־פרעמיע ביים יידישן קולטור־קאנגרעס,
ניו־יארק 1956).
112) ברוך האגער — מלכות חסידות
(פרעמירט מיט דער מרדכי סטאליאר־פרעמיע ביי „די אידישע צייטונג״,
בוענאס־איירעס 1956).

113) ב. שעפנער — נאוואליפיע 7 (זכרונות)
114) פנחס שטיינוואקס — יידן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאס הויז פון די ליאלקעס (אויספארקויפט)
116) מאקס ווײנרייך — פון ביידע זייטן פלויט
117) אליעזר וויזל — ...און די וועלט האט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פרעמירט דורך פראפ. הערש־פאנד, ביים קולטור־קאנגרעס, ניו־יארק, 1957)
119) ד"ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אקרוטני — סוף קאפיטל (ראמאן)
121) זיגמונט טורקאוו — טעאטער־זכרונות פון א שטורמישער צייט
122) בער י. ראזען — פארטרעטן
123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאדזש און אירע יידן
124—125) משה קאגאנאוויטש — די מלחמה פון יידישע פארטיזאנער אין מזרח־אייראפע
126—127) אברהם זאק — קנעכט זענען מיר געווען...
(פרעמירט דורכן ב. אייסוראוויטש־ליטעראטור־פאנד, ניו־יארק, 1957)
128) יעקב גלאטשטיין — ווען יאש איז געפארן
129—130) דוד פלינקער — נייע צייטן (ראמאן)
(פרעמירט דורכן מרדכי סטאליאר־פאנד, בוענאס־איירעס 1958)
131) מ. י. שעליובסקי — אין דער וועלט אריין . . .
(פרעמירט דורכן האפער־לייב־פאנד, ניו־יארק 1958)
132) ד"ר י. שווארצבארט — צווישן ביידע וועלט־מלחמות
133) לעאן לענעמאן — דער חשבון בלייבט אפן
134) שלמה פראנק — טאג־בוך פון לאדזשער געטא
135) מלך באקאלטשוק־פעלין — זכרונות פון א יידישן פארטיזאן
136) פנחס וועלנער — אין יענע טעג...
137) אלימלך ראק — זכרונות פון א יידישן האנטווערקער־טוער
138) הירש אבראמאוויטש — פארשווונדענע געשטאלטן
139) ב. טערקעל — צווישן שאקאלן
140) י. ל. וואלמאן — פוילישע יידן (ראמאן)

## עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

נ. שמן — דאס געזאנג פון חסידות
צבי כהן — שטורמישע דורות (ראמאן)
העלענא שערעשעווסקא — צווישן צלם און מזוזה

## עס גרייט זיך צום דרוק:

יאנאס טורקאוו — נאך דער באפרייאונג
דוד דאווידאוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פוילן
שלמה בריאנסקי — זשעלעכאווער מענטשן
פנחס שטיינוואקס — יידישע מאמעס צום געדענקען

## פּרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

# דאָס פּוילישע יידנטום

**א. ליס** שרייבט וועגן דוד פלינקערס ראָמאַן „נייע צייטן“, (פּרעמירט דורך מרדכי סטאָליאַר ליטעראַטור־פּרעמיע ביי „די אידישע צייטונג“ אין בוענאָס־איירעס) אין אַן אַרטיקל א״ג „ווען די דייטשן זענען נאָך גוט געווען“... („לעצטע נייעס“, תל־אביב, 14טער נאָוועמבער 1958):

פאַראַן ביי אונדז שרייבער, וואָס גייען נישט פראָנטאַל, הגם דעם באַגאַזש, וואָס זיי טראָגן, אָדער ריכטיקער, וואָס זיי האָבן צוגעטראָגן צו דער יידישער ליטעראַטור איז גאָר אַ וואָגיקער. צו אָט די געהערט דער ראָמאַניסט און זשורנאַליסט ד ו ד פ ל י נ ק ע ר. אַמאָל, נאָך אַמאָל, ווען וואַרשע איז געווען די יידישע וואַרשע, האָט פלינקער פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין דער יידישער זשורנאַליסטיק און געהאָלפן אויסבויען דעם אָרטאָדאָקסישן „טאָגבלאַט“, און דערמיט געהאָלפן אויפפּראַלן די פאַרפונדעוועטע פעסטונג פון רעליגיעזן יידנטום.

דאָס זענען געווען נייע צייטן. און נישט אומזיסט האָט פלינקער זיין איצטיקן גרויסן צוויי־בענדיקן ראָמאַן אָנגערופן „נייע צייטן“. דער ראָמאַן, וואָס איז איצט פּרעמירט געוואָרן אין אַרגענטינע מיט דער „סטאָליאַר־פּרעמיע“ איז בעצם אַ המשך פון זיינע פריערדיקע צוויי ראָמאַנען, „אַ הויז אויף גזשיבאָוו“ און „אין שטורעם“ און אַלע די, פינף בענדער ברענגען בהדרגהדיק אַרויס דעם אויפגאַנג, אַנטוויקלונג און דעם שטייגער פון דער אַמאָליקער יידישער מעטראָפּאָליע — וואַרשע.

פלינקער האָט אין דעם איצטיקן ראָמאַן, געבראַכט פאַר אונדז פלאַסטן פון דעם יידישן שטייגער אין די יאָרן, ווען עס האָט זיך גענומען אויספורעמען דאָס נייע האָפענונגספולע און דינאַמישע לעבן פון פוילישן יידנטום אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. און ווי מאָדנע און פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט זיין, געווען איז עס דאַן ווען אין פוילן, אין וואַרשע, האָבן געוועלטיקט די טאַטעס און די זיידעס פון די שפּעטערדיקע נאַציס... און איז דען נישט מאַיאָר פריץ קעמפּקע מיט וועלכן פלינקער באַקענט אונדז באַלד ביים אָנפאַנג פונעם ווערק, נישט דער שטאַם־פאָטער פון די שפּעטערדיקע „געסטאַפּאָווצעס“ און „עס־עס“־לייט? „מאַיאָר פריץ קעמפּקע — דערציילט פלינקער — האָט מיט

יעדן טאָג אַלץ העכער געשריען „דאַ־
נערוועטער“, און וואָס העכער ער
האָט געשריען, אַלץ מער האָבן די
איינוווינער פון דעם שטעטל, פונקט
ווי די איינוווינער פון אַלע אַנדערע
שטעט און שטעטלעך, איינגעזען, אַז
יעקע האָט רעכט, אַז ער איז טאַקע
דער אמתדיקער באַלעבאָס און, אַז
אַלע פעלדער און גערטנער און אַלע
הייזער און אַלע קראָמען זענען טאַ־
קע זיינע, דעם מאַיאָר קעפּקעס אייגנ־
טום, הייסט עס.

איך וויל זאָגן, אַז גראָד פון שריי־
בעריש־דערציילערישן שטאַנדפּונקט
איז געווען די סכנה, אַז דער לעצ־
טער בלוט־געווירבל, דער שדים־
טאַנץ, וואָס די דייטשן האָבן אויס־
געטאַנצט איבער דעם יידישן ישוב
אין פּוילן — זאָל עמאָציאָנעל אײַנס־
טרואירן דעם מחבר צו ענדערן און
פאַרשאַרפן דאָס בילד אין דער שיל־
דערונג פון דער דעמאָלטיקער דיי־
טשער אָקופּאַציע. אָבער פלינקער
איז געבליבן בעלעטריסטיש געטריי
סיי אין דער אַלגעמיינער ראַם, סיי
אין די פּרטים, מיט וועלכע דאָס
ווערק איז איבערפולט.

זיכער איז עס דערפאַר, ווייל פלינ־
קערן גייט קודם־כל אין דער שילדע־
רונג פון יידישן לעבן. פון דעם לעבן,
וואָס האָט גענומען אויפגיין נאָך
יאָרן פון צאַרישער אונטערדריקונג,
נאָך אַ תקופה, וואָס האָט געהאַמע־
וועט און געפּענטעט, און געדראָט
מיט תפיסות און פאַרשיקונג פאַר אַ
יעדן פרייען געדאַנק און געוואַגטן
וואָרט... פאַראַן אַ סך סימבאָלישע
אויסווירקונגען ווי פאַרלויפּענישן און
פּאַסירונגען — אין אָט דעם דורכ־
אויס רעאַליסטישן ראָמאַן — עס איז
אַ רייכע און בונטע גאַמע פון פאַרבן,
טענער, אידייען, חלומות און פאַקטן.

נישט מעגלעך זיך דאָ אָפּצושטעלן
און באַהאַנדלען די גאַלעריע גע־
שטאַלטן, וועלכע ווערן אַרויסגע־
בראַכט אין דעם בוך, און אַ יעדער
טיפּ און געשטאַלט פונעם ראָמאַן רע־
פּרעזענטירט אַ שיכט אינעם דעמאָל־
טיקן יידישן לעבן: אַזאַ איז בערטאַ,
וואָס קערט זיך אום צוריק פון איר
פאַרשיקונג אין סיביר און וועמענס
לעבן עס איז אַזוי אָנגעבראָכן און
צערודערט, אַזאַ איז יאַנקל, דער גע־
וועזענער שמייסער־יונג פון גזשי־
באָוו, וועמען די צייט האָט צוגע־
שפּילט און ער ווייסט נישט וואָס צו
טאָן איצט מיט זיין כוח און מיט זיין
עשירות־ אַזאַ איז זעליקל, וואָס איז
יאָרן געלעגן ביים רבין אונטערן טיש
און געהערט, און שפּעטער נאָכגע־
זאָגט דעם רבינס תורה, זעליקלס
וועלט ווי די אַנדערע פון זיינס גלייכן
וועלט, איז אינגאַנצן צעטרייסלט, —
און צעטרייסלט האָבן זי בעיקר די
אייגענע זין... „ער פאַרשטייט עס
נישט, זעליקל, ער קאָן עס נישט באַ־
גרייפן. ער האָט דאָך אַלץ געטאָן
וואָס אַ טאַטע דאַרף טאָן צו זיין
קינד. דעם לעצטן ביסן פון מויל זיך
אַוועקגענומען פאַר פיניעס מלמדים,
און טאַקע גענומען אים אויף שבת
צום רבין אויכעט. און דאָס האָט אַלץ
נישט געהאָלפן. דער רבי זאָל לעבן,
האָט זיך שטענדיק אויף אים גע־
פרעגט, אויף פיניען, נאָר לעצטנס
האָט ער שוין אויפגעהערט אַפילו
פרעגן, ער ווייסט שוין די בראָך...

זיין ווייב פעסע שרייט נאָך אָן אויף אים — וואָס ווילסטו פון קינד נעבעך? זינט דער מלחמה איז ער דאָך דער גאַנצער פרנסה־געבער!?...״

מיר האָבן ציטירט די דאָזיקע עטלעכע שורות, ווייל מיט זייער פשטות ברענגען זיי אַרויס אַ שטיק פון יענער ווירקלעכקייט. די עקאָנאָמישע צעטרייסלונג, וואָס די מלחמה און די דייטשע אָקופּאַציע האָט געבראַכט, האָט אין דער גרעסטער מאָס אויך זיך אויסגעווירקט אויף דער געזעלשאַפטלעכער און אידייאישער געשטאַלטונג פון יידישן לעבן און שטייגער, די ייִנגערע האָבן זיך גענומען ראַטעווען פון דער נויט און דחקות, וואָס האָט זיך באַזעצט אין טאַטנס שטוב, און אָט דער ממשות־דיקער עול און יאָך האָט זיי נאַטירלעך געפירט אויף אַנדערע וועגן, וואָס איז געווען אין סתירה צו דאָס ביז איצטיקע. די חסידים־שטיבלעך האָבן שוין נישט געקענט מער פאַרענטפערן די פראַגן, וואָס האָבן גענומען עקבערן...

אויף אַ ברייטער קאַנווע שילדערט פלינקער דעם אויפקום. און די געראַנגלען, אויסערלעכע און נשמהדיקע, וואָס האָבן באַוועלטיקט דעם ייִנגערן דור אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער ברענגט נישט נאָר אַרויס צענדליקער און צענדליקער מיט זייער יוגנטלעכן אימפעט און געמיט, מיט זייערע אינטימע איבערלעבונגען, פריידן און אַנטוישונגען... נאָר זיי גייען אויף פאַר אונדז ווי די פאָנען־טרעגער פון נייע האָפענונגען און אידעאַלן, וועלכע האָבן זייט יאָרצענדליקער געוויין אינעם יידישן פאָלקס־לעבן. איז עס „בונד“ און „פועלי־ציון“, ציוניזם קרענקלעכע ווילנס צו אַסימילאַציע און מעכטיקער געזאַנג און בענקשאַפט צו אַן אייגן נאַציאָנאַלן לעבן... עס איז אַ שטורמישע תקופה, וואָס רופט צו אַקטיוויטעט.

הגם אין אַ גאָר איינפאַכן סטיל און לשון, אָבער אין פסיכאָלאָגישער פאַרטיפונג שיילן זיך אַרויס פּאַסירונגען, סצענעס, פאָרלויפעניש און איבער אַלץ טיפן און געשטאַלטן פון יידישן לעבן אין פוילן.

אַ מעכטיקע פיגור, וואָס פאַרדינט בפירוש אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג איז רפאל גאָלד, דער אויפגעקומענער לאָדזשער פאַבריקאַנט און עושר. מיר זעען פאַר זיך דעם פּראָטאָטיפּ פון באַקאַנטן יידישן מאַנופאַקטור־קעניג אָסקאַר קאָן. סיי די שילדערונג פון אים, און די געשעענישן פון אַרום אים זענען נישט נאָר ווי אַ באַזונדער ראָמאַן אין דעם ווערק „נייע צייטן“ הגם זיי זענען נאַטירלעך איינגעגלידערט — נאָר זיי לייענען זיך ווי אַן עפּאָפּייע, פון אַ לעגענדאַרער און אויסטערלישער געשטאַלט.

באַזונדער געלונגען אינעם ווערק זענען די קאַפּיטלען, וואָס ברענגען אַרויס חסידישן שטייגער און חסידיש פירעכץ. אַ רירנדיקער קאַפּיטל איז „דער לעצטער טיש ביי ר׳ לווין“. ר׳ לווי דער גרויסער וואַרשעווער גביר און חסיד איז ערב זיין ירידה, און ער פילט די דאָזיקע ירידה, הגם מיט דער עקשנות און ווירדיקייט פון

אַ גביר און אַן אַלטן פֿייערדיקן חסיד וואָלט ער זיך נישט אונטערגעגעבן, נאָר ער גיט זיך אונטער, ווייל אויך ער פֿילט די „נייע צייטן“.

עס איז דער לעצטער רבישער טיש ביי דעם אַמאָליקן גביר:

„אַ בלייכער שמייכל שוועבט אַרום דעם רבינס ליפּן, וואָס גייען פֿאַר־לוירן אין זיין ברייטער באָרד. פֿאַר־וואָס רעדן זיי אַזויפֿיל די ראַבי־נערס?

ער וואָלט זיי געוואָלט זאָגן, אַז ס׳וואָרט, דאָס איינציקע וואָרט, וואָס איז די נקודה, גייט פֿאַרלוירן, ווערט מטושטש און פֿאַרלירט זיין באַדייט אין צופֿיל רייד. ער ווייסט אָבער נישט צי זיי וועלן אים פֿאַרשטיין. די חכמי אשכנז האָבן אַמאָל געזוכט דעם כוח הצמצום. די אייניקלעך האָבן אָבער פֿאַרגעסן.

די גוישע חכמות, וואָס זיי האָבן אַזויפֿיל געלערנט, האָבן זיי אָן דעם עיקר געמאַכט פֿאַרגעסן...

אַזוי טראַכט דער רבי ביי דעם סומנעם טיש, ביי וועלכן ער האָט אויך פֿאַרבעטן די דייטשע ראַבינערס, וואָס זענען כולו וווּנדער אויף דאָס געזעגנען...

דער ראָמאַן טראָגט די רעאַלקייט פֿון דער תקופה און דאָס געמיט פֿון די „נייע צייטן“, וועלכע דוד פֿליג־קער האָט אַזוי מאָלעריש איצט גע־שילדערט.

אָט די „נייע צייטן“ זענען געווען גורלדיקע און אַנטשיידנדיקע אין דעם יידישן לעבן פֿון מזרח־אייראָפּע.

וועגן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום“, זיך ווענדן:

**UNION ISRAELITA POLACA**

**Pueyrredón 667** **Buenos Aires (Argentina)**

**Este libro se terminó de imprimir el día 30 de diciembre de 1958, en los Tall. Gráficos de JULIO KAUFMAN, S.R.L., Av. Corrientes Nº 1976, Buenos Aires, República Argentina.**

COLECCION

"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:

MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:

ABRAHAM MITELBERG

Volumen 140

Copyright by

LEA WOLMAN, Tel Aviv, Israel.

IMPRESO EN LA ARGENTINA

PRINTED IN ARGENTINA

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

Hecho el depósito que marca la Ley

I. L. WOLMAN

# Judíos Polacos

(NOVELA)

Editado por la

**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**

Buenos Aires, 1959